VILNA ALMANAC

Edited by A. I. Grodzenski

Published in 1939
by "Ovnt Kurier"

ווילנער אלמאנאך

With a synopsis in English

REPRINT

NEW PUBLICATION 1992

Edited by
ISAAC KOWALSKI

Forewords written by

JOSEPH MLOTEK
Managing Editor of the Yiddish "Forward"

and

PROF. YONIA FAIN
Co-President of the Congress for Jewish Culture

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2023

ISBN 0-9632171-0-0

Copyright © 1992, Isaac Kowalski

LIBRARY OF CONGRESS CATALOG CARD NUMBER 91-068403

All rights reserved
Except for use in a review,
the reproduction or utilization of this work
in any form or by any electronic, mechanical, or other means,
(now known or hereafter invented),
including photocopying and recording,
and in any information storage and retrieval system
is forbidden without written permission of the publisher.

Published and Distributed by
MORIAH OFFSET CO.
115 EMPIRE BOULEVARD
BROOKLYN, N.Y. 11225

Manufactured in the United States of America.

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2023

ווילנער אַלמאַנאַך

אונטער דער רעדאַקציע

פון

א. י. גראָדזענסקי

ווילנע. פארלאג: „אָוונט־קוריער" 1939 י.

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2023

הילע: ב. מיכּתּם.
קינסטלערישע רעפּראָדוקציעס: ב. זאַלקינד, וויטאַל-קאַפּלאַנסקי, א. ביאַלאָגורסקי.
אויפנאַם-בילדער: „פאָטאָ-סטודיע" בר' שער.

פערסאָנאַל פון פאַרלאג „אָוונט קוריער"

ס'זיצן פון רעכטס: י. קאָוואַלסקי, א. ראָזענטאַל, י. יורצלעיוויטש, א. י. גראָדזענסקי, י. ריקלעס, א. קאַמפּינקעוויטש.
ס'שטייען 2-טע ריי פון רעכטס: א. ניימאַרק, י. קארסון, ב. לעווין, ב. ראָזענטאַל, ח. ריין, ב. עלפּעראָוויטש.
ס'שטייען פון רעכטס אויבן: א. חיש, י. קאמעמאַכער, פ. מינקין, ד. ראָזענטאַל, ש. פּאָגאָרעלסקי, א. זעגער.

פערסאָנאַל פון „ווילנער אַלמאַנאַך"

ס'זיצן פון רעכטס: פ. העלערשטיין, אינזש' א. קאָוואַלסקי (אדמיניסטראַטאָר), ב. ראָזענטאַל (ארויסגעבער), ל. געלפער, ב. העקער. ס'שטייען פון רעכטס: ר. מאַלצן, פ. העקער, ש. רויטבארד, י. קאָוואַלסקי.

צו די לייענער

צוטרעטנדיק אַרויסצוגעבן דעם „ווילנער אַלמאַנאַך״ האָבן מיר געהאַט די בעסטע כּונה צו געבן אַ גרעסערע אָפּשפּיגלונג פון דער יידישער ווילנע, סיי דער אַלטער, סיי דער נייער שטאָט, פון אַלע אירע געזעלשאַפטן, קולטור-אינסטיטוציעס, אַנשטאַלטן, חברות און מוסדות, הן די אַזוי גערופענע אַלטמאָדיש-פילאַנטראָפּישע, הן די היינטוועלטיק-סאָציאַלע, זייער גייסטיקן און מאַטעריעלן מהות, געשיכטלעך און עקאָנאָמיש-ווירטשאַפטלעך.

צו דעם צוועק האָט די רעדאַקציע פּאַנאַנדערגעשיקט הונדערטער איינלאַדונגען צו שרייבער, וויסנשאַפטלער, געשיכטלער, כּלל-און קולטור-טוער, ווי אויך צו אינסטיטוציעס מיט דער בקשה צוצושיקן אונדז אויסשעפּנדיקע אַרטיקלען, מאַטעריאַלן און בילדער.

ליידער האָבן ניט אַלע איינגעלאַדענע באַוויזן אַנטקעגנצוקומען באַצייטנס מיט זייערע אַרבעטן. אויך ניט אונדזער שולד איז, אויב טייל פון די ווילנער אינסטיטוציעס פעלן אין דער אויסגאַבע. צום באַדויערן האָבן ניט אַלע אינסטיטוציעס געהאַט די געהעריקע פאַרשטענדניש פאַר אונדזער אויפגאַבע און אונדז ניט צוגעשיקט די פון זיי פאַרלאַנגטע באַריכטן און איבערזיכטן, הגם דאָס איז געלעגן אין זייער אייגענעם אינטערעס, ניט צו פעלן אין דעם „ווילנער אַלמאַנאַך״. דאָס האָט אויך פיל געשטערט דער רעדאַקציע צונויפצושטעלן דעם „ווילנער אַלמאַנאַך״ מיט אַ מער פּלאַנמעסיקער סיסטעם, ווי זי האָט געהאַט בדעה פון אָנהויב. די אויסגאַבע האָט לענגער ניט געקענט וואַרטן. דער „ווילנער אַלמאַנאַך״ האָט געמוזט דערשיינען צום פאָראויסבאַשטימטן טערמין מיטן מאַטעריאַל, וועלכן די רעדאַקציע האָט געהאַט אין פּאָרטפעל.

היות אָבער דער 60 טויזנטיקער ווילנער יידישער קיבוץ קען סיי ווי ניט ווערן אויסגעשעפּט אין איין אויסגאַבע האָפן מיר צו פאַרוואַנדלען דעם „ווילנער אַלמאַנאַך״ אין אַ שטענדיקן יאָרבוך. מיר גלויבן דעריבער, אַז די אַלע געזעלשאַפטן און פּערזאָנען, וועלכע האָבן דאָס ערשטע מאָל ניט געלייגט קיין אַכט אויף אונדזער אַרבעט, וועלן אויף להבא זייער פעלער פאַרריכטן און אַזוי אַרום וועלן זיי אויך געפינען אַ תּיקון אין דעם צווייטן „ווילנער אַלמאַנאַך״.

רעדאַקציע

ב. ווּלאַדעק

אַ בריוועלע צום רעדאַקטאָר פֿון „ווילנער אַלמאַנאַך"

JEWISH DAILY FORWARD

World's Largest Jewish Daily

175 EAST BROADWAY

NEW YORK October 7, 1938

Mr. A. I. Grodzensky, Redactor,
WILNER ALMANAC,
Kwiatowa 7,
Wilno, Poland.

טײערער פרײנט:

איך וואלט מיט פארגעניגן אנטייל גענומען אין אייער אלמאנאך,
ווײלע מיר אלײן! ווילט זיך באשרײבן גענוי מײנע ווילנער טעג.
צום פעדויערן אבער בין איך אזוי שוידערליך פארנומען,
אז עס קען גאר איצטער וועגן דעם קיין רייד ניט זיין.

עס פארדריסט מיר ווירקליך וואס איך קען אייער פארלאנג ניט
נאכקומען.

מיט אכטונג,

אייער,

ב. טשארני ווּלאדעק,
פארוואלטער „פארווערטס"

פס



ווילנער אָרימע־לײַט פֿון ב. זאַלקינד

א. י. גראָדזענסקי

פאַרוואָס ווילנע רופט זיך „ירושלים דליטא"

מיר האָבן אין דער יידישער געשיכטע, אויף אונדזער לאַנגן וואַנדער וועג דורך פרעמדע לענדער, אין וועלכע מיר האָבן זיך באַזעצט אויף לאַנגע יאָרהונדערטער, ניט איין שטאָט צוגעגעבן צו איר אייגענעם נאָמען אויך אַ ביינאָמען: „ירושלים".

אַזוי האָבן מיר געהאַט אין אונדזער אַלטער געשיכטע, נאָך חתימת המשנה, בערך 150 יאָר נאָך חורבן בית שני אַ „ירושלים דבבל". דאָס איז געווען די שטאָט פומבדיתא.

אין דער שפּעטערדיקער געשיכטע, מיט 800 יאָר צוריק, האָבן מיר געהאַט אין פראַנקרייך אַ „ירושלים דצרפת". דאָס איז געווען די שטאָט טרואַ (וואו ס׳געפינט זיך רשי׳ס קבר).

אויך אין דייטשלאַנד האָבן מיר געהאַט אַ „ירושלים דאשכנז". דאָס איז די שטאָט וואָרמס (געשיכטלעך: ווירמייזאָ). זי האָט אויך געהייסן ניי-ירושלים, אָדער „ירושלים החדשה".

מיט פיר הונדערט יאָר צוריק האָט טאָלעדאָ (שפּאַניע) געהייסן „ירושלים דספרד".

פּראָג די שטאָט פון מהר״ל און פון „גולם", וואָס איז איצט די רעזידענץ פון טשעכיע האָט געהייסן ביי יידן אַמאָל „ירושלים דפיהעם" (בעמיען).

לובלין — די שטאָט וואו ס׳האָט זיך געפונען דער „ועד ארבע הארצות" און דער מהרש״ל האָט געהייסן „ירושלים דפוילין".

אָבער מערקווירדיק איז, וואָס קיין איינע פון די אַלע דערמאָנטע „ירושלים׳ס" אין אונדזער געשיכטע איז ניט געווען אַזוי פּאָפּולער אין דער יידישער וועלט, ווי ס׳איז היינט צו טאָג „ירושלים דליטא" — וועלכע איז צוגעגעבן געוואָרן צו אונדזער שטאָט ווילנע.

די אַלע פריער דערמאָנטע שטעט טראָגן שוין היינט מער ניט דעם ביינאָמען „ירושלים". בלויז ווילנע איז די איינציקע שטאָט אין דער גאַנצער וועלט, וואָס האָט זוכה געווען צו דערהאַלטן איר ביינאָמען „ירושלים דליטא" ביז היינט. מיר האָבן ניט קיין ירושלים דפוילין, קיין „ירושלים דצרפת", קיין „ירושלים דגרמניה", אַ „ירושלים דהאָלאַנד", צי אַ „ירושלים דאיטאַליע", הגם אַ פּאַדואַ אין איטאַליע, אָדער אַ פראַנקפורט אין דייטשלאַנד, אָדער אַן אַמסטערדאַם אין האָלאַנד האָבן בשעתּו געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער יידישער וועלט און געשמט מיט זייערע באַרימטע לומדים, גאונים, רבנים, ישיבות א. א. וו. קיין איינע פון אַ-די שטעט האָבן ניט זוכה געווען ביים פאָלק, ס׳זאָל צו זייער וואָכיקן נאָמען אויך צוגעגעבן ווערן דער הייליקער נאָמען ירושלים.

פאַרוואָס איז אויך ווילנע געקרוינט געוואָרן מיט דעם הייליקן נאָמען אין דער יידישער געשיכטע און פאַרוואָס איז דוקא ווילנע באַשערט צו טראָגן אַ-די קרוין נאָך עד היום?

ס׳איז ניט גרינג צו ענטפערן אויף אַ-דער שאלה, הגם שוין דער נאָמען „ירושלים" וואָלט אין פלוג געדאַרפט געבן אַ שטיקל אויפקלערונג. פאַרבינד דאָך דער נאָמען ירושלים ניט נאָר מיט אַ געשיכטלעכע דעראינערונג וועגן דער גרויסקייט און דער זעלבסטשטענדיקייט פון יידן אַלס מלוכה-פאָלק אין ארץ-ישראל. נאָר דער נאָמען „ירושלים" איז אויך פאַרבונדן פסיכאָלאָגיש מיט אַ הייליק געפיל פון פרומקייט, תורה און חכמה. דעמדאָזיקן געפיל האָבן יידן שפּעטער מיטגענומען אין אַלע זייערע איינוואַנדערונגס-לענדער. דאַרף מען פאַרשטיין, אַז כדי אויך אַ צווייטע שטאָט אויסער די גרעניצן פון ארץ-ישראל, זאָל מען וואַגן אַנצורופן מיטן נאָמען „ירושלים", האָט די שטאָט געדאַרפט פאַרקערפּערן מיט זיך דאָס דערמאָנטע געפיל פון פרומקייט, תורה און חכמה. געפינען מיר טאַקע זייער ווייניק שטעט אין וועלכע אָט דאָס דאָזיקע געפיל האָט געפונען זיין אויסדרוק.

סוף 16 אין אַנהויב 17-טן יאָרהונדערט האָט דאָס דאָזיקע אויסגעטראָגענע געפיל אויך געפונען אַ סאַטיספאַקציע אין דער ליטווישער שטאָט ווילנע. אודאי האָט דאָס געדויערט אַ סך דורות פון תורה און גדולה ביז זי, אַ-די אובאַקאַנטע שטאָט, ערגעץ אין ליטווישן פאַסטוך-לאַנד, האָט באַקומען די מאָראַלישע רעכט אויף ירשהנען אין גלות דעם נאָמען פון ירושלים אין ארץ-ישראל.

מען דארף זיין באקאנט מיט דער געשיכטע פון דער אלטער יידישער ווילנע, כדי צו פארשטיין, אז ווילנע האט דעמדאזיקן הייליקן נאמען כשר פארדינט.

געוויס וואלט געווען כדאי זיך אפצושטעלן אויף דעם פראצעס, וואס האט דערפירט ווילנע צו איר איצטיקן ביינאמען „ירושלים דליטא". אבער דאס איז איצט ניט אונדזער אויפגאבע. כ׳וויל זיך דא נאר באגנוגענען מיט א פאר לעגענדעס.

ניט צופעליק האט ווילנע באקומען דעם ביינאמען „ירושלים דליטא" ווי שוין פריער געזאגט, איז זי דורך דורות פון תורה וגדולה דערגאנגען צום דאזיקן נאמען.

א לעגענדע דערציילט אפילו, אז דער נאמען „ירושלים דליטא", וואס ווילנע טראגט איצט שטאמט פון נאפאלעאנען. ווען נאפאלעאן איז אין 1812 געווען אין ווילנע, דערציילט די לעגענדע, און געטראפן דא אזוי פיל לומדים, פרומקייט און רעליגיעזע יידישקייט, האט דאס געמאכט אויף אים אזא רושם, אז ער האט ווילנע אנגערופן: „ירושלים דליטא". פון דאן אן איז שוין דער דאזיקער פארהייליקטער נאמען פאר ווילנע פארבליבן עד היום.

דאס איז פארשטייט זיך, ניט מער ווי א לעגענדע, אז דווקא א גוי איז דאס געווען דער „מבין" אויף ווילנער יידישקייט און האט צוגעטשעפעט צו איר אויך דעם נאמען „ירושלים דליטא", און נאך אזא גוי, ווי נאפאלעאן. פאקטיש האט זיך שוין ווילנע גערופן „ירושלים דליטא" נאך מיט א פאר הונדערט יאר פאר נאפאלעאנען.

אז ווילנע האט זיך גערופן „ירושלים דליטא" נאך מיט א פאר הונדערט יאר פריער באווייזט אויך א צווייטע לעגענדע, וועלכע דערציילט אט־וואס:

געווען איז דאס נאך אין 17־טן יארהונדערט, אין דער צייט פון „ועד ארבע הארצות". ווילנע איז געווען איינע פון די שטעט, וועלכע מען האט ניט געוואלט אריינגעמען אין דעם „ועד ארבע הארצות", ווייל מען האט איר געהאלטן פאר א פארגרעבטע שטאט, א שטאט פון פראסטאקעס, וועלכע פארדינט ניט דעם כבוד צו ווערן אריינגענומען אין דעם „ועד ארבע הארצות". ס׳האבן ניט געהאלפן די פילמאליקע בקשות פון ווילנער יידן, אז מען זאל ווילנע אויך אריינעמען אין „ועד ארבע הארצות". ס׳האבן ניט געהאלפן די פעטיציעס מיט ראיות, אז ווילנע איז ניט קיין שטאט פון עמי־הארצים. אסך משולחים און דעלעגאציעס האט ווילנע געשיקט צום „ועד" אויפווייזן, אז ווילנע איז דווקא א געלערנטע שטאט, א עיר פון תלמידי־חכמים. ס׳האט קיין זאך ניט געהאלפן: מען האט ווילנע אין „ועד ארבע הארצות" ניט געוואלט אריינעמען

איינמאל, ווען ס׳איז זיך צענויפגעקומען אין גראדנע די אסיפה גדולה פון „ועד", איז פון ווילנע אנגעקומען א גרויסער פארמעט־בריוו, געוויקלט ווי א מגילה און געשריבן מיט תורה־כתב, געחתמעט פון אלע ווילנער רבנים, און אין בריוו איז געווען געשריבן, אז אין דער שטאט ווילנע געפינען זיך 333 יידן, וועלכע קענען אויף אויסווייניק גאנץ ש״ס. דערביי זיינען אין בריוו אנגעגעבן געווען די נעמען און די אדרעסן פון א־די געלערנטע יידן: פונקט שלג.

א־די ידיעה איז אויף די פארזאמלטע פון ועד ארויפגעפאלן ווי א קאלטער שניי אויפן קאפ. און איינער פון די גרעסטע גאונים פון יענער צייט איז דאן אויפגעשטאנען פון זיין ארט און האט אויסגערופן מיט אויפגעהויבענע הענט און מיט פארגלאצטע אויגן:

— שלג! 333 יידן אין איין שטאט, וואס קענען גאנץ ש״ס אויף אויסווייניק און מיר האבן דערפון ניט געוואוסט! דאס איז דאך „ירושלים אין גלות"!

און פון דאן אן איז שוין דער נאמען „ירושלים דליטא" פארבליבן פאר ווילנע אויף אייביק.

די לעצטע לעגענדע, איז ניט ווייט פון אמתע היסטאריש־פעסגעשטעלטע פאקטן. אמת איז, אז ווילנע האט מען א לאנגע צייט ניט געוואלט אריינעמען אין „ועד ארבע הארצות" און זי האט זיך לאנג וועגן דעם משתדל געווען. און אמת איז אויך, אז ווילנע איז ווירקלעך געווען א שטאט פון לומדי תורה, פון יידישע גדולים און תלמודקענער.

שוין צווישן 1648 — 1620 האט ווילנע ארויסגעגעבן פון זיך עטלעכע צענטליק באריטמטע יידישע פערזענלעכקייטן, וועלכע האבן געשמט אין דער לומדישער וועלט, ווי דער בעל המחבר פון „חלקת מחוקק" (ר׳ משה לימא), דער בעל המחבר פון ספר „שער אפרים" (ר׳ אפרים כהן), דער בעל המחבר פון „ברכת הזבח" (ר׳ אהרן שמואל קיידאנאווער), דער בעל המחבר פון „בית הלל" (הילל) דער „שפתי כהן" (ש״ך) און פיל אנדערע נעמען פון לומדים און גרויסע לייט*

ווילנע האט דאן ארויסגעגעבן אסך תלמודישע ווערק, וועלכע האבן זיך פארשפרייט איבער

---

* זע ש. ל. ציטראנס: „געשיכטע פון ווילנער קהלה" אין „ווילנער זאמלביכער" נומ׳ 1.

דער גאַנצער יידישער וועלט. ז׳ האָט צוגעשטעלט פאַר גאַנץ אייראָפּע רבנים און דאָן איז דאָס ווילנע פאַרגליכן געוואָרן צו דער ירושלים פון ארץ-ישראל. דער פסוק פון ישעיהו: „כי מציון תצא תורה ודבר השם מירושלים״, איז אין דער לומדישער וועלט איבערפראַזירט געוואָרן אויף „מווילנא תצא תורה״.

ווילנע האָט ווירקלעך אַרויסגעגעבן תורה-קענער, וועלכע האָבן צוטראָגן די יידישקייט איבער דער גאַנצער וועלט, קיין דייטשלאַנד, עסטרייך, האָלאַנד און טערקיי און ווילנע האָט דאָס דאָן באַקומען אין דער וועלט דעם נאָמען „ירושלים דליטא״.

דער נאָמען ירושלים דליטא איז אַלץ מער געוואַקסן אין דער יידישער וועלט מיט די ווייטערדיקע יאָרן. קיין איין שטאָט האָט זיך ניט געקענט פאַרגלייכן אַזוי אין תורה, חכמה, גדולה און פרומקייט ווי ווילנע. גאַנצע 140 יאָר האָט ניט אויפגעהערט ציען זיך דער דאָזיקער יחוס-פאָדים — די גאָלדענע קייט פון ווילנעס גרויסקייט און לומדות אין יידיש-תלמודישן וויסן — ביז ס׳האָט דערצויגן צום ווילנער גאון, אָט דעם „מאור הגדול״ פון ווילנע פאַר וועלכן ס׳זיינען אָפּגעטראָטן אַלע פריערדיקע גאונים (1720-1797).

מיטן ווילנער גאון איז ווילנע ערשט רייף געוואָרן אויף איר נאָמען „ירושלים דליטא״. מיטן ווילנער גאון איז ווילנע נאָך מער באַרעכטיקט געוואָרן אויפן דאָזיקן נאָמען, וועלכער איז איר פאַרבליבן ביז צום היינטיקן טאָג.

דעם ווייטערדיקן שלשלת היחוסין פון „ירושלים דליטא״ האָבן שוין אויך נאָכן גאונס טויט פאַרגעזעצט די שפּעטערדיקע לומדישע פּערזענלעכקייטן, צווישן זיי דער חיי אדם א. אַנד. גדולים.

„טויער פון שול-הויף״ פון וואָלף-ווישאַל (קאַפּלאַנסקי)

ד״ר יעקב וויגאָדסקי

פון מײַנע קינדער־יאָרן*

(זכרונות)

דער פריסטער בילד, וואָס איז פאַרבליבן אין מײַן זכרון און וואָס איז נאָר מיט איין יאָר, לפי־ערך, ייִנגער פאַר מיר, ד. ה. אַ בילד פון פאַר 75 יאָר, זעט אַזוי אויס:

אַ העלער, זוניקער זומער־טאָג. אויף דעם „גרויסן גאַנעק" פון מײַן זיידעס הויז, אויף אַ לאַנ־גער, ברייטער און נידע־ריקער, הילצערנער באַנק זײַנען געזעסן, אַביסל אָפּגערוקט איינע פון די אַנדערע, מײַן מוטער — אַ שיינע בליִענדע יונגע פרוי און מײַן מומע — אַ יונגע מיידל פון אַ יאָר 17. ביידע זײַנען געווען פאַרטאָן אין אַן אַרבייט. איך, אַ ייִנגעלע פון בערך אַ יאָר (פון צוויי יאָר אָן, ווי מײַן מוטער האָט מיר געזאָגט, האָב איך שוין גוט גערעדט) בין געשטאַנען צווישן זיי, האַלטנדיק זיך מיט ביידע הענט פאַר דער באַנק. מיר האָט זיך געוואָלט אַרויפקריכן אויפן באַנק, און זעצן זיך לעבן מײַן מוטער. אַליין האָב איך דאָס ניט געקענט מאַכן. האָב איך מײַן מוטער, וואָס האָט געקוקט אויף מיר געוואָלט זאָגן: „אַרויפקריכן!". עס האָט זיך אָבער בײַ מיר אַרויסבאַקומען גאָר אַן אַנדער וואָרט, וועלכן איך געדיינק ניט. מײַן מוטער האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. איר פּנים האָט דערבײַ געשטראַלט פון פרייד און זי האָט געזאָגט צו מײַן מומען:

— זע, שיינע, ווי אַ קינד מאַכט זיך אַ לשון!

דערבײַ האָט זי איבערגעחזרט דעם וואָרט, וואָס איך האָב געזאָגט, האָט מיך מיט ביידע הענט הויך אויפגעהויבן איבערן קאָפּ, אַ קוש געטאָן און אַוועקגעזעצט מיר לעבן זיך אויף דער באַנק.

דאָס איז דאָס פריסטע בילד, וואָס האָט זיך דערהאַלטן קלאָר אָפּגעמאָלט אין מײַן זכרון.

נאָכדעם גייט אין מײַן זכרון עפּעס אַ מין בלויז פון די נאָענטסטע צוויי־דריי יאָר ביז צום חדר, ווען אַלע זכרונות זײַנען אין משך פון דער צייט אָפּגעמעקט געוואָרן.

ערשט מיט דעם אָנקומען אין חדר הויבן זיך אָן די בילדער, וואָס ווײַטער, אַלץ העלער און שאַרפער, הגם מיט ערטערווײַז אָפּגעמעקטע שטיקער, אָפּצומאָלן אין מײַנע זכרונות.

דער חדר און זײַנע מלמדים.

אַ הייסער און אַ זוניקער זומער־טאָג. די תּלמידים פון רפאל דעם מלמד׳ס חדר, די אַלף־בית־ניקעס, גאָר קליינינקע ייִנגלאַך, כּמעט אַלע באָרוועסע, מיט אײַנגעריכטע פיסלאַך ביז איבער די קני, זיצן אויף הילצערנע בענקלאַך אַרום אַ הילצערנעם, פאַר זייער עלטער צו הויכן טיש און לערנען.

צוויי פענסטער פון ביידע זײַטן פון אַ ווינקל באַלײַכטן דעם חדר, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר אַ מיטלגרויסן, לענגלעכן צימער, מיט אַן אויסגע־קרימטער פאָדלאָגע און מיט אַ באַלקן, וואָס האַלט זיך אויף צוויי קווערע בערווענעס.

חוץ דעם טיש מיט די בענקלאַך געפינען זיך נאָך אין חדר אַ גרויסער שוואַרצער אַלמער און צוויי הילצערנע שטולן: איינער אויף פיר פיסלעך, דער צווייטער נאָר אויף דריי. קרום צוגעשפּאַרט צום וואַנט האַלט ער זיך קוים.

אויפן וואַנט אונטער דעם „מזרח",* וועלכער שטעלט פאָר ווי אברהם אבינו פירט זײַן זון יצחקן צו דער עקדה, הייִנגען די „לאָקשן". אַ הילצערנע, מיט שוואַרצן לעדער באַצויגענע הענטל, פון וועלכן ס׳הייִנגען אַראָפּ פון איין זײַט פיר רימענע בײַטשלעך, וואָס האָבן זיך באַקומען פון פאַנאַנדערשנײַדן אין דער לענג אַ רימענעם פּאַסיק פון אַ דריי פינגערדיקע ברייט און פון אַ פערטלמעטערדיקער לענג; אויף דעם צווייטן עק הענטל געפינט זיך אַ רימענער אויערל, אויף וועלכן די „לאָקשן" הענגען. דער אָנבליק פון די „לאָקשן" פלעגט שוין בײַ דעם גרעסטן קונדס אָפּנעמען דער חשק צו שטיפן.

דעם אויבנאָן פון טיש האָט פאַרנומען דער „רבי", רפאל דער מלמד. אַ ייִד פון אַ יאָר עטלעכע און פופציק. אַ הויכער און ברייט־בייניקער, מיט צוויי גרויסע קעלבערנע גוטע אויגן, מיט אַ גוטן

---

* ערשטער קאַפּיטל פון מחברס ביאָגראַפיע אין כתב־יד. אָנגעהויבן שרײַבן מיט 7 יאָר צוריק. נאָך אין ערגעץ ניט געדרוקט.

* אַן אַלט ייִדיש בילד אָמאָליקע יאָרן אין ייִדישע הײַזער.

פנים, מיט אַ געוואַלדיק גרויסער נאָז און מיט אַ טונקעלע ציגענע בערדל, וואו עס האָבן זיך געזען אויך ווייסע האָר.

רפאל דער מלמד האָט זייער האָלט געהאַלט קינדער בכלל און זיינע תלמידים בפרט. ער פלעגט האָלט האָבן אָפּט די שטיפער צו דראָען, כלומרשט מיט אַ בייזן פּנים:

— אַי, יאַנקעלע, יונגאַטש! קונדס דו! אַי, איך וועל זיך באַלד נעמען צו דיר! וואו זיינען מיר די „לאָקשן"!

זיינע אויגן אָבער האָבן דערביי געלאַכט און פריינדלעך צוגעוואוּנקען: „עס איז נאָר אויף אַ געלעכטער. האָב קיין מורא ניט!".

ווען מען האָט צו אים געבראַכט זיינעם אַ תלמיד, וואָס האָט זיך שוין צופיל פאַרשטיפט און אַפילו אָנגעטאָן ערגעצוואו היזקות, האָט ער באַלד אויף אים אָנגעשריען און אַראָפּכאַפּנדיק די „לאָקשן" פון וואַנט, האָט ער אַ באַפעל געטאָן:

„לאָז אַראָפּ, יונגאַטש, די פלודערן!".

ווי נאָר דער „יונגאַטש" האָט זיך, ווי דער שטייגער, פאַנאַנדערגעוויינט הויך אויפן קול, פלעגט ביי רפאל דעם מלמד אָפּגיין דער כעס, און זיין שטרייַנגער טאָן. ער פלעגט באַלד ווידער אויפ־הייַנגען די „לאָקשן" אויף זייער אָרט און מיט אַ ווייכער שטים זאָגן דעם שטיפער:

— זע, שייגעץ! נאָכאַמאָל, אַז דו וועסט אַזוינס מאַכן, וועל איך דיר אַריינשיטן ניין מאָל ניין! איך וועל דיר צופאַסעווען!... דו הערסט?...—זיינע אויגן האָבן שוין אָבער דערביי ווידער געשמייכלט.

לערנען דעם קמץ־אַלף־אָ! פלעגט ער מיט אַ ניגון הויך אויפן קול. דערביי פלעגט ער דעם תלמיד טייטלען, אָנווייזנדיק יעדן אות באַזונדער.

די טייטל זיינע האָט זיך שוין משמעות געפונען אין צווייטן גלגול: אין דעם ערשטן גלגול איז די טייטל געווען אַ האָר־קאַם. ווען זי האָט פאַרלאָרן אַלע ציינער, חוץ דעם לעצטן, דעם גרויסן פאַרבויגענעם, איז זי מגולגל געוואָרן אין אַטייטל.

די דאָזיקע טייטל האָט געהאַט אגב נאָך אַ פונקציע: רפאל דער מלמד איז געווען אַ ליידנ־שאַפטלעכער טאַבאַק שמעקער. פון צייט צו צייט פלעגט ער נעמען מיט די ערשטע דריי פינגער פון דער רעכטער האַנט פון אַ קאָרענער טאַבאַק־פּושקע, וואָס ער האָט ביי זיך שטענדיק געטראָגן, אַ גרויסע פאָרציע טאַבאַק, און אָפּוואַרפנדיק דעם קאָפּ אַ ביסל אויף הינטן, פלעגט ער אַריינשיטן דעם טאַבאַק אין איין זייט נאָז און באַלד נאָך דעם אַ צווייטע פאָרציע אין דער צווייטער זייט נאָז.

דאָס איז נאָך אָפּנים געווען פאַר זיין ריזיקן נאָז צו ווייניק. פלעגט ער באַלד כאַפּן די דערמאָנטע קאַמטייטל און אַריינשפּאַרנדיק דעם פאָדערשטן טייל אין נאָז, פלעגט ער אָנהויבן דערמיט מעכאַניש צו רייצן די שליים־הויט. אָ־די אָפּעראַציע האָט שטענדיק געווירקט און האָט אַרויסגערופן ביי רפאל דעם מלמד געוואַלדיקע ניס־גרימאַסן. עס האָט זיך געדוכט, אַז אָט־אָט וועט ער אַזוי שרעקלעך אַ נאָס טאָן, אַז דער נאָז וועט זיך צורייסן אויף שטיקער. מיר, די תלמידים האָבן זיך בעת־מעשה אָפּגערוקט אָן אַ זייט. אָבער ווען די ניס־גרימאַסן האָבן זיך פאַרשטאַרקט ביז גאָר, און ער האָט זיך שוין געמוזט פאַנאַנדער־ניסן, פלעגט רפאל דער מלמד על פּי רוב ניט ניסן... זיין גוטער און נאַרישער פּנים האָט דערביי אויסגעדריקט גרויס צופרידנקייט.

רפאל דעם מלמדס „פּעדאַגאָגישע" סיסטעם איז באַשטאַנען, ווי אין אַלע חדרים, אין דעם שטענדיקן חזרן אָן אַ שיעור און אָן אַן ערך. אַזאַ מין סיסטעם האָט פאַרפלאַנצט, אמת, טיף ביים תלמיד די רעליג־יעזע למודים איז אָבער געוואָרן ביי אים אַ געוואוינ־הייטס־זאַך, וואָס האָט נאָכהער ווען דער דערוואַקסענער תלמיד איז צוגעטראָטן צו זעלבסטשטענדיקער אַליין־אויסבילדונג, אים שטאַרק געשאַדט.

פאַרשטייט זיך, אַז דער חדר האָט געקוקט קרום אויף יעטווידער פרייער פיזישער באַוועגונג. באָקסן זיך, אָדער שווימען א. א. וו. האָט דער חדר גערופן „שטיפעריי", „קונדסעריי" און צולאָזנקייט. „סטאַטקעווען" האָט געהייסן: פאַרשטיקן אין זיך דאָס שטרעבן צו אַזוינע „קונצן" און אויפפירן זיך, ווי אַ גרויסער, ווי דער באַיאָרנטער, אָדער אַלטער רבי. די נאַטירלעכע באַדערפעניש אין ספּאָרט, אין שפּילן מכל המינים, אין פרייער לופט האָט זיך ניט געקענט איינלעבן מיט דעם אַמאָליקן חדר. דעריבער האָבן זיך אַזוינע שטרעבונגען גאַנץ אָפט און אַזוי שטאַרק דורכגעריסן, דווקא ביי געזונטע, טעמפּעראַמענטפולע קינדער אין צו שטאַרקע שטיפעריי, וואָס האָט שוין געטראָגן דעם כאַראַקטער פון צולאָזנקייט.

בכלל האָט דער חדר מיט אַ יאָר 70 צוריק אָפּגערוקט די גאַנצע נאַטור מיט איר גאַנצן פּראַכט ערגעצוואו אָן אַ זייט. אַלץ וואָס האָט ניט געהאַט קיין שייכות מיט לערנען תורה איז געווען איבעריק, ניט נייטיק און פרעמד.

קינדער־שפּילן אין חדר גופא זייַנען ניט געווען. דערפאַר פלעגן די קינדער זיך שפּילן הוצן חדר אין „פערדלעך", אין „יונים" אין מיטן גאַס. ווינטער האָבן די „שטיפער" „אויסגעריבן" גליטשן כמעט אומעטום. די גרעסערע און מיטיקערע יינגלעך האָבן זיך געגליטשט אויפן אייז פון טייך,

מען האָט נאָך געמאַכט פון שניי גולמס, געוואָרפן זיך מיט גאָמלקעס. דאָס זיינען געווען כמעט אַלע ווינטערדיקע שפּילן פון די חדר-קינדער.

זומער, פאַרשטייט זיך, האָבן די חדר-יינגלעך געהאַט אַ סך מער פּלאַץ און אויך מעגלעכקייט צו שפּילן זיך אויף דער פריי.

דעם אויבן אָן האָט דאָ פאַרנומען דער טייך: באָדן זיך אין וואַסער, שווימען אויפן רוקן, „ליגן קלאַפּטער", אַריבערשווימען דעם טייך – דאָס זיינען געווען דער זומערדיקער הויפּט-ספּאָרט פאַר די קינדער אין באָברויסק. יידישע קינדער האָבן ניט געוואוסט פון כאַפּן פיש. דערפאַר פלעגן זיי אויף די פרייע פּלעצער, אויפן „פּאָליגאָן", אָדער הינטערן שטאָט קלעטערן אויף ביימער, געקראָכן אויף פּאַרקאַנעס, דעכער וכדומה. געכאַפּט טייבעלעך און פאַרפירט גרויסע נעסטן פאַר זיי. אַזעלכע האָט מען שוין אָבער גערופן „שטיפער".

אַ-די שטיפער האָבן אויך פאַרפירט הינט מיט וועלכע מען פלעגט זיך אַרומיאָגן.

מיט די דאָזיקע אַלע מיני שפּילן האָט זיך פאַרנומען נאָר אַ קליינער טייל קינדער. דער גרעסטער טייל חדר-יינגלעך, בפרט די גמרא'ניקעס, האָט „געסטאַטקעוועט" און כמעט זייער איינציקע צושטרייאונג איז געווען „גיין שפּאַצירן", פאַרנאַכט, בפרט שבת, על פּי רוב אינאיינעם מיט די גרויסע.

די אָפּגעריסנקייט פון לעבן האָט ביי די תּלמידים פון חדר אַרויסגערופן אָן איבערמעסיקע אַנטוויקלונג פון זייער פאַנטאַזיע און האָט זיי שפּעטער געמאַכט פאַר בעלי-חלומות און בטלנים. גאַנץ באַזונדערס שאַרף האָט דער חדר אויסגעקריצט דעם דאָזיקן שטעמפּל אויף די תּלמידים מיט „גוטע קעפּ". ד. ה. די פּייאַקסטע, פון וועלכע דער רוב איז געווען אינגאַנצן ניט צוגעגרייט צום פּראַקטישן לעבן.

די צייט פון לערנען אין חדר איז געווען ניט קיין שטריינג באַשטימטע. אין דער פרי פלעגט דער חדר יינגל אַוועקגיין אַליין, אָדער מיט אַ „באַהעלפער" אין חדר, וואו ער פלעגט בלייבן ביז מיטאָג. אַ שעה בערך נאָך מיטאָג איז ער ווידער אַוועק אין חדר, וואו ער האָט געלערנט ניט זעלטן ביז שפּעט אין אָוונט ביי גרעבערע, אָדער דינערע חלבנע ליכט, וואָס זייערע קנייטלעך, אין דער מאָס ווי די ליכט האָבן אָפּגעברענט, פלעגט מען פון צייט צו צייט אָפּשניידן מיט אַ שער.

שרייבן האָבן מיר געשריבן מיט גענדזענע פּעדערס, וועלכע מען פלעגט פאַרשניצן מיט אַ מעסערל, איינשניידנדיק אין זיי אַ צעשפּאָלטענעם שפּיץ.

פון חדר צוריק אַהיים איז מען געגאַנגען מיט דעם באַהעלפער, באַלייכטנדיק דעם וועג אין די פינסטערע ווינטער-אָוונטן מיט פּאַפּירענע „לאַמטערנעס", וועלכע מען האָט געקענט נאָכן אויסלעשן צונויפלייגן און באַהאַלטן אין קעשענע. די דאָזיקע „לאַמטערנעס" האָבן מיר אַליין געמאַכט. געברענט האָט אין זיי אַ „גראָשענע" ליכטל. דער באַהעלפער האָט אָפט פירנדיק די קינדער אין אָוונט פון חדר, געזונגען לידער, וועלכע האָבן ניט זעלטן געטראָגן דעם שטעמפּל פון אַ גראָבן פאָלקס-הומאָר, וואָס איז על כּל פּנים ניט געווען פּאַסיק פאַר קליינע חדר-יינגלעך. אין זכּרון האָט זיך מיר דערהאַלטן אַזאַ ליד, וואָס מיין באַהעלפער האָט געזונגען און וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

„ווילסטו, מיין טאָכטער, אַ שוסטער אַ מאַן,
אַ שוסטער, אַ מאַן?..."

צו די פאַרווײַלונגען פון די קליינע חדר-יינגלעך האָט אויך געהערט דער „בן זכר", צוליב וועלכן מיר פלעגן קומען אין דעם חדר פון אַ קימפּעטאָרין, וואו אויף די ווענט זיינען געהאַנגען אַסך „שיר-המעלותן". נאָכן אָפּלייענען הויך אויפן קול קריאת שמע, פלעגן מיר באַקומען פולע הויפנס געקאָכטע אַרבעס אָדער באָב און מיר פלעגן אַוועק-גיין, אויסשרייענדיק הויך: „אַ גוטע נאַכט דעם יינגעלע!".

די מלמדים האָבן פאַרשטייט זיך נאָך דאַן פון פּעדאַגאָגיק קיין שום השגה ניט געהאַט. לערנען, דאַוונען, חומש און אַ ביסל גמרא—דאָס זיינען געווען זייערע לער-קוואַליפיקאַציעס. ס'איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס צו לערנען מיט יינגלעך אָדער צו קנעלן, האָבן זיך גענומען על פּי רוב לא יוצלחדיקע עלטערע מענטשן, וועלכע זיינען דורכגעפאַלן אין לעבן מיט אַלע זייערע אונטערנעמונגען. אַזוינע „דעקלאַסירטע" סוחרים, בעלי-מלאכות וכדומה האָבן זיך געכאַפּט צו לערנען מיט קינדער. זיי זיינען געוואָרן מלמדים, ווייל צו דעם, ווי ס'האָט זיך זיי געדוכט, דאַרף מען דאָך קיין זאַך ניט קענען. אמת, זיין אַ מלמד איז נאָך זייער השגה קיין גרויסער כּבוד ניט געווען, „אָבער וואָס טוט אַ ייד ניט צוליב פּרנסה?".

צווישן די מלמדים, וואָס האָבן געלערנט גמרא מיט דערוואַקסענע קינדער זיינען געוויס געווען אויך אַזוינע, וואָס האָבן זיך מיט ליבע און איבערגעבנקייט באַצויגן צו דעם הייליקן ענין פון חינוך. פאַר דעם רוב מנין און רוב בנין אָבער פון אַמאָליקע מלמדים איז דער „קנעלן" געווען אַ „לעצטע זאַך": האָט אַ מענטש אויף גאָרנישט געטויגט איז ער געוואָרן אַ מלמד.

חומש האָב איך געלערנט ביי חיים דעם קויצעצער, אַ יונגער מלמד פון אַ יאָר צוואַנציק, מיט אַ ווייסן שיינעם פנים און שיינע שוואַרצע אויגן, וועלכער האָט זיך מיט דעם חינוך ווייניק אינטערעסירט.

אַנטקעגן אונדזער חדר האָט געוואוינט אַ יונגער ייִדישער סטעלמאַך מיט זיין יונגער ווייב. ווען דער סטעלמאַך פלעגט אַוועקגיין אויף דער אַרבעט פלעגט שוין אונדזער רבי באַלד אַריינגיין צו אים אין דירה, שרייענדיק ביים אַוועקגיין צו מיר: „יאַנקעלע! פאַרהער משהלען, לייבקען און יאָשקען די פרשה!...“

ווען ער האָט זיך אין אַ שעה אָדער אין אַ האַלב שעה אַרום אומגעקערט אין חדר, האָט ער אומעטיקערהייט פאַרהערט די איבעריקע תלמידים.

אַמאָל איז ער נאָך אַזאַ באַווך ביים סטעלמאַך אין דירה מיט אַמאָל אַריינגעלאָפן אויף גיך צוריק אין חדר און דער סטעלמאַך נאָך אים מיט קולות, שלאָגנדיק אים מיט די קולאַקעס:

— דו, כל־בוניק! וואַרט, איך וועל דיר אויסלערנען קריכן צו פרעמדע ווייבער!...

אַ צעבלוטיקטן האָבן אים די אָנגעלאָפענע מענטשן קוים אַרויסגעריסן פון סטעלמאַכס הענט.

חוץ דעם חדר איז נאָך אין דער זעלבער דירה געווען אַ גרויסע קיך, וואו מען האָט פאַר פסח געבאַקן מצה און אַ קליין צימערל האַרט לעבן חדר. דער באַלעבאָס פון דער דירה איז געווען כתריאל דער פעלדשער, אַ ייד פון אַ יאָר זיבעציק, נאָך אַ קרעפטיקער און אַ רירעוודיקער מיט אַ ווייסן קאָפּ און מיט אַ ווייסער באָרד און מיט קורץ אונטערגעשאָרענע פאות.

כתריאל דער פעלדשער האָט שוין דאַן געטראָגן קורצע רעקלעך און איז בכלל געווען אָנגעטאָן לויטן „נייעם שטייגער“, אַזוי ווי די משכילים, די אַפּיקורסים“. אין דער אמתן איז זיין „אויפגעקלערטקייט“ געווען אַ מסופקדיקע, ווי זיין מעדיצין, וואָס איז באַשטאַנען דער עיקר אין „אָפּציען די בייזע בלוט“, אויב ניט מיט געהאַקטע באַנקעס, איז מיט פּיאַווקעס. אויב ניט פּיאַווקעס איז מיט „שלאָגן אַן אָדער“. דערצו אַ שפּאַנישע פליג, עטלעכע דאָקטאָרשע רעצעפּטלעך, וועלכע ער האָט געקענט אויסווייניק און שוין.

אין דעם צימער, וואָס איז געווען האַרט לעבן חדר האָט כתריאל דער פעלדשער אָפּט געלייגט דאָרפישע קראַנקע, וועלכע פלעגן צו אים אָנקומען אויף קוראַציע. איך געדענק, ווי ס'האָט זיך ביי כתריאל דעם פעלדשער קורירט אַ יונגער פּויער, וועלכער האָט זיך געהאַט פאַרשטאָכן די באָרוועסע פוס, אַרויפטרעטנדיק אויף אַ זעג, וואָס איז געלעגן ביים שוועל פון טיר מיט די שפּיצן אַרויף, און דערביי אָפּנים זיך צושניטן אַן אָדער. מיט גרויס מאַטערניש האָט כתריאל דער פעלדשער איינגעהאַלטן די בלוט און באַלד נאָכדעם געשלאָגן דעם קראַנקן אַן אָדער אויף דער בויגזייט פון האַנט, כדי אָפּצו־ציען די בייזע בלוט. איידער כתריאל האָט אַריינגעשטאָכן דעם לאַנצעט אין דער ווענע, האָט ער אַפּריער אויף דעם אָרט אָנגעשפּיגן און אָפּגעריבן...

דער פעלדשער האָט געהאַט אַ זון, אַ בן יחיד, זייער אַ שיינעם און אַ שטאַרקן דרייצן יאָריקן בחורל, פייפקען, וועמען ער האָט ליב געהאַט אָפּט צו „לערנען“, ד. ה. שלאָגן מכות רצח: „ער זאָל ניט אויסוואַקסן קיין ווילדע חיה!...

דער פועל יוצא פון אַזאַ דערציאונג איז געווען, אַז פייוקע, פון דער נאַטור אַ גוטער קינד, איז אַזוי ווייט געוואָרן פאַרביטערט און צורייצט, אַז ווען דער פאָטער פלעגט אים שלאָגן, האָט ער אים געזידלט מיט די לעצטע ווערטער און אַפילו געוואָרפן זיך אויף אים שלאָגן צוריק. אויף אונדז חדר יינגלעך האָט דאָס יעדן מאָל געמאַכט זייער אַ שווערן רושם.

סוף כל סוף איז פייפקע אַנטלאָפן פון זיין פאָטער. ער האָט זיך אַ לייגערע צייט אַרומגעוואַלגערט איבער די אַרומיקע שטעטלעך מיט ניט קיין זיכערע מענטשן, ביז ער איז צוגעשטאַנען צו אַ וואַנדער טרופּע פון „קונצמאַכער“, וועלכע האָבן זיך דאַמאָלסט אַרומגעשלעפּט אין באָברויסקער געגנט. אַ פּאָר יאָר שפּעטער, פורים צו דער סעודה, האָט ער זיך פלוצים באַוויזן אין באָברויסק מיט אַן אייגענער חברה, מיט וועמען ער האָט געשפּילט דעם פורים־שפּיל. ער איז אַריין צו אונדז אין דירה דער ערשטער, אַ שטאַרקער, אַ שיינער און האָט הויך אויפן קול אויסגערופן:

„הערן קאַמעראַדן!

מיר זיינען בראַווע לייטן!“

נאָכדעם האָט ער באַוויזן צוזאַמען מיט זיין חברה אַלע זיינע קונצן, וואָס האָבן אַרויסגערופן ביים עולם די גרעסטע התפעלות.

גמרא האָב איך אָנגעהויבן לערנען ביי דעם מלמד נאָטע פוכאָוויצער. איך האָב דאַן געקענט אַלט זיין אַ יאָר צען. פאַר דעם האָב איך ביי אַנדערע צוויי מלמדים אַזוי פיל געשטיפט און זיי אַזוי פיל געזידלט פאַר זייער שמייסן, אַז מיין מוטער האָט מיך געמוזט אָפּנעמען און איבערגעבן צו נאָטע פוכאָוויצער, וועלכער דאָט געשמט פאַר אַ „גזלן“, פאַר זייער אַ בייזן, רבי.

— וואָרט, וואָרט, דו צולאָזענער קונדס, דו! נאָטע וועט דיך אָפּגעוויינען פון דיינע צולאָזנקייט! ער וועט דיך מאַכן פאַר אַ מענטשן! — האָט מיך די מוטער געדראָט.

דעם אמת געזאָגט, בין איך געווען דער גרעסטער שטיפער אין שטאָט פאַר וועמען קיין דאַך, קיין בוים און קיין פאַרקאָן זיינען ניט געווען צו הויך. דער וואַלד הינטערן שטאָט האָט מיך אויך ניט געשראָקן, נאָר פאַרקערט מיך שטאַרק געצויגן צו זיך. די גרויסע, געשווינטע און טיפע בערעזינע האָט מיך אויסגעלערנט גוט שווימען פון דער אַנדער זייט האָבן די רביים, וועלכע האָבן מיט מיר ביז דאַן געלערנט, ניט געקענט מיך אויף וועלכן ס'איז אויפן פאַראינטערעסירן מיטן לערנען, צו וועלכן איך האָב זיך באַנומען מעכאַניש: „פון דאַנען ביז דאַנען אויסלערנען!" ביי מיין זכרון איז דאָס פאַר מיר געווען שטענדיק אַ גרינגע זאַך. די מלמדים פלעגן זיך בייזערן: „ער האָט די בעסטע קאָפּ און איז דער ערגסטער שטיפער!... מען מוז אים אָפּטער געבן צו פאַרזוכן די „לאָקשן"!...

אין דער אמתן בין איך נאָך יעדן מאָל שמייסן געוואָרן ווילדער. דאָס איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אינגיכן האָט מיך קיין איין מלמד מער אין קיין חדר ניט געוואָלט אָננעמען.

נאָטע פוכאָוויצער איז געווען אַ מאַן פון אַ יאָר עטלעכע און פערציק, אַ הויכער, אַ דאַרער און אַ שטאַרקער, מיט שוואַרצע געקרייזלטע האָר. מיט אַ גרויסער שוואַרצער באָרד און געשאָרענע וואָנצעס. אויגן האָט ער געהאַט טונקל גרויע און שלעכטע. דער אויסדרוק פון פּנים, דערהויפּט פון זיינע דינע, בלייכלעכע, צונויפגעפּרעסטע ליפּן, איז אויך געווען זייער אַ שלעכטער. די קינדער האָבן אים גערופן: „גזלן". האָט זיך אַ תּלמיד ערגעץ וואו פאַרשטיפּט, פלעגט ער אים באַלד צורופן. דערביי האָבן זיינע אויגן עפּעס מאָדנע געפינקלט. ער האָט זייער לאַנגזאַם געצויגן די ווערטער. אין זיין קול האָט זיך געהערט עפּעס אַ באַהאַלטענע פרייד פון אַ מזיק, ביי וועמען די יסורים פון זיין שוואַכן, שוצלאָזן קרבן רופן אַרויס אַ גרויסע פרייד: „דו האָסט, שגץ, געשטיפּט?...

ווען דער ייִנגל האָט זיך כּאַנאַנדערגעוויינט, געבעטן מחילה און צוגעזאָגט, אַז ער וועט דאָס ווייטער ניט טאָן, האָט ער פּאַמעלעך אַראָפּגענומען די „לאָקשן" פון וואַנט, אויסגעטאָן דעם ייִנגל און לאַנגזאַם, לאַנגזאַם אויסגעפירט די עקזעקוציע. אויף זיין פּנים האָט זיך כּסדר אָפּגעשפּיגלט די גרויסע פרייד, וואָס ער האָט דערביי און וועלכע ער וויל וואָס מער פאַרלענגערן. זיין קול: „איך וועל דיך אויסלערנען!". האָט דערביי געציטערט. זיינע פיס צווישן וועלכע עס איז געווען פאַרקוועטשט דעם קינדס קעפּל האָבן עפּעס אויך געציטערט.

דאָס איז געווען אַן אמתער ס אַ ד י ס ט.

איך האָב זיך קיינמאָל ניט געלאָזט שמייסן און האָב שטענדיק געגעבן צוריק, ביז מען האָט מיך ניט גובר געווען. אַמאָל נאָך אַזאַ עקזעקוציע בין איך פון כּעס און מאַכטלאָזיקייט אַזוי ווייט אַרויס פון די כּלים, אַז איך האָב שנעל ווי אַ קאַץ אַראָפּגעכאַפּט דעם שוך פון מיין רעכטער פוס און צולויפנדיק צו נאָטע פוכאָוויצער, האָב איך אים מיטן גאַנצן כּח דערלאַנגט אַ זעץ איבערן נאָז, פון וואַנען ס'האָט באַלד גענומען גיין בלוט.

דאָס איז געווען אַן איבערברוך אין מיין קינדערשן לעבן. איך בין נאָכדעם אָנגעקומען צו אַ רבין פון אַ גאַנץ אַנדער טיפּ, אברהם־בער ירמיהוס, האָט ער געהייסן, וועלכער האָט דער ערשטער אויפגעוועקט אין מיר אַ געוואַלדיקן אינטערעס צום לערנען. איך האָב זיך אינגאַנצן אומגעביטן.

י. מערבלינסקי

10 יאָר ווילנער קהילה

איידער מיר גיבן אַן איבערבליק וועגן דער 10 יאָריקער עקסיסטענץ פון דער איצטיקער ווילנער קהילה, וועלן מיר אויך קורץ דערמאָנען וועגן די פריער־דיקע ווילנער קהילות — סיי פון דער פאַרמלחמה־דיקער צייט, סיי פון די שפּעטערדיקע — וועלכע מיר טיילן איין אין 5 תּקופות:

1) פאַרמלחמהדיקע תּקופה (ביז יאָר 1914).

2) די תּקופה פון דער דייטשער אָקופּאַציע (1918—1914).

3) אויפבלי־תּקופה (1918 - 1922).

4) בין השמשות־תּקופה (1922—1928).

5) די תּקופה פון דער איצטי־קער 10־יאָריקער עפנטלעך־רעכטלע־כער קהילה (1938—1928), וועלכע האָט אויך פאָלגנדע דריי פּעריאָדן:

א) ערשטע געקליבענע קהילה (1928—1938).

ב) נאָמינירטע קהילה (1937—1935).

ג) די היינטיקע צווייטע געקליבענע קהילה (1938—1937).

I

פאַרמלחמהדיקע תּקופה.

ביז דעם אויסבּרוך פון דער וועלט־מלחמה האָט אין ווילנע עקזיסטירט אַלס קהילה די „צדקה־גדולה“.* די גבאים פון צ״ג פלעגן געקליבן ווערן דורך די מתפּללים פון די בתּי־מדרשים און פלעגן באַשטעטיקט ווערן דורך דער רוסישער מאַכט.

די הכנסות פון דער „צדקה־גדולה“ זיינען געווען:

א) פליישׂ־טאַקסע (קאָראָבקע), ב) בית־עולם, ג) לעגאַטן־הייזער און ד) ווילנער גרויסע שול.

* די צדקה גדולה האָט זיך גערופן: „גלאַוונאַיאַ מאָליטוועננאַיאַ אָופּראַוולעניע“.

די פליישׂ־טאַקסע איז געווען אַן אומדירעקטער שטייער, וועלכן עס האָט געשפּירט אויף זיך איבערהויפּט די אָרעמע יידישע באַפעלקערונג. די טאַקסע איז באַשטאַנען פון שחיטה־אָפּצאָל און פון אַ ספּעציעלן אָפּצאָל פון קאָנסומירטן פונט פלייש (3—2 קאָפּיקעס פון פונט). אַזוי ווי די רייכערע שיכטן און אויך אַ טייל פון דער דיפלאָמירטער אינטעליגענץ האָבן כּשרה פלייש וויייניק קאָנסומירט (זיי האָבן דאָס רוב גענוצט עופות אָדער טריפה פלייש) האָבן די אָרעמערע שיכטן באַצאָלט פאַר זיי.

אינטערעסאַנט איז דער פאָלגנדיקער „מנהג“, וואָס איז געווען איינגעפירט:

אַזוי ווי די דיפלאָמירטע אינטעליגענץ (דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשענערן א״אַ) איז באַפרייט געווען פון פריער דערמאָנטן ספּעציעלן אָפּצאָל (2—3 קאָפּיקעספון פונט פלייש), פלעגט דער „בעל הטאַקסע“* אויסצאָלן זיי יאָר־יערלעך אַ געוויסע סומע פאַר דעם סכום פלייש, וואָס זיי האָבן כּלומרשט געזאָלט קאָנסומירן. אַזוי צרום האָט זיך באַקומען, אַז די דיפלאָמירטע אינטעליגענץ האָט באַקומען אַ יער־לעכע פּרעמיע פון דער קהלשער שיסעלע פאַר עסן טריפה פלייש.

די איינקופטן פון פאַרקויפן ערטער פאַר נפטרים אויפן בית־עולם און פאַר די ערלויבנישן צו שטעלן מצבות האָט פון שטענדיק אָן פאַרנומען אַ באַדייטנדן אָרט אין הכנסה־בודזשעט פון דער „צדקה־גדולה“.

רייכע יידן, איבערהויפּט קינדערלאָזע, פלעגן פאַרן טויט איבערלאָזן הייזער אויף „עולמות“ — פאַר דער צדקה־גדולה, וועלכע האָט פון זיי דאַן געהאַט אַ היפּשע הכנסה.

אויך די הכנסות פון דער גרויסער שול זיינען, אמת, געווען באַדייטנדע, אָבער זיי האָבן קיינמאָל ניט געדעקט די הוצאות, וואָס די שול גופא האָט געהאַט.

דאָס זיינען געווען די 4 הויפּט מקורים פון וועלכע די צ״ג האָט עקסיסטירט.

די הוצאות זיינען געוועזן פאָלגנדע: שכירות רבנים, שוחטים און אַנדערע כּלי־קודש; אויסהאַלטן

* די קאָראָבקע פלעגט אָפּגעגעבן ווערן אין אַרענדע צום בעל־הטאַקסע פאַר 100 טויזנט רובל אַ יאָר. שפּעטער האָט די קאָראָבקע איבערגענומען אַ „סינדיקאַט“ פון 24 פּערזאָן.

די ביבליאטעק אויפן נאמען פון ר׳ מתתיהו שטראשון ז״ל.; אויסהאלטן די גרויסע שול און אין א קליינער מאס: סאציאלע שטיצע פאר דער יידישער ארעמקייט.

אין ערשטן יאר פון דער וועלט־מלחמה, ווען די דייטשן האבן זיך דערנענטערט צו ווילנע, האבן די גבאים פון צ״ג — על פי רוב באנקירן, רייכע סוחרים און אינדוסטריעלער — פארלאזן ווילנע. די צ״ג האט כמעט אויפגעהערט צו עקסיסטירן און איר ארט האט פארנומען דער אזוי גערופענער „צענטראל קאמיטעט".

II

די תקופה פון דער דייטשער אקופאציע.

יום-כיפור 1915 האבן די דייטשן ווי באקאנט ארייננעמארשירט אין ווילנע.

איך וועל זיך דא ניט אפשטעלן וועגן דעם לעבן פון פיין, ענויים, הונגער און נויט בעת דער אקופאציע. ס׳איז וועגן דעם פיל געשריבן געווארן פון אנדערע אין די „ווילנער זאמלביכער", „פנקסן", א״אנד אויסגאבן. איך וועל נאר צוגעבן, אז כדי צו לינדערן דעם שווערן לעבן פון די ווילנער יידן יענע צייט, איז עס דאן געשאפן געווארן די קערפערשאפט א״נ „צענטראל-קאמיטעט". ער איז באשטאנען פון די חשובסטע פארשטייער פון דער יידישער געזעלשאפט: ווי הרב רובינשטיין; ד״ר שאבאד ע״ה; ד״ר ראכמילעוויטש; קרוק א״א.

דער „צענטראל־קאמיטעט" איז אין גאנצן געווען אנגעוויזן אויף די געלטער, וואס די אויסלענדישע יידן האבן געשיקט, איבערהויפט פון אמעריקע. אבער מיטן ארייננטריט פון אמעריקע אין וועלט־קריג — האט אויפגעהערט אויך דער צופלוס פון געלט פון אונדזערע אמעריקאנער ברידער. אמעריקע האט בשום אופן ניט ערלויבט צו שיקן געלט אין א לאנד, וואו עס הערשט דער שונא.

הרב רובינשטיינען האט זיך דאן קוים איינגעגעבן דורכצורייסן דורך בערלין, אין דער נייטראלער האלאנד, וואו ער האט זיך געזען מיטן אמעריקאנער אמבאסאדאר און געפועלט ביי אים ס׳זאל צוריק דערלויבט ווערן צו שיקן פון אמעריקע געלט פאר די לײדנדע ווילנער יידן, וועלכע געפינען זיך אין דעם שונאס געפאנגענשאפט. עס האט לאנג ניט געדויערט און אמעריקע האט ווידער אנגעהויבן שיקן געלט פאר די ווילנער יידן אויף צופוקעניש, הייסט עס, די דייטשן.

דער „צענטראל־קאמיטעט" האט דיספאנירט מיט גאר גרויסע סומעס און האט געטאן וואס איז נאר מעגלעך געווען, בכדי צו לינדערן די נויט פון דער ווילנער יידישער באפעלקערונג.

אזוי האט עס געדויערט ביז 1918, ווען די דייטשע ארמיי ווערט בעזיגט אויפן מערב־פראנט; עס ברעכט אויס אין דייטשלאנד די רעוואלוציע און די מזרח־געביטן ווערן באפרייט פון די ניט געבעטענע בעלי־בתים.

III

אויפבלי־תקופה.

דעם 25טן און 26טן דעצעמבער 1918 זיינען פארגעקומען וואלן צו דער ווילנער דעמאקראטישער קהילה אויפן יסוד פון אלגעמיינע, גלייכע, דירעקטע, געהיימע און פראפארציאנעלע וואל-רעכט פאר מענער און פרויען פון 20 יאר אן.

די פרעקווענץ ביי די וואלן איז געווען זייער גרויס. עס האבן אנטייל גענומען אין די וואלן איבער 15.000 וויילער. אין קהילה זיינען דאן אריין 80 ראטמענער פון אלע ריכטונגען און פארטייען.

אבער די דעמאקראטיש געקליבענע קהילה האט קיין איינענע מיטלען ניט געהאט: די ווילנער יידן — אויסגעשעפטע, אויסגעמאטערטע און פאר־יאושטע — האבן קיין מעגלעכקייטן ניט געהאט אויסצוהאלטן זייער ערשטע דעמאקראטישע קהילה. דער איינציקער מקור פון הכנסה איז אלזא ווידער געווען דער אמעריקאנער „דזשוינט".

אונדזערע ברידער אין אמעריקע האבן, הייסט עס, געזארגט פאר זייערע ברידער אין מזרח־אייראפע ניט נאר אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה, נאר אויך נאכדעם.

מיט די אמעריקאנער הילפס-מיטלען האט די דאמאלסטיקע קהילה זיך געשטעלט פאר א ציל צו צענטראליזירן אין אירע הענט אלע ווילנער מוסדות: סיי פילאנטראפישע, סיי קולטורעלע, סיי רעליגיעזע. זי האט זיי אלעמען ארייננגענומען אין איר רשות און עס האט זיך אזוי ארום געשאפן אן אפאראט פון צירקא 1000 אנגעשטעלטע. א מין מלוכהלע פאר זיך.

צוליב דעם, וואס די דאמאלסטיקע וואלוטע איז געווען ניט קיין סטאבילע, פלעגן די „אמעריקאנער" שכירות גיך פארלירן זייער ווערט און די 1000 אנגעשטעלטע זיינען תמיד געצוואונגען געווען צו פאדערן כסדרדיקע הוספות. דאס האט אויך געבראכט צו אפטע שטרייקן מצד די פערסאנאלן אין די מוסדות.

אנהייב 1920 האבן זיך די קהילה־מנהיגים ארומגעזען, אז זיי געפינען זיך אין א טעמפן ווינקל און האבן טאקע באלד אנגעהויבן צו פירן דעם

קהילה-וואגן אין א פארקערטער ריכטונג — ד"ה צו **דעצענטראליזאציע**, כדי פטור צו ווערן פון דעם באלאסט פון די מוסדות.

די קהילה איז אריבער פון **אייגנטום-סיסטעם** בנוגע די אנשטאלטן צו דער סיסטעם פון **סובסידירן**. יעדער אנשטאלט פירט זעלבשטענדיק זיין באלעבאטישקייט און די קהילה גיט א געוויסע סובווענץ, איבערלאזנדיק דערביי פאר זיך די קאנטראל איבער די מוסדות.

די רייכע „אמעריקאנער מומע" הייבט אן ביסלעכוויז אפצוגעוווינען דאס קינד פון דער ברוסט. די קהילה-קאסע ווערט מיט יעדן טאג מער איינגעשרומפן, און וואס ארימער די קהילה ווערט, אלס קלענער ווערט דער אינטערעס צו איר. די צענדליקער פאלקס-קיכן און קאאפעראטיווע קראמען ליקווידירן זיך און פון די 1000 אנגעשטעלטע בלייבן קוים 5—6 אין דער קהילה-קאנצעלאריע — און ס'הייבט זיך אן די פערטע תקופה.

IV

די בין-השמשות תקופה.

די גרויסע קהילה-שיף האט זיך ארויסגעוויזן פאר צופיל איבערגעלאדן מיט דער שווערער משא, וואס אירע 80 פרנסים האבן אויף איר אנגעלאדן און האט זיך אנגעהויבן צו טרינקען. די פארטייען האבן ביסלעכוויז אפגערופן זייערע פארשטייער פון קהילה איבערלאזנדיק די זיך טרינקנדיקע קהילה-שיף אויף איר אייגענעם גורל.

ד"ר **יעקב וויגאדסקי**, וועלכער איז פארבליבן אלס פארזיצער פון קהילה, ווי א שיף-קאפיטאן אויף א טרינקנדיקער שיף האט דער לעצטער איבערגענומען דעם שליסל פון קהילה און איבערגעגעבן די פראקטישע אנפירונג מיט דער „כמו-קהילה" דעם האנטווערקער-טוער א. קרוק און אזוי ארום געראטעוועט די רעשטלעך פון דער אונטערגעגאנגענער גרויסער קהילה-שיף.

די פוילישע מאכט האט נאך דאן ניט געהאט לעגאליזירט אויף די „קרעסן" יידישע קהילות, דאך האט זי טאלערירט די „אומלעגאלע" קהילה און האט פאקטיש אנערקענט איר אדרעס.

א-די קהילה האט געהאט זייער א עלנטן און נעבעכדיקן אויסזען. עס איז כמעט קיין זכר ניט געבליבן פון דעם גלאנץ פון דער פריערדיקער דעמאקראטישער קהילה, וועלכע עס האט נאך גאר ניט לאנג דורכגעמאכט איר שטורעם- און דראנג-פעריאד. די איינגעשרומפענע קהילה האט זיך אויסגעהאלטן פון א פרייוויליקן „וואכער", וואס די ווילנער רייכערע יידן האבן געצאלט פון 2 ביז 3 גילדן א חודש.

א טייל מוסדות זיינען ליקווידירט געווארן נאך פריער (די פאלקס-קיכן און די קאאפעראטיווע קראמען א"א) און א טייל זיינען אריבער אויף אייגענע קעסט; מיט די יתומים-הייזער האט אנגעפירט א ספעציעל געשאפענער „יתומים-קאמיטעט"; מיט די יידישע פאלקס-שולן — זייערע באזונדערע צענטראלעס (א ביסל שכר-לימוד, א ביסל פון אויסלאנד. און ועל כולם — האבן די לערער דערצו נאך שטארק צוגעהונגערט).

מיטן אומקערן זיך פון רוסלאנד פון א טייל פון די גבאים פון דער געוועזענער „צדקה-גדולה" איז די לעצטע צוריק אויפגעשטאנען תחית-המתים און מען האט געמיינט, אז מען קערט זיך אום צוריק צום פארמלחמהדיקן קהלשן צושטאנד.

דאס האט אבער געדויערט ביז יאר 1928.

V

די תקופה פון דער עפנטלעך-רעכטלעכער קהילה.

אויפן סמך פון פילסודסקי-דעקרעט פון 7טן פעברואר 1919 זיינען באשטימט געווארן וואלן אין יאר 1928 צו א **רעליגיעזער קהילה**

די דעמאקראטישע יידישע ווילנע מיטן דאקטאר יעקב וויגאדסקי בראש האבן זיך שטארק קעגנגעשטעלט דער קאנצעפציע פון א קהל-שטיבל-קהילה און האבן געקעמפט קעגן אריינפרעסן דאס יידישן לעבן אין די שמאלע ראמען פון א „קולטוס-געמיינדע" אויפן דייטשן שניט.

געזיגט האט אבער דער דעקרעט און דעם 29טן יולי 1928 זיינען פארגעקומען וואלן צו דער **רעליגיעזער** קהילה אין ווילנע.

פון 7497 וואל-בארעכטיקטע האבן געשטימט 4707, ד"ה בערך 62 פראצענט פון דער דעקלארירטער צאל וואל-בארעכטיקטע. אויף אזא אופן איז ווילנע באשאנקען געווארן מיט דער ערשטער **עפנטלעך-רעכטלעכער-רעליגיעזער קהילה**.

די ערשטע יורידיש-רעכטלעכע קהילה איז געבארן געווארן אין זייער א שווערער מינוט. זי האט געהאט איבערצונעמען א שלעכטע ירושה: מוסדות אן געלט, שולן אן מיטלען. כל-זמן עס איז קיין קהילה ניט געוועזן, האבן די לעצטע ניט געהאט צו וועמען צו שרייען ווי נאר אבער די עפנטלעך-רעכטלעכע קהילה האט זיך קאנסטיטואירט האבן זיך באלד א שאט געטאן בקשות וועגן סובווענצן. די לאגע איז געוועזן אזוי ווייט א קריטישע, אז ווען ניט די גאראנטיע-בריוו פון ווילנער

סטאַראָסטע צו איינציקע בענק, וואָלט אַפילו ניט געווען מיט וואָס צו דעקן די הוצאות פון די קהילה-האַלן. דער קאָלאָסאַלער בנין אויף אָרזעש-קאָווע 7 איז געווען פאַרנומען פון פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס; די גאַנצע קהילה-קאַנצעלאַריע האָט זיך געפונען איינגעפּרעסט אין איין צימער ווי אַ סובלאָקאַטאָר, דערצו נאָך אָן באַלייכטונג און אָן אַ טעלעפאָן אַפילו. עס איז ניט געווען קיין געלט איינצוקויפן די נייטיקסטע שרייב געצייג און אַ ביסל קהילה-מעבל.

און דאָך האָט אין אַזאַ מאָמענט די קהילה פאַרשטאַנען, אַז דער יידישער שול-וועזן איז דער ליכטיקסטער שטראַל אין פאַרהושכטן יידישן לעבן און האָט געבאָרגט געלט צו קויפן .. וועקסל-בלאַנקען, כדי אַרויסצוגעבן די שול-צענטראַלעס די ערשטע סובווענץ — אַ סכום פון 15.000 גילדן.

די רעכטלעכע און מאַטעריעלע לאַגע פון דער ניי-געקליבענער קהילה איז ביז 1932 געווען זייער אַ טרויעריקע און נאָכמער אַ טראַגי-קאָמישע.

עס האָט עקסיסטירט אַ קהילה אין אַ עיר ואם בישראל אַזוי צו זאָגן אויפן פּאַפּיר. זי האָט געהייסן אויפן פּאַפּיר אַ „עפנטלעך-רעכטלעכע" — און האָט בפועל-ממש ניט געהאַט קיינע רעכט, וואָס די קהילות אין קאָנגרעס פּוילן האָבן יאָ געהאַט. די איינציקע אַטריבוטן וואָס אַ קהילה מוז האָבן לויטן קהילה-דעקרעט, ווי רעכט אויף צוואַנגס-שטייער, שחיטה-הכנסות, בית-עולם א״אַ. דאָס האָבן די קהילות אויף די א״ג „קרעסן" נאָך דאַן בכלל ניט געהאַט — און ווילנע אויך בתוכם.

אַזוי אַרום האָט זיך איבערגעחזרט דער אַלטער פּזמון, „תבן אין נתן לעבדיך — ולבנים אומרים לנו עשו!". (קיין שטרוי גיט מען אונדז ניט און ציגל הייסט מען אונדז מאַכן).

די ווילנער קהילה האָט ניט געהאַט, ווי שוין דערמאָנט, קיין רעכט אויף צוואַנגס-שטייער. די שחיטה מיט איר הכנסה האָבן ביזן 1933 יאָר

געהאַלטן די שוחטים; דעם בית-עולם, ווילנער גרויסע שול, אַלע לעגאַטן-הייזער האָט נאָך געהאַלטן פעסט די „צדקה-גדולה", די נייע קהילה האָט פון די אַלע מקורים פון הכנסות ניט גענאָסן קיין גראָשן. דערפאַר האָט מען איר אָבער צוגעוואָרפן אַ פּעקל חובות פון עטלעכע צענדליק טויזנט גילדן פון דער פריערדיקער „אומלעגאַלער", נאָר פון דער מאַכט טאָלערירטער, קהילה. די קהילה האָט געהאַט אויסצושטיין וויסטע סקאַנדאַלן פון אַלע גוססדיקע מוסדות, וועלכע האָבן געמיינט, אַז די קהילה איז אַ גלגול פון דער אַמאָליקער רייכער אַמעריקאַנער מומע...

VI

ביי די אויבן געשילדערטע תּנאָים איז אויפגעקומען די ניי-געווײלטע קהילה.

ניט האָבנדיק קיינע אַנדערע מקורים פון הכנסות איז די קהילה-אָנפירונג געווען געצוואונגען איבערצוגיין, ווי אין וואַרשע, צום שטייער-סיסטעם.

היות די פריערדיקע ווילנער קהילות האָבן פון אַזאַ סיסטעם ניט געוואוסט, האָבן דער איצטיקער קהילה געפעלט די גרונט-מאַטעריאַלן אויף וועלכע צו בויען דעם שטייער-סיסטעם. מען האָט דעריבער געמוזט די ערשטע צייט אָנקומען צו אַ פרייוויליקע זעלבסטבאַשטייערונג.

צום שבח פון די ווילנער ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, מוז מען זאָגן, אַז זיי האָבן פיל מיטגעהאָלפן אין דער דורכפירונג פון אָ-דער ערשטע זעלבסטבאַשטייערונג לטובת דער ווילנער קהילה. ווילנער יידן האָבן זיך אָפּגערופן אויפן רוף פון קהילה ראַט און פאַרוואַלטונג. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ עטאַט-קאָמיסיע, צוזאַמען מיט פאָרשטייער פון בראַנזשעס און אויף אַזאַ אופן איז אין אַ קורצע צייט איינגעפירט געוואָרן אַ קאַרטאָטעקע פון שטייער-צאָלער.

אָ-דער פרייוויליקער קהילה-שטייער פאַר די ערשטע 3 יאָר (1929—1931) ביז דעם איינפירן דעם צוואַנג-עטאַט האָט געגעבן אַ הכנסה פון 393.755.35 גילדן.

די צאָל פון די באַשטייערטע פערזאָנען האָט זיך געוואַקלט צווישן 5500 און 8000.

דאָך האָט די קהילה יעדן יאָר פאַרענדיקט איר בודזשעט מיט אַ וואָס גרעסערן דעפיציט, אַזוי, אַז במשך די דערמאָנטע 3 יאָר (1931 — 1929) איז ער אויסגעוואַקסן ביז 113.314.31 גילדן.

קיין אייגענע אומבאַוועגלעכע גיטער האָט נאָך די קהילה ניט געהאַט. די חובות זיינען געוואַקסן. ביי אַזאַ צושטאַנד איז די קהילה ניט בכּח געווען אין אַ געהעריקער מאָס, צו באַפרידיקן די גרויסע נויט פון אַלע געזעלשאַפטלעכע מוסדות אין שטאָט, וואָס האָט פאַרשטייט זיך אַרויסגערופן ביים עולם אַ גרויסע אומצופרידנקייט מיט דער פון אים אויסדערווײלטער קהילה.

ס'האָט אויך פיל געשאַט די נאָרמאַלע אַרבעט פון דער קהילה די פלוצלונג אַרויפגעשוואומענע „רבנות-שאלה", וואָס האָט אַ געוויסע צייט פאַרשאַפט שוועריקייטן, זאָרג און בייז-בלוט, ביז די פראַגע איז ענדלעך, נאָך אַ היפּשע צאָל שטורמישע זיצונגען פון פאַרוואַלטונג און ראַט, ליקווידירט געוואָרן אויף אַ שלומדיקן אופן.

ניט געקוקט אויף דער שווערער פינאַנסיעלער לאַגע פון דער קהילה און אויף די אינערלעכע רייבונגען איז דאָך סוף-כּל-סוף געלונגען דער קהילה מערהייט צו אָרגאַניזירן און קאָנצענטרירן אין אירע הענט דעם גאַנצן קהלשן פאַרמעגן, וועלכער האָט ביז דאַן געהערט נאָך צו דער צדקה-גדולה. דאָס האָט געפאָדערט אַ שווערן קאַמף מיט די אַלטע גבאים פון „צדקה-גדולה", וועלכע האָבן זיך איינגעעקשנט און בשום אופן ניט געוואָלט אַרויסלאָזן פון זייערע הענט די קהלשע פירעכס

ענדלעך האָבן זיי אָבער געמוזט נאָכגעבן די פאָדערונגען פון דער רעכטלעך געווײלטער קהילה. דער לאָקאַל פון „צדקה-גדולה" איז פאַרחתמעט געוואָרן דורך דער מאַכט, און מיט דעם מאָמענט האָט די צ"ג אויפגעהערט צו עקסיסטירן און דער גאַנצער אינווענטאַר און פאַרמעגן אירער איז אַריבער צו דער געווײלטער קהילה.

דער צווייטער שריט פון קאָנצענטרירן די הכנסות אין דער קהילה איז געווען דאָס איבערנעמען די שחיטה. דער ענין איז דערליידיקט געוואָרן לייכטער — און די רבנים מיט די שוחטים זיינען אַריבער צו דער קהילה.

אויך אַ שווער לייענען האָט די קהילה געהאַט מיט איר בנין אויף אָרזשעסקאָווע גאַס 7.

די קהילה האָט געהאַלטן, אַז דער בנין, אין וועלכן עס האָט זיך פאַר דער מלחמה געפונען דער יידישער לערער-אינסטיטוט און וואָס איז מיט 70—60 יאָר צוריק געקויפט געוואָרן פאַר יידישע געלט (פון ליכט-אָפּצאָל — סוועטשנאָי-סבאָר) — איז איר אייגנטום. די מלוכה דאַקעגן האָט געהאַלטן, אַז דער בנין געהערט צו איר, אַלס מלחמה-ירושה פון צאַרישן רוסלאַנד און האָט פאַרלאַנגט פון דער קהילה ערשטנס: צו באַפרייען דעם גאַנצן קהילה בנין מיט דער קהילה-קאַנצעלאַריע און מיט זיי אַלע אַנדערע אינסטיטוציעס דאָרט, ווי דעם העברעאישן און יידישן לערער סעמינאַר; דעם אַנ—סקי מוזיי; די 7 קלאַסיקע פאָלקס-שול אויפן נאָמען פון ל. גורוויטש, און צווייטנס:, זאָל די קהילה איינצאָלן צירקאַ 100.000 גילדן דירה-געלט פאַרן גאַנצן בנין פאַר דער גאַנצער צייט, זינט די פוילישע מאַכט האָט פאַרנומען ווילנע.

די קהילה האָט יורידיש פאַרשפּילט אין אַלע געריכטס-אינסטאַנצן. עס האָט זיך געדוכט, אַז די לאַגע איז אָן אַן אויסוועג און אַז אַלע דערמאָנטע אינסטיטוציעס מיט דער קאַנצעלאַריע וועלן בלייבן אַפילו אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ.

אַ דאַנק אָבער די אינטערווענצן פון הרב רובינשטיין און ד"ר וויגאָדסקי האָט זיך איינגעגעבן

אַפּצוראַטעווען דעם בנין. פיל מיטגעהאָלפן האָט דערין אויך ד'ער געוו' ווילנער וואָיעוואָדע און שפּעטערדיקער אינערן-מיניסטער וולאַדיסלאַוו ראַטשקעוויטש, וועלכער האָט אויך מיטגעווירקט, אַז די פּוילישע מלוכה זאָל אַוועקשיינקען דעם בנין אַלס מתנהדער ווילנער יידישער קהילה. ס'איז אגב אויך געשאַנקען געוואָרן די 100.000 גילדן דירה-געלט, וואָס די מלוכה האָט געמאָנט.

אין רשות פון דער קהילה זיינען אויך פאַריער די „ביליקע הייזער" פון יק"א.

VII

אָנהייב 1932 האָט גענומען אַ סוף צו דער ניט קלאָרער לאַגע פון די קהילות אויף די קרעסן און לויט אַ פאַראָרדעונג פון קולטוס-מיניסטעריום האָבן די קהילות ענדלעך באַקומען זייער עפנטלעך רעכטלעכן פנים.

דאָס האָט אַריינגעטראָגן אַ געוויסן סדר אין דעם תהו-ובהודיקן פינאַנסיעלן לעבן פון די קהילות.

די קהילות האָבן באַקומען דאָס רעכט אַרויפצולייגן אויף זייערע מיטגלידער דעם אַזוי גערופענעם „קהילה עטאַט", ד"ה אַ קהילה שטייער, וועלכער ווערט אויפגעמאָנט מיט צוואַנג.

דאָס האָט זיך באַלד אין אַ געוויסער מאָס פּאָזיטיוו אָפּגערופן אויף די פינאַנסן אויך פון דער ווילנער קהילה, וועלכע האָט אויפגעהערט צו זיין אָנגעוויזן אויפן גוטן ווילן פון די צאָלערס. דאָס האָט אָבער נעגאַטיוו געווירקט אויף די באַציאונגען פון געוויסע שיכטן צו דער קהילה, וועלכע האָבן פּסיכאָלאָגיש ניט געקענט פאַרטראָגן צוואַנג פון אייגענע.

דערהויפּט אומצופרידן זיינען געווען די פאַרמעגלעכערע. זיי האָבן ניט געקענט שלום ווערן מיטן פאַקט, אַז אויב זיי וועלן דעם עטאַט ניט צאָלן מיטן גוטן ווילן וועט מען עס מאָנען ביי זיי מיט צוואַנג. עס האָבן זיך אויך געפונען אין דער קהילה קעגנער פון צוואַנג עטאַט, וועלכע האָבן ניט דורכגעלאָזן קיין געלעגנהייט, בכדי אויפצורייסן די קהילה פון אינעווייניק. עס זיינען אויך געווען קרייזן, גאַנץ פרעמדע דעם יידישן גייסט בכלל, און צו דעם ווילנער בפרט, וועלכע האָבן זיך איינגעשמועסט, אַז ס'וועט זיין בעסער פאַר זיי אויב די מאַכט וועט פאַנאַנדערלאָזן די געוויילטע קהילה און באַשטימען „קאָמיסאַרן". עס האָבן זיך געגעבן די הענט פאַרשיידענע קעגנגעזעצטע גרופן און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געיעג אויף דער קהילה.. מען האָט זיך ניט פאַנאַנדערגעקליבן אין מיטלען און מען איז געקראָכן צום „פריץ" דורך פאָדער- און דורך הינטער-טירן ביז ענדלעך זייער אָפענסיווע האָט זיך איינגעגעבן.

VIII

נאמינירטע קאמיסארישע קהילה.

אין מאי 1935 איז די ערשטע רעכטלעכע קהילה דורך דער מאכט פאנאנדערגעלאזט געווארן און אויף איר ארט איז נאמינירט געווארן א קאמיסארישע פארוואלטונג.

ס'האט זיך ארויסגעוויזן, אז ווילנע איז ניט די איינציקע שטאט, וואס איז באגליקט געווארן מיט א קאמיסארישע פארוואלטונג. אויך אין אנדערע שטעט און שטעטלעך אין פוילן זיינען די געווייטע קהילות פאנאנדערגעלאזט געווארן און אויף זייער ארט זיינען באשטימט געווארן ענטוועדער איינציקע קאמיסארן, אדער אין בעסטן פאל — קאמיסארישע פארוואלטונגען.

אבער די „צרת רבים" א־ז געווען פאר ווילנע א קנאפע טרייסט.

די קאמיסארישע קהילה איז באשטאנען פון 15 ווילנער יידן, מער־ווייניקער באקאנטע אין שטאט אלס אזעלכע, וועלכע האבן זיך קיינמאל מיט כלל־ענינים ניט פארנומען.

דאך, למען האמת, מוז געזאגט ווערן, אז צווישן די נאמינאנטן האבן זיך געפונען געצייל̈טע פערזאנען, וועלכע וואלטן צו יעדער צייט געקאנט פיגורירן אויף א קאנדידאטן רשימה צו וואלן אין ווילנער קהילה. וואס האט זיי אייגנטלעך אנגעלאקט צו ווערן בעסער נאמינירט און ניט געוויילט איז טאקע געווען ניט צו פארשטיין.

אינגיכן האט זיך ארויסגעוויזן, אז אייניקע פון די נאמינירטע, זיינען אריינגעצויגן געווארן אלס נאמינאנטן קעגן זייער ווילן, און זיי האבן זיך באלד ארויסגעצויגן פון עסק. אבער דאס רוב פון זיי זיינען פארבליבן אין דער נייער ראל פון פרנסי־הקהל פון ירושלים דליטא און געפרווט איינפירן נייע מנהגים.

אבער שוין ביי די ערשטע זיצונגען איז געווען צו מערקן, אז אויך אין דער קאמיסארישער פארוואלטונג וועלן מיט דער צייט ניט פעלן קיין רייבונגען, ניט קיין קלענערע ווי אין די געווײלטע קהילה־פא־וואלטונגען. דער אונטערשייד איז געווען, וואס א געווײלטע קהילה פארוואלטונג האט געהאט א קאנטאקט מיט דער געזעלשאפטלעכקייט, בעת די נאמינירטע האבן זיך אפגעשלאסן פון דער געזעלשאפט בחדרי חדרים.

מיט דער צייט האט זיך דער פנים פון דער קאמיסארישער פאוואלטונג מער אויסקריסטאליזירט. עס האבן זיך אויסגעטיילט 2 ריכטונגען: א מער ווייניקער געזעלשאפטלעכע, מיט א געוויסן אחריות־געפיל פארן יידישן צבור, און א ביוראקראטישע, וועלכע האט געטענהט: מיר זיינען די שלוחים פון מלכות און די יידישע געזעלשאפט גייט אונדז גאנץ ווייניק אן!..

געזיגט האט דער מער געזעלשאפטלעכער טייל נאמינאנטן — און די וואס האבן זיך געהאלטן פאר די „שלוחי-מלכות" האבן מיט דער צייט אליין דעמיסיאנירט...

די נאמינירטע קהילה־פארוואלטונג, וועלכע איז ספעציעל געשיקט געווארן דורך דער מאכט, בכדי צו סאנירן די פינאנסן און די ווירטשאפט פון דער קהילה, האט אויך דעם ציל ווייט ניט דערגרייכט. אויך א־די פארוואלטונג האט ביים צוזאמענשטעלן די יערלעכע קהילה־בודזשעטן ניט געקענט אויסמיידן דעפיציטן פון 80—70 טויז.ט גילדן, פונקט ווי דאס איז געווען ביי דער געווײלטער פארוואלטונג.

די עטאט-צאלער, איבערהויפט פון די נ־ט צופרידענע, וועלכע האבן געהאט געשריבן קאלעק־טיווע אנקלאגעס צו דער מאכט אויף דער פריער־דיקער געווײלטער קהילה־פארוואלטונג און האבן זיך געריבן די הענט פון שמחה, ווען א־די פארהאסטע פארוואלטונג איז צעטריבן געווארן — האבן פארשאלטן דעם טאג, ווען די קאמיסארישע פארוואלטונג איז געקומען צו דער מאכט. על אפם ועל חמתם האבן זיי געמוזט צאלן דער קאמיסארישער פארוואלטונג נאך גרעסערע שטייערן, ווי דעו פריערדיקער.

דאך וואלט געווען ניט יושרדיק ניט מודה צו זיין אויך אויף דער פאזיטיווער זייט פון דער קאמיסארישער פארוואלטונג.

די קאמיסארישע פארוואלטינג האט אויסגענוצט די פאראָרדנונגען פון פינאנס- און ארבעטס־מיניסטעריום, וועגן אופן פון רעגולירן די אלטע פארלעגענע שטייער־חובות. זי האט אין דער הינזיכט דערגרייכט באדייטנדיקע רעזולטאטן. די גרויסע חובות, וואס די קהילה איז געווען שולדיק דעם מלוכה־אוצר און די אנדערע מלוכהשע און קאמונאלע אינסטיטוציעס זיינען באדייטנדיק רעדוצירט געווארן, און עס א־ז געגעבן געווארן דער קהילה די מעגלעכקייט זיי אויסצוצאלן אין א פיל פארקלע־נערטער מאס און פטור צו ווערן פון די אומגע־וואונטשענע וויזיטן פון די סעקוועסטראטארן און עקזעקוטארן.

צווייטע געווײלטע קהילה.

1936 האט די אויפזיכטס־מאכט פאראָרדנט נייע קהילה־וואלן אין ווילנע און די קאמיסארישע פארוואלטונג האט באקומען א פאראָרדנונג די וואלן

דורכצופירן. די תקופה פון דער נאָמינירטער קהילה־פאַרוואַלטונג האָט זיך אַזוי אַרום פאַרענדיקט. געקומען איז זי אין קהילה אין באַשטאַנד פון 15 פערזאָן. ביים אַוועקגיין זיינען שוין געווען בלויז 8, ווייל 7 פון זיי זיינען נאָך פריער אַליין אַוועק.

נאָך אַ הפסקה פון 18 חדשים זיינען ענדלעך אין סעפטעמבער 1936 ווידער פאָרגעקומען וואַלן צו דער ווילנער קהילה.

בראש פון דער תחית־המתים אויפגעשטאַנענער קהילה האָט זיך ווידער געשטעלט דער אומדערמידלעכער דאָקטאָר יעקב וויגאָדסקי, וועלכער איז געקליבן געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון פאַרוואַלטונג. אַלס וויצע־פאָרזיצער איז געוויילט געוואָרן אַדוואָקאַט ש. מילקאַנאָוויצקי (ביידע ציוניסטן). אַלס פאָרזיצער פון קהילה־ראַט: אַדוואָקאַט יוסף טשערניכאָוו (פרייל‏אַנד) און אַלס וויצע — יוסף אַראַנאָוויטש (בונד).

דער וויצע-פאָרזיצער פון פאַרוואַלטונג אַדוו' ש. מילקאַנאָוויצקי האָט זיך גיך און גרינדלעך באַקאַנט מיט אַלע קהילה־אָפטיילונגען. די הויפּט שוועריקייט איז באַשטאַנען דערין וואָס די קאָמיסאַרישע קהילה האָט איבערגעלאָזט בירושה אַ שיין צוזאַמענגעשטעלטן בודזשעט אויפן יאָר 1937, וואָס אויספירן האָט אים אָבער געמוזט די געוויילטע קהילה, און אַזוי ווי דער בודזשעט איז שוין געווען אַ באַשטעטיקטער האָט מען זיך, בלית־ברירה, געמוזט צו אים צופּאַסן.

וויצע־פאָרזיצער פון פאַרוואַלטונג מילקאַנאָוויצקי האָט אויך איינגעפונען, אַז ס'מוז קאָנצענטרירט ווערן דער עיקר אויפמערקזאַמקייט אויף דעם קהילה עטאַט — אַלס אויף דעם הויפּט-מקור פון דער קהילה־הכנסה.

מען מוז צוגעבן, אַז אויף דעם עטאַט־געביט הערשט, אָדער האָט געהערשט אין אַלע קהילות אין פוילן אַ שרעקלעכע סיסטעמלאָזיקייט. דאָס גלייכן אויך אין ווילנע מען האָט געשאַצט די צאָלונגס פעאיקייט פון עטאַט-צאָלער „אויפן אויג". און אויך ניט געשטויגענע ניט געפלויגענע השערות. דאָס פלעגט אַרויסרופן ווייט ניט קיין געוואונטשענע פאָלגן.

אדוו' מילקאַנאָוויצקי האָט דעריבער אויסגעאַרבעט אַ פּראָצענט סיסטעם פון מלוכהשן הכנסה־שטייער פאַרן קהילה־עטאַט די נייע רעפאָרם איז לייכט ניט אָנגעקומען. ווי אַלע רעפאָרמעס, האָט זי פון אָנהייב געהאַט אַ סך קעגנער. אָבער סוף כל־סוף איז אַיינגעפירט געוואָרן אַ געוויסער סדר פון וועלכן אויך טייל מתנגדים זיינען געוואָרן חסידים.

אָ־דער קהילה־שטייער־סיסטעם האָט אין אַ געוויסער מאָס פאַרבעסערט די קהילה־פינאַנסן: עס זיינען באַדייטנד פאַרגרעסערט געוואָרן די סובווענצן פאַר די פאָלקס־שולן. אַ דאַנק די סובסידיעס פאַר די פאַך־שולן האָט זיך דאָרט כמעט פאַרדאָפּלט די צאָל תלמידים—ות; ס'זיינען אויך געהעכערט געוואָרן די פּאָזיציעס פון די סאָציאַלע אונטערשטיצונגען, הן אין נאַטור (אומזיסטע מיטאָגן א"אַ), הן אין מזומן; ס'איז אויך געוואַקסן די הילף פאַר די יתומים־הייזער און ת"ת. ס'איז אויך מעגלעכער געוואָרן אַרויסצוגעבן מער־ווייניקער צו דער צייט די סובווענצן אין דער געהעריקער הייך, ווי עס איז פאָראויסגעזען אין בודזשעט.

אַ באַזונדער קאַפּיטל פאַר זיך זיינען די פאַרשיידענע רעאָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען איינגעפירט געוואָרן דורך דער איצטיקער לייטונג פון דער קהילה פאַרוואַלטונג; די כלערליי אינוועסטיציעס, וועלכע זיינען דורכגעפירט געוואָרן אין די קהילה־בנינים פאַר דער צייט פון באַלד צוויי יאָר, וואָס די קהילה עקזיסטירט; די באַזונדערע רעטונגס־אַקציעס, וואָס די קהילה פירט אָן אין דער איצטיקער פאַר אונדז שווערער צייט — מיר מוזן זיך אָבער באַגרענעצן צוליב מאַנגל אין אָרט.

חייקל לונסקי

דער „ספר הזהב" אין דער שטראַשון־ביבליאָטעק

אווגוסט 1903 האָט ווילנע באַזוכט ד"ר הערצל. כדי צו פאַראייביקן אָ־דעם פאַקט איז לויטן באַשלוס פון די דאַמאָלסטיקע פירער פון דער שטראַשון־ביבליאָטעק איינגעפירט געוואָרן אַ „ספר הזהב" מיט דער כונה מכבד צו זיין הערצלען מיט דער ערשטער אונטערשריפט בעת זיין דערוואַרטן באַזוך אין ביבליאָטעק. אָבער הערצלען איז ניט באַשערט געווען זיך איינצושרייבן אין דאָזיקן בוך, ווייל צוליב די נגישות פון דער רוסישער מאַכט האָט ער ניט געקענט באַזוכן די ביבליאָטעק.

דער „ספר הזהב" איז זינט דאַן אָבער פאַרבליבן. די איינשרייבונגען דאָרט פון פאַרשיידענע פערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן באַזוכט ווילנע זיינען אַ קאַפּיטל פאַר זיך. פאַראַן צווישן זיי אינטערעסאַנטע, נוסחאות, וויכטיקע באַמערקונגען, אַרויסגעזאָגטע מיינונגען ניט נאָר וועגן דער ביבליאָטעק גופא און דעם רושם, וואָס דער אוצר הספרים האָט אויף זיי געמאַכט נאָר אויך וועגן ווילנע. פיל דריקן אויס זייער התפעלות און אַנדערע, וועלכע זיינען מיט זייער באַזוך אין ביבליאָטעק דאָס ערשטע מאָל געקומען אין באַרירונג מיט „ירושלים דליטא", דריקן אויס אַ מין ווידוי, וואָס זיי זיינען פאַרפרעמדט געוואָרן פון די גייסטיקע יידישע אוצרות (אַלפרעד דעבלין, געוועזענער פאָרזיצער פון דייטשן שריפטשטעלער־פאַרבאַנד). טייל זאָגן אַרויס ערנסטע געדאַנקען וועגן יידן און יידנטום. טייל זייער וועלטאַנשויאונג. פאַראַן אויך זייער שאַרפזיניקע איינשרייבונגען אַנדערע קלינגען ווי אַ מין נביאות און גלייכצייטיק, ווי אַ דערמוטיקונג און טרייסט צו די היינטיקע צרות. וואָס דאָס יידישע פאָלק לעבט איבער, אַ שטייגער אין דייטשלאַנד (זע אַנ—סקיס אויפשריפט).

ס'האָבן זיך, אַריינגעשריבן אין דעם „ספר הזהב" באַרימטע שרייבער, קינסטלער, באַוואוסטע טוער. איר טרעפט דאָ נעמען פון כמעט דער גאַנצער יידישער גייסטיק־שעפערישער קולטור־וועלט

מיר ברענגען דאָ אַ טייל (67) פון די מער אינטערעסאַנטע איינשרייבונגען לויטן כראָנאָלאָגישן סדר, פון וועלכע בלויז איניקע (7) זיינען געווען שוין פאַרעפנטלעכט, אָבער אַלע איבעריקע (60) דערשיינען איצט צום ערשטן מאָל פון דרוק. די איינשרייבונגען זיינען אויך אין העברעאיש, אָבער דער גרעסטער טייל אין יידיש. זעלטן אויך אין אַנדערע שפראַכן.

חוץ זייער טעקסט, וואָס איז אינטערעסאַנט פאַר זיך גופא, האָבן אויך די איינשרייבונגען אַ פּראַקטישע באַדייטונג, וואָס לויט זיי קען מען אויך פעסטשטעלן די דאַטע, ווען די אָדער יענע פערזענלעכקייט האָט באַזוכט ווילנע. לויט דעם אינהאַלט און אויך לויט דער שפּראַך פון דעם איינשרייבער, זעט מען אַרויס אויך זיין גייסטיקן געמיט־צושטאַנד און די שטימונג אין מאָמענט פון איינשרייבן זיך אין „ספר הזהב". מערקווירדיק, וואָס אונזערע עלטערע קלאַסיקער, ווי בעל־מחשבות, דובנאָוו, מענדעלע, צינבערג א"אַנ. (וועגן סאָ אַלאָוו און ביאַליק איז דאָך אָפגערעדט) האָבן גראָד זיך איינגעשריבן אין העברעאיש. אַפילו שלום עליכם קען זיך ניט באַפרייען פון אָנהויבן זיין איינשרייבונג אין העברעאיש און ערשט דאַן אַריבערגיין אויף יידיש כ'מיין חלילה דערמיט קיין זאַך ניט צו אילוסטרירן, כ'ברענג נאָר די פאַקטן:

„שמחתי אל גיל ביאותי את פאר בית עקד הספרים ציון כבוד לזכר רמ"ש ורש"פ ז"ל. ה' יברך את מנהליו".

כ"ג בטבת תרס"ג. (באראן) דוד גינזבורג.

„בקרתי את בית העקד ומצאתי כי יסודו שהונח ע"י החכמים רמ"ש ורשי"פ גדול בכמות ובאיכות ומי יתן שעל היסוד הזה יבנה בית נאמן לספרותנו בשפתנו ובכל הלשונות היבראיקא ויודאאיקא וראויה היא ווילנא זקנת קהלותינו שבה יתכונן בית עקד עברי ויהודי בתור מרכז רוח לכל תאבי דעת".

ווילנא. י"ג אייר תרס"ג. שמעון דובנוב.

„ביום ו' עש"ק י"ג בטבת תרס"ד בקרתי את בית עקד הספרים של המנות הרה"ג ר' מתתיהו שטראשון ז"ל ושבעתי ענג למראה המון ספרים יקרי המציאות האוצרים בקרבם תורת וחכמת ישראל ומי יתן וירבו

ההוגים בספרותנו העמוקה ספרות התלמוד ותהיה עיר ווילנא למופת באהבת התורה כאשר היתה תמיד מרכז התורה וחכמת היהדות. יהי זכר המיסדים לברכה וינון שמם לפני שמש".

(רב באדעס). חיים טשערנאָוויץ.

„ביום ד׳ י"ז שבט תרס"ד בקרתי את בית הספרים מיסודי של המנוח שטראשון וקבלתי רושם עברי מיוחד".

(בעל־מחשבות). ד"ר ישראל עליאשעוו

„התענגתי מאד לראות יהודים זקנים וצעירים יושבים ומתעסקים בספרות ישראל העתיקה והחדשה".

י"ד שבט התרס"ה. מ. אוסישקין.

„שמע בכל לשון שאתה שומע—אז אין אַזאַ גרויסאַרטיקע יידישע ביבליאָטעק געפינען זיך אויך יידישע ספרים אויף פּראָסט יידיש זשאַרגאָן, דאַרף קיינעם ניט זיין קשה, וואָס אַ פּראָסטער יידי־שער שרייבער, וואָס שרייבט מערסטנטייל פאַרן יידישן פאָלק אויף זשאַרגאָן, האָט זיך צושריבן אין דאָזיקן בוך צווישן אַלע גרויסע, אויף אונדזער וואָכעדיק פאָלקס־שפּראַך, אויף זשאַרגאָן. אין קורצן וויל איך דאָ באַמערקן, אַז אַזאַ מין יידישן אוצר ווי די דאָזיקע ביבליאָטעק, האָב איך ניט געזען ניט נאָר אויף דער וואָר, נאָר אין חלום, אין דער צייט ווען זײַ פאַנטאַזיע כאַפּט אויף דעם שרייבער און טראָגט אים אַוועק אויף די פליגלען, ווייט, ווייט פון דער ווירקלעכקייט. אויב אין „ירושלים דליטא" איז אַזעלכעס בנמצא, היינט וואָס קען שוין דאָרטן זיין, אין ארץ־ישראל מיין איך? און אפשר איז דאָס קיין ראיה ניט".

עשי"ת התרס"ה. שלום־עליכם.

„עס נעמט אָן אַ שרעק צו שרייבן ווייטער, זעענדיק דאָס, וואָס אונדזערע זיידעס האָבן אונדז איבער־געלאָזט".

י"ט ניסן תרס"ה. שלום אַש.

„מבית הספרים של שטראשון קבלתי אותו רושם שמקבלים מעיר ווילנא, רושם יהודי".

כ"ז מנ"א תרס"ה. י. ד. בּרקוביץ.

„הלואי זאָלן מיר אין דער צוקונפט זיין אזוי רייך ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט".

1909 י. דוד איינהאָרן.

„היום יום א׳ י"ב אלול שנת תרס"ט בקרתי בית עקד הספרים פה ווילנא ושמחתי מאד לראות בני ישראל יושבים בו ועוסקים בתורה. יהי רצון שהבית הזה יגדל ות"ח יהיו בו לומדים תמיד".

ש. י. אבראַמאָוויטש.
(מענדעלע מוכר ספרים).

ראיתי ושמחתי. „ווילנא ט"ז תמוז א׳ תתל"ט.

דוד וואָלפסאָן. נחום סאָקאָלאָוו.

„בקרתי את ווילנא עיר מולדתי, את ווילנא העתיקה, עיר מלאה חכמים וסופרים ומצאתיה בבית הזה. פה ישכון רוח גדול, ווילנא, אשר הרימו שם כבודה מאות בשנים והפיצו תהלתה בכל קצוי ארץ. יהי רצון ממי שהתורה והחכמה שלו שלא יחדל הרוח הזה ולא ינצחוהו כל הסופות והסערות הבאות מחללו של עולם, והיה הבית הזה למצבת עולם לגדולינו ומאורינו, מצבת ספרים לגבורי עם הספר".

בערב חנופה עת"ר לפ"ק

ד"ר יהודה ליב קאַנטאָר

„בקרתי את בית עקד הספרים ביום 26 לחדש פעברואר 1910 ושבעתי רב ענג ונחת".

י. צינבערג.

„ירבה נא עמינו בתי ספרים כאלה מבצרי רוחו ועתידו".

29. X 1910 ל. יפה.

„איך בויג זיך פאַר ווילנע, איך בויג זיך פאַר זיין ביבליאָטעק".

1 II. 1911 ד"ר נ בירנבוים.

„למראה הספרים וכתבי היד העתיקים אשר ראו עיני ולמשמע הסדרים הנכונים שהונהגו בבית הספרים ע"ש הגרמ"ש בעיר מולדתי שמח לבי ותגל נפשי, דמות רבי ואלופי רש"י פין ז"ל עוררה בי זכרונות ימי עלומי היקרים, עת יצקתי מים ע"י החכם הגדול הזה ואמצא נוחם בדעתי כי רוחו בקבוצת ספרו שנכנסו אל ביהס"פ הזה עודנו חי פה. יהי זכרו ברוך".

ב׳ דחוהמ"פ תרע"ד.

(פּרופ׳) דוד מגיד מפּטרבורג.

„הק יחזקאל בן לא"א ר׳ גרשון זצ"ל נ"י".

אייר תרע"ד.

(פראָפעסאָר הערמאַן קאָהען) (אין דייטש).

„אם סייפא לא ספרא ובימי המלחמה א"א למצוא מנוח לנפש להתענג באוצר ספרי קדש אשר עיר ווילנא מתפארת בו בכל זאת הפקתי רצון הרבה ואזכה ללמוד פה בימי שקט ושלוה".

הק׳ ד"ר ר׳ יוסף צבי קרלבך.

„איך וועל זיך א האר ניט וואונדערן, אויב ביי איצטיקער משונהדיקער צייט וועט מען ניט דערגיין ביז די אמאליקע גזרות צו פארברענען דעם תלמוד אדער אויסראטן פון די יידישע ביבליאטעקן אלע „אבערגלויבערישע" ספרים. די מענטשלעכע געשיכטע חזרט זיך איבער, אבער איך פארגעס קיין מאל ניט דעם אלטן גרייז-קלוגן „אל תירה מפחד פתאם". די עמודים פון אונדזער פיר טויזנט יעריקער קולטור זיינען גענוג שטארק און זיי וועלן אויסשטיין דעם אנפאל פון יעדער אינקוויזיציע און וועלכע בגדים זי זאל זיך ניט פארקליידן. דערהויפט איז די „נשמה פון פאלק" און זי איז אומשטערבלעך און א גליענדן פונק פון דער נשמה פיל איך דא אין דעם גרויסן בית אוצר הספרים של שטראשון".

י"ג אדר ראשון תרע"ט לפ"ק. ש. אנסקי.

„רטט של קדש ויראת הרוממות תקפתני בבקרי את בית אוצר הספרים השטראשוני בווילנה האוצר בקרבו כל כך הרבה גנזי הרוח פרי עבודת הדורות שלנו שבהם צפונים סודות בקיום של העם הנצחי, העם העברי, ענג מיוחד שבעתי למראה הספרים היפים של בית האוצר ותזות האולם הגדול המיוחד לקריאה ולעיון ולעבודת הבורא, בבית אוצר הספרים הזה יכולה עדת וילנה להתגאות".

וילנה אור ליום כ"א טבת תר"ף.

א. ל. בן אביגדור.

„כ'האב ליב באקומען ווילנע פון ערשטן טאג. נאכ-דעם ווי איך האב באזוכט דעם בית הספרים וועט מיר שווער זיין זיך צו שיידן".

ווילנע כ"ב שבט תר"ף. ד"ר ח ספיוואק.

„געהאט דעם תענוג צו באוואונדערן וואס אונדזערע אבות האבן געשאפן אין ווילנע אויפן שול-הויף, אויף יידישע גאס און ווי טיף מיר דארפן זיך שעמען, מיר וואס זיינען דא געוואקסן און ביז דער וועלט דערשיטערונג ניט גענאסן פון די אלטע הערלעכע אוצרות פון יידישקייט".

א' סיון תר"ף. אברהם מארעווסקי.

„עם הספר נתנו ובבתי אוצרות הספרים צפונים מחמדי רוחנו היקרים לנו מפנינים והרוח המנשבת מבין אותיות אלה הפורחות באויר של אלפים שנה היא היא המפיחה בעם ישראל חיים חדשים בכל דור ודור. לא בחיל ולא בכח כי אם ברוח זה הוא תפקידנו גם לעתיד. אשרי הקהלה המוקירה את ספרי ישראל במדה זו כעדת וילנא הנודעת לשם ולתפארת".

יום ב' כ"ח אייר שנת תר"ף לפ"ק.

פראפ משה שאר.
(פרופ. באוניברסיטה בלבוב)

„ביראת הכבוד הנני עומד בבית עקד הספרים של ר' מתתיהו שטראשון שהיה אחד מאבירי חכמי ווילנא ומנהיגיה".

י"א תמוז תר"ף. אלכסנדר הרכבי.

„ברגש של חרדת קדש ראיתי את הספרים העתיקים אוצר קדשנו מעת שהיהדות עמדה בתקפה. לא לחנם נקראת העיר ווילנא ירושלים דליטא".

ז' תשרי תרפ"ב. גדליה בולקין.

„אין אזא ביבליאטעק פילט מען דעם טיפן אמת פון אלטן יידישן ווארט „נצח ישראל לא ישקר".

י"ז טבת תרפ"ב. ברוך צוקערמאן.

„ס'קען ניט זיין א רייכערע וועלט ווי דא צווישן אזויפיל דורות. די אלטעגלעכקייט ווערט דערעסן. גראבט זיך דער מענטש אין שטויב, הערט דעם צווייפל פון מיליאנען אונזעבארע ווערטער, וואס דערמאנען, אז זייער שעה האט געשלאגן, ווערטער וואס זיינען פאר דער צייט געקומען אויף דער וועלט, נישט געקענט ביים לעבן קריגן קיין תיקון, ווערן אזוי נאך דערהויבן צום ניצוץ, שטייען אויף תחית המתים און דו מענטש, וואס גראבסט זיך אין שטויב פון דורות ביסט מתקן פארגעסענע ווערטער ווערסט א שותף צו מעשי-בראשית".

י. אפאטאשו 1922 8 .9

„ציט זיך א געזאנג פון צווישן די שורות פון אונדזערע אלטע ספרים, התרוממות געזאנג וואס באגלייט די טריט פון א יונג פאלק".

ח' אלול תרפ"ב. פרץ הירשביין.

„מערקווירדיק, וויפל פון די נייע ספרים ליגן אויף מיר ווי שטויב און ווי דער שטויב פון דער אלטער ליטעראטור האט מיר אפגעפרישט".

י. טונקעל (טונקעלער).

„איך ווינש אונדזער פאלק, אז די אוצרות פון דער שטראשון ביבליאטעק זאל אים ווידערגעגעבן ווערן אין זיין לעבעדיקער יידישער שפראך".

כ"ח אדר תרפ"ג. זלמן רייזען.

„דא פילט יעדער איינער וואס פארא יחוס עס איז צו זיין א ייד".

6/7 .24. ז. וולאדעק.

„דער אידישער אלטער פארמעט לאזט אונדז אלט ניט ווערן".

11/XI 1924. ז. סעגאלאוויטש.

„וואס זאל איך שרייבן? שווייגן דאס בעסטע — איך בין פול מיט באוואונדערונג".

15 יולי 1925. ה. לייוויק

„אַ באַזוך אין דער שטראַשון ביבליאָטעק — דאָס איז אַ פרייד און אַ טרייסט פאַר דערוויייטערטע און אָפּגעפרעמדטע און דאָס זיינען מיר דאָך אַלע״.

תרפ״ה. ברוך גלאַזמאַן.

„בעזרת ה׳ הייתי פה יום ג׳ פרשת וירא תרפ״ו״

ישראל מאיר הכהן (בעל ה„חפץ חיים״).

„ביכער זיינען זינט יאָרן מיינע בעסטע און טייערסטע פריינד. ווער איך טאַקע פאַרציטערט זעענדיק אַרום זיך אַזאַ גרויסע מתנה פון ליבע פריינד. איך דריק אויס מיין טיפן דאַנק אַלע וואָס באַמיען זיך אַרום דעם אוצר און שפּאָרן ניט קרבנות ער זאָל וואַקסן און בליען״.

ווילנע דעם 11־טן מאַי 1926.

ד״ר י. שיפּער.

„ראיתי ולא הספקתי לראות. עמדתי נדהם לפני אוצרות הירושה הכבירים השמורים לנו כאן״.

כ״ט כסלו תרפ״ז. יעקב כהן.

„דאָס דאָזיקע הויז — איינע פון די פייגן וואָס מענטשן שטעלן אַרויס דעם טויט״.

VIII 10 1927. דאָוויד בערגעלסאָן.

„דער אָרימסטער ייד פילט זיך דאָ אונשאַצבאַר רייך״.

30 VII 1928. טשאַרלז צונזער.

„צום נוצן, צום נחת און צום כבוד פון אַלע יידן״.

ד״ר יעקב וויגאָדסקי.

„ווילנע איז ניט קיין שטאָט נאָר אַ רעיון, ווילט איר עס באַשיינפּערלעך זען דעם רעיון, גייט אין שטראַשונס ביבליאָטעק״.

28 X 1929. וו. לאַצקי־בערטאָלדי.

„כ׳בין גליקלעך, אַז דאָ אין דער שטראַשון ביבליאָטעק צווישן די דענקער און קעמפער פון אונזער עבר האָב איך נאָכאַמאָל דערפילט ווי דער היינטיקער גרויסער סאָציאַלער קאַמף פון דער מענטשהייט איז פאַרוואָרצלט און פאַרפונדעוועט אין דער לערע פון מסירת נפש פון יידישן פאָלק. איין רעיון און איין רצון לעבט דאָ און אויף אַלע פעלדער וואו יידישע קינדער שטורעמען צו אַ נייע וועלט, מלא כל הארץ כבודו! אַ דאַנק די היטער פון דעם אייביקן אוצר אין דער שטאָט פון מיינע זיידעס״.

22 I 1930. יצחק נחמן שטיינבערג.

„אין דער הייליקער שטאָט ווילנע, האָב איך פיל הייליקייטן באַוואונדערט, אָבער שטאַרק האָב איך געפילט נאָר אין דעם דאָזיקן הויז״.

21 X 1930. ק. ארנשטיין.

„ווידער בין איך דאָ אין שטראַשונס ביבליאָטעק און ווידער פיל איך דאָ שטאַרקער ווי אומעטום דעם ווילנער גייסט, דעם גייסט וואָס איז אַלט און יונג, דעם גייסט וואָס איז פאַרוואָרצלט טיף אין עבר אַפילו דאַן ווען ער רעוואָלטירט און וואָס האָט צוטרוי צום מאָרגן אין די שווערסטע צייטן״.

31 V 13. ש. ניגער.

„די שטאָט ווילנע מאַכט אַ טיפן איינדרוק, אָבער סטראַשונס ביבליאָטעק מאַכט דעם גרעסטן איינדרוק ספּעציעל אויף דעם וועלכער האָט די זכיה צו זיין אַ געבאָרענער אַ ווילנער״.

8/8 1931. יעפים ישורין, מאַקס גאָלדינג.

„ברוך שמסר עולמו לשומרים נאמנים וברוכים השומרים לאוצרות רוחה של האומה, אין שמורה מעולה אלא ב„בית נאמן״ בארץ אבות״.

ב׳ דחנוכה תרצ״ב. ח. נ. ביאַליק.

„אחרי עשרים ושש שנה רואה אני כי וילנה לא קבלה עוד את תקונה בפואימה שלי. יהי רצון שאזכה ואשוב אליה בשירה כמו ששבתי אליה בפועל״.

כ״ד אדר תרצ״ב. זלמן שניאור.

„בבית הזה שבו אתה עומד מרחפת הנשמה של עם הספר״.

ד״ר א. ראָזנפעלד.

„אחרי עשרים שנה ראיתי שוב אוצר גדול ומפואר זה וברוכים השומרים עליו והעוסקים בו באמונה״.

כ״ד אדר תרצ״ב. א. דרויאַנוב.

„פאַראַן אַ האָלענדיש ווערטל, וואָס מען שרייבט צו אַ באַרימטן דאָקטאָר: ווען דו ווילסט היילן אַ פּאַציענט זע פריער וואָס פאַראַ ספרים ער לייענט. מען וואָלט געקענט דאָס זעלבע אָנווענדן צום יידישן פאָלק. מיר באָדן זיך אין ספרים און אַמאָל האָבן מיר צוליב ספרים פאַרזען דאָס לעבן, היינט צו טאָג האָבן מיר שוין אַ נייעם געזונטן דור, וואָס קען פאַראייניקן אַ געזונט לעבן מיט אַ געזונט ספר״.

15 IX 1932. ד״ר יעקב שאַצקי, ניו־יאָרק.

„ס׳איז גוט פון צייט צו צייט באַזוכן די סטראַשון־ביבליאָטעק און פון די פאַרבינדונג מיט דורות און תקופות ווערט מען געשטאַרקט און געמוטיקט, ווען מען זעט צייטן און דורות וואָס שטייען פאַר אונז. זיינען מיר דאָך עפּעס ווערט מיט אונזער אַרבעט. אָבער זאָל נאָר ליטעראַטור און קולטור ניט בלייבן אין פאַרגאַנגענהייט. די טויזנטער ספרים זיינען דאָך מחייב, פיל מחייב״.

5 III. 1933. נחמן מייזיל.

„זיין אין ווילנע און ניט זיין אין שטראַשון ביבליאָ-טעק הייסט ווי נישט זיין אין ווילנע".

‎.1933 5 III‏ נ. וויניק

„היינט דעם 10-טן מאַי 1933 ווערן אין דייטשלאַנד אונטער קלאַנגען פון מוזיק פאַרברענט יידישע ביכער אויף די שייטערהויפנס איר פאַנאַטישע נאַראַנים! גייט אין ווילנע אויפן שול-הויף! קענט איר דאָס אַלץ פאַרברענען? איר קענט נאָר אונזער קערפער דערגרייכן אָבער ניט דעם יידישן גייסט".

‎.1933 10. V‏ מ. שאַליט. ד"ר שמואל ווייס.

„אשריך ווילנא שזכית לאוצר הספרים אוצר הרוח והמחשבה אשר בו נתפאר ואליו גאותנו כל הימים".

טובה בתמוז התרצ"ג. י. הפטמן.

„בשובי לווילנה אחרי כ"ז ש ה מצאתי שוב מרתפי העוני ובתוכם הרוח הגנוזים בספרית שטראשון ושוב ראיתי זקנים ונערים יושבים בו ועוסקים בתורה. אכן בדמיך חיי".

ה' חשבון תרצ"ד. ב. כצנלנסון.

„אחרי עשר שנים בקרתי עוד הפעם את בית הספרים ע"ש הגרמ"ש ומצאתי את כבוד הבית גדול מאשר היה בעת בקורי הראשון. והנני שמח על היתרון הזה משום יגדיל תורה ויאדיר. בברכות לבית הזה ובזכרון יקר למיסדו שהיה ידיד נפשי.

ח"י טבת התרצ"ד. נחום סאָקאָלאָוו.

„הספר היהודי הוא מקור קיומ ו, הספר משמש לנו סיף ובו כרוך גורלנו להבא."

דוצנט המכון לחכמת ישראל בורשה 1935.

ד"ר שטיין.

‎.1935 6 VIII‏ מאַרק שאַגאַל, דניאל טשאַרני.

ולדיסלב חרפוסטה מק"ק קראקא ו' תמוז תרצ"ה (ניט קיין ייד א העברעאישער דיכטער)

„אן קולות וברקים, שטיל און באַשיידן אָנגעזאַמלט אַן אוצר קולטור ווערטן וואָס איז דער גרעסטער כבוד פאַר דער גאַנצער יידישער ווילנע און וואָס איז אַן אומערשעפּלעכער קוואַל פון יידישער חכמה פאַר אייביקע דורות"

ווילנע, ‎1935 14 VIII‏. א. י. גאָלדשמידט.

„איך בין טיף גערירט פון דער ליבע צום יידישן פאָלק וואָס איז דאָ אין די שאַפונגען פון דער שטראַשון ביבליאָטעק. פאַרקערפּערט. דורך דער ליבע צו דער פאַרגאַנגענהייט פירט דער וועג צו אַ בעסערער גליקלעכער צוקונפט פון אונדזער פאָלק".

‎.1935 30 V‏ ד"ר יצחק שוואַרצבאַרט.

„אין אַ קורצער צייט דאָ געהאַט אַסך פרייד און מיטגענומען בטחון".

‎.15 VI 1936‏ ד"ר מלך במעלניצקי.

„למזכרת בקורי את בית הספרים ע"ש שטראשון בירושלים דליטא".

כ"ב בתמוז 937 . (פרופ') א. ל. סוקניק.
(חוקר ירושלים דארץ ישראל).

„בהערצה בפני מפעל רוחני כביר זה שע"ש שטראשון".

‎.1937 19 VII‏ יהודה נדיבי
(מזכיר העיר תל-אביב)

„געזען און באַוואונדערט".

‎.17 II 1938‏ י. טרונק

די איינשרייבונגען אין „ספר הזהב" פון דער שטראַשון-ביבליטעק ציילן אין די הונדערטער. פאַראַן אויך פיל קאָלעקטיווע אונטערשריפטן פון געסט, כלל-טוער, שלוחי ציבור, וואָס קומען אויף פאַרשיידענע צוזאַמענפאָרן אין ווילנע, אויך פון עסקורסאַנטן (יידן און ניט יידן), וויסנשאַפטלער, פּראָפעסאָרן, לערער פון גימנאַזיעס, פאָרשטייער פון געזעלשאַפטן א. א. וו. אַלע זאָגן זיך אַרויס מיט אַנטציקונג און באַגייסטערונג פאַר דעם אָנגעזאַמלטן גייסטיקן אוצר אין דער ביבליאָטעק.

ד״ר א. ווירשובסקי

געשיכטע פון יידישן שפיטאל אין ווילנע



גענוי ווי לאנג דער יידישער שפיטאל אין ווילנע עקזיסטירט איז ניט פעסטגעשטעלט. מען איז אבער משער, אז א 140 יאר. לכתחילה האט זיך דער שפיטאל געפונען אויף יאטקעווער גאס ביי דעם אזוי גערופענעם „יידישן טויער". שפעטער, צום סוף פון 18טן יארהונדערט, איז ער לויט דער פארארדנונג פון געני קאארינג, דעם דאמאלסטדיקן שעף פון ווילנער גארניזאן, איבערגעטראגן געווארן צוליב סאניטארע טעמים אויף פאזאוואלנע גאס (היינטיקע זאוואלנע) אויף דעם ארט, וואו ער געפינט זיך איצט. צו יענער צייט האט די יידישע שפיטאל־חברה אויף דעם פלאץ געקויפט צוויי הייזלעך נומ׳ 346 און 348, וועלכע זיינען אין יאר 1805 גרינדלעך איבערגעבויט געווארן פאר א שפיטאל. פון די דאקומענטן, וועלכע זיינען פארבליבן אין שטאטישן ארכיוו, א״ז צו זען, אז די אויבנדערמאנטע פאסיעסיעס זיינען געקויפט געווארן דורך די ה״ה אקושקא און קאהאן, לויט דער קויף־קראפט, וואס איז באשטעטיקט געווארן דעם 1טן סעפטעמבער 1792טן יאר. אין שטאטישן ארכיוו האב איך אויך געפונען אן אינטערעסאנטן דאקומענט פון דעם 6טן יארצענדליק פון פארגאנגענעם יארהונדערט, ווען אין ווילנע איז געשאפן געווארן א קאמיסיע, וועלכע האט געהאט די אויפגאבע צו קאנטראלירן, וועלכער באדן עס געהערט צום מאגיסטראט. פון דער באשטעטיקונג פון דער דאזיקער קאמיסיע איז צו זען, אז דער שפיטאל־בנין איז געווען אן אייגנטום פון דער יידישער קהילה און דער באדן האט געהערט צים מאגיסטראט, וועלכער האט פאר אים גענומען אנדערטהאלבן רובל א יאר. אין יאר 1842 איז דער שפיטאל אריבער צו דער רעגירונג, וועלכע האט געהאט די אויפזיכט איבער די וואוילטעטיקע אינסטיטוציעס. אין 1858 איז דער שפיטאל אריבער אונטער דער השגחה פון אמט פאר סאציאלער פארזארגונג, וועלכער איז געווען איינגעפירט לויט דעם „פריקאז אבשטשעסטווענאווא פריזרעניא".

אין יאר 1865 האט דער שפיטאל געליטן גרויסע היזקות צוליב א שריפה און שפעטער איז ער געווארן רעסטאווירט און פארגרעסערט. ענדלעך אין יאר 1876 האט מען אפגעקויפט דאס שכנותדיקע הייזל, כדי נאך מער צו פארגרעסערן דעם בנין פון יידישן שפיטאל.

צוליב דעם, וואס די שטאט ווילנע איז כסדר געוואקסן און וואס די זאוואלנע גאס, וואו עס האט זיך געפונען דער שפיטאל איז געווען אין צענטער פון שטאט, האט זיך געפילט א נויטווענדיקייט איבערצוטראגן דעם יידישן שפיטאל אין אן אנדער קווארטאל, וועלכער איז ווייט פון צענטער. האבן טאקע די גובערניאלע נאכט, דער מאגיסטראט ווי אויך די יידישע געזעלשאפט ניט איינמאל בארירט די פראגע וועגן איבערטראגן דעם שפיטאל, אנווייזנדיק אויף אנדערע קווארטאלן. אזוי למשל איז אויף די זיצונגען פון שטאט־ראט (דעצעמבער 1898) באשלאסן געווארן צו באשטימען פארן שפיטאל א פלאץ אויף פאלאצקא־גאס. פאראלעל צו דער דאזיקער אקציע האט די יידישע געזעלשאפט אויף אן עפנטלעכער פארזאמלונג דעם 22טן פעברואר 899׳טן יאר אנגענומען א באשלוס: אויסצובויען אויף א שטאטישן פלאץ א נייעם יידישן שפיטאל אויף 250 בעטן, לויט די מאדערנע כללים פון היגיענע אין שפיטאל־וועזן, וועלכער זאל דינען ניט נאר פאר דער שטאט ווילנע, נאר אויך פאר דער אומגעגנט. די פאנדן, וועלכע זיינען נייטיק אויף אינוועסטיציע־ארבעטן אין דער גרויס פון 250.000 רובל דארף גענומען ווערן פון „קאראבאטשני סבאר" און פון פרייוויליקע נדבות. א חוץ דעם איז באשלאסן געווארן זיך צו באמיען, אז דער יידישער שפיטאל זאל באפרייט ווערן פון דער אפוטרופסות פון דעם אמט פאר סאציאלער פארזארגונג. צוליב דעם אויבנדערמאנטן באשלוס האט מען אין יאר 1903 — 1907 יערלעך אסיגנירט צו 20.000 רובל פון דער קאראבקע. מען האט אויך באשלאסן צו שאפן א פאנד פון 250.000 רובל אויף אויסבויען א נייעם יידישן שפיטאל.

אבער דאס אינערן־מיניסטעריום האט, ניט קוקנדיק אויף דער אונטערשטיצונג פון ווילנער גענעראל־גובערנאטאר, די יידישע בקשה ניט באפרידיקט מיטן מאטיוו, אז אינגיכן וועלן איינגעפירט ווערן דער „באדן־אמט" (אוזשאנד זעמסקי"), וועלכער וועט נעמען דעם שפיטאל אונטער זיין

השגחה און ביז רעאַליזירן די דאָזיקע רעפאָרם דאַרף אַלץ בלייבן ביים אַלטן.

אין יאָר 19.8 האָט די יידישע געזעלשאַפט ווידער אונטערגענומען באַמיאונגען, צו פאַרווירקלעכן דעם אויבנדערמאָנטן פּלאַן, אָבער אָן רעזולטאַט. אַזאַ צושטאַנד האָט אָנגעהאַלטן ביז יאָר 1915 ד״ה ביז דער רוסישער עוואַקואַציע. דאַן האָט מען צוזאַמען מיטן איבערגעבן דעם מאַגיסטראַט אַלע שפּיטאָלן אויך איבערגעגעבן דעם יידישן שפּיטאָל (לויט דעם אַקט פון 1טן אויגוסט 1915 נומ׳ 1369). דערביי האָט דער מאַגיסטראַט וועגן דער אַקצעפּטירונג פון דעם דאָזיקן אַקט מיטגעטיילט דעם שעף=דאָקטאָר פון יידישן שפּיטאָל דעם 19טן סעפּטעמבער 1915. בעת דער דייטשער אָקופּאַציע האָט דער שפּיטאָל געהאַט הכנסות פון פאַרשיידענע מקורים: פון דער שטאָטישער קאָסע, פון די פּושקעס, און פון די סובווענצן פון די דייטשע יידן.

אָנהויבנדיק פון יאָר 1919, פון מאָמענט פון איבערנעמען די מאַכט דורך פּוילן ווערט דער יידישער שפּיטאָל אויסגעהאַלטן פון מאַגיסטראַט און ער אונטערשיידט זיך גאָרניט פון אַנדערע שטאָטישע שפּיטאָלן.

פאַר דער וועלט=מלחמה האָט דער שפּיטאָל געצויגן זיינע הכנסות פון דעם שטייער אויף כּשרע פלייש און די דאָזיקע הכנסה איז בהדרגה געוואַקסן.

אַ חוץ דעם האָט דער שפּיטאָל געהאַט הכנסות פון קראַנקע. אויך דער מאַגיסטראַט האָט געגעבן אויף היילן אויגן קראַנקע אַ יערלעכע סובסידיע.

II

וואָס שייך דאָס פאַרוואַלטן מיטן שפּיטאָל פאַר דער רוסישער עוואַקואַציע איז בראש פון שפּיטאָל געשטאַנען אַ שטענדיקע אָרגאַניזאַציע, אַן אויפזיכטס=ראַט — דער אַזוי = גערופענער „פּאָפּעטשיטעלסקי פּאָוויאָט“. אין דער אמתן האָט די אויבנדערמאָנטע אָרגאַניזאַציע עקסיסטירט נאָר אויפן פּאַפּיר און איר טעטיקייט האָט זיך באַגרענעצט בלויז מיטן אונטער-שרייבן באַריכטן; די פּאַקטישע מאַכט האָט זיך געפונען אין די הענט פון שעף דאָקטאָר.

צו די ראַדיקאַלע ענדערונגען אין דער איינריכטונג פון שפּיטאָל נאָך דער מלחמה געהערן: 1) דאָס שליסן די אָפּטיילונג פאַר אָנשטעקנדיקע קראַנקייטן, מחמת די דאָזיקע קאַטעגאָריע ווערט אָפּגעשיקט אין די באַראַקן אויף זווערינעץ; 2) דאָס שליסן די אָפּטיילונג פאַר ווענערישע קראַנקייטן; 3) דאָס אָפּשטעלן די אויפנאַמע פון אויגן=קראַנקע. די לעצטע צוויי קאַטעגאָריעס (אויגן און ווענערישע קראַנקע) זיינען איבערגעגעבן געוואָרן דעם סאַוויטש=שפּיטאָל און די פּסיכיאַטרישע אָפּטיי=לונג איז דערווייל באַגרענעצט געוואָרן נאָר מיט אויפנעמען אויסשליסלעך פרויען.

פאַר דער וועלט = מלחמה האָט ביים יידישן שפּיטאָל עקסיסטירט אַ קוראַטאָריום פאַר ווירט=שאַפטלעכע ענינים.

די אָנרעגונג צו נעמען אויף זיך די פליכטן פון אַ שפּיטאָל=קוראַטאָר איז געווען די אויסזיכט צו באַקומען אַ מעדאַל, אַן אָרדער, אָדער אַ ראַנג פון 6טן קלאַס און אחוץ דעם, דאָס רעכט צו טראָגן אַן אוניפאָרם אין די פייערלעכע טעג לכּבוד דעם צאַר. די עלטערע יידן געדענקען נאָך דעם משונה=דיקן הינקעדיקן, שיקלדיקן און שטאַמלדיקן קוראַטאָר הערץ טשאַרני (שוואַרץ), אַ הויז=אייגנטימער אויף יאַטקעווער גאַס, וועלכער פלעגט אין די פייערלעכע טעג קומען אין שפּיטאָל אין אַ מונדיר מיט אַ שפּאַגע ביי דער זייט, אין אַ דרייעקיקן קאַפּעליוש און דערביי פלעגט ער מאַכן אַזעלכע העוויות, פון וועלכע מען האָט געדאַרפט פאַרשטיין, אַז אין דער אָנוועזנהייט פון דעם צאַרישן טשינאָווניק דאַרפן אַלע אַנטבלייזן די קעפּ. אַזוי ווי ער האָט געוואוינט אין יידישן קוואַרטאַל פלעגט ער זיך אָנטאָן אַ מאַנטל, און כּדי ניט אַרויסצורופן אַ געלעכטער, האָט ער דעם דרייעקיקן קאַפּעלוש זיך געהייסן צוטראָגן צו דעם שפּיטאָל=טויער, וואו ער האָט אים אָנגעטאָן.

נאָך אַ פאַקט וועלכער כאַראַקטעריזירט די טאַקטלאָזיקייט פון דעם אויבנדערמאָנטן קוראַטאָר: איינמאָל איז ער אַריין אין דאָקטוירים=צימער און דער דאָרט אָנוועזנדער שפּיטאָל=אָרדינאַטאָר האָט זיך לכּבוד אים ניט אויפגעשטעלט. דאַן האָט דער קוראַטאָר הערץ שוואַרץ מיט אַ העכערער שטימע באַמערקט: „צי ווייסט איר וואָס פאַראַ אונטערשייד עס איז פאַראַן צווישן אונדז אין די ראַנגעס?“ דערביי האָט ער צוגעגעבן: „איך בין אַ באַאַמטער פון דער 6טער ראַנג אין דער צייט, וואָס איר זייט אַ באַאַמטער פון דער 8טער ראַנג און דעריבער דאַרפט איר פאַר מיר זיך שטעלן“. דערויף האָט דער אָרדינאַטאָר געענטפערט: „צווישן אונדז איז ווירקלעך פאַראַן אַן אונטערשייד, אָבער ער באַשטייט דערין, וואָס איך נעם פּענסיע פון דער רעגירונג, און איר מוזט געבן אַ נדבה פון דער אייגענער קעשענע פאַרן שפּיטאָל, כּדי צו בלייבן אַ באַאַמטער“.

צוליבן אומטאַקטישן באַגיין זיך מיט די דאָקטוירים און מיטן שפּיטאָל=פּערסאָנאַל איז שוואַרץ געצוואונגען געווען אין יאָר 1895 צו רעזיגנירן פון זיין אַמט. נאָך אים האָט דעם דאָזיקן אַמט

איבערגענומען דער פארשטארבענער באנקיר ישראל בונימאוויטש, וועלכער האט מיט כבוד און נוצן פארן שפיטאל דעם אמט פארנומען אין פארלויף פון 20 יאר.

דעם 29טן נאוועמבער 1899 האט דער אינערן-מיניסטער באשטעטיקט א נייעם סטאטוט פאר דעם שפיטאל-קוראטאריום, לויט וועלכן די צאל פון שפיטאל-קוראטארן איז פארגרעסערט געווארן ביז 5 פערזאן. אין באשטאנד פון קוראטאריום זיינען אריין איינפלוסרייכע פערזאנען פון די פארמעגלעכע שיכטן, וועלכע זיינען נאמינירט געווארן דורכן גובערנאטאר. אבער פון יאר 1915 האט דאס קוראטאריום אויפגעהערט צו עקסיסטירן. דאס קוראטאריום האט קיין באזונדערע נוצן דעם שפיטאל ניט געבראכט.

ביז יאר 1886 זיינען א חוץ דעם הויפט-דאקטאר נאך געווען 3 עטאטן פאר ארדינאטארן, וועלכע האבן ניט געקענט אנטשפרעכן אלע ספעצי-

ד"ר ע. סעדליס

איצטיקער שפיטאל-דאקטאר פון יידישן שפיטאל

אליטעטן און זיינען ניט געשפאנען אויף דער געהעריקער הייך. זייענדיק פארנומען מיט זייער פריוואטער פראקטיק פלעגן זיי אריינשמעקן אין שפיטאל זייער שפעט און דאס אויך ניט מער ווי 2—3 מאל א וואך. טאמער איז דאס נאך ווייניק געווען, פלעגן זיי אפרייסן פון זייער ארבעט די פעלדשארעס, וועלכע האבן געמוזט אין די פריוואטע וואוינונגען פון די דאקטוירים נאטירן די פאציענטן, פארשרייבן די אדרעסן פון די פערזאנען, וועלכע האבן צו זיך איינגעלאדן דאקטוירים און ועל כולם אויספירן פריוואטע אויפטראגן פון די דאקטוירים און זייערע פאמיליעס. דער דעזשורנער פעלדשער פלעגט יעדן טאג אינאווענט מוזן צושטעלן דעם עלטסטן דאקטאר א באריכט וועגן מצב פון שפיטאל אאז"וו.

א חוץ דעם האבן די דאזיקע דאקטוירים אויפגענומען קראנקע אין דער שפיטאל-אמבולא-טאריע ניט לויט דער ספעציאליטעט. פון דעם ארדינירנדן עטאטאוון-דאקטאר איז אפהענגיק געווען דאס איינארדענען די פאציענטן אין שפיטאל. עס האט זיך איינגעבירגערט א מנהג, אז א טאג פאר דעם אוועקגיין אין שפיטאל פלעגן די קראנקע רופן צו זיך אהיים דעם שפיטאל-דאקטאר, וועלכער האט געפירט די אמבולאטאריע און פאר דעם באזוך אים געגעבן א סאלידן האנאראר.

דער דאזיקער מנהג איז געווען אזוי באקאנט צווישן דער באפעלקערונג, אז די דאזיקע וואך פון ארדינירנדן עטאטאוון-דאקטאר פלעגט מען רופן די „בענעפיס-וואך". די דאזיקע ניט זייער פיינע מנהגים פון די עטאטאווע דאקטוירים-ארדינאטארן זיינען פארשוואונדן געווארן אנהייב היינטיקן יאר-הונדערט

מערץ 1901 יאר, האב איך שוין אין שפיטאל געפונען דריי עטאטאווע ארדינאטארן, וועלכע זיינען אין פאכמענישן, ווי אויך אין מאראלישן זין געשטאנען אויף א זייער הויכער מדרגה: דאס זיינען געווען דער גינעקאלאג זאלקינד, דער כירורג א. קאגאן און דער אינטערניסט ד"ר שאבאד. קיין וואונדער ניט, אז אזוי ווייניק עטא-טאווע דאקטוירים האבן ניט געקענט באווייזן אלץ צו דערליידיקן.

III

דער צושטאנד פון שפיטאל האט זיך אויפן געביט פון מעדיצינישער הילף באדייטנד פאר-בעסערט, ווען מען האט איינגעפירט די אינסטיטוציע פון ניט עטאטאווע דאקטוירים. דאס איז געשען אין יאר 1856. די דאזיקע דאקטוירים האבן זיך אונטערשיידט פון די עטאטאווע דאקטוירים דערמיט, וואס זיי האבן ניט באקומען קיין פענסיע, אבער צוגלייך מיט די עטאטאווע ארדינאטארן זיינען זיי געווען אויף מלוכהשער דינסט. זיי זיינען אויך געווען בארעכטיקט זעלבשטענדיק אנצופירן מיט די שפיטאל-אפטיילונגען.

צוערשט האט די רוסישע רעגירונג ניט דער-לויבט, אז יידישע דאקטוירים זאלן אין אונדזער קאנט באקומען דאס רעכט פאררעכנט צו ווערן אין מלוכה-דינסט. ערשט אין יאר 1886 האט מען נאמינירט אין שפיטאל צוויי ניט-עטאטאטע דאקטוי-רים-ארדינאטארן — דעם גינעקאלאג ד"ר זאלקינד און דעם אקוליסט ד"ר גארדאן. איינגיכן האט מען אויך נאמינירט אלס ניט-עטאטאוון ארדינאטאר דעם פאפולערסטן דאן אין ווילנע נעווראלאג ד"ר סטעמבא. דאס איז געווען אין 1891. אלזא, אנהייבנדיק פון יאר 1886 זיינען אין באשטאנד פון די שפיטאל-דאקטוירים אריינגעגאנגען א חוץ די דריי עטאטאווע

ארדינאטארן אויך צוויי ניט עטאטאווע ארדינאטארן שפעטער איז די צאל פון די ניט עטאטאווע דאקטוירים בהדרגה געוואקסן ביז 12. עס האבן קורסירט בייזוויליקע ידיעות, אז דער ווילנער מעדיצינישער אינספעקטאר האט די צאל פארזאפלט, בעקומענדיק פון די פאראינטערעסירטע פערזאנען צו 300 זל׳ כאטש דאס אינערן-מיניסטעריום האט זיך גינסטיק באצויגן צו די דאזיקע נאמינאציעס, ניט חס וחלילה צוליב רעליגיעזער טאלעראנץ, נאר צוליב רוסיפיקאטארישע צוועקן. עס איז כמעט ניט געווען קיין רוסישע דאקטוירים. וואס שייך דאקטוירים-פאליאקן האט די רוסישע מאכט ניט גערן געוואלט זיי זען אלס ארדינאטארן, וואס עס באווייזט דער פאקט וועגן דעם ארדינאטאר פון סאוויטש-שפיטאל, יאן וויזגי, ביי וועלכן דער גובערנאטאר האט בעת דער נאמינאציע גענומען א ווארט, אז ער וועט זיך צו די קראנקע ווענדן אויסשליסלעך אין דער רוסישער שפראך. אזוי ארום האט די רעגירונג בעסער געוואלט זיך באנוצן מיט יידישע דאקטוירים, וועלכע זי האט נאמינירט אלס ארדינאטארן אין יידישן שפיטאל און זיי באזעצט אויף פאסטנס אויך אין אנדערע שפיטאלן.

אמאל פלעגן אין שפיטאל קומען נאר ארימע לייט, איצט טרעפט מען צווישן די פאציענטן זייער אפט בעלי מלאכות, קליינע סוחרים, אומפארמעגלעכע ארבעטנדע אינטעליגענץ. דער פאקט וואס די דאזיקע עלעמענטן האבן אמאל געפעלט, ערקלערט זיך דערמיט, וואס צווישן די ברייטע פאלקס-מאסן איז דער יידישער שפיטאל געווען באקאנט אונטער דעם נאמען „הקדש״, וואס באטייט, אז פון דער דאזיקער אינסטיטוציע זיינען בארעכטיקט צו געניסן נאר די ארעמע לייט. נאך ביז היינט האבן זיך פיל ניט באפרייט פון באנוצן אין באצוג צום יידישן שפיטאל דאס ווארט „הקדש״, וואס באטייט א געוויסע גרינגשעצונג.

אין די פריערדיקע יארן, איז א פאציענט א קריסט געווען אן אויסנאם אין יידישן שפיטאל און אין דער פסיכיאטרישער אפטיילונג, מיט וועלכע איך האב לאנג אנגעפירט, איז בעת דער דייטשער אקופאציע ניט געקומען אפילו קיין איין קריסט. דערפאר אבער איז די לעצטע יארן דאס צונעמען אין יידישן שפיטאל קריסטלעכע פאציענטן געווארן אן אלטעגלעכע זאך, אזוי אז אין יאר 1926 האט די צאל קריסטלעכע פאציענסן באטראפן 35 פראצ׳ פון דער אלגעמיינער צאל קראנקע. צוליב דעם האט מען אין יאר 1925 איינגעארדנט א באזונדערן מתים-שטיבל פאר קריסטן.

דער עלטסטער שעף דאקטאר איז געווען דער וויכאוואנעק פון ווילנער אוניווערסיטעט ד״ר טראכטנבערג. ער איז אין ווילנע געווען זייער פאפולער, און האט אימפאנירט מיט זיין פאטריארכאלן אויסזען. מען פלעגט וועגן אים דערציילן פארשיידענע אנעקדאטן. ער פלעגט זאגן, אז „דער גאנצער יידישער בית-הקברות איז פול מיט זיינע פאציענטן״. מען דערציילט נאך וועגן אים, אז ווען ער איז שוין אלט געווארן, האבן אים זיינע פאציענטן אנגעהויבן צו פאראטן. דער אלטער טראכטנבערג האט זיך דערפון שטארק איבערגענומען און ער האט זיך אויסגעדריקט: „איר דארפט וויסן, אז אין הימל ווערט באשטימט וויפיל פאציענטן יעדער דאקטאר דארף אוועקשיקן אויף יענער וועלט. איך האב אין פארלויף פון מיין לאנגיאריקער פראקטיק מיין אויפגאבע דערפילט. און דעריבער זיינען די, וועלכע היילן זיך איצט ביי מיר, ניט אויסגעשטעלט אויפן טויט:

אין יאר 1880 איז ער אויסגעקליבן געווארן אלס ערן-מיטגליד פון דער ווילנער מעדיצינישער געזעלשאפט צום אנדענקען פון זיין 50יאריקער טעטיקייט. זיין בילד איז מיר געלונגען אויסצוזוכן אין מוזיי פון דער היסטארישער-עטנאגראפישע געזעלשאפט און איצט הענגט עס איבערן טיש פון שעף-דאקטאר.

נאכן טויט פון ד״ר טראכטנבערג האבן דעם פאסטן פון שעף-דאקטאר פארנומען סאמעלזאן, פייפער, ל. גערשון, טורטשאנינאוו, זאלקינד און דער שרייבער פון די שורות. אלס שעף-דאקטאר פלעגט מען, אלזא, פאר די רוסישע צייטן נאמינירן אויך ניט-יידן, ווי, למשל, דעם דייטש פייפער און דעם רוס טורטשאנינאוו.

נאך טורטשאנינאוון איז באשטימט געווארן אויף דעם דאזיקן פאסטן ד״ר זאלקינד, וועלכער האט אין פארלויף פון זיין 40יאריקער פרוכטבארער ארבעט זייער פיל מיטגעווירקט צו דער אנטוויקלונג פון שפיטאל.

פון פעברואר 1924 ווען ד״ר זאלקינד האט צוליב זיין קראנקייט אויפגעהערט אמטירן, האט דער מאגיסטראט פאראָרדנט, אז איך, דער עלטסטער ארדינאטאר, וואס פלעגט אויך פריער זיין דער פארטרעטער פון שעף-דאקטאר זאלקינד, זאל צייטווייליק איבערנעמען די פונקציעס פון דירעקטאר פון שפיטאל. נאכן טויט פון ד״ר זאלקינד (מאי 1924) איז אקטועל געווארן די פראגע, ווער זאל נאמינירט ווערן אלס עטאטאווער דירעקטאר פון יידישן שפיטאל. ס׳האבן קאנדידירט 2 דאקטוירים: דער פארשטארבענער ד״ר צמח שאבאד און איך. אויף

דער וואל=פארזאמלונג פון די יידישע כלל - טוער האבן אבער מיר ביידע באקומען א גלייכע צאל שטימען. מען האט דעם פראטאקאל אפגעשיקט אין מאגיסטראט צו דעצידירן. דער לעצטער האט נאמינירט אלס שעף ד״ר דעם שרייבער פון די שורות, און איך האב דעם פאסטן פון שעף=דאקטאר פארנומען פון 1סן פעברואר 1924 ביז דעם 1טן אפריל 1937 ווען איך בין אריבער אויף עמעריטור.

IV

דער מאגיסטראט האט זיך די גאנצע צייט טאלעראנט באצויגן צום יידישן שפיטאל. דער שפיטאל האט געהאט אלע אפטיילונגען (אינערלעכע כירורגישע, גינעקאלאגישע און פאר קימפעטארינס, פסיכיאטרישע ווי אויך שפעטער א קינדער=אפטיילונג). בעטן האט דער שפיטאל געהאט 150. דער מאגיסטראט האט אינגאנצן אויסגעהאלן דעם שפיטאל און דער יערלעכער בודזשעט האט דערגרייכט 260 טויזנט גילדן.

דער יידישער שפיטאל איז געווען באַרעכטיקט, גלייך מיט אנדערע שטאטישע שפיטאלן, צוצונעמען קראנקע אן אונטערשייד פון נאציאנאליטעט און רעליגיע, אזוי, אז צייטנווייז פלעגט די צאל קריסטלעכע חולאים אפילו אריבערשטייגן די צאל יידישע. דאס האט ניט איין מאל געגעבן א געלעגנהייט פאר בייזע צינגער צו טרייבן רכילות אויף מיין אדרעס, אז איך חנפה זיך צום מאגיסטראט און דערלאז ניט אין שפיטאל קיין יידישע חולאים. אבער סיי דער פערסאנאל, סיי די שפיטאל=אדמיניסטראציע זיינען עדות, אז אונדזערע געמיינזאמע באמיאונגען האבן בשום אופן ניט געקענט דערפירן, אז די צאל יידישע פאציענטן זאל אריבערשטייגן מער פון 50 פראצ׳. די סיבה איז געווען א פשוטע: דער יידישע שפיטאל האט פאר דער צייט באקומען 2 שטארקע קאנקורענטן: דעם משמרת=חולים פאר דער מלחמה און שפעטער די אוניווערסיטעט=קליניק, וועלכע האבן צוגענומען א גרויסן טייל יידישע חולאים. במילא האט דער יידישער שפיטאל ניט געקענט דינען אלס רעזערוואר, וואס זאל ארייננעמען א באדייטנדע צאל אויסשליסלעך יידישע פאציענטן.

אויסער היילן קראנקע, האט דער שפיטאל ערפילט אויך באדייטנדע אנדערע פראקטיש=נוציקע פונקציעס: ווען עס איז ארויסגעגעבן געווארן א געזעץ, אז די יונגע דאקטוירים זיינען מחויב נאכן ענדיקן דעם מעדיצינישן פאקולטעט א יאר צייט צו ארבעטן אין א שפיטאל און אויף אלע אפטיילונגען, איז דער יידישער שפיטאל אויך געווארן באַרעכטיקט ארויסצוגעבן די געענדיקטע דאקטוירים אנטשפרעכנדע צייגענישן, און די וואיעוואודסטווע האט קיינמאל די צייגענישן פון יידישן שפיטאל ניט געפסלט.

אויסער יידישע דאקטוירים פלעגן אין געוויסע פאלן זיך פארשרייבן אויפן יאר פראקטיקע אין יידישן שפיטאל אויך קריסטלעכע יונגע דאקטוירים. פאר די ארדינאטארן פון שפיטאל איז געווען אבליגאטאריש אין זייערע אפטיילונגען צו לערנען די יונגע דאקטוירים און שפעטער פלעגן זיי פון מיר, אלס דירעקטאר פון שפיטאל, באקומען א באשייניקונג. דער מאגיסטראט פלעגט אין דעם ארט ניט קאנטראלירן ניט די ארדינאטארן און ניט דעם דירעקטאר און נאר פאדערן צו רעגולירן די נארמע פון די צאל פראקטיקאנטן אויף יעדער אפטיילונג באזונדער. דורכשניטלעך פלעגט די צאל פראקטיקאנטן דערגרייכן ביז 12—10 מאן א יאר.

אויסער פראקטיקאנטן, פאר וועלכע זער טערמין פון ארבעט אין אלע אפטיילונגען איז



ד״ר א. זאלקינדסאן

לאנגיאריקער כירורג אין יידישן שפיטאל— איצט אין עמעריטור.

געווען פאראויסגעזען נאר אויף 1 יאר, פלעגט דער שפיטאל אננעמען אויך וואלאנטער=דאקטוירים, וואס האבן געשטרעבט צו פארפולקומען זיך אין א באשטימטער ספעציאליטעט. אזעלכע פלעגן צוגעלאזט ווערן צו דער ארבעט לויט דעם איינזען פון דירעקטאר פון שפיטאל מיט דער פארמעלער הסכמה פון מאגיסטראט.

א באזונדער גרופע פראקטיקאנטן האבן געבילדעט די תלמידות פון דער שוועסטער=שול ביי „טאז״. די ערשטע צייט האט זיך דער מאגיסטראט צו זיי באצויגן מיט חסד, אבער שפעטער האט מען פאר זיי גענומען איינפירן באגרענצונגען: מען האט פארקלענערט די צאל תלמידות און „טאז״ האט געמוזט צאלן דעם שפיטאל צו 2 גילדן פאר יעדער שילערין אלע 2 וואכן. דער דירעקטאר פון שפיטאל פלעגט אין אינדעקסט פון די שילערינס חתמהנען

די צייט פון זייער ארבעט און זייערע פארשריטן. איצט צאלט „טאז״ 50 גילדן א חודש פאר אלע תלמידות צוזאמען.

V

ביז 1932 איז ניט געווען צו מערקן קיין בייזע כוונות מצד דעם מאגיסטראט לגבי דעם יידישן שפיטאל. אבער פון יאר 1932 אן האבן גענומען בלאזן נייע ווינטן אין היגן שפיטאל-וועזן, וואס האבן קיין גוטס ניט אנגעזאגט אויך פארן יידישן שפיטאל.

דער שעף-דאקטאר פון געזונטהייטס-אפטיילונגביים מאגיסטראט ד״ר סאפארעוויטש האט אויסגעארבעט א פראיעקט צו קאנצענטרירן די 4 שטאטישע שפיטעלער — יאקוב, סאוויטש, קינדער-שפיטאל און דעם יידישן — אין איין שפיטאל, אין בנין פון שפיטאל יאקוב, צוליב מעדיצינישע און פינאנציעלע מאטיוון.

ביי אזא קאנסטרוקציע, — האט ער געטעהנט, — וועט מען ניט דארפן צאלן שכירות 4 דירעקטארן און 4 אינטענדענטן, ווייל עס וועט קלעקן 1 דירעקטאר און 1 אינטענדענט פאר אלע 4 שפיטאלן. חוץ דעם וועט מען ניט דארפן מאכן הוצאות אויף 4 קאמפלעטן אינסטרומענטן און אפאראטן. עס וועט זיין געניג 1 רענטגען-אפאראט אאז״וו. ועל כולם: אלע ספעציאליטעטן וואלטן געווען קאנצענטרירט אין איין ארט און ניט ווי ביז איצט, למשל, הויט- און וועגערישע-קראנקייטן אין סאוויטש און קינדער-קראנקייטן ערגעצוואו אויף אנטאקאל.

וואס שייך דעם יידישן שפיטאל האט ער נאך אנגעוויזן אויף א ריי סאניטארע דעפעקטן, ווי למשל דאס, וואס דער שפיטאל איז אין מיטן שטאט אויף א רוישנדער גאס וכדומה. ער האט אויך אין זיין פראיעקט באטאנט א וויכטיקן פינאנציעלן פרט, דהיינו, אז דער מאגיסטראט קען איינשפארן יערלעך 87 טויזנט גילדן, ווען מען ליקווידירט דעם יידישן שפיטאל און מען עפנט ביים שפיטאל יאקוב אן אפטיילונג פאר יידישע קראנקע.

אלס ערשטער קרבן פון פראיעקט צו רעפארמירן אין ווילנע דאס שפיטאל וועזן איז געפאלן דער שטאטישער קינדער-שפיטאל, וועלכן מען האט אן טומל ליקווידירט און געעפנט ביים שפיטאל יאקוב אן אפטיילונג פאר קינדער-קראנקייטן. אין 1933 האט דער זעלביקער גורל געזאלט טרעפן אויך דעם יידישן שפיטאל.

אויף דער טענדענץ צו רעדוצירן דעם יידישן שפיטאל האבן שוין פריער אנגעוויזן פארשיידענע פאקטן. די שטאטישע פסיכיאטרישע אפטיילונג ביים יידישן שפיטאל האט מען צוגעמאכט און איינגעארדנט איר ביים שפיטאל סאוויטש. אויסער דעם האט מען, כלומרשט צוליב סאניטארע טעמים, די פרויען-פאלאטע פאר אינערלעכע-קראנקייטן ביים יידישן שפיטאל געשלאסן און איר פאראייניקט מיט דער אינערלעכע מענער-פאלאטע אין סאוויטש. מען האט אויך עקשנותדיק איבערגעגעבן קלאנגען, אז דער שעף-דאקטאר פון געזונטהייטס-אפטיילונג ד״ר סאפארעוויטש האט צוגעגרייט א דעקלאראציע צו דער יידישער קהילה, אז זי זאל איינגאנצן איבערנעמען דעם יידישן שפיטאל אונטער איר אויפזיכט און אז נאר אין לעצטן מאמענט האט ער זיך אפגעהאלטן די דעקלאראציע אפצושיקן צו דער קהילה.

דעם 2טן נאוועמבער 1933 האט ד״ר סאפארעוויטש צוזאמענגערופן אין לאקאל פון געזונטהייטס-אפטיילונג ביים מאגיסטראט א זיצונג פון ראט פון שפיטאל-דאקטוירים.

עפנענדיק די זיצונג האט ער אומגעריכט פאר אלעמען געמאלדן, אז אויפן סדר-היום שטייט די פראגע וועגן ליקווידירן דעם יידישן שפיטאל. אין דער זיצונג האבן אנטייל גענומען 12 דאקטוירים צווישן זיי: 2 יידן — איך און ד״ר מארגאליס.

געוואלדיק איבערראשט פון אנגעזאגטן טויט-אורטייל איבערן יידישן שפיטאל, האב איך גענומען א ווארט און שארף פראטעסטירט קעגן אטענטאט אויפן יידישן שפיטאל צוליב וואס עס איז געקומען צו אן אויפגערעקטן איבערווערטלען זיך סיי צווישן מיר מיטן ד״ר סאפארעוויטש, סיי מיט די אנדערע דאקטוירים. דאך האט מיין פראטעסט א ביסל געווירקט און דער פארזיצער האט מסכים געווען דערווייל דעם ענדגילטיקן באשלוס אפצולייגן אויף א וואך צייט.

דעם 9טן נאוועמבער איז מען זיך ווידער צונויפגעקומען. אין מיין רעדע האב איך אין א נאך שארפערער פארם ווי דעם ערשטן מאל אפעלירט צום יושר געפיל, געשטיצט זיך אויף היסטארישע טראדיציעס, אנגעוויזן אויף דער נויטווענדיקייט פון א רעליגיעז-נאציאנאלער סביבה פאר יידן. מיט מיין אפעל האבן זיך סאלידאריזירט נאר דער יידישער ד״ר מארגאליס און דער פפ״ס טוער ד״ר דאבזשאנסקי. אלע איבעריקע 9 קריסטלעכע דאקטוירים האבן געשטימט פארן פראיעקט צו ליקווידירן דעם יידישן שפיטאל.

ביי דער געלעגנהייט איז כדאי צו דערמאנען א היסטארישן מאמענט פון 20 מערץ 1923. דער ענדעקישער וויצע-פארזיצער פון מאגיסטראט

לאקוציעוווצקי איז אויך דאן ארויסגעטראטן אויף א זיצונג פון דער סאניטארער קאמיס'ע מיט א פארשלאג צו שליסן דעם יידישן שפיטאל, כדי צו רעדוצירן די הוצאות אויף די שטאטישע שפיטעלער. אבער אויף יענער זיצונג זיינען סיי די יידן און סיי די קריסטן פה אחד שארף ארויסגעטראטן קעגן דעם פארשלאג. באמת די צייטן האבן זיך געביטן!

נאך דעם באשלוס צו ליקווידירן דעם יידישן שפיטאל איז דער גורל פון שפיטאל געהאנגען אויף משקולת. ווי חייט אקטועל עס איז געווארן די פראגע וועגן „רעפארמירן“ דעם שפיטאל וועזן, קען דינען אלס באווייז דער דאקומענט פון מאגיסטראט, געה מעט דעם 7טן נאוועמבער, אין וועלכן מען אינפארמירט מיר, אז א טעכניק צוזאמען מיטן אנפירער פון אדרעסן־ביורא ביים מאגיסט־ראט וועט קומען באקוקן דעם 2טן גארן אין שפיטאל. אגב איז געווען גראד אזא צוזאמענטרעף פון געשעענישן, אז ביים שפיטאל יאקוב זיינען

ב. לעווינסאן

לאנגיאריקער פעלדשער אין יידישן שפיטאל — איצט אין עמיריטור

ליקווידירט געווארן 2 אוניווערסיטעטישע קליניקעס, בכן איז פריי געווארן א בנין אויף 100 בעטלעך, און זיי וואלטן געקאנט אריינגעמען אלע קראנקע פון יידישן שפיטאל. עס איז אבער מקוים געווארן מרדכיס צוזאג (מגלת אסתר, ד—יד), אז אין א עת־צרה „רוח והצלחה יעמוד ליהודים ממקום אחד“: א דאנק „העכערע“ טעמים איז דער אימפעט פון ליקווידירן דעם יידישן שפיטאל פארהאמעוועט געווארן...

אנהויב 1937 האט זיך א נייע כמארע אנגערוקט אויפן יידישן שפיטאל. אין שפיטאל יאקוב האט רעזיגנירט פון דער שטעלע אן ארדינאטאר פון דער כירורגישער אפטיילונג. לויט ווי ס'פירט זיך באשטימט מען אין אזא פאל א קאנקורס צו קלייבן א נייעם ארדינאטאר. אנשטאט דעם האט דער מאגיסטראט די 2 כירורגן פון יידישן שפיטאל אריבערגעטראגן אין יאקוב־שפיטאל און געשלאסן פולשטענדיק די כירורגישע אפטיילונג אין יידישן שפיטאל.

קורץ נאך א דעם קלאפ פארן יידישן שפיטאל האט דער מאגיסטראט ארויסגעגעבן א פארארדנונג, אז מהיום והלאה זאלן ניט־יידישע חולאים לגמרי אין יידישן שפיטאל ניט אנגענומען ווערן.

אויף א פארזאמלונג פון יידישע כלל־טוער אין חודש מערץ האב איך דעם האסטיקן גאנג פון א־די געשעענישן פארגליכן מיט דער טראגעדיע פון איובן: „עוד זה מדבר וזה בא“. און טאקע באלד נאך דעם, בערך אין א וואך ארום, בין איך אינפארמירט געווארן, אין א פרידלעכן טאן, אז איך גיי אריבער אויף עמיריטור פון 1טן אפריל צוליב אפשפארונגס־צוועקן, ווייל דער פאסטן פון א באזונ־דער דירעקטאר אין א קליינעם שפיטאל איז איבעריק און די דאזיקע פונקציעס וועט דערפילן איינער פון די ארדינאטארן.

אזוי ארום האב איך נאך 36 יאר מיט 1 חודש ארבעט אין יידישן שפיטאל פארלאזן מיין פאסטן. (1 אפריל 1937).

ביי דער געזעגענונג האט דער מאגיסטראט מיך האנארירט מיטן טיטל ערן־קאנסולטאנט פון יידישן שפיטאל און דער שטאט־פרעזידענט האט אין זיין שריפטלעכן דעקרעט צו מיר, באטאנט מיינע אדמיניסטראטיווע פארדינסטן און באזונדערס די פארדינסטן אלס לאנגיאריקער דערפארענער לייטער פון דער פסיכיאטרישער שטאטישער אפטיי־לונג. דער גאנצער פערסאנאל פון שפיטאל האט לכבוד מיר איינגעאָרדנט א פייערלעכן אפשייד־באנקעט אין בנין פון שפיטאל, וואו מען האט אויפגעהאנגען מיין פארטרעט און אויך א באזונדער אויפנאמע פון פערסאנאל מיט מיר צוזאמען.

VI

איך וויל ענדיקן מיין ארטיקל מיט א פאר זייטיקע השערות וועגן ווייטערדיקן קיום פון יידישן שפיטאל:

פאר מיר פערזענלעך איז קלאר, אז אויב דער מאגיסטראט האט אנגענומען אנהויב 1937 דעם פרינציפ צו איזאלירן יידישע קראנקע פון ניט־יידישע, האט ער גלייכצייטיק געמוזט זען אויך צו זארגן וועגן דעם זעלבשטענדיקן קיום פון א יידישן שפיטאל אין אונדזער שטאט, וואו די יידן בילדן קרוב 30 פראצ' פון דער באפעלקערונג.

דערצו איז אין ווילנער קאנט צו דער זעלבער צייט, ווי אין גאנצן לאנד, ארויסגערוקט געווארן אין א ברייטן פארנעם די איניציאטיוו פון גרויסן

ווירטשאַפטלעכן פאַרמעסט צו פאַרשענערן אונדזער שטאָט.

צוליב אָ־די צוויי טעמים האָט מען בשום אופן ניט געקענט באַגאַטעליזירן אַ גרויסן און וויכטיקן בנין אויף זאַוואַלנע גאַס אין מיטן שטאָט, און מען האָט זיך געמוזט נעמען פאַרפּיינערן אים, בפרט נאָך ווען כמעט טאָג טעגלעך אַסיגנירט מען בשפע סומעס אויף אינוועסטיציעס און עסטעטיק.

אָט די פּאָר טעמים האָבן לויט מיין השערה באַוואויגן דעם מאַגיסטראַט צו פאַרפעסטיקן אויך דעם ניט זיכערן פונדאַמענט פון שפּיטאָל און דעם בנין צו פאַרשענערן און ווי מיר ווייסן איז 2 דריטל פון געפּלאַנטן רעמאָנט שוין געוואָרן דורכגעפירט.

איינער אַ שרה פון מאַגיסטראַט האָט זיך אויסגעדריקט גאַרנישט געלונגען, אַז דער שפּיטאָל־בנין איז פריער געווען ענלעך צו אַ „קלויז" און ניט צו אַ שפּיטאָל; שטרעבנדיק צו עסטעטיק האָט ער בכן באַפוילן דורכפירן אַ געהעריקן רעמאָנט. אמת, עס זיינען דאָ פּעסימיסטן, וואָס פּאַראומערן די מוחות מיטן פּסוק פון דער תּוכחה: „בית תבנה ולא תשב בו" (דברים, כ״ח, ל). איך האַלט דעם דאָזיקן פּעסימיזם פאַר איבערטריבן. אָבער אַ פּאָר באַוואָרענישן דאַרף מען פונדעסטוועגן מאַכן:

ווילנער יידן זיינען געווען זיכער, אַז דער בנין פון שפּיטאָל געהערט צום יידישן קהל. איך האָב שוין פון אָנהויב אַרטיקל אָנגעוויזן אויף אַ דאָקומענט פון שטאַטישן אַרכיוו, פון וועלכן עס איז צו זען, אַז דער שפּיטאָל־בנין איז טאַקע געווען אַן אייגנטום פון יידישן קהל. איך וויל אויך באַפעסטיקן אָ־די ראיה מיט נאָך אַ פאַקט:

דעם 22טן פעברואַר 1899 איז פאַרגעקומען אין ווילנע אַ גרויסע יידישע פאַרזאַמלונג וועגן בויען אַ נייעם יידישן שפּיטאָל. דער דאַמאָלסטיקער קוראַטאָר פון שפּיטאָל י. בונימאָוויטש האָט דאַן בפירוש געמאָלדן, אַז אויב מ׳זאָל בויען אַ נייעם שפּיטאָל קען מען פאַרקויפן דעם אַלטן בנין, וואָס געהערט צום יידישן קהל. דעם בנין האָט י. בונימאָוויטש אָפּגעשאַצט דאַן אין 70 טויזנט רובל.

איצט ווען דער מאַגיסטראַט האָט אויף זיין אייגענעם חשבון גרינדלעך דעם גאַנצן בנין איבער־געאַנדערשט ביז ניט צו דערקענען, כמעט ווי אויסגעבויט אַ נייעם שפּיטאָל, ווערט דאָך אינגאַנצן קאַסירט די תּביעה פון יידישן קהל אויף דאָס אייגנטום פון שפּיטאָל־בנין.

און נאָך אַ דאגה: דאָס פאַרקירצן די צאָל בעטלעך פון 150 אויף 90 (וועלכע זיינען אגב ניט אַלע מאָל פאַרנומען), וועט פירן דערצו, אַז דאָס דורכשניטלעכע אויסהאַלטן אַ קראַנקן אין יידישן שפּיטאָל וועט אויסמאַכן באַדייטנד טייערער, וויפיל עס קאָסט דעם מאַגיסטראַט אַ קראַנקער אין שפּיטאָל יאַקוב. דאָס איז אַ אומגינסטיקער מאָמענט, וואָס קען פאַרשאַרפן די באַציאונגען צווישן מאַגיסטראַט און דער קהילה.

אגב איז כדאי צו פאַרצייכענען דעם באַקאַנטן פאַקט, אַז דעם דיפערענץ אויפן פרייז פון כשרה פלייש אין פאַרגלייך מיט טרייפע אין שפּיטאָל־יאַקוב דעקט שוין זינט יאָרן די קהילה און ניט דער מאַגיסטראַט אַליין.

ב. סעגאל

יידן אין ווילנער שטאָט־ראַט



זומער 1934 זיינען באַשטימט געוואָרן וואַלן צום ווילנער שטאָטראַט. די יידישע פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס האָבן געבילדעט אַן אַזוי גערופענעם ביר־גערלעכן בלאָק, אין וועלכן ס'זיינען אַריין: די אַלגעמיינע ציוניסטן, רעוויזיאָניסטן, דעמאָקראַטן, סוחרים, קליינהענדלער, און האַנטווערקער.

די שטאָט איז צעטיילט געוואָרן אויף זעקס וואַלקרייזן. דער יידישער בלאָק אָבער האָט אַרויסגעשטעלט זיין ליסטע נאָר אין צוויי קרייזן, לויט אַ הסכם מיט די פּאָליאַקן.

אין צווייטן וואַלקרייז האָבן די יידן דורכגעפירט אַדוואָקאַט טשערניכאָוון און דעם אינזשענער ספּיראָ. אין דריטן קרייז, וואָס האָט אַ גרויסע יידישע באַפעלקערונג זיינען דורך 7 יידישע ראַטמענער: ד"ר י. וויגאָדסקי, ד"ר צימבלער, דער שרייבער פון די שורות, אינזשענער קאַווענאָקי, אינזשענער קראַקאָווסקי, ד"ר שאַבאַד און ג. זשוק. צוזאַמען האָט דער יידישער בלאָק, אַלזאָ, דורכגעפירט ניין ראַטמענער. חוץ דעם איז אויף שניפּישאָק אויסגעקליבן געוואָרן אין שטאָטראַט דער פּועלי־ציוניסט בורשטיין און אין פערטן קרייז איז דורך דער בונדיסט ד"ר ראַפעס און נאָך זיין אַוועקפאָר — אַדוואָקאַט טייטל.

די סאָציאַליסטישע ראַטמענער האָבן זיך ניט אָנגעשלאָסן אָן דער יידישער פראַקציע, אָבער אין אַלגעמיין יידישע פראַגן האָבן זיי אַלעמאָל געשטימט מיטן בלאָק.

במשך די יאָרן האָט זיך דער צוזאַמענשטעל פון דער יידישער פראַקציע שטאַרק געענדערט. עפּעס אַ טראַגישער פאַטום איז געהאַנגען איבער דער יידישער פראַקציע: שוין אין ערשטן יאָר פון איר עקסיסטענץ זיינען געשטאָרבן ד"ר שאַבאַד, אינזשענער ספּיראָ און ג. זשוק. דאָס זיינען געווען אַלטע געניטע און טריי איבערגעגעבענע יידישע כלל טוער וועמעס פאַרלוסט האָט זיך זייער שטאַרק געלאָזט שפּירן.

אויף דעם אָרט פון די געשטאָרבענע ראַטמענער זיינען אַריין לויט דער ריי פון די קאַנדידאַטן: אַליעזער קרוק, אינזשענער שאול טראָצקי און ירמיהו כאָלעם.

שפּעטער איז אַוועקגעפאָרן קיין פּאַלעסטינע דער ראַטמאַן אינז. קראַקאָווסקי און אויף זיין אָרט איז געקומען אַדוו. סטוטשינסקי.

ראַטמאַן כאָלעם האָט זיך מיט דער צייט אָפּגעזאָגט פון זיין מאַנדאַט און אויף זיין אָרט איז אַריין אַדוואָקאַט רודניצקי. און בעת דער שרייבער פון די שורות איז געוואָרן לאַווניק — איז אויף זיין אָרט אַריין אין ראַט דער פאָרזיצער פון קליינהענדלער פאַרבאַנד א. ווידוטשאַנסקי.

אַזוי אַרום האָט זיך אינגאַנצן געביטן דער ערשטער צוזאַמענשטעל פון די יידישע ראַטמענער.

שוין אויף איר ערשטער זיצונג האָט די יידישע פראַקציע אויסגעוויילט אַ פּרעזידיום אין באַשטאַנד פון ד"ר וויגאָדסקי (פאָרזיצער), אַדוו. טשערניכאָוו (וויצע) און מיר (סעקרעטאַר).

די ווילנער יידישע באַפעלקערונג האָט לויט איר צאָל געהאַט רעכט אויף אַ וויצע פּרעזידענט פון שטאָט. לויט די נייע געזעצן וועגן די זעלבסט־פאַרוואַלטונגען האָט די פאַקטישע אָנפירונג מיט דער שטאָט־פאַרוואַלטונג געהערט צו דעם פּרעזידענט און צו די צוויי וויצעס. ס'האָבן זיך דעריבער געפירט לאַנגע אונטערהאַנדלונגען מיט די פּוילישע ראַטמענער וועגן אַ יידישן וויצע - פּרעזידענט. נאָר ליידער האָט זיך די ווילנער יידן ניט איינגעגעבן צו באַקומען אַ יידישן וויצע פּרעזידענט. אַלע פּאָסטנס אין פּרעזידיום האָבן פאַרנומען די פאָרשטייער פון דער סאַנאַציע־גרופּע, וועלכע האָט געהאַט אין שטאָטראַט אַן אַבסאָלוטע מערהייט.

די יידן האָבן בעת די פּרעזידיום וואַלן דעמאָנסטראַטיוו אַרויסגעשטעלט אויפן אַמט פון אַ וויצע־פּרעז' די קאַנד' פון ד"ר וויגאָדסקי, וועלכער האָט באַקומען נאָר די שטימען פון זיין פראַקציע.

פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אין ווילנע איז דאָס געווען אַ ערנסטער קלאַפּ, ווייל דאָס האָט איר באַזייטיקט פאַקטיש פון האָבן אויך אַן איינפלוס אויף די שטאָטישע ענינים.

דער מאַגיסטראַרט באַשטייט, ווי באַקאַנט, פון אַ פּרעזידיום און לאַווניקעס. אין ווילנער מאַגיסטראַט זיינען דאָ זיבן לאַווניקעס.

די ווילנער יידן האָבן געקענט דורכפירן בלויז איין לאַווניק לויט דער פראָפּאָרץ פון זייער פאָרשטייערשאַפט אין שטאָטראַט.

אזוי ארום האט זיך איינגעגעבן אריינצוזעצן איין איינציקן ייד אין מאגיסטראט.

פארשטענדלעך, אז די ראל פון אט-דעם איינציקן פארשטייער פון דער ווילנער יידישער באפעלקערונג איז זייער א שווערע און נאך גרעסער איז דעריבער די פאראנטווארטלעכקייט.

די פראגע וועגן קאנדידאטן אויפן פאסטן פון א יידישן לאווניק האט דעריבער ארויסגערופן א ערנסטע זארג ביי דער יידישער פראקציע. די ראטמענער פון יידיש בירגערלעכן בלאק זיינען פון פארשיידענע ריכטונגען און זיי האבן זיך בשום אופן ניט געקאנט צונויפריידן וועגן א פערזאן

דער טעטיקייט פון די יידישע פארשטייער אין ווילנער שטאטראט. איך באגרעניץ זיך אבער מיט א קורצן איבערבליק.

דער אידעאל פון א שטאטישער זעלבסטפאר-וואלטונג איז: באגרענעצן זיך מיט ריין-ווירטשאפט-לעכע פראגן. לײדער אבער, אונטערן דרוק פון דער אלגעמיין פאליטישער לאגע, איז, ווי א רויטער פאדים, די טעטיקייט פון דעם ווילנער זעלבסט-פארוואלטונג תמיד באגלייט געווארן דורך פאליטישע מאמענטן. אין א-דער הינזיכט האבן זיך דער עיקר געפלייסט די ענדעקישע ראטמענער, וועלכע האבן אויף א גאנצע ריי שטאטראט-זיצונגען פארגעלייגט

די יידישע ראטמענער אין ווילנער שטאט-ראט

ערשטע ריי אויבן פון רעכטס: אדוו' י. טשערניכאוו, ד"ר י. וויגאדסקי, אינזש' א. קאווענאקי, אינזש. ש. סראצקי.
צווייטע ריי: א. ווידוסשאנסקי, א. קרוק, אדוו' א. רודניצקי, אדוו' מ. סטוטשינסקי, אדוו' י. טייסעל, בורשטיין.
ס'פעלן: לאווניק ב. סעגאל — (מחבר פון ארטיקל) און ד"ר א. צימבלער.

אויפן פאסטן פון א יידישן לאווניק. ס'איז דעריבער ארויסגערוקט געווארן אן אויפגאבע צו געפינען א פערזאן, וועלכער זאל קאנען באפרידיקן אלע ריכטונגען. ס'זיינען פארגעקומען א ריי שטורמישע זיצונגען אין וואוינונג פון ד"ר שאבאד ע"ה ביז די מערהייט ראטמענער האבן זיך ענדלעך אפגעשטעלט אויף דער פערזאן פון אינזשינער ט-ב, וועלכער האט פארנומען דעם פאסטן פון א לאווניק ביז יאנואר 1936, ווען ער איז פון זיין פאסטן אוועק איז דאן אויף זיין ארט געקליבן געווארן אלס לאווניק דער שרייבער פון די שורות.

מען וואלט זייער אסך געקאנט שרייבן וועגן

גערוקט דעמאנסטראטיווע אנטי-יידישע פארשלאגן, ווי איינפירן א געטא אויף די מערק, צונעמען ביי די יידישע שולן די סובסידיעס אד"גל.

איבעריקנס, אויך אין דער סאנאטארישער פראקציע, וועלכע בילדעט די מערהייט אין שטאט-ראט, זיינען שוין פון אנהויב אן געוועזן געוויסע ראטמענער געשטימט קעגן יידן (וועגן די איצטיקע אנטיסעמיטישע שטימונגען זייערע איז שוין אפגערעדט).

אויס אביעקטיוויטעט מוזן מיר אונטערשטרייכן, אז דער פארזיצער פון שטאטראט פרעזידענט מאלישעווסקי האט אויף די זיצונגען אביסל

איינגעהאַלטן די אַנטיסעמיטן און זיי ניט אַלעמאָל דערלויבט מאַכן פאָרשלאָגן און באַהאַנדלען אַנטי־יידישע פּאָסטולאַטן, וועלכע זיינען אָפן געווען קעגן די עקסיסטירנדיקע געזעצן.

כאַראַקטעריסטיש איז אויך, אַז די אינערלעכע באַציאונגען צווישן די ראַטמענער זיינען אַסך בעסערע, ווי אין פיל אַנדערע שטעט. שוין אָפּגע־רעדט וועגן לאָדז*, וואו צווישן די ראַטמענער זיינען פאָרגעקומען סקאַנדאַלן און אַפילו געשלעגן און דאָך איז די לאַגע פון די יידישע ראַטמענער אַ טראַגישע. די קליינע גרופּע פון 12 יידישע ראַטמענער לגבי דער אַלגעמיינער צאָל פון 75 האָט קיינמאָל ניט קיין שום שאַנסן דורכצוזעצן אירן אַ פאָרשלאָג.

דעם שווערסטן קאַמף האָבן די יידן אויסצושטיין בעת די בודזשעט־וויכּוחים. ווען אויף די זיצונגען פון שטאָטראַט ווערן באַהאַנדלט די סמעטעס פאַר דער שטאָטישער הוצאה. במשך פון יאָרן פלעגן די יידן באַקומען באַשטימטע סומעס אויסצוהאַלטן די יידישע שולן. אָבער מיט דער פאַרשטאַרקונג פון די אַנטי־יידישע איינפלוסן האָבן זיך אָ־די פּאָזיציעס פון יאָר צו יאָר כּסדר פאַרקלענערט. נאָך אין 1934—35 האָט מען אויף יידישע שולן אַסיגנירט 116 טויזנט גילדן, אָבער אין 1938 באַטרעפט שוין די סובסידיע קוים 38 טויזנט ג. און מיר קענען ניט וויסן, וואָס מיט דער סובסידיע וועט זיין ווייטער.

די יידישע פראַקציע האָט געפירט אַ שווערן קאַמף אָפּצוראַטעווען דעם יידישן שפּיטאָל, וועלכן מען האָט ניט אַנדערש געוואָלט דורכאויס ליקווידירן**.

* דער אַרטיקל איז אָנגעשריבן געוואָרן נאָך פאַר די לעצטע שטאָטראַט-וואַלן אין לאָדז. ר ע ד.

** זע דעם אַרטיקל וועגן ד״ר ווירשובסקי ר ע ד.

צום גליק האָט די פראַקציע די גזרה אָפּגעשריען און דער יידישער שפּיטאָל איז געבליבן.

אין ריין ווירטשאַפטלעכע פראַגן קומט אויס דעם יידישן לאַווניק צו פירן אַ כּסדרדיקן קאַמף אויף די זיצונגען פון מאַגיסטראַט פאַר די יידישע אינטערעסן. איך האָב דאָ אין זינען די פאַרשיידענע שטאָטישע אונטערנעמונגען, וואו פון יאָר צו יאָר ווערט אַלץ קלענער דער יידישער אָנטייל. די ענדעקישע פאָרשטייער פלייסן זיך כּסדר אויף די זיצונגען צו באַזייטיקן די יידישע אונטערנעמער מיט כּלערליי תּירוצים.

אַלע געדענקען נאָך די פאַראָרדנונגען פון מאַגיסטראַט און פון פּרעזידיום וועגן באַזייטיקן די סטראַגאַנעס פון די מערק, און דעם פאַרבאָט צו האַנדלען מיט געוויסע סחורות א. אַ. וו. די יידישע פאָרשטייער אין שטאָטראַט און אין מאַגיסטראַט האָבן געמוזט אויף זייערע פּלייצעס אויסטראָגן אַ קעגן־קאַמף.

ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די יידישע ראַטמענער האָבן זיך געמוזט ווענדן מיט אָנקלאַגעס צו דער אויפזיכטס־מאַכט קעגן די עוולות פון די שטאָטישע אָרגאַנען.

חוץ דער טעטיקייט, וואָס ס׳קומט אויס צו פירן אויף די זיצונגען, פאַלט אויס זייער אַסך אַרבעט אויף די יידישע פאָרשטייער אין שייכות מיט די פאַרשיידענע אַזוי גערופענע אינטערווענצן. ס׳גייט ניט אַדורך קיין איין וואָך, בוכשטעבלעך, ס׳זאָל זיי ניט אויסקומען צו ווענדן זיך מיט ביטעס און פאָדערונגען צו די פאַרשיידענע שעפן פון די סעקציעס, צום פּרעזידיום א. אַ. וו.

דאָס איז די קאָנקרעטע הילף, אין וועלכע, ליידער, ס׳נויטיקט זיך אין איצטיקן מאָמענט די פאַראָרימטע יידישע באַפעלקערונג.

בער וואַלקינד

יידישע פּלאַסטישע קונסט און קינסטלער אין ווילנע

ווען מען זאָגט מיר פאַרגעלייגט אָנשרייבן אַן אַרטיקל אויף דער אויבן דערמאָנטער טעמע, האָב איך זיך געטראַכט:

יידישע פּלאַסטישע קונסט אין ווילנע?... אָבער וואו איז עס?... ווילנער יידישע פּלאַסטיקער? יע, זיי זיינען דאָ!

עס וואָלט אויך געווען אין ווילנע יידישע פּלאַסטישע קונסט, ווען ווילנער יידן וואָלטן זיך אינטערעסירט מיט דעם, וואָלטן געזאַמלט בילדער, סקולפּטורן און צייכענונגען פון יידישע קינסטלער.

צום באַדויערן האַלט זיך דער ווילנער פונדערווייטנס פון פּלאַסטישע קונסט בכלל און פון יידישע בפרט — קען דעריבער קיין רייד ניט זיין וועגן יידישע פּלאַסטישע קונסט אין ווילנע.

וועגן ווילנער יידישע קינסטלער איז אָבער יע דאָ וואָס צו זאָגן. זייער רשימה איז אַ גאַנץ גרויסע און אַ בכבודיקע: דער סקולפּטאָר אַנטאָקאָלסקי, נחום אַראָנסאָן, בערנשטיין-סינאָעוו, שאַץ, ליפּשיץ, וואָס האָט זיך צוזאַמען געלערנט מיטן דיכטער ל. ניידוס אין אַ מיטל-שול, דער וועלט באַרימטער מאָלער סוטין, דער דורך און דורך ייִדישער, וועלט באַרימטער מאַנע-קאַץ, דער ווינער פּראָפעסאָר יהודה עפּשטיין, ל. סעגאַל, קרעמען, קיקאָין, בוטקא און אַ גאַנצע ריי אַנדערע, וואָס שטאַמען פון ווילנע, אָדער זיינען מיט ווילנע פאַרבונדן און האָבן דאָ באַזוכט די ווילנער צייכן-שול, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט געגרינדעט אין די 70-קער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט.

ניט קוקנדיק אויף דער אָפּגעשטאַנענקייט און פרעמדקייט פון די יידן צו דעם ענין קונסט, זיינען יידישע קינדער פון ווילנע און אַנדערע שטעט געווען אין אַ גאָר גרויסער צאָל פאַרטראָטן אין דער צייכן-שול. אויך די אַלע פריער דערמאָנטע קינסטלער האָבן געשטעלט זייערע ערשטע טריט אין אַ-דער שול. ווען ניט די ווילנער צייכן-שול, וואָלט זיכער די רשימה פון די ווילנער קינסטלער געווען אַ סך קלענער און וואָלט ניט געהאַט דעם אויסזען און דעם אָנזען, וואָס זי האָט איצט.

ביז די 90-קער יאָרן איז קיין באַוועגונג אויפן פּלאַסטישן קונסט-געביט אין ווילנע ניט געווען. די גאַנצע קונסט האָט זיך קאָנצענטרירט ארום דער ווילנער צייכן-שול.

די קינסטלער-פּלאַסטיקער אין ווילנע — דאָס זיינען געווען די עטלעכע רוסישע לערער, וואָס האָבן דאָ אונטעררריכט דעם צייכן לימוד אין די שולן. בילדער-אויסשטעלונגען זיינען צו יענער צייט אין ווילנע בכלל ניט געווען, אָדער זיינען פאַרגעקומען זייער זעלטן, איין מאָל אין אַ יובל.

ווילנע איז אַלע מאָל געווען, אַזוי צו זאָגן אַ קליינע נאַציאָנאַליטעטן-מדינה. אין די 90-קער יאָרן, ווען עס איז אויפגעקומען ביי די פאַרשיידענע ווילנער פעלקער דער קולטור נאַציאָנאַלער געדאַנק, האָט זיך גלייכצייטיק געשאַפן אַ באַוועגונג אויך אויפן געביט פון פּלאַסטישע קונסט. אַזוי צרום זיינען אַנטשטאַנען די ליטווישע קונסט-געזעלשאַפט, דער ווייסרוסישער מוזיי, אויסשטעלונגען פון פּוילישע קינסטלער אד״גל. ביי יידן אָבער, מיטן אויפקומען פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, איז די פּלאַסטישע קונסט אויך דעמאָלט געווען איגנאָרירט געפינענדיק זיך אין דער ווילנער יידישער סביבה, וואָס איר בעסטע רעפּרעזענטאַנטן האָבן זיך וועגן קונסט ווייניק וואָס געקימערט, האָבן די עטלעכע יידישע קינסטלער אין ווילנע קיין זעלבשטענדיקע טעטיקייט ניט געקענט פירן. זיי האָבן אָבער גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין דער ווילנער קונסט-געזעלשאַפט, וועלכע ס׳האָט געגרינדעט אין 1908 יאָר דער רוסישער קינסטלער ריבאַקאָוו, אַ לערער אין דער ווילנער צייכן שול. דאָס איז געווען אַ טיפּישער רוסישער אינטעליגענט, דעמאָקראַט און יידן-פריינט. זייער אַ ענערגישער, האָט ער ממש באַוויזן וואונדער אין זין פון פּראָפּאַגירן די פּלאַסטישע קונסט.

די ווילנער קונסט-געזעלשאַפט איז געווען אַן אינטערנאַציאָנאַלע: אין דער פאַרוואַלטונג זיינען אַריין רוסן, פּאָליאַקן, ליטווינער, ווייסרוסן. פון די יידן איז געווען דער שרייבער פון די שורות מיט-

גרינדער, פאַרוואַלטונגס־מיטגליד און די לעצטע דריי יאָר אויך סעקרעטאַר פון דער געזעלשאַפט.

דאָס איז נאָך געווען אין דער צייט, ווען מען האָט זיך ניט געבראָכן דעם קאָפּ איבער אַן אַרישער ראַסן־טעאָריע. די באַציאונגען צווישן יידן און ניט־יידן זיינען בלויז געווען באַציאונגען פון מענטשן צווישן זיך. דער אָנפירער פון דער קונסט־געזעלשאַפט איז געווען דער רוס ריבאַקאָוו, דער פאָרזיצער — דער שטאָט־פּרעזידענט, דער פּאָליאַק ווענסלאַווסקי. מען האָט צוזאַמען געאַרבעט, איינגעאָרדנט אויסשטעלונגען, רעפעראַטן און אָוונטן. פון יידן זיינען אויך געוואָרן מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט די קינסטלער: י. שער, ב. צוקערמאַן, ב. וואָלאַדימירסקי, לייבאָווסקי און קאָניק, וועלכער איז איין צייט געווען קאַנדידאַט אין דער פאַרוואַלטונג.

די פאַרצווייגטע טעטיקייט פון דער געזעלשאַפט אויף דעם פאַרוואָרלאָזטן פּלאַסטישן געביט אין ווילנע איז געוואָרן אָפּגעשטעלט גלייך מיטן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה. נאָך דער קריג איז שוין דער קאָנטאַקט צווישן די פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן אין ווילנע געווען איבערגעריסן. יעדערער האָט געמאַכט שבת פאַר זיך: די פּוילישע קינסטלער האָבן זיך אָרגאַניזירט אין צוויי פאַראיינען, פון פּוילישע פּלאַסטיקער און פון אומאָפּהענגיקע. די ווילנער ליטווישע קונסט־געזעלשאַפט איז אַריבער אין קאָוונע, די ווייסרוסן האָבן דאָ קיין גרויסע זאַכן ניט געקענט אויפטאָן. לפי־ערך האָבן די ווילנער יידישע קינסטלער אַרויסגעוויזן אַ מער אינטענסיווע טעטיקייט.

אין יאָר 1922 האָבן די יידישע קינסטלער ביי דער אַקטיווער מיטהילף פון אַרכיטעקטאָר ד. ראָזנהויז איינגעאָרדנט די ערשטע יידישע בילדער־אויסשטעלונג אין ווילנע, וואָס האָט אַ ביסל אויפגערודערט און אויפגעמונטערט די קינסטלער־רייען*. בילדער האָט מען אָבער פאַרקויפט ניט קיין סך. די וואַרשעווער יידישע קינסטלער האָבן דאָ אַ פּאָר מאָל געהאַט זייערע אויסשטעלונגען און אַנטוישטע אין די ווילנער קינסטלערישע פּערספּעקטיוון, שטעלן זיי שוין מער אין ווילנע ניט אויס. די ווילנער האָבן אָבער דעם מוט ניט פאַרלאָרן. מען האָט זיך אָרגאַניזירט אין אַ ווילנער יידישן פּלאַסטיקער־פאַראיין, מען האָט ווייטער איינגעאָרדנט אויסשטעלונגען אינדיווידועלע און קאָלעקטיווע. עס האָט זיך איין צייט געשאַפן אַ גרופּע יונגע, וואָס האָט אָרגאַניזירט אַ מאָדערניסטישע אויסשטעלונג א״נ „פון גלעזער גאַס ביזן שול־הויף״**.

דער קונסט אונטערנעמער א. סאַפּיר האָט אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָר איינגעאָרדנט ביי אַ 10 אויסשטעלונגען***. אין דער צייט פון אַלוועלטלעכן ייוואָ־צוזאַמענפאָר איז געווען אָרגאַניזירט אַן אויסשטעלונג פון יידישע קינסטלער אין פּוילן מיטן אָנטייל פון באַוואוסטן מאַרק שאַגאַל. דער קונסט־קאָלעקציאָנער, דער פּליט פון דייטשלאַנד, יוסף סאַנדעל, האָט דאָ געוויזן אַן אויסשטעלונג פון דייטשער קונסט. דאָ איז אויך געווען די אויסשטעלונג פון יונג־פאַרשטאָרבענעם באַגאַבטן קינסטלער י. ריבאַק. אַ באַדייטנדיקע צאָל אויסשטעלונגען זיינען געווען איינגעאָרדנט אונטער דער אַפּוטרופּסות פון דער ווילנער יידישער קונסט־געזעלשאַפט.



מצבה אויפן קבר פון יונג־פאַר־שטאָרבענעם קינסטלער י. קאָפּעלאָ־וויטש.

אָבער די השגות פון די ווילנער יידן אין פּלאַסטישער קונסט וואָלט מען קענען גוט אילוסטרירן מיט דער בלעטל געשיכטע: דער ווילנער קינסטלער סוטין און די ווילנער יידן.

---

* די אויסשטעלונג פון טויב שטומען מאָלער מינקאָווסקי, וועלכער איז שפּעטער דערהרגעט געוואָרן פון אַן אויטאָ אין בוענאָס־איירעס.

** אין דער אויסשטעלונג האָבן זיך באַטייליקט די קינסטלער: משה וואָראָביטשיק, מיכטאָם, בן־ציון ראַבינאָוויטש (איצט באַרימט אין פּאַריז מיטן נאָמען „בען״), משה האַלפּערן, רכמיאל גנעצעלס א״אַנד.

*** די אויסשטעלונגען זיינען געווען סיי פון איינצלנע קינסטלער, סיי קאָלעקטיווע, אַמאָל פון יידישע קינסטלער אַליין, אַמאָל געמישטע מיט ניט־יידישע קינסטלער, ווילנער און ניט ווילנער. פאַר די לעצטע 15 יאָר האָבן אין ווילנע אויסגעשטעלט זייערע שאַפונגען די קינסטלער: בן־ציון צוקערמאַן, אַרטור פּיק, מ. שוואַרץ, לייבאָווסקי, שער, זאַלקינד, ראָטבוים, אוריסאָן, לאַקס, דיכטער בער האָראָוויץ, אַלבערט ראַפּאָפּאָרט (אַמעריקע), כוואָלעס, ביעלאַגורסקי, וויטאַל־קאַפּלאַנסקי, קאָפּעליאָוויטש (איצט טויט), ראָזאַנעצקי, דוניעץ (ביאַליסטאָק), מאַדייסקער, זאַמעטשעק, עפראָן, גראָכמאַן, סוצקעווער, יצחק ליכשטיין. טייל פון זיי אפילו צו איניקע מאָל (צוקערמאַן). ווילנער קינסטלער האָבן אויך געהאַט אויסשטעלונגען אין ביאַליסטאָק, גראָדנע, וואַרשע, דרוזגעניקי, לאָדז א״אַנד.

קינסטלער, וואס אין זייערע ווערק פילט מען ניט קיין ווירקונג פון א שול. פון א ריכטונג, אדער א טענדענץ — וואס האבן אין זייערע שאפונגען אויסגעדריקט בלויז זיך אליין — זייער אינדיווידו־אליטעט אין די גאנצע 100 פראצ׳ — אזעלכע קינסטלער זיינען זייער ווייניק דא.

אין גאנצע עפאכעס קען מען געפינען בלויז איינציקע. פון דער גלענצנדיקער רענעסאנס־עפאכע איז איינער אזא געווען מיקעל אנדזשעלא. אין דער גאנצער האלענדישער מאלעריי — רעמבראנ ט. פון דעם פארגאנגענעם יארהונדערט — וואן־גאג, און כון אונדזער צייט איז עס אן צווייפל — סוטין. האט דער גורל געוואלט, אז דער א סוטין זאל אויסוואקסן אין א סביבה, וואס האט מיט קונסט קיין שום מגע־ומשא ניט. א סביבה, וואס האט אים געלאזן ליידן נויט, הונגער און קעלט, ווען ער האט זיך געלערנט אין דער ווילנער צייכן־שול, האט אים מיט גארניט ארויסגעהאלפן אין זיין וויטערדיקן שטודיום און ווייס ביז היינטיקן טאג ניט, ווער סוטין איז, זיין באדייטונג אין דער מאלעריי בכלל און פאר דער יידישער פלאסטישער קונסט ווען זי וועט דאך אמאל ווערן אויפגעזאמלט און ארגאני־זירט), בפרט.

און אין סך־הכל פון אזוי פיל קונסט־אונטער־נעמונגען, וואס זיינען פאר דער צייט פון נאך דער וועלט־קריג פארגעקומען אין ווילנע, קען מען אינגאנצן אנציילן א פינף־זעקס צענדליק בילדער, וואס זיינען געקויפט געווארן פון ווילנער יידן און וואס באשיינען דא געציילטע יידישע ווענט.

דא דארף מען אויך דערמאנען דעם אנ—סקי־מוזיי און דעם מוזיי, וואס האט זיך געגרינדעטביים ייווא אין דער צייט פון אלוועלטלעכן ייווא״א־צוזאמענפאר. די מוזייען פארמאגן שוין קליינע זאמלונגען פון יידישע קונסט־ווערק, ווי די זייער אינטערעסאנטע בילדער אין ייווא פון מאנע־קאץ, י. אדלער און די גראפיק פון מ. שאגאל א״אנד. די דאזיקע קליינע זאמלונגען וואלטן זיך זיכער קענען פארוואנדלען אין מוזייען, אבער דערצו פעלט נאך ביי אונדז פארשטענדעניש און אמביציע.

אבער דאס אלץ גיט אונדז בשום אופן ניט די רעכט צו ריידן וועגן יידישער פלאסטישער קונסט אין ווילנע, ניט קוקנדיק אויף דער רירעוודיקער און שעפערישער טעטיקייט פון דער ווילנער יידישער קינסטלער־משפחה.

אין ווילנע איז נאך דערווייל קיין יידישע פלאסטישע קונסט ניטא. ס׳זיינען בלויז דא: ווילנער יידישע פלאסטיקער.

ד״ר מאַקס ווייַנרייַך

דער ייוואָ צו זיין בר-מצוה

ניט פּלענער, נאָר מעשׂים

דעם 12טן אויגוסט 1925 האָט זיך אויפגעקליבן אַ גרופּע יידישע וויסנשאַפטלער און קולטור-טוער און באַשלאָסן צוצוטרעטן צו דער אַרבעט פאַר אַ יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. ווען דער באַריכט פון דער דאָזיקער „פאָרבאַראַטונג“ איז אָפּגעדרוקט געוואָרן, האָט איינער אַן אַמעריקאַנער יידישער זשורנאַליסט, גראָד אַ פריינדלעכער צום געדאַנק פון אינסטיטוט, געשריבן אַן ערך אַזוי: אָט דאָ זעט מען אַרויס דעם בולטן אונטערשייד צווישן אייראָפּע און אַמעריקע. אין אַמעריקע וואָלט מען אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, מען וואָלט געזוכט צו באַקומען פאַר דעם פּלאַן די אונטערשטיצונג פון פאַרמעגלעכע מענטשן, און ערשט דערנאָך וואָלט מען זיך גענומען גרינדן אַן אינסטיטוציע. אין אייראָפּע גייען זיי מיט אַ פאַרקערטן וועג: זיי לאָזן זיך אויף גאָטס באַראָט אָן אַ גראָשן געלט.

איך קען ערב זיין, אַז די איניציאַטאָרן פון אונדזער אינסטיטוט, כאָטש זיי האָבן געשטאַמט פון מיזרח-אייראָפּע, וואָלטן אויך געהאַט גענוג שׂכל (און חשק אוודאי) צו גיין מיטן „אַמעריקאַנער“ וועג פון זיכערע הכנסות. דאָס איז אָבער ניט געווען מעגלעך, ווייל ווען נחום שטיף איז אַרויס מיט זיין פּראָיעקט פון אָרגאַניזירן די יידישע וויסנשאַפט און ווען ער האָט שוין אַפילו באַקומען אויף זיין פּראָיעקט די הסכּמה פון די ווילנער יידישע קולטור-טוערס, האָט זיך נאָך אַלץ ניט געפונען קיין איין יידישע אָרגאַניזאַציע, און קיין פּריוואַטמאַן געוויס ניט, וואָס זאָל וועלן אין אַ יידישן אינסטיטוט אינוועסטירן כאָטש 500 דאָלאַר וויפל שטיף האָט זיך ניט געפלייסט צו ריידן אין זיין מעמאָראַנדום קלאָרע דיבורים, האָט מען אים אין דער ברייטערער יידישער וועלט אַפילו רעכט ניט פאַרשטאַנען. יידישע וויסנשאַפט — וואָס איז דאָס אַזוינס, חכמת עברי-טייטש? אַזוי האָט זיך געוויצלט אַ געבילדעטער, ערנסטער, ראַדיקאַלער יידישער שרייבער. אַ צווייטער האָט געוואָלט וויסן: צו וואָס דאַרף מען נאָך אַן אינסטיטוט, אַז עס איז שוין פאַראַן דער יידישער טעאָלאָגישער סעמינאַר אין ניו-יאָרק און דער היברו יוניאָן קאָלעדזש אין סינסינעטי? און אַ דריטן איז געווען קשיא: וואָס ווילט איר, קאָנקורירן מיטן ירושלימער אוניווערסיטעט? אַזוי האָט יעדערער, אַפילו די גוטע פריינט, געהאַט זיינע טענות און ספקות און דער עיקר — אַ היפּשע פּאָרציע אומגלויבן. די געציילטע פּאָר מענטשן, וואָס האָבן די זאַך געוואָלט, האָבן דעריבער קיין ברירה ניט געהאַט, ווי אויסצוטרעטן זיך אַן אייגענעם וועג פון אויפבוי: אַניט וואָלט אויפן בית-עולם פון יידישע שיינע פּראָיעקטן צוגעקומען נאָך אַ שיינער פּראָיעקט, און שוין.

דער וועג אונדזערער איז געווען פון אָנהייב אָן: איבערצייגן דורך מעשׂים. מיר האָבן זיך פאַרגאַסטן אויף אַן אינסטיטוט זיצנדיק אין אַ קליינעם פּריוואַטן צימער און האָבן זיך ניט אָפּגעשראָקן פאַרן גוטמוטיק-שפּאָטישן געלעכטער, אַז דער גאַנצער אינסטיטוט איז ביי איין פערזאָן אין שרייבטיש. מיר זיינען אַריבער אין צוויי געדונגענע צימערן, וואו עס איז אונדז אויך אין גיכן ענג געוואָרן, דערנאָך אין זיבן און אין עלף צימערן. מיר האָבן געאַרבעט כּמעט דורכאויס מיט אומגעצאָלטער אַרבעט, און די שׂכירות פאַר די געציילטע געצאָלטע מענטשן פלעגן מיר אויך טייל מאָל ניט אויסצאָלן דורך חדשים. טעג און אַ מאָל וואָכן פלעגן אָפּליגן אָנגעשריבענע בריוו און אָפּגעדרוקטע ביכער, ווייל ס'איז ניט געווען אויף מאַרקעס דאָס פונאַנדערצושיקן אָבער מיר זיינען געגאַנגען פאָראויס מיטן זיכערן געפיל, אַז מיר טוען אַ גרויסע אַרבעט, און דער אויפטו אונדזערער האָט באַוויזן מער ווי וועלכע עס איז דעקלאַראַציעס.

דער פּאָרנעם און דער וועג

ביים סוף פונעם איצטיקן אַרטיקל וועט דער לייענער געפינען אַ קאָנצענטרירטע צונויפשטעלונג פון ציפער און פון פאַקטן וואָס ווייזן, וויפל דער ייוואָ האָט דערגרייכט ביז היינטיקן טאָג. אָבער וויכטיקער איידער די פּרטים איז דער עיקר פון אונדזער אויפטו. אין דער צעשאָטנקייט און, לאָמיר זיך ניט שעמען אָנצורופן דעם בעל-דבר ביים נאָמען, אין דער צעפאָרנקייט פון דער יידישער סביבה

האָבן מיר געשאַפֿן אַן איינהייטלעכן צענטער פֿון כּלליִשן ווילן. די ייִדישע וויסנשאַפֿט האָט באַקומען אַן אַדרעס.

דער ייִוואָ איז ניט סתּם אַן איבערזעצונג פֿון חכמת היהדות אויף ייִדיש. אונדזער שטאָף איז די גאַנצע גרויסע וועלט, און וואָס העכער עס הייבט זיך דער ניוואָ פֿון די פֿאַראינטערעסירונגען בײַ דער ייִדישער מאַסע, אַלץ רײַכער ווערט אונדזער שטאָף. אין דער פּערספּעקטיוו איז דער ייִוואָ די העכסטע וויסנשאַפֿטלעכע אינסטאַנץ פֿון דעם גאַנצן ייִדישן שפּראַך־קיבוץ, בכן אַן אַקאַדעמיע, וואָס נעמט אַרום אַלע צווײַגן מענטשלעך וויסן. בלויז די באַגרענעצונג, וואָס יעדער אָנהייב פֿאָדערט, האָט געבראַכט דערצו, אַז ד״ר ייִוואָ פֿאַרנעמט זיך דערעיקרשט מיט ייִדישע געביטן, וואָרעם דאָ דאַרף מען דער עיקר האָבן און מען קען זיך קודם־כּל ריכטן אויף שפּעטערישע אויפֿטוען.

מיר ווילן אויספֿאָרשן, דאָס הייסט מיר באַגנוגענען זיך ניט מיט דעם, וואָס „עס איז קיין סוד ניט“, אָדער וואָס „אַלע ווייסן“, אַז ייִדן מוזן אונטערגיין, אָדער אַז ייִדן וועלן קיין מאָל ניט אונטערגיין, אָדער אַז ארץ־ישׂראל איז די איינציקע פֿאַרענטפֿערונג פֿון דער ייִדן־פֿראַגע, אָדער, אַז פּאַלעסטינע האָט קיין שום באַדײַטונג ניט פֿאַר ייִדן. די אַלע רייד קענען זיך זײַן ריכטיק אָדער פֿאַלש נאָר זיי זײַנען ניט געבויט אויף פֿאָרשונג.

ווי ווײַט מעגלעך פֿלײַסן מיר זיך צו דערקענען זאַכן, ניט נאָר אָפּצושאַצן זיי אויפֿן אויג. מיר ווילן דערקענען דאָס לעבן, כּדי עס זאָל גרינגער זײַן איבערצואַנדערשן עס. אָבער מיר אַרבעטן מיט וויסנשאַפֿטלעכע מעטאָדן. אוודאי טראָגן מענטשן אַרײַן אַפֿילו אין פֿאָרשונג זייערע אינטערעסן, סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס. אָבער אויף וויפֿל עס קען בכלל געמאָלט זײַן אָביעקטיווקייט, אויף וויפֿל אַ מענטש איז ניט געבונדן דורך זײַנע אומוויסיקע גלוסטונגען און דערווידערט, ווילן מיר זײַן אָביעקטיוו. און מיר זײַנען זיכער, אַז דווקא מיט דעם וועג דינען מיר צום בעסטן די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן.

די אויפֿטוען

פֿאַר די דרײַצן יאָר, ניט געקוקט אויף די שווערע צײַטן, האָט דער אינסטיטוט—

1. צום ערשטן מאָל אין דער ייִדישער געשיכטע אויפֿגעבויט אַן אַלוועלטלעכן צענטער פֿאַר דער ייִדישער וויסנשאַפֿט און קולטור.

2. אָרגאַניזירט די ייִדישע געלערנטע אַרום די פֿיר וויסנשאַפֿטלעכע סעקציעס זײַנע, הײַנו:

א) פֿילאָלאָגישע סעקציע,

ב) עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישע,

ג) היסטאָרישע,

ד) פּסיכאָלאָגיש־פּעדאַגאָגישע.

3. צווישן אַלע שיכטן פֿון אונדזער פֿאָלק און בײַ די פֿאָרשטייער פֿון דער אַלגעמיינער וויסנשאַפֿט געוועקט אינטערעס און פֿאַרשטענדעניש פֿאַר די פּראָבלעמען פֿון אונדזער לעבן און פֿון דער ייִדישער קולטור.

4. רעפּרעזענטירט די ייִדישע וויסנשאַפֿט פֿאַר דער וועלט; פֿאַרבינדונגען געשאַפֿן מיט די וויסנ־שאַפֿטלעכע אַנשטאַלטן פֿון כּלערליי פֿעלקער און לענדער.

5. אָפּגעראַטעוועט פֿון פֿאַרגעסעניש און פֿאַרפֿאַלעניש מאָנומענטן פֿון דער ייִדישער פֿאַרגאַנגענהייט. דער ייִוואָ היט זיי אויף לדור־דורות, צוטריטלעך פֿאַרן פֿאָרשער און שטודירער, אין זײַנע אָפּטיילונגען, הײַנו:

א) ביבליאָטעק מיט איבער 40.000 ביכער, בתוכם זעלטענע אויסגאַבעס, אויך איינציקע עקזעמפּלאַרן אין דער גאַנצער וועלט.

ב) פּרעסע־אַרכיוו — דער רײַכסטער בײַ ייִדן, מיט אַרום 10.000 יאָרגענג ייִדישע צײַטשריפֿטן פֿון אַלע לענדער און שפּראַכן.

ג) דאָקומענטן־אַרכיוו — מיט צענדליקער טויזנטער נומערן מאַטעריאַלן פֿאַר דער געשיכטע פֿון די ייִדישע קיבוצים און דער ייִדישער קולטור.

ד) מאַנוסקריפּטן־אָפּטייל —, מיט כּתבֿ־ידן פֿון קהילות און אינסטיטוציעס, פֿון באַרימטע ייִדישע און העבֿרעאישע שרײַפֿטשטעלער, כּלל־טוערס אאַז״וו.

ה) פּאָרטרעטן־זאַמלונג — מיט טויזנטער בילדער פֿון ייִדישע גרויסע פּערזענלעכקייטן, דיכטער, פּאָליטיקער א״א.

ו) טעאַטער־מוזיי א״נ פֿון אסתּר־רחל קאַמינסקי — דער איינציקער אין דער וועלט, מיט אַ דרײַ צענדליק טויזנט אָביעקטן פֿון דעם ייִדישן טעאַטער, מיט בריוו, בילדער, מאַנוסקריפּטן פֿון אַרטיסטן און דראַמאַטורגן.

ז) פּעדאַגאָגישער אַרכיוו און מוזיי - מיט אַן אוצר מאַטעריאַלן פֿאַר דער געשיכטע און דעם הײַנטיקן מצבֿ פֿון דער ייִדישער דערציִונג און דעם ענין שולן בײַ ייִדן.

ח) עטנאגראפישער מוזיי — מיט ווערטפולע אביעקטן פון יידישן לעבנס־שטייגער און ריטואל.

ט) פאלקלאר־קאמיסיע — מיט א 100.000 נומערן פון יידישן פאלקשאפן (פאלקס־לידער, פאלקס־מעשיות, מנהגים, ווערטלעך אאז״וו).

י) טערמינאלאגישע קאמיסיע — מיט 700 זאמלונגען טערמינאלאגיעס פון יידישע פאכן און וויסנשאפטלעכע טערמינאלאגיעס פאר דער יידישער שול.

יא) ביבליאגראפישע צענטראלע, וואס רעגיסטרירט די גאנצע יידישע בוך־פראדוקציע און די פעריאדישע אויסגאבעס פון גאר דער וועלט אין יידיש, העברעאיש און אנדערע שפראכן, מיט 220.00 ביבליאגראפישע פארצייכענישן אין אירע קארטאטעקעס, — א שליסל צו אלע יידישע ענינים און פראבלעמען, וואס ווערן באהאנדלט אין דעם נעדרוקטן ווארט.

6. אויפגעשטעלט אן אייגענעם בנין, אין ווילנע, וויוואולסקי גאס 18, דאס הויז פון דער יידישער וויסנשאפט, וואו עס געפינען זיך אלע צווייגן פון אינסטיטוט מיט א פון פייער־זיכערן מאגאזין אויף צו באווארענען די צונויפגעקליבענע אוצרות פון ייווא

7. צום ערשטן מאל ביי יידן אין צענטראלן פארנעם האט דער ייווא ארגאניזירט פאר דער יוגנט-פארשונג א ספעציעלן צווייג—אויפצוקלערן די עקאנאמישע, סאציאלע און פסיכאלאגישע פראבלעמען פון דער יידישער יוגנט; צונויפגעזאמלט אן איינציק־ארטיקן מאטעריאל פאר דעם דאזיקן לעבנס־וויכטיקן ענין, דורכגעפירט קאנקורסן, וואס האבן געגעבן וויסנשאפטלעך ביז גאר ווערטיקע רעזולטאטן, 312 אויטאביאגראפיעס פון יידישע יוגנטלעכע פון 8 לענדער (17.00ט זייטן, א חוץ 10.000 זייטן טאגביכער פון די אנטייל נעמערס).

8. כדי אויסצובילדן פאר אלע צווייגן פון דער יידישער וויסנשאפט נייע פארשערס און טוערס, וואס זאלן העלפן אונדזער פאלק אין דעם שווערן קאמף פאר זיין קיום מיט דעם געווער פון דערקענען און וויסן, ארגאניזירט די אספיראנטור א״נ פון ד״ר צמח שאבאד.

9. א צוגרייט־שטאפל צו דער אספיראנטור איז די פראאספיראנטור א״נ פון ב. כהן (ווירגילי).

10. דורך די פארשיידענע סעקציעס און צווייגן האט דער ייווא ארויסגעגעבן איבער 1500 דרוקבויגן פאר די 13 יאר, דערין 4 גרויסע בענד פילאלאגישע שריפטן, 2 בענד עקאנאמיש סטאטיסטישע, 3 בענד היסטארישע, 2 בענד פסיכאלאגיש־פעדאגאגישע, 1 באנד טעאטראלאגישע, 1 באנד ביבליאגראפישע, 1 באנד „לאדזשער וויסנשאפטלעכע שריפטן", 2 יאר־גענג „פנקס", 2 יארביכער פון אמאפטייל, 13 בענד „ייווא־בלעטער" און א ריי באזונדערע וויסנשאפטלעכע ווערק פון ד״ר שלמה בירנבוים, ד״ר פראנץ בעראנעק, פראפ׳ שמעון דובנאוו („וועלט-געשיכטע פון יידישן פאלק"), פראפ׳ ליבמאן הערש, ד״ר בערנהארד וואכשטיין, ישראל ווײַנלעז, ד״ר מאקס ווײַנרייך, יעקב לעשטשינסקי, ד״ר י. א. מעריסאן, נח פרילוצקי, ד״ר עמנואל רינגעלבלום, ד״ר יעקב שאצקי א״א, „די ערשטע יידישע שפראך-קאנפערענץ", „העפטן פאר יידישע קונסט", 24 ביכער און בראשורן פון דער סעריע „ארגאניזאציע פון דער יידישער וויסנשאפט", 80 נומערן „ידיעות פון ייווא", צענדלינגער אנקעטעס און אינסטרוקציעס.

11. פיר זשורנאלן גיט ארויס דער ייווא: „ייווא-בלעטער" — פאר אלע זיינע סעקציעס אונטער דער רעדאקציע פון מ. ווײַנרייך, ז. קאלמאנאוויטש און ז. רייזען; „יידישע עקאנאמיק" פון דער עקאנאמיש־סטאטיסטישער סעקציע אונטער דער רעדאקציע פון יעקב לעשטשינסקי, „יידיש פאר אלע" פון דער פילאלאגישער סעקציע אונטער דער רעדאקציע פון נח פרילוצקי, „ידיעות פון יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט". עס ווערט פראיעקטירט א פינפטע צייטשריפט אין דריי שפראכן: „דאקומענטאציע פון יידישן לעבן".

12. ארום די סעקציעס און אויסגאבעס האט דער ייווא קאנצענטרירט הונדערטער יידישע וויסנ־שאפטלערס און פארשערס אויף די געביטן פון יידישער עקאנאמיק, סטאטיסטיק, געשיכטע, ליטע־ראטור־געשיכטע, פסיכאלאגיע, פעדאגאגיק, פילא־סאפיע, שפראך־וויסנשאפט, טעאטראלאגיע, ביבליא־גראפיע, קונסט אאז״וו.

13. דער ייווא האט אויסגעארבעט די „תקנות פון יידישן אויסלייג", צוגעגרייט די רעגולירונג פון גראמאטישן מין.

14. דער ייווא האט געמאכט דעם אנהייב פאר גרינדן א יידישן קונסט מוזיי.

15. דער ייווא איז קיין מאל ניט אפגעטראטן פון דעם פרינציפ פון אומפארטייאישקייט, ער איז א שטרענג אפגעהיטער וויסנשאפטלעכער אנשטאלט, וואס דינט דעם גאנצן פאלק, א פאלקס-אינסטיטוציע, וואס ווערט טאקע אויסגעהאלטן פון גאנצן יידישן פאלק איבער גאר דער וועלט און איז אנערקענט אין אלע קרייזן פון דער יידישער געזעלשאפט.

משה שאַליט

אַ מעשה־בוך וועגן ווילנע

[ישורינס זאַמל־בוך]

יעדער ווילנער און יעדער פריינד פון ווילנע, וואָס וויל וויסן וועגן דער יידישער ווילנע און וועגן דער פאַרגאַנגנהייט פון זיין היימשטאָט — און דערהויפּט שעפּן נחת פון איר „אַמאָל" — וועט זיך מער ניט קענען באַגיין אָן דעם נייעם „קרבן מנחה", דעם גרויסן מאָדערנעם ווילנער „סידור", וועלכער איז אַרויס אין אַמעריקע אונטער דער רעדאַקציע פון יעפים ישורין.

אַ זאַמלבוך פון 1012 זייטן, אָנגעפּילט מיט פאַרשיידענע אַרטיקלען, אַלע געהייליקט דער שטאָט ווילנע, אַרויסגעגעבן פון ווילנער בראַנטש (אָפּטיילונג) 367 אַרבעטער רינג, לכבוד זיין 25יאָריקן יובל (ניו־יאָרק, אַפּריל 1935).

ניט קיין וויסנשאַפט, ניט קיין סטאַטיסטיק, ניט קיין דאָקומענטן און אויך ניט קיין שווערע, ערנסטע מאַטעריאַלן אָדער וועלכע ניט איז נייע פאָרשונגען דאַרף מען זוכן אין דעם בוך, — דאָס אַלץ איז אין אים ניט בנמצא. דאָס בוך איז אויך גענוג איינזייטיק (אַז״י, למשל, פעלט אין אים לגמרי די גאַנצע ציוניסטישע ווילנע, — הן אין איר פאַרגאַנגנהייט והן אין איר קעגנוואַרט).

דערפאַר אָבער איז עס פול מיט ליבע צו דער אַלט־נייער ווילנע, צו דער ווילנע פון תורה און השכלה, — און קודם כל צו דער ווילנע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און פון די אומדערשראָקענע קעמפער פאַר פרייהייט.

פאַר דער דאָזיקער ליבע קען מען און דאַרף מען ישורינען אַ סך מוחל זיין, ניט דערזען די אָדער יענע פעלערן, וואָס מען קען אָנציילן ניט ווייניק (ניט דאָ איז דער אָרט זיי צו פאַרריכטן), ווייל סוף כל סוף איז אַדאַנק איר — אָט דער ליבע און באַציאונג — געשאַפן געוואָרן דאָס זאַמלבוך פון דער ווילנער לעגענדע, דאָס מעשה־בוך וועגן דער יידישער ווילנע.

ישורינס ווילנע איז אַ פאָלקסבוך, אַ ווערק פאַר די ברייטסטע מאַסן, לעבעדיק, צוטריטלעך, פאַרכאַפּנדיק, — אַ ווערק, וואָס דערציילט און דערציילט „מעשיות פון אַמאָל". עס וואַרעמט און צערטלט און גלעט מיט אמתער פריינדשאַפט און גינציקייט. מען קען איבערלייענען דעם בוך אָן איין אָטעם.

ס׳מאַכט ניט אויס, וואָס אַ סך אַרטיקלען פון בוך זיינען שוין געווען פריער געדרוקט אין פאַרשיידענע אַנדערע אויסגאַבעס. דער רעדאַקטאָר האָט זיי אַלע זייער געלונגען צונויפגענומען אין איין אָרט, צוגעגעבן נייע, איינגעטיילט זיי אין רובריקעס, אילוסטרירט מיט בילדער און רעפּראָדוקציעס, געשריבן אַן אינהאַלט, וואָס באַשטייט פון אַזוינע אָפּטיילונגען, ווי: „צו דער געשיכטע פון דער שטאָט ווילנע" (געשריבן פון חיים שויס, ש. ל. ציטראָן, ד״ר י. וויגאָדסקי); „אַרבעטער, סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין ווילנע" (אַרטיקלען פון קאָפּעלזאָן, מיל, ליעסין, מאַרטאָוו, קורסקי, צביון, מעדעם, וולאַדעק, שוב, מיכאַלעוויטש, קלייט, ראָזנטאַל א״אַ); „ווילנע — דער גייסטיקער און קולטורעלער צענטער" — וואָס איז דאָ ניטאָ און ווער איז דאָ ניטאָ?

איר האָט דאָ דעם „קולטורעלן, עקאָנאָמישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן; באַרימטע ווילנער פערזענלעכקייטן אין ליטעראַטור, פּובליציסטיק, קונסט, וויסנשאַפט, רבנים, משכילים, פרייהייטס־קעמפער, געזעלשאַפטלעכע טוער; איינדרוקן, געדאַנקען און דעראינערונגען וועגן ווילנע; אינטערעסאַנטע טיפּן פון דער יידישער ווילנע" — און צום סוף אַפילו „ווילנער אין אַמעריקע".

אין דעם ערשטן טייל פון דער רובריק גייען אַרטיקלען וועגן דער איצטיקער ווילנע און אירע אַנשטאַלטן (די מחברים פון די אַרטיקלען זיינען: ה. אַבראַמאָוויטש, ת. לונסקי, א. קלעבאַנאָוו, ח. פּופּקאָ, מ. שרייבער, ד״ר מ. וויינרייך, פּ. צעמעל, א. י. גאָלדשמידט, י. ישורין, י. לעשטשינסקי א״אַ) — און אין די ווייטערדיקע טיילן וויקלט זיך פונאַנדער דאָס אמתע מעשה־בוך וועגן ווילנע, אירע העלדן און גרויסע לייט.

מען קען ניט לייענען אָן אַ ציטער אַזוינע אַרטיקלען, ווי וויקטאָר טשערנאָווס וועגן אָסיפּ סאָלאָמאָנאָוויטש מינאָר אָדער, — פון אַן אַנדער וועלט, — שאול גינזבורגס וועגן ל. לעוואַנדע. און אַזוי זיינען אַלע איבעריקע אַרטיקלען, כאַראַק־

טעריסטיקעס, מעמואַרן אָדער איינדרוקן, — פון דער און פון אַלע אַנדערע אָפּטיילונגען.

אברהם רייזען שרייבט וועגן אייזיק מאיר דיק אַלס היסטאָריקער פון דער שטאָט ווילנע; א. ליטווין דערציילט וועגן מיכל גאָרדאָן, דעם פאָלקס־קעמפער און פאָלקס־דיכטער; ש. ראָזנ־פעלד — וועגן יהודה לייב גאָרדאָן; י. קיסין — וועגן אליקום צונזער און זיינע לידער; ל. פאָגעל־מאַן — וועגן מאַרק אַנטאָקאָלסקי; מ. אָשעראָוויטש — וועגן קאַטשאַלאָוו, הגם ניט קיין ייד, אָבער אַ „ווילנער" אין מאָסקווער קונסט־טעאַטער; (אויך אַ צווייטער ניט ייד — דער רעוואָלוציאָנער י. ד. לוקאַשעוויטש — שפּעטער פּראָפעסאָר אין ווילנער אוניווערסיטעט — ווערט אין בוך באַשריבן; פּנחס קאָן — וועגן דער ווילנער יידישער רעוואָלו־ציאָנערין איידל פּומפּיאַנסקי און אַזוי ווייטער און ווייטער.

אַלע אַרטיקלען וועגן די ווילנער רעוואָלוצי־אָנערן, — און אין בוך דערציילט זיך וועגן זיי זייער אַ סך, – לייענען זיך ווי אַן אמתע וואונדער־מעשה׳לע. אָנהויבנדיק פון קאָפּעלזאָנס, „יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין ווילנע סוף 80 טער און אָנהויב 90 טער יאָרן" ביז מיכאַלעוויטשעס „דער טראַגישער פּראָוואָקאַטאָר ישראל מיכל קאַפּלינסקי" גייט דורך אַ בילד פול מיט עמאָציעס, וואָס טראָגט אונדז אַריבער אין דער אונטערערדישער ווילנע מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק, אין משך פון וועלכע ס׳זיינען כסדר אונטערגעגראָבן געוואָרן ביי אַן אויסערגעוויינלעכער גבורה און אמתער מסירת נפש די יסודות פון קנעכטשאַפט און טיראַניע. כאַראַקטעריסטישע ... כאַרטאָווס און מעדעמס זכרונות באַלויכטן פיל אינעווייניקסטע פּרטים פון דער דאָזיקער מערקווירדיקער עפּאָכע אין דער ווילנער סביבה און ליעסינס לידער וועגן דער ערשטער געהיימער פאַרזאַמלונג אין ווילנע און וועגן הירש לעקערט זיינען אַזוי ווי צוגעפּאַסטע ווערטער צו די געזאַנגען פון די געשעענישן, וואָס זיינען געוואָרן אַ לעגענדע און אַ סימבאָל.

אויך די אַלטע ווילנע האָט אין בוך איר ריטם און נוסח. פ. ווערניקס וועגן ווילנער גאון, מ. איוועסקיס וועגן די אַמאָליקע ווילנער רבנים און משכּילים; א. ליטווינס פּאָרטרעטן פון דער יידישער ווילנע (גראַף פּאָטאָצקי דער גר צדק; דער ווילנער באַלעבעסל; אסתר די גענעראַלשע; יודל אַפּאַטאָוו; מאָטקע כאַבאַד און שייקע פייפער); שרה רייזענס דבורה אסתר און אַ ריי אַנדערע וועבן די זעלבע מעשהלעך פון גייסטיקע גבורים, גרויסע כאַראַקטערן, שטאַרקע טאַלענטן, אויסטערלישע טיפּן.

ס׳ווערן ניט דורכגעלאָזט די וויכטיקסטע טוער און די באַדייטנסטע קולטור־אינסטיטוציעס, וואָס גיבן צו ווילנע קאָלאָריט און פאַרטיפן איר רום און נאָמען אויף דער וועלט. און אויך די דאָזיקע אַרטיקלען און נאָטיצן זיינען ניט קיין טרוקענע ידיעות, נאָר לעבעדיקע, בונטע פּאָרטרעטן, וואָס פּאַסן זיך איין אין דעם אַלגעמיינעם כאַראַקטער פון ווילנער מעשה־בוך. אַזוי דערציילט ד״ר צ. שאַבאַד וועגן די אַמאָליקע יידישע דאָקטוירים אין ווילנע, אָנהייבנדיק פון דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט; ר. אַבראַמאָוויטש כאַראַקטעריזירט א. ליטוואַקן; ה. לאַנג—אַב. קאַהאַנען דעם ווילנער; ש. ניגער — א. וויטערן; הילל ראָגאָוו — יצחק אייזיק הורוויטשן; ב. באָטווינניק — חנן י. מיניקעסן; ז. זילבערצווייג — די „ווילנער טרופּע"; וו. עדלין — יוסף רומשינסקין און יוסף פּ. קאַץ — ווילנער באַרימטע יידישע מוזיקער און אַרטיסטן; ש. דובנאָוו און ז. רייזען — ד״ר צמח שאַבאַדן; מ. ווילנער — צבי ניסן גאָלאָמבן; און נאָך און נאָך -- פון שמואל יוסף פין ביז די סקולפּטאָרן איליאַ גינזבורג און אברהם אייזנבערג; פון יהושע שטיינבערג ביז באָריס קלעצקין; פון דער ווילנער דרוקעריי „האלמנה והאחים ראָם" ביז דער פּראָפעסיאָנעלער שול פון „הילף דורך אַרבעט"; פון שאַרל ראַפּאָפּאָרט (ניט נאָר פון ווילנע, נאָר אויך אייניקע פון ווילנער געגנט), ביז אברהם מאָרעווסקי; פון גראָווירער גרי־ליכעס ביז יאַשאַ חפץ; און אַ גאַנצע גאַלעריע פון עטלעכע צענדליק אַנדערע היינטצייטיקע ווילנער יידישע שריפטשטעלער, קולטור־טוער, אַרבעטער־טוער און עסקנים.

און אַזוי ציען זיך אין ישורינס מעשה־בוך פּאָרטרעטן און בילדער, יחוס־בריוו און אויפטוען פון איצטיקן און פריערדיקן דור, פון אַלט און ניי ווילנע, פון די מענטשן און פון דער שטאָט.

איינדרוקן, געדאַנקען, דעראינערונגען, און לידער וועגן ווילנע זיינען געבראַכט אין בוך פון אַב. קאַהאַן, שלום אַש, אברהם רייזען, ש. ניגער, ז. שניאור, דוד איינהאָרן, מאַני לייב, ד״ר א. גינזבורג, ב. ביאַלאָס־טאָצקי, מ. ווינאָגראַד, ש. מענדעלסאָן, שרה רייזען, ד״ר שמריהו לעווין, נחום יוד. י. באָסקין, א. ל. וואָלפסאָן, (מיט נאָטן, מוזיק א. אָלשאַנעצקי), יוסף רומשינסקי (די מוזיקאַלישע ווילנע) און ט. גלאַז.

אַ וויכטיקער ביישטייער איז אויך דער אָריגינעלער ביאָגראַפישער לעקסיקאָן פון די ווילנער טוער און זייער ראָל אין אַרבעטער־רינג און פון די ווילנער טוער אין דער אַמעריקאַנער יידישער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג (טרייד־יוניאָן), זייער

גוט און לעבעדיק צונויפגעשטעלט, דער ערשטער פון מ. איוועגסקי און דער צווייטער — פון יעפים ישורין.

דאס גאנצע ווערק פון יעפים ישורין, וואס איז ניט עפעס אנדערש ווי א מעשה־בוך וועגן א העלדישער שיינער שטאט, — יידישע ווילנע הייסט זי, — און וואס פארן צונויפשטעלן פון אט דעם זאמלווערק קומט אים — דעם אמעריקאנישן ווילנער יעפים ישורינען — דעם הארציקסטן דאנק, — זארט טראגן, ווי א קמיע, די מאטא אויסגעדריקט אין די פאלגנדיקע עטלעכע רירנדיקע ווערטער, ארויסגענומען פון צב. קאהאנס „בריוו, וואס איז ניט אנגעקומען":

„די ערשטע צייט נאך מיין אוועקפארן האט די בענקעניש כ'יך פארפאלגט בוכשטעבלעך אן אן אויפהער. דא אין דעם ווייטן, ווייטן לאנד האט זיך די היים־ווי געלאזט פילן מיט אן אומגע־ווייגלעכער שארפקייט די ערשטע „גרינע" וואכן האב איך בוכשטעבלעך יעדע נאכט געזען ווילנע אין חלום, און בייטאג האט דאס נאגעניש ניט אפגעלאזן אויף איין מינוט. צו איך האב דייטלעך געטראכט וועגן מיין היים, צו ניט, די בענקשאפט האט מיך געפייניקט און געפייניקט. עס זיינען געווען מאמענטן, ווען מיר האט זיך געדוכט, אז איך וועל די יסורים ניט אויסהאלטן. עס האט זיך מיר געוואלט וויינען, שרייען מיט פארצווייפלטע קולות. ביסלעכווייז האט דער געפיל זיין קראפט, נאטירלעך, פארלארן. אבער אינגאנצן פארשוואונדן איז ער קיינמאל ניט. נאך ווילנע האב איך אין די 38 יאר קיינמאל ניט אויפגעהערט צו בענקען, און דער באגער איר צו באזוכן איז ביי מיר געווען אן אייביקער טרוים, אן אייביקע לײדנשאפט"...

בענקשאפט און ליבשאפט, ליבשאפט און בענקשאפט — פון אט דעם מקור איז געשאפן דאס בוך, — האט נאך א וועלכע ניט איז שטאט דערצו זוכה געווען און צו פארדינט עס ווילנע באמת?

אמעריקע זאגט מיט ישורינס בוך, אז יא.

הירש אַבראַמאָוויטש

ווען איך בין געווען אַ מיליציאָנער

(פֿראַגמענט פֿון דער סעריע: „1915")

אין אַווגוסט 1915 י. אַ חודש פֿאַרן פֿאַרלאָזן ווילנע האָט די רוסישע מאַכט געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז זי וועט ניט זיין קעגן אָרגאַניזירן אַ שטאָטישע מיליץ. לויט אַ פֿאַרשטענ־דיקונג צווישן פּאָלאַקן און יידן זיינען געעפֿנט געוואָרן אין פֿאַרשיידענע ערטער פֿון שטאָט ווערביר־פּונקטן צו פֿאַרשרייבן קאַנדידאַטן פֿאַר מיליציאָנערן, יידן און פּאָלאַקן באַזונדער.

ד"ר צ. שאַבאַד האָט זיך געווענדעט צו איייניקע יונגעלייט, צווישן זיי אויך צו מיר, אַז זיי זאָלן נעמען אויף זיך די מיסיע פֿון ווערבירן קאַנדידאַטן. איבעריקס האָט מען צופֿיל פֿאַר דעם ניט געדאַרפֿט אַגיטירן.

איך האָב פֿאַרשריבן מיליציאָנערן אין אַ קיך פֿאַר פּליטים אויף סעמיאָנאָווער־גאַס (איצט באָני־פֿראַטערסקע). ס'האָבן זיך געמאָלדן יונגע און מיטעל־יעריקע מענטשן אין אַ גרויסער צאָל.

אַ היפּשע טייל האָט געהאַט אין אויסזיכט די געזעלשאַפֿטלעך־פּאָליטישע באַדייטונג פֿון עצם פֿאַקט צו שאַפֿן אַן אַלגעמיינע (זאָל זיין אַ כּמו) פֿאָלקס־מיליץ. אָבער דאָס רוב קאַנדידאַטן, האָבן געהאַלטן, אַז דאָס ווערן אַ מיליציאָנער וועט זיין אַ שטיקל סגולה קעגן צוואַנג אַרבעט, פֿאַרשלעפּעניש (קיין רוסלאַנד), אַרויסשיקענישן, כאַפּעניש וכדומה. די רשימות זיינען צוגעשטעלט געוואָרן אין מאַגיסט־ראַט. דאָרטן האָט די רשימה געדאַרפֿט באַשטעטיקן אַ קאָמיסיע. פֿאַר יעדן באַשטעטיקטן מיליציאָנער איז אויסגעשריבן געוואָרן אַ צייגעניש. די שטאָט איז פֿאַרטיילט געוואָרן אין „צירקלען". איך בין צוגעטיילט געוואָרן צום 3טן צירקל (מיצקיעוויטשאַ 4).

אָנהויב סעפּטעמבער האָט מען איינגעלאַדן מיר מיט אַנדערע מיליציאָנערן אין צירקל. די מערהייט פֿון דער נייער „שוק־פּאָליציי" זיינען געווען פּאָלאַקן, איבערהויפּט באַנק־באַאַמטע. יידן אין „מיין" צירקל זיינען געווען זייער ווייניק. דער „קאָמיסאַר", אַן עלטערער הער האָט גערעדט וועגן די פֿליכטן פֿון מיליציאָנערן, וועגן באַגיין זיך העפֿלעך, אָבער שטייף מיטן עולם, רעגולירן די גאַסן־באַוועגונג, איבערהויפּט פֿאַרן מיליטער א. אַ. וו.

איך האָב אויך גענומען אַ וואָרט און גערעדט וועגן די געמיינזאַמע אינטערעסן פֿון אַלע בירגער אָן אונטערשייד פֿון נאַציאָנאַליטעט, וועגן דעם, אַז אין אַזאַ צייט פֿון געפֿאַר איז נויטיק אַחדות און אַ קעגנזייטיקע הילף פֿון אַלעמען פֿאַר אַלעמען.

איך מוז זיך מודה זיין, אַז מיין וואָרט האָט ניט געמאַכט דעם מינדסטן איינדרוק ביי דעם צווייטן צד. מען איז טרוקן, טאַקע ג אָ ר ט ר ו ק ן, אַריבער צום סדר היום און אונז פֿאַנאַנדערגעגעבן בולאַוועס, די גרויס — ביי אַ 30 סענטימעטער מיט אַ גראָבע קעפּל און ווייסע אָרעמבענדער. אָ־די צוויי זאַכן האָבן עס געדאַרפֿט סימבאָליזירן אונזער „מאַכט". מען האָט געמאָלדן, אַז מען דאַרף זיין גאָר גיך גרייט און אויפֿן ערשטן רוף מוזן מיר תּיכּף זיך שטעלן אויף באַשטימטע ערטער. מיין ראַיאָן איז געווען יאָן־גאַס און אַ שטיקל ברייטע לעבן פּאָסט.

ערב יום כּפּור, דעם 17 סעפּט. האָט מען שוין געזען, אַז די לעצטע רוסישע מיליטער־טיילן פֿאַרלאָזן ווילנע. אָבער שיקאַנעס לגבּי יידן האָבן נאָך געדויערט. מען האָט נאָך געכאַפּט מענטשן אין די גאַסן און זיי אַוועקגעשלעפּט אין אַן „אומבאַקאַנטער ריכטונג" (גראָבן אָקאָפּעס, טאָן שוואַרצע אַרבעט). איבער די גאַסן האָבן געצויגן אָן אַ סוף „סאָטניעס" פֿון דאָנער, קובאַנער און אוראַלער קאָזאַקן, וועלכע האָבן אָנגעוואָרפֿן אַן אימה אויף דער באַפֿעלקערונג (באַזונדערס אויף דער יידישער). ס'האָבן גערוישט די שווערע באַטאַרייען (אַרטילעריע). ציווילע מענטשן זיינען אויף די גאַסן כּמעט ווי ניט געווען. די געוועלבער זיינען געווען פֿאַרמאַכט. ס'האָט געגאָסן ווי פֿון עמערס. די סאָלדאַטן זיינען געווען אויסגעווייקט, אָבער געיאָגט פֿאָראויס.

קיינעם כּמעט איז ניט געלעגן אין קאָפּ גיין צו כּל־נדרי. מען האָט איבערהויפּט מורא געהאַט צו ווייזן זיך אויפֿן גאַס און מען האָט זיך אויסבאַהאַלטן אַפֿילו ניט אין זייער בכּבודיקע ערטער אָבי אויסמיידן קאָזאַקישע נאַהייקעס און נגישות.

די פֿאַרפֿאָלגונגען, בלבולים, דער יקרות האָבן אַזוי דערעסן, אַז כּמעט גאַנץ ווילנע האָט שוין געוואָלט פּטור ווערן פֿון די רוסישע באַרבאַרייען, מיינענדיק, אַז די דייטשן וועלן געבן לעקן האָניק.

די דייטשן האָט מען גערופן פאַרשטעלטערהייט „דער שפּאַלט“ („אַ דייטש מיט אַ שפּאַלט“) — „ווען קומט שוין דער שפּאַלט“.

די נאַכט פון 17טן אויפן 18טן סעפּט זיינען די גאַסן געווען ליידיק פון ציוויליע. טיר און טויער זיינען געווען געשלאָסן. נאָר אומענדלעכע מיליטער־טיילן האָבן זיך אין דער פינצטערניש געצויגן איבער די גאַסן. אָפּטמאָל פלעגט זיך בילדן אַ „קאָרעק“ (פאַרשטאָפּונג) און דער גאַנצער צוג פלעגט זיך פאַרהאַלטן. אויף טראָקער־גאַס האָבן קאַוואַלעריסטן געפּרובט, ביים אָפּשטעלן זיך, ראַבירן אַ פּאָר געשעפטן. אין אַ פּרוכט־געוועלב (טראָקער 1) זיינען געוואָרן אָפּגעבויגן די שטאַכעטן און די גאַנצע סחורה איז צוראַבירט געוואָרן.

ס'קלינגט נאָך איצט אין מיינע אויערן דאָס פאַרצווייפלטע קלאָגן פון דער אייגנטימערין, וועלכע האָט אין דער פרי דערזען איר „אומגליק“. אָבער אַזעלכע רויבערייען זיינען געווען ממש איינצלנע. די נאַכט איז דורכגעגאַנגען כמעט בשלום, ניט רעכענדיק די שרעק פאַר די מוראדיקע עקספּלאָזיעס צוליבן אויפרייסן די בריקן און געוויסע מיליטעריש אָביעקטן.

איך האָב זיך דינסטלעך אין דער פרי געפונען אויף גרויס פּאָהולאַנקע. די „רוסן“ זיינען שוין כמעט „דורך“, און די דייטשן זיינען נאָך ניט אַריין. דער עולם האָט זיך געוואָרפן אין צווישנצייט אויף דער מיליטערישער בעקעריי. מען האָט אָנגעהויבן שלעפּן אַלץ, וואָס עס איז דאָרטן נאָך געבליבן. „גליקלעכע“ האָבן נאָך געפונען זעקלעך קאָרענע מעל. מען האָט זיך גענומען אויך צום אינווענטאַר: געשלעפּט טישלעך, בענקלעך, אייזערנע בעטלעך א. אַ. וו.

ס'זיינען דערביי פאָרגעקומען טראַגיקאָמישע סצענעס, ווען מענטשן אין זייער גיריקייט פלעגן אָנלאָדן אויף זיך אוממענטשלעכע משאות. אויף אייזערנע בעטלעך האָט מען געשטעלט בענקלעך, עמערס, טישלעך און וואָס נאָר עס האָט זיך געלאָזט פון דאָס געבליבענע „קאַזיאָנע“ גוטס. די בעטלעך האָט מען געשטעלט אויף די אייגענע קעפּ. אָפט פלעגט מען זיך אויסציען אויף דער ערד, אומפאַלן מיט אַלע מטלטלים. יעדערער האָט געוואָלט אַריינכאַפּן וואָס מער. אומזיסט האָבן די מיליציאָנערן געפּרובט ווירקן אויפן עולם, אַז מען טאָר ניט און אַז מען דאַרף ניט נעמען קיין זאַך. דער עולם האָט ניט שטאַרק מורא געהאַט פאַר די נייע „פּאָליציאַנטן“, ביי וועלכע עס האָט זיך געבאָמבלט אַ שטיקל ווייסע האָלץ אויף אַ רימענדל.

די באַפעלקערונג איז ניט געווען פאַרכאַפּט פון אַ ראַבירונגס־גייסט. מען האָט פּשוט געהאַלטן, אַז האָב און גוטס פון „פּאַנעס“, פון „קאַצאַפּ“, „בורזשוי“ איז ניט קיין פאַרברעך צו נעמען, ניט קיין גזילה און ניט קיין גנבה. צווישן די וואָס האָבן זיך אויף אַזאַ אופן געמאַכט אַ היתר צו „נעמען“, האָב איך צו מיין פאַרוואונדערונג געזען אויך באַלעבאַטישע יידן, צו וועלכע איך האָב געפּרובט זאָגן: „זאָל דאָס בעסער ליגן אויפן אָרט. ס'פּאַסט ניט פאַר אייך!“. מען האָט אַלס ענטפער עפּעס ניט צופרידענערהייט געמורמלט. דער זין איז אָבער געווען: „ניט אייער עסק“, „מאַכט זיך ניט זעענדיק“, „זיי מעגן — און מיר ניט?“ וכדומה.

קיין „אמתע מאַכט“ איז נאָך ניט געווען. „דער דייטש“ איז נאָך אין שטאָט ניט אַריין. ס'איז געווען אַ פּאָר שעה פון „איש הישר בעיניו יעשה“. ס'האָבן נאָך איבער די גאַסן געבלאָנקעט וואו ניט וואו איינצלנע רוסישע זעלנער אָפּגעשטאַנענע פון דער הויפּט־אַרמיי. דער נייגעריקער עולם האָט זיי אַרומגערינגלט און „אינטערוויואירט“ וועגן דער סיטואַציע אויף די פראָנטן און אַפילו וועגן גורל פון דער וועלט־מלחמה. מען האָט זיך אויפגעהערט צו שרעקן פאַרן „יאָוון“. דער יון אַליין האָט אויך אויסגעזען אַזוי נעבעכדיק, אַז עס וואָלט ניט געשאַדט געבן אים אַ שטיקל ברויט מיט אַ גלאָז הייסע טיי. צעוויקלטע, צענעצטע, מיט צעקנייטשטע שינעלן און דערשלאָגענע פּנימער, מיט פאַרבלאָ־טיקטע שטיוול, האָבן די דאָזיקע רוסישע סאָלדאַטן ניט אויסגעזען צופיל קריגעריש.

ענדלעך האָט זיך צעטראָגן אַ ידיעה, אַז אויף די פאָרשטעט האָבן זיך שוין באַוויזן די ערשטע „שלוחים פון ווילהעלמען“ — די אויסשפּירער אַלע גאַסן זיינען, ניט קוקנדיק אויף די פריע שעהן, געוואָרן פאַרפולט מיט מענטשן, וועלכע זיינען צום ערשטן מאָל אַרויסגעקראָכן פון די באַהאַלטענע לעכער. די שטימונג — מען מוז עס מודה זיין — האָט זיך געענדערט צום בעסערן. מען איז געווען איבערצייגט, אַז עס וועט ניט זיין קיין ווילקיר. מען וועט שוין ניט כאַפּן קיין מענטשן, ניט מאַכן קיין פּאָגראָמען. ס'וועט אַפילו זיין צוקער אויך (וואָס ס'האָט די לעצטע צייט אויסגעפעלט).

אַזייגער 10—11 פרי האָבן שוין אָנגעהויבן צו שטראָמען דייטשע „טרופּען“, פוסגייער און קאַוואַלעריע. לגבי די גוט אויסגעפּאַשעטע רוסישע פערד האָבן די דייטשע אויסגעוויזן ווי ראָסינאַנטן (פון „דאָן־קישאָט“), אויסגעמאַטערטע, מיט אָרימע שפּאַנען.

אין יענע שעהן בין איך געשטאַנען אויף מיין פונקט, לעבן דער הויפּט־פּאָסט. די באַוועגונג איז געווען אַ גרויסע און אָן צאָן אויפהער. אויף די ראָגן זיינען געשטאַנען טויזנטער מענטשן און נייגעריק צוגעקוקט זיך צום דייטשן מיליטער. איך האָב זיך געמוזט שטאַרק אָנשטריינגען, כּדי ניט צו דערלאָזן דעם ציווילן עולם אויפן ברוק. די קלענסטע פאַר־שטאָפּונג פון גאַס מיט ציווילע וואָלט געשטערט דעם מיליטער — און דאָס איז געווען געפערלעך. איך האָב באַנוצט פויליש, יידיש. געבעטן דעם עולם זיך פאַנאַנדערגיין. געהערט אַפילו דערביי אַ פּאָר קאָמפּלימענטן, ווי „זשידאָווסקאַ מיליציאַ". איך בין אָבער באַשטאַנען אויף מיינס.

№ 44
Удостоверительный билетъ
Предъявитель сего Абрамовичъ [illegible] состоитъ членомъ Виленской Городской Милиціи.
Городской Голова [illegible]
г. Вильно, 9 августа 1915 г.

ה. אַבראַמאָוויטשעס לעגיטימאַציע אַלס מיליציאַנער

מיר צו הילף איז דעלעגירט געוואָרן נאָך אַ מיליציאַנט, וועלכער האָט שוין באַנוצט אויך דעם רוסישן „ראַזאַידיס!".

דעם מיליציאַנט איז אויסגעקומען אויסצוהאַלטן אַ קאָנטער־אַטאַק: אַ פּוילישער שניידער־מייסטער, וועלכער האָט געוואוינט „אַראָפּ שלאָסגאַס" האָט אויפגעהויבן פּלוצלונג די פּויס, צוגעלייגט ביידע הענט צום פּאַדעשווע און אויסגעשריען: „אָט דאָ האָבן מיר איצט דעם רוס מיט זיין שפּראַך". אויס נייגעריקייט האָבן זיך אויף דעם טומל אַ לאָז געטאָן מענטשן.

קוים מיט צרות האָט זיך מיר איינגעגעבן צו ליקווידירן דעם „קאַרעק" און אויסמיידן שטע־רונגען אין דער באַוועגונג פון מיליטער.

אַביסל שפּעטער האָבן זיך באַוויזן איינצעלנע דייטשע זעלנער מיט אונטעראָפיצירן, וועלכע האָבן עפּעס געזוכט. זיי זיינען געווען אַרומגערינגלט פון אַ עולם נייגעריקע, וועלכע האָבן אויך ביי זיי געפרעגט וועגן נייעס (קיין שום צייטונגען זיינען אין ווילנע ניט געווען), וועגן די מלחמה־אויסזיכטן אד"גל...

ס'האָט זיך באַוויזן אַ מיליטערישער אויטאָ מיט עטלעכע אָפיצירן און זעלנער, ווי אויך אַ ציווילע פּערזאָן.

לעבן פּאָסט האָב איך איבערגעלאָזן אַ פּאָר־טרעטער און איך בין צוועק אין ד'ר ריכטונג פון אויטאָ, וועלכער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דער געביידע פון איצטיקן אוניווערסיטעט, וואו ס'איז געווען אַ געשעפט פון געווער (דער געשעפט עקסיסטירט נאָך איצט אויך).

קיין גרויסע אַמוניציע ווערט האָט אַזאַ געווער, ווי יאַגד־ביקסן, אָדער פּיסטאָלעטן ניט געקענט האָבן. אָבער דאָך איז ביי די דייטשן אין פּלאַן, ביי פאַר־נעמען אַ שטאָט, געווען אָנגעמערקט תּיכף צו רעקווירירן די „געווער"־געשעפטן. די דייטשן האָבן קענטיק געהאַט צוגעגרייטע אייגענע מענטשן, וואָס האָבן זיי געפירט אין באַשטימטע ערטער, וועלכע האָבן געהאַט פאַר זיי אַ געוויסן ווערט און וואו מען האָט געקענט באַקומען שפּייז־אַרטיקלען, פאַרשיידענע אייזן סחורות א. א. וו.

דער עלטערער אָפיציר, דערזעענדיק מיר, האָט פאַראָרדנט, אַז די מיליץ זאָל ניט צולאָזן נאָענט קיין ציווילע. דער געווער־געשעפט איז געווען געשלאָסן, נאָר געהאַט האַלבע גלעזערנע טירן. ניט לאַנג קלערנדיק האָבן די מיליטער־לייט מיט די קאָלבעס אויסגעהאַקט די שויבן און דורך זיי אַריין אין געשעפט. 2 זיינען געשטאַנען אינעווייניק, גענישטערט און צוגענומען אַלץ פון געשעפט. דער דריטער האָט געלאָדן אין אויטאָמאָביל, אַ פערטער האָט געקוקט אויפן עולם. אויף מיר האָט עס געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ פּשוטן רויב־אָנפאַל. ס'האָבן זיך עטלעכע מאָל צונויפגעזאַמלט מענטשן און צוגעקוקט זיך צו די מעשים פון די „באַפרייער" פון ווילנע.

קענטיק, אַז די פאַרוואונדערונג און די ניט צו פריינדלעכע בליקן פון די אַרומיקע און פון דעם פאַרשטייער פון דער מיליץ — האָט אַרויס־געבראַכט פון די כּלים די אָפיצירן. עטלעכע מאָל האָבן זיי אָנגעשטעלט רעוואָלווערן אויפן עולם און זיך שטאַרק געבייזערט אויף מיר וואָס איך יאָג ניט פאַנאַנדער דעם עולם.

אויף מיין ביטע צו געבן אַ צעטל וועגן די צוגענומענע זאַכן האָט דער אָפיציר געוויזן אַ פויסט. עטלעכע סצענעס האָבן זיך איבערגעחזרט, ווי מען האָט מיר איבערגעגעבן, אויף פאַר אַנדערע געשעפטן.

אין אַ פּאָר שעה נאָכן אָנקומען פון די דייטשן אין ווילנע זיינען פאַרנאַנדערגעקלעפּט געוואָרן פּראָקלאַמאַציעס פון מיליטערישן דייטשן גובערנאַטאָר מיט קלינגענדיקע פראַזן וועגן באַפרייען פון רוסישן יאָך ווילנע — „די פּערל פון פּוילישן קרוין", וועגן אָנקומען פון אַ נייער תּקופה פון פרייהייט און ענלעכעס.

אמת, אז די פרייסישע „פרייהייט״ (אויפן פאפיר, וואס דולדעט אלץ האט געלעבט קוים א שעה צייט. עס איז גלייך אפגעגעבן געווארן א באפעל די פאנאנדערגעקלעפטע פראקלאמאציעס אראפצורייסן. די ארטיקע באפעלקערונג קען נאך מיינען, אז זי איז גאר דאס אויבערשטע פון שטויסל, אין דער אמתן דארף זי וויסן, אז עס איז „ווי צו די באזיגטע״.

עס האבן זיך באוויזן אנדערע פראקלאמאציעס און באפעלן וועגן דער נויטיקייט צו פאלגן די מיליטערישע מאכט אן שום טענות ומענות. וועגן אפגעבן געווער אין קעגנפאל — טויט-שטראף). צישטעלן צו 2 קאלדרעס פון יעדער פאמיליע. אפגעבן מעש, קופער, בליי א. אז. וו. ניט גיין אויף די גאסן פון 9 אוונט ביז 6 פרי. אין גרעסטן טייל האבן די באפעלן געמוזט אויסגעפירט ווערן תיכף ומיד.

אין אוונט האבן פון די פאסטנס באפרייטע מיליציאנערן געמוזט זיך צונויפקלייבן אויף אפצוגעבן באריכטן און אויסהערן באפעלן. דער קאמיסאר האט נאך מיין ראפארט מיר פארגעלייגט אנצושרייבן א באריכט וועגן דאס צוראבירן דעם יאגד-געשעפט (די נומערן פון די דייטשע אפיצירן האב איך באמערקט). דערביי האט ער אבער באטאנט, אז מען קען זיך ניט קעגנשטעלן די נייע הערשער. זיי זיינען באוואפנט און מיר זיינען אן געווער. ער האט דערביי איבערגעגעבן אייניקע פרטים פון די דייטשע פאדערונגען צו דער באפעלקערונג, וואס ער האט געהערט פון ווילנער דייטשן קאמענדאנט. ניט נאר אויספירן די באפעלן, נאר אויך יראת הכבוד צום דייטשן מיליטער פאדערט מען פון דער באפעלקערונג. אפטרעטן דעם וועג, אראפגיין פון טראטואר, ווען ס׳גייען דייטשע אפיצירן. גיין אויף רעכטס, דינען די דייטשע „טרופן״ מיט אלע אינפארמאציעס. די מיליץ דארף צונויפזאמלען פון דער באפעלקערונג אלץ וואס איז נויטיק פארן מיליטער (צום ביישפיל די קאלדרעס).

אגב האט שוין דער קאמענדאנט געמאלדן, אז די ציווילע מיליץ בלייבט נאר אויף זייער א קורצער צייט, זי וועט ווערן היי-יאר רעארגאניזירט, עס וועט זיין דייטשע פאליציי (די שפעטער בארימטע „פעלדערינעס״) און די מיליץ וועט ווערן באנוצט צו „הילפס-דינסט״. זעלבשטענדיק קען זי ניט זיין. די צאל מיליציאנטן וועט ווערן רעדוצירט און אנטשפרעכן נאר די באדערפענישן פון זער מיליטערישער אנפירונג. אייניקע מיליציאנטן האבן זיך געקלאגט, אז דייטשע מיליטער-לייט פאדערן, אז מיליציאנטן זאלן זיי פירן אין שאנד-הייזער. איין מיליציאנט האט געקראגן אין אויער. דער קאמיסאר האט אויף דעם מעלאנכאליש נאכאמאל א מורכל געטאן, אז „זיי״ זיינען באוואפנט. און בכן...

מיט איין ווארט ס׳זיינען געווען טרויעריקע גערוסן.

2 ביינאכט בין איך ווייטער געשטאנען אויפן פאסטן. ס׳האט געגאסן א רעגן. די גאסן זיינען געווען ליידיק. אין דער פינסטערניש האבן זיך נאך געהערט שיכורע געזאנגען פון גרופעס דייטשע מיליטערלייט, וועלכע האבן געזוכט מקיים צו זיין דעם פסוק „ווין, ווייב, געזאנג״.

די ציווילע ווילנע האט אויך מוצאי יום כפור רואיק ניט געקענט שלאפן. שווערע פינצטערע וואלקנס זיינען ווייטער געהאנגען אין דער לופט.

די דייטשע אקופאציע האט זיך אנגעהויבן...

זלמן רייזען

דער יידישער פען-קלוב אין ווילנע

מיט א יאר צוריק איז געווארן צען יאר זינט עס האט זיך קאנסטיטואירט דער יידישער פען-קלוב אין ווילנע און דערמיט געלייגט דעם יסוד פאר דער אלוועלטלעכער יידישער פען-ארגאניזאציע. אויף דער אלגעמיינער פארזאמלונג פון דעם יידישן פען-קלוב אין ווילנע אין נאוועמבער 1937 איז באשלאסן געווארן צו באצייכענען דעם 10 יאריקן יובל פון דעם יידישן פען-קלוב דורך ארויסגעבן א בראשור א"ט „10 יאר יידישער פען-קלוב" מיט דעם אינהאלט:
א) ידיעות פון דער אינטערנאציאנאלער פען-פעדעראציע מיט א רשימה פון די פען-קלובן פון אלע פעלקער מיט זייערע אדרעסן; ב) די געשיכטע פון יידישן פען-קלוב, זיין אנטייל אין דער אינטערנאציאנאלער פען-באוועגונג; ג) רשימה פון די מיטגלידער פון יידישן פען קלוב אין ווילנע, ווארשע, ניו-יארק; ד) רשימה פון די ווערק וואס די מיטגלידער פון יידישן פען-קלוב האבן פארעפנטלעכט אין משך פון די יארן 1927—37, זייערע איבערזעצונגען אויף פרעמדע שפראכן, זייערע אויפפירונגען אויף דער בינע א.אז.וו; ה) די פארשטארבענע מיטגלידער פון יידישן פען-קלוב; ו) די אויפגאבעס פון דער יידישער פען-באוועגונג.

די בראשור האט אויך געזאלט דערשיינען אין א אייראפעאישער שפראך.

צום באדויערן איז דער באשלוס ניט אויסגעפירט געווארן. דער יידישער פען-קלוב אין ניו-יארק האט ווארעם באגריסט די איניציאטיווע, צוגעשיקט די רשימה פון זיינע מיטגלידער, צוגעזאגט צו געבן צושטייער אויף דער אויסגאבע, אבער זיין הבטחה ניט רעאליזירט. דער יידישער פען-קלוב אין ווארשע האט ארויסגעוויזן נאך ווייניקער אינטערעס. און דער עיקר: דער פען-מיטגליד, וואס האט גענומען אויף זיך די בראשור צונויפשטעלן, אויסניצנדיק דעם רייכן ארכיוו פון יידישן פען-קלוב, אהרן מארק, איז אין דעם טאג, ווען ער האט געזאלט זיך נעמען פאר דער ארבעט, אוועקגעפאלן אויף יענער שרעקלעכער קראנקייט, וועלכע האט אזוי אכזריותדיק פארשניטן זיין יונג אויפטועריש לעבן.

זאלן די דאזיקע בלעטלעך, וואס דערשיינען מיט א פארשפעטיקונג במקום דער געפלאנטער בראשור, זיין א היילקונג דעם אנדענק פון אונדזער אומפארגעסלעכן חבר אהרן מארק.

*

צו ערשט א פאר אלגעמיינע ידיעות וועגן דעם אלגעמיינעם פען-קלוב:

פע"ן איז אן ענגליש ראשי-תיבות וואס מאכט:

Poets, Playwright, Editors, Essayists Novelists

עס איז דער מזל פון דער יידישער שפראך, וואס „פען" האט אויך אויף יידיש, פונקט ווי אויף ענגליש, דעם אייגענעם טייטש (פעדער) און לאזט זיך טיילווייז צונויפשטעלן פון די זעלביקע ראשי-תיבות: פאעטן (אויך פיעסן-שרייבערס), עסעאיסטן (אבער אויך עדיטארס, אויב ניצן אין יידיש דעם אנגליציזם עדיטאר ד"ה רעדאקטאר), נאוועליסטן.

דער פען-קלוב איז בכן אן ארגאניזאציע פון דיכטער און שריפטשטעלער — אין א אינטערנאציאנאלן פארנעם. דער ציל פון דער פען-באוועגונג, וואס נעמט ארום קרוב 50 לענדער, איז צו שאפן א התקרבות צווישן די שריפטשטעלער פון דער גאנצער וועלט פאר די שותפישע אינטערעסן און פאר אן אינטעלעקטועלער צוזאמענארבעט פון די פעלקער. די איניציאטיווע צו גרינדן דעם פען-קלוב געהערט די ענגלענדער, קודם-כל דער שוין פארשטארבענער שרייבערין דאוסאן סקאט, א קרובה פון דעם גרויסן ענגלישן ראמאניסט. אויף דעם ווינער פען-קאנגרעס האט זי אונדז דערציילט אייניקע פרטים פון דער דאזיקער גרינדונג:

ס'איז געווען באלד נאך דער וועלט-מלחמה, אין וועלכער עס זיינען אומגעקומען א סך פון איר משפחה. די וועלט איז נאך אלץ געווען צעריסן דורך שנאה און האס. וואס וועט זיין דער סוף? — און דאן האט זי פארבעטן אויף א זיצונג בערנארד שאו, ישראל זאנגווילן א"א בארימטע ענגלישע שרייבער. שפעטער זיינען אויך צוגעקומען די פראנצויזן, דערנאך די דייטשן און אזוי איז געשאפן געווארן דאס קערנדל פון דער איצטיקער אלוועלטלעכער שריפטשטעלער-פעדעראציע.

דער ערשטער פּרעזידענט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּען-פעדעראַציע איז געווען אַנאַטאָל פראַנס, דער גרויסער פראַנצייזישער שריפטשטעלער. נאָך פראַנסנס טויט איז דער פּאַקטישער און גייסטיקער פירער פון פּען-אינטערנאַציאָנאַל געווען דער באַרימטער שריפטשטעלער דזשאָן-גאָלסוואָרטי. נאָך גאָלסוואָרטיס טויט (1933) — הערבערט דזשאָרדזש וועלס און דער צענטראַלער ראַט פון די פּען-קלובן האָט זיך געפינען אין לאָנדאָן. איצט האָט זיך דער צענטער אַריבערגעטראָגן קיין פּאַריז און בראש פון דער פּען-באַוועגונג שטייט דער פראַנצייזישער דיכטער זשול ראָמען.

ווי ווייט די פּען-באַוועגונג איז זיך צעוואַקסן, קען מען זען דערפון, וואָס ביי היינטיקן טאָג עקסיסטירן שוין פּען-קלובן כמעט אין אַלע לענדער פון דער וועלט און נעמען אַרום 4000 שרייבערס פון די פאַרשיידנסטע שפּראַכן.

צו יאַנואַר 1936 האָבן עקסיסטירט פּען-צענטערס אין אָט די לענדער: אונגאַרן, איטאַליע, אינדיע, איסלאַנד, איראַק, אירלאַנד, אַרגענטינע, ארץ-ישראל, באָליוויע, בולגאַריע, בעלגיע, גריכנלאַנד, דייטשלאַנד (רעפּרעזענטירט זינט 1933 דורך שרייבער אין דער עמיגראַציע, דאָס גלייכן עסטרייך נאָכן פאַרנעמען דאָס לאַנד דורך היטלערן), דענעמאַרק, דרום-אַפריקע (מיט צוויי צענטערס קייפּטאָון און יאָהאַנעסבורג), האָלאַנד, טשילי, טשעכאָסלאָוואַקיי, יוגאָסלאַוויע (מיט דריי צענטערס — בעלגראַד, ליובליאַנאַ און זאַגרעב), כינע, ליטע, לעטלאַנד, מעקסיקע, מצרים, נאָרוועגיע, ניי-זעלאַנד, ענגלאַנד, עסטלאַנד, פּאָרטוגאַל, פּוילן, פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון-אַמעריקע (מיט דריי צענטערס אין ניו-יאָרק, שיקאַגאָ און סאַן-פראַנציסקאָ), פינלאַנד, קאַנאַדע (מיט צוויי צענטערס — מאָנטרעאַל און טאָראָנטאָ), פראַנקרייך, רומעניע, שאָטלאַנד, שוועדן, שווייץ (מיט דריי צענטערס — זשענעווע, ציריך און באַזעל), שפּאַניע (מיט צוויי צענטערס — באַרסעלאָנע און מאַדריד) און יידיש.

יעדער פּען-קלוב איז רעפּרעזענטירט אין דעם פּען-אינטערנאַציאָנאַל דורך איינעם אָדער צוויי ערן-מיטגלידער (פּרעזידענטן), דאָס רוב — די חשובסטע פאָרשטייער פון דער געגעבענער ליטעראַטור.

צווישן די ערן-מיטגלידער פון פּען-קלוב געפינען מיר די רעפּרעזענטאַטיווסטע נעמען פון די שרייבער פון דער וועלט, ווי טאָמאַס מאַן, בענעדעטאָ קראָטשע, ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע, מאָריס מעטערלינק, קנוט האַמסון, בערנאַרד שאָו, ראָמען ראָלאַן, סעלמאַ לאַגערלעף, וואַצלאַוו שעראָשעווסקי א״אַ.

(אַ געוויסע צייט האָבן די רוסישע ליטעראַטור אין דעם פּען רעפּרעזענטירט מאַקסים גאָרקי און דמיטרי מערעזשקאָווסקי, הגם פּסס֜ר געהערט ניט צום פּען-קלוב).

דער העכסטער אָרגאַן פון דער פּען-באַוועגונג איז דער קאָנגרעס פון די פּען-קלובן וואָס ווערט אָפּגעהאַלטן אַלע יאָר, דאָס רוב זומערצייט, איטלעכס מאָל אין אַן אַנדער לאַנד. דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַלער פּען-קאָנגרעס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין לאָנדאָן מאַי 1933, דער צווייטער אין ניו-יאָרק, דער דריטער אין פּאַריז, דער פערטער אין בערלין, דער פינפטער אין בריסל, דער זעקסטער אין אָסלאָ, דער זיבעטער אין ווין, דער אַכטער אין וואַרשע, דער ניינטער אין האַג, דער צענטער אין בודאַפּעשט, דער עלפטער אין דובראָווניק (יוגאָסלאַוויע), דער צוועלפטער אין עדינבורג (שאָטלאַנד), דער דרייצעטער אין באַרסעלאָנע, דער פערצעטער אין בוענאָס-איירעס, דער פופצעטער אין פּאַריז און דער זעכצעטער — 1938 — אין פּראָג.

*

לכתחילה איז דער אָרגאַניזאַציאָנאַלער פּרינציפּ פון די באַזונדערע נאַציאָנאַלע פּען-קלובן געווען אַ טעריטאָריאַלער, און דאָס איז פאַרשטענדלעך, ווען מ׳נעמט אין אַכט, אַז בנוגע געוויסע גרויסע פעלקער פון מערב-אייראָפּע פאַלט די נאַציאָנאַליטעט און במילא אויך די שפּראַך צונויף מיט דעם לאַנד, מיט דער מדינה (ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, איטאַליע אאַז״וו). אמת, ענגלאַנד האָט איר וועלשע נאַציאָנאַלע פראַגע, פראַנקרייך—די פּראָוואַנסאַלישע, שפּאַניע — די קאַטאַלאָנישע און באַסקישע, דאָך קומט עס ניט צו דער שאַרפקייט, מיט וועלכע מיר האָבן צו טאָן אין די אַזוי גערופענע נאַציאָנאַליטעטן-מלוכות, ד״ה די יעניקע מלוכות, וואו עס לעבן פאַרשיידן-שפּראַכיקע פעלקער. סוף-כל-סוף אָבער האָט מען געמוזט קומען צו דער פראַגע, צי קען דער טעריטאָריאַלער פּרינציפּ בלייבן דער איינציקער פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון די פּען-קלובן, אָדער מ׳מוז אויך נעמען אין אַכט דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַליטעט און שפּראַך. לכתחילה האָט זיך די דיסקוסיע געשטעלט אין שייכות דערמיט, צי דאַרף, למשל, די דייטשע ליטעראַטור זיין עטלעכע מאָל רעפּרעזענטירט (ווייל אַ דייטשע ליטעראַטור איז פאַראַן — ריכטיקער — געווען אויך אין עסטרייך, אין סודעטן-לאַנד, איז פאַראַן אין שווייץ). האָבן די יידישע שריפטשטעלער שוין אָפן געשטעלט די פראַגע וועגן דעם שפּראַך-פּרינציפּ ווי אַ באַזע פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון די פּע״ן-קלובן.

שוין אין 1926 האָט דער דאַן געגרינדעטער „ליטעראַטן־קלוב“ ביים פאַראיין פון די יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין וואַרשע געהאַט בדעה צו שיקן אַ דעלעגאַט צום אינטערנאַציאָנאַלן פען־קאָנגרעס אין בערלין, אָבער מחמת דער מאַי־איבערקערעניש אין פוילן איז דער פּלאַן רעאַליזירט געוואָרן ערשט מיט אַ יאָר שפּעטער, צו דעם 5טן אינטערנאַציאָנאַלן פען־קאָנגרעס, אָפּגעהאַלטן אין בריסל 20 — 23 יוני 1927. דעם דאָזיקן קאָנגרעס איז פאָרגעלייגט געוואָרן אַ „מעמאָריאַל וועגן דעם אַריינגעמען די יידישע שריפטשטעלער אין דעם אַלוועלטלעכן פען־פאַרבאַנד“, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פראַנצייזיש, דייטש און יידיש (אויך אין די „וואַרשעווער שריפטן“ 1927). דער מעמאָריאַל באַגרינדעט די שטעלונג פון די יידישע שריפטשטעלער בנוגע דעם אופן פון אַריינגעמען זיי אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פען־פעדעראַציע, אַרויסרוקנדיק דעם פרינציפּ פון פערסאָנאַליטעט אַנשטאָט דעם ביזאַהעריקן פרינציפּ פון טעריטאָריאַליטעט, און ווייזט אויף דעם איינהייטלעכן כאַראַקטער פון דער יידישער ליטעראַטור, ניט קוקנדיק אויף איר טעריטאָריאַלער צעשפּליטערטקייט, דורך אַן איבערבליק וועגן איר אַנטוויקלונגס־גאַנג פאַר די לעצטע 150—160 יאָר.

צו פאַרטיידיקן די פּאָזיציע פון די יידישע שרייבערס איז אויפן פען־קאָנגרעס אין בריסל דעלעגירט געוואָרן דער יידישער שריפטשטעלער און קריטיקער לעאָ קעניג פון לאָנדאָן. נאָך אַ דיסקוסיע און ניט קוקנדיק אויף דער קעגנערשאַפט פון אַ ריי דעלעגאַטן פון די פען־קלובן פון די הערשנדיקע פעלקער איז די יידישע ליטעראַטור אויפגענומען געוואָרן אין דער פען־פעדעראַציע בתנאי, אַז דער יידישער פען־צענטער זאָל זיך געפינען אין ווילנע (און ניט אין וואַרשע אָדער אין ניו־יאָרק, וואו עס זיינען דאָ אַנדערע פען־צענטערס).

עס איז באַשערט געווען, ווייזט אויס, אַז ווילנע, וואָס שפּילט אַזאַ ראָלע אין דער יידישער קולטור־באַוועגונג, וואָס איז דער וויכטיקסטער צענטער פון דער נייער יידישער שול, וואָס איז דער זיץ פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, זאָל אויך ווערן דער אַלוועלטלעכער צענטער פון דער שיינער יידישער ליטעראַטור, און דווקא דורך אַן אַקט פון אַ אינטערנאַציאָנאַלער קערפּערשאַפט אויפן סמך פון דער רעזאָלוציע פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פון די פען־קלובן אין בריסעל, אַז אין איין שטאָט קען ניט זיין מער ווי איין פען־קלוב, אָבער אין איין לאַנד קענען יאָ זיין עטלעכע פען־סעקציעס, — איז נאָך אונטערהאַנדלונגען פון לעאָ קעניג מיטן

פרעזידענט פון פען גאָלסוואָרטין באַשטימט געוואָרן, אַז דער יידישער פען־קלוב האָט זיין זיץ אין ווילנע. אַזוי אַרום איז לעבן דעם טעריטאָריאַלן פרינציפּ אומדירעקט אויך אָנגענומען געוואָרן דער פרינציפּ פון אַ שפּראַך־באַזיס פאַר די פען צענטערס און ס׳איז אָנערקענט געוואָרן אויך דער יידישער פען־צענטער אויפן קאָנגרעס האָט זיך בכלל אַרויסגעוויזן, אַז ס׳איז דאָ אַ גרויסער און לעבעדיקער אינטערעס צו דער יידישער ליטעראַטור.

*

לויט דעם בריוו פון דער וואַרשעווער סעקציע פון יידישן פען־קלוב פון 24סטן נאָוו׳ 1927 איז דער דיכטער משה קולבאַק באַפולמעכטיקט געוואָרן צו אָרגאַניזירן דעם יידישן פען־צענטער אין ווילנע. די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם 12טן דעצ׳. ס׳האָבן זיך באַטייליקט די ערשטע מיטגלידער פון יידישן פען־קלוב, היינו: ברוך גלאַזמאַן, א. י. גראָדזענסקי, א. י. גאָלדשמידט, פאַלק היילפּערין, נפתלי ווייניג, מאַקס ווײַנרייך, מאַקס עריק, א. פרידקין, ש. ל. ציטראָן, ד. קאַפּלאַנאָוויטש, משה קולבאַק, זלמן רייזען, שרה רייזען, משה שאַליט. פאַר אַ פאָרזיצער איז אויסגעוויילט געוואָרן משה קולבאַק, פאַר אַ וויצעפאָרזיצער — זלמן רייזען, פאַר אַ סעקרעטאַר מאַקס עריק, פאַר פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער שמואל־לייב ציטראָן און דן קאַפּלאַנאָוויטש.

די וואַרשעווער סעקציע פון דעם יידישן פען־קלוב האָט זיך אָרגאַניזירט אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג דעם 14טן פעברואַר 1928. אין דער פאַרוואַלטונג זיינען אויסגעוויילט געוואָרן ז. סעגאַלאָוויטש — פאָרזיצער, מ. ראַוויטש — סעקרעטאַר, אהרן צייטלין, נחמן מייזיל, אַלטער קאַציזנע — פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער.

די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון דער ניו־יאָרקער סעקציע איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אָנהייב מאַי 1928. אין דער פאַרוואַלטונג פון דער סעקציע זיינען אויסגעוויילט געוואָרן: דוד פּינסקי — פאָרזיצער, יוסף אָפּאַטאָשו—וויצע־פאָרזיצער, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי—סעקרעטאַר, ש. ניגער און ד״ר א. קאָראַלניק — פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער.

בהסכם פון אַלע יידישע פען־קלובן איז פאַרן ערן־מיטגליד (פרעזידענט) פון דער יידישער ליטעראַטור אין דער פען־פעדעראַציע אויסגעוויילט געוואָרן שלום אַש.

ביים היינטיקן טאָג האָט דער יידישער פען־קלוב אין ניו־יאָרק אָט די מיטגלידער: א. אויערבאַך, דוד איגנאַטאָוו, ר. אייזלאַנד, א. אַלמי, י. אָפּאַטאָשו,

מ. באסין, מנחם באריישא, ב י. ביא־אסטאצקי, א. בערגער, ל. בערמאן, ראובן ברײנין, ב. צ גאלדבערג, ל. גאלדבערג, ח. גוטמאן, ד״ר א גינזבורג, ברוך גלאזמאן, י. גלאטשטיין, א גלאנץ־לעיעלעס, נ. גראס, מ. דאנציס, ציליע דראפקין, ד״ר ב. האפמאן־צביון, ק. הייזלער, פרץ הירשביין, ז. וויינפער, א. זעלדין, ד״ר חיים זשיטלאווסקי, מ. חיימאוויטש, ב. טייטעלבוים, ש. יודסאן, נחום יוד, י. יפה, פעסיע כהנה, ב. לאפין, א. לוצקי, י. ליבין, ח. ליבערמאן, ה. לייוויק, אברהם ליעסין, ראזע לעבנסבוים, לייבוש לעהרער, קאדי מאלאדאווסקי, ד״ר א מוקדוני, ד״ר י. א. מעריסאן, ש. ניגער, י. ניסענזאן, יואל סלאנים, יואל ענטין, דוד פינסקי, ל. פיינבערג, לעאן קאברין, י. קיסין, יעקב קרעפּליאק, הילל ראגאף, ש. ראזענפעלד, ב. ריווקין, יוסף ראלניק, אברהם רייזען, שרה רייזען, ב. רעסלער, יעקב שאצקי, י. י. שווארץ, אסתר שומיאטשער, מארק שווייד, תלוש.

צום יידישן פען־קלוב אין ווארשע געהערן:

שלום אש, ש. י. אימבער, ל. אליצקי, מארק ארנשטיין, נ. באמזע, י. באשעוויס, מ. בראדערזאן, ש בערלינסקי, הערץ בערגנער, מ. בורשטין, משה גראס, ד״ר א. גליקסמאן, הערשעלע (ה. דאנילעוויטש), ד״ר מ. וויכערט, ש האראנטשיק, ה. ל. זשיטניצקי, משה זילבורג, א זאק, יוסף טונקל, י. י. טרונק, דניאל טשארני, קלמן ליס, יחיאל לערער, איציק מאנגער, י. מאסטבוים, נחמן מייזיל, דוד מיצמאכער, מתתיהו מיזעס, י. מ. ניימאן, ז. סעגאלאוויטש, חיים סעמיאטיצקי, נח פרילוצקי, לעא פינקעלשטיין, יעקב פרעגער, י. פערלע, י. פאפיערניקאוו, רחל פייגנבערג, א. מ. פוקס, הלל צייטלין, אהרן צייטלין, י. קירמאן, א. קאציזנע, א. קאגאנאווסקי, ש. ל. קאווע, רחל קארן, מלך ראוויטש, ישראל ראבאן, ישראל שטערן, ד״ר יצחק שיפער, ב שנאפער, מ. י. שטיין, משה שימעל, ב. שעפנער.

אין דער פארוואלטונג פון דעם יידישן פען־קלוב אין ווילנע גייען איצט ארײן: זלמן רייזען — פארזיצער, משה שאליט — וויצע־פארזיצער, א. י. גראדזענסקי — סעקרעטאר (נאך דעם ווי דער סעקרעטאר פאלק היילפרין איז אפגעפארן קיין ארץ־ישראל) און חיים גראדע.

די ערשטע צייט האט דער יידישער פען־קלוב אין ווילנע אנטוויקלט א אינטענסיווע טעטיקייט, וואס שפיגלט זיך אויך אפ אין 4 נומערן פון די „פע״ן־נייס״. אין דעם 2טן נומ׳, נאוועמבער 1928, ווערט אין דעם לייט־ארטיקל געמאכט א קורצער סך־הכל פון דער יידישער פע״ן־ארבעט, למשל:

„עס זיינען קודם־כל קאנסאלידירט געווארן די דריי יידישע פען־קלובן. פאראן שוין אן ארגאניזאציאנעלער אפאראט, ס׳האט זיך איינגעשטעלט א פעסטער און רעגלמעסיקער קאנטאקט מיטן ניו־יארקער קלוב, און אלע דריי קלובן האבן שוין דעם כאראקטער פון אן אויטאריטאטיווער רעפרעזענטאנץ פון די יידישע שריפטשטעלער ..

„די צווייטע דערגרייכונג — די וויכטיקסטע — פון דעם פארגאנגענעם יאר איז דער פאקט, אז דאס ערשטע מאל האט א פארשטייער פון דער יידישער ליטעראטור גלייך־בארעכטיקט גענומען אנטייל אין דעם אינטערנאציאנאלן קאנגרעס פון די פען־קלובן; אז די עצם עקסיסטענץ פון א יידישן פען־צענטער וואס פארמאגט א אינטערנאציאנאלן כאראקטער, איז געווארן א קלארע און זעלבסטפארשטענדלעכע זאך פאר די פארשטייער פון די פארשיידענע ליטעראטורן. מיר זיינען ענדלעך פעסטער און זיכערער געווארן ביי זיך, זעענדיק, ווי גרויס איז דער אינטערעס פאר דער יידישער ליטעראטור און די אכטונג און סימפאטיע צו אונדזערע דיכטער. אחוץ דעם קאנגרעס האבן מיר אין משך פון יאר מיטגעארבעט אקטיוו מיטן לאנדאנער סעקרעטאריאט אין אלע ענינים, וואס שטייען אויפן סדר־היום פון דער אינטערנאציאנאלער פען־באוועגונג.

„עס זיינען צוגעגרייט געווארן א סך ענינים און פלענער, וואס דארפן איצט רעאליזירט ווערן. דאס וויכטיקסטע איז — א וועלט־צוזאמענפאר פון יידישע שריפטשטעלער, מיט דער באטייליקונג פון לכל הפחות 50 רעפרעזענטאטיווע יידישע שרייבער, א צוזאמענפאר, וואס זאל אחוץ דער מאניפעסטאציע און רעפרעזענטאציע טאן אויך רעאלע ארבעט... א איטערנאציאנאלע יערלעכע פרעמיע פון דער יידישער ליטעראטור... ענין איבערזעצער און איבערזעצונגען... נייע יידישע פען־קלובן, א שטייגער אין דרום־אמעריקע״.

צום באדויערן אבער איז שפעטער אפגעשוואכט געווארן דער יידישער פען־צענטער אין ווילנע. דער פארזיצער משה קולבאק און אין א געוויסער צייט ארום אויך דער סעקרעטאר מאקס עריק האבן פארלאזן פוילן. עס איז אויך געווארן לויזער דער קאנטאקט צווישן די באזונדערע יידישע פען־גרופעס. די אנגעמערקטע פלענער פון אינעווייניקסטער יידישער פע״ן־ארבעט זיינען ניט רעאליזירט געווארן. דער דאזיקער צושטאנד איז באטראכט געווארן אויף

א ספעציעלער באראטונג פון ווארשעווער און ווילנער פע"ן, וועלכע איז פארגעקומען אין ווילנע דעם 3 סטן און 24סטן יאנואר 1931. עס האבן זיך באטייליקט די פארוואלטונג פון פען-קלוב אין ווארשע (מ. וויכערט, י. י. טרונק, נחמן מייזיל, אהרן צייטלין, מלך ראוויטש), די ווילנער פען-פארוואלטונג (פאלק היילפערין, נ. וויינינג, דן קאפלאנאוויטש, זלמן רייזען, משה שאליט) און — מיט באראטערכט — י. באשעוויס און קאדי מאלאדאווסקי פון ווארשע, א. י. גאלדשמידט, א. י. גראדזענסקי, מ. וויינרייך און ז. קאלמאנאוויטש פון ווילנע.

די באראטונג האט אנגענומען א גאנצע ריי באשלוסן, צ"א — וועגן ארויסגעבן די פע"ן-נייס, אונטערשטיצן יענע פען-גרופעס וואס ווילן ארויסגעבן צייטשריפטן אדער זאמלביכער, וועגן שאפן נייע יידישע פען-גרופעס אין ארגענטינע, ארץ-ישראל און רומעניע, וועגן א ליטעראטור-פאנד צו פרעמירן די בעסטע ווערק פון דער יידישער ליטעראטור, וועגן אקטיוויטעט פאר דער יידישער קולטור און דער יידישער שפראך אאז"וו.

ס'איז אויך געשאפן געווארן אן אלגעמיינע פארוואלטונג פאר ביידע יידישע פע"ן-קלובן, אין וועלכער עס זיינען אריין: פון ווארשע—מ. וויכערט, י. י. טרונק, נחמן מייזיל, מלך ראוויטש; פון ווילנע— דן קאפלאנאוויטש, זלמן רייזען און משה שאליט; סעקרעטאר — מלך ראוויטש. פאר דער ניו-יארקער פע"ן-גרופע האט מען אויך רעזערווירט 5 ערטער אין דער אלגעמיינער פארוואלטונג, אבער ניו-יארק איז געבליבן פאסיוו.

יעדער פען-קלוב פאר זיך, האט זיך באנוגנט מיט רעפרעזענטאנץ-אויפגאבעס, מיטן אנטייל אין פארשיידענע ליטערארישע אונטערנעמונגען, יידישע קולטור-מאניפעסטאציעס וכדומה. בלויז די אינטערנאציאנאלע פען-קאנגרעסן פלעגן אין די פאר זומער-חדשים אויפלעבן דעם יידישן פען-קלוב. איבעריקנס טאר מען דעם דאזיקן מאמענט ניט כבטל זיין. ווי מען זאל ניט זיין אומצופרידן פון דער פען-באוועגונג פאר איר צעשוואומענקייט, פאר דעם צו קנאפן מוט וואס זי ווייזט ארויס אין איר קאמף קעגן די שענדערס פון דער קולטור פאר דער גלייכשטעלונג פון אלע פעלקער, — איז דער פען פארט א וויכטיקע פאזיציע, בפרט פאר די אונטערגעדריקטע פעלקע און קולטורן. דער פען-קאנגרעס איז דאך דערווייל אפשר די איינציקע אינטערנאציאנאלע טריבונע, וואו עס קען זיך לאזן הערן פאר דער גאנצער וועלט די שטים פון דער עכטער, פון דער אמתער יידישער גייסטיקייט, פון די וואס פירן דעם שווערן קאמף פאר דעם קיום און דער אנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור, פאר די מענטשלעכע און נאציאנאלע רעכט פון דעם יידישן פאלק.

אנגעהויבן פון דעם 6טן פען-קאנגרעס אין אסלא (מיטן אנטייל פון יוסף אפאטאשו), האט די רעפרעזענטאנץ פון דער יידישער ליטעראטור אין פען-אינטערנאציאנאל געשפילט א וויכטיקע ראלע, געהויבן דאס חשיבות פון דער יידישער ליטעראטור, ממילא אויך— פון יידישן פאלק, געוועקט אינטערעס, סימפאטיע און פארשטענדעניש פאר אונזער גערעכטן קאמף, דאס רוב טאקע געגעבן די איניציאטיווע פאר די יעניקע ארויסטרעטונגען פון די פען-קאנגרעסן, וואס באגרעכטיקן די הויפט-אידעען פון פען-קלוב וועגן התקרבות צווישן די פעלקער און קולטורן, אין דעם פרט אויסגעפירט א גאר וויכטיק שליחות אין שוץ פון דער קולטור בכלל. און ס'איז ניט די שולד פון דעם יידישן פען-קלוב, וואס די שטים פון דעם פען-אינטערנאציאנאל קלינגט ניט גענוג מוטיק קעגן דעם באַרבאריזם פון אונדזער צייט. איז דאך דער פען-קלוב אויך ארגאניזאציאנעל פארבונדן מיט דער פעלקער-ליגע (מיט איר „אינסטיטוט פאר אינטעלעקטועלער צוזאמענארבעט") און דער פשרה-גייסט וואס פאר אים אין פעלקערבונד טראגן דאס אחריות די פארשטייער פון פארשיידענע מלוכות, איז אויך טיפיש פאר דער פירערשאפט פון דער אינטערנאציאנאלער פען-ליגע.

דער אקטיווער אנטייל פון יידישן פען-קלוב אין די פען-קאנגרעסן דאטירט פון דעם ווינער (1929), אין וועלכן עס האט זיך אחוץ דעם פרעזידענט פון יידישן פען-קלוב שלום אש און די דעלעגאטן זלמן רייזען פון ווילנע און מלך ראוויטש פון ווארשע אויך באטייליקט א גרויסע יידישע דעלעגאציע פון שריפטשטעלער-געסט סיי פון ווילנע, סיי פון ווארשע, סיי פון ווין.

דער ווילנער דעלעגאט איז געקומען מיט א מאנדאט אוועקצושטעלן אויפן סדר-היום פון דעם פען-אינטערנאציאנאל דעם שווערן קאמף, וואס די יידישע קולטור האט צו פירן פאר איר אנערקענונג און פולבארעכטיקונג. ווארעם אין ווילנע בפרט איז דאך די דאזיקע קולטור די לעבנס-סטיכיע פון דער יידישער באפעלקערונג, דערפאר — א לעבנס-פראגע אין דעם טאגטעגלעכן געראנגל פאר דעם יידישן קיום.

אין זין פון אט דעם מאנדאט איז די יידישע דעלעגאציע אין ווין געווען גענוג ענערגיש ביים פארפעסטיקן דעם קולטור-פרינציפ ווי דעם יסוד פאר דער פען-באוועגונג לגבי דעם מדינה-פרינציפ,

וואס עס האבן פארטיידיקט פארשטייער פון געוויסע „גרויסע" פעלקער מיט יאהודישע אסימילאטארן א צולאג. אין זין פון אט דעם מאנדאט האט אויף דעם ווינער קאנגרעס געהאלטן א גרויסע רעדע וועגן די קולטור-רעכט פון די נאציאנאלע מינארי-טעטן שלום אש, א רעדע וואס האט געמאכט א גרויסן רושם.

אויך אין די ווייטערדיקע פען-קאנגרעסן האבן זיך באטייליקט חוץ די דעלעגאטן — שריפט-שטעלער-געסט (פון ווילנער פען-קלוב משה שאליט אין האאג און פאריז).

ווען מען זאל נאך צוגעבן די ארויסטרעטונגען פון די דעלעגאטן פון יידישן פען-קלוב אויף די לעצטע פען-קאנגרעסן קעגן דעם ברוטאלן ראסיזם און אנטיסעמיטיזם (פון שלום אש—אין דובראווניק, פון ה. לייוויק — אין בוענאס-איירעס, פו, ד"ר יצחק נחמן שטיינבערג — אין פאריז, פון נח פרילוצקי — אין פראג), דעם הילכיקן אפקלאנג וואס די דאזיקע ארויסטרעטונגען האבן ארויסגערופן אין דער גאנצער וועלט (געצוואונגען אויך די נאצי-פענקנעכט צו פארלאזן דעם פען-קאנגרעס אין דובראווניק און בכלל די פען-פעדעראציע), — וועט נאך בולטער ארויסקומען דער פאקט, אז דווקא אין די היינטיקע גרויליקע צייטן מוז געניאן ווערן אלץ צו פארשטארקן די פען-באוועגונג, צו אקטיווירן זי צום שוץ פון רעכט און קולטור, וואס שטייען אין אזא סכנה מצד דעם אגרעסיוון בארבאריזם און טאטאליזם.

כדי צו פארענדיקן מיט די מאניפעסטאציעס פון דעם יידישן פען-קלוב כלפי חוץ, וועלן מיר נאך דערמאנען, אז פארשטייער פון יידישן פען-קלוב זיינען אויפגענומען געווארן ווי געסט פון אנדערע פען-קלובן. אזוי, למשל, איז שלום אש געווען דער ערנגאסט פון ענגלישן פען-קלוב, וועלכער האט אראנזשירט פאר אים א פייערלעכן קבלת-פנים, יוסף אפאטאשו פון פוילישן פען-קלוב. בשעת דעם באזוך פון ז. רייזען אין בוענאס-איירעס האט דער ארגענטינישער פען-קלוב אראנזשירט לכבוד אים א באנקעט, וואו ז. רייזען האט געהאלטן א גרויסע רעדע וועגן דער יידישער ליטעראטור און קולטור און שלום אש איז דאן אויפגענומען געווארן פאר אן ערן-מיטגליד פון דעם ארגענטינישן פען-קלוב (די אנדערע מיטגלידער פון ארגענטינישן פען-קלוב זיינען: סטעפאן צווייג — עסטרייך, פאל וואלרי—פראנקרייך, ר. ב. קונינגהיים גרעהעם — ענגלאנד, ראמ־רא דע מאעסטו און כאסע ארטעגא אי גאסעט — שפאניע און אז"וו).

דער יידישער פען-קלוב האט בשעתו אויך באקומען א ווענדונג פון דעם אינטערנאציאנאלן אינסטיטוט פאר אינטעלעקטועלער קאאפעראציע ביים פעלקערבונד, בהסכם מיט די רעזאלוציעס פון אסלער פען-קאנגרעס—צוצושטעלן א רשימה פון 20 ווערק (ביז דער וועלט-מלחמה), וואס זאלן איבערגע-זעצט ווערן אויף אנדערע שפראכן ווי רעפרעזענ-טאנץ-ווערק פון דער יידישער ליטעראטור. דער יידישער פען קלוב אין ווילנע האט דאן אויסגעארבעט א פראיעקט פון אזא רשימה, היינו: זכרונות פון גליקל האמיל, דאס מעשה-בוך, די מעשיות פון רבי נחמן בראסלעווער, י. י. לינעצקי — „דאס פוילישע יינגעלע", יעקב דינעזאן — „יאסעלע", מענדעלע מוכר-ספרים — „מסעות בנימין השלישי", „פישקע דער קרומער", דאס ווינטשפינגערל", שלום-עליכם — „מנחם-מענדל", „טביה דער מילכיקער", „מאטל פייסי דעם חזנס", „כתבים פון א קאמיוואיאזשער", פרץ — „פאלקסטימלעכע געשיכטען", הסידיש", „אדם וחוה", טעאטער; נאוועלעס, עירים און פיעסעס פון דוד פינסקי, אברהם רייזען, לעאן קאברין, מאריס ראזענפעלד, יהואש א"א. אבער דער פראיעקט איז געבליבן שטעקן אין די ארכיוון פון די אנדערע צוויי יידישע פען-קלובן און איז ניט אויסגעענדיקט געווארן, ניט אפגעשיקט געווארן.

*

בכלל מוז מען זאגן, אז ווארשע האט סאבא-טירט די צוזאמענארבעט און עס שטייט נאך עד-היום די פראגע, ווי אזוי צו קאנסאלידירן אלע יידישע פען-קלובן פאר די אינטערעסן פון דער אלוועלט-לעכער יידישער ליטעראטור און פון די יידישע שרייבערס אמת, דער יידישער פען-קלוב אין ווילנע איז שטארק אפגעשוואכט געווארן, וואס שייך זיין פערסאנאלן באשטאנד, אבער אז ווילנע בלייבט אויך ווייטער ניט נאר דער וויכטיקסטער צענטער פון קאלעקטיווער יידישער קולטור-טעטיקייט, נאר אויך א קוואל פון יידיש-שעפערישער ענערגיע, ווייזט די גרופע דיכטער, וואס האט זיך שוין קונה שם געווען אין דער גאנצער וועלט אונטערן נאמען „יונג-ווילנע", וועלכע האט אויפצווייזן אזעלכע פאעטן ווי חיים גראדע (באקומען די פרעמיע פון „איקוף" פאר פאעזיע), א. וואגלער, לייזער וואלף, א. סוצקעווער, אזא פיינעם דערציילער ווי משה לעווין (באקומען די צווייטע פרעמיע אין דעם קאנקורס פון ניו-יארקער „פארווערטס" פאר דער בעסטער דערציילונג). די אלע אויסגערעכנטע יונג-ווילנעאנער זיינען פאר א יארן אויפגענומען געווארן אין פען-קלוב פארשטארקנדיק אים מיט יונגע כוחות.

דער יידישער פען־קלוב ביי אַ סיסטעמאַטישער אַרבעט וואָלט געקענט ווערן אַ וויכטיקער פאַקטאָר פאַר דער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור. פינקט ווי די אַלוועלטלעכקייט פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט איז געוואָרן אַ מקור פון זיין אינעווייניקסטן און דרויסנדיקן וואוקס, אַזוי קען אויך דער יידישער פען־קלוב שטאַרק מיטווירקן און באַפעסטיקן די יידישע ליטעראַטור אין אַלוועלטלעכן פאַרנעם.

דער יידישער פען־קלוב איז דאָך די פאַסיקסטע פאָרם פאַר אַ אינטערטעריטאָריעלער פאַרבינדונג צווישן די יידישע שריפטשטעלער פון דער גאַנצער וועלט. צום באַדויערן איז נאָך עד־היום ניט געראָטן די דאָזיקע פאָרם אויסצופילן מיט אַ קאָנקרעטן לעבעדיקן אינהאַלט. די אַלוועלטלעכע אָרגאַניזאַציע פון די יידישע פאָעטן, נאָוועליסטן, עסעאיסטן איז נאָך אַלץ אויפן פאַפיר.

לאָמיר האָפן, אַז סוף־כל־סוף וועט איינגעשטעלט ווערן אַן ענגערער קאָנטאַקט צווישן די יידישע פען־צענטערס און די יידישע פען־באַוועגונג וועט ניט נאָר מיטהעלפן אונדזער ליטעראַטור אויסצוטרעטן אַ וועג צו דער אָנערקענונג פון דער גרויסער קולטורוועלט, נאָר וועט אויך מיטווירקן צו באַפעסטיקן דאָס יידישע וואָרט אין גבול פון דעם יידישן לעבן גופא. דווקא אין דער היינטיקער גורל-צייט פאַר דעם יידישן פאָלק האָט דאָך די יידישע ליטעראַטור אויסצופירן אַזאַ וויכטיק נאַציאָנאַל שליחות צו שטאַרקן דאָס פאָלק גייסטיק, צו האַלטן עס שעפעריש און וויסיק בנוגע די אויפגאַבעס, וואָס די שווערע היסטאָרישע נסיונות שטעלן פאַר אים אַוועק!

אין ווילנע איז גרויס און טיף דער קאָלעקטיווער יידישער באַוואוסטזיין און דאָס אחריות־געפיל און די השגה פאַר דער יידישער קולטור. דערפאַר נעמט זי זיך דאָס רעכט צו אַפעלירן צו אַלע יידישע פען־מיטגלידער אין דער גאָרער וועלט: — בויט ענדלעך אויף אַ פעסטע אַקטיווע און אויפטועריש יידישע פע״ן־אָרגאַניזאַציע!

דאָס, וואָס דער וואַרשעווער פען־קלוב האָט באַוויזן אין געוויסע צייטן צו טאָן פאַר זיך גופא (די אויסגאַבע פון די פע״ן־ביכער, די אונטערשטיצונג פאַר חברים אַרויסצוגעבן זייערע ווערק, די פרץ־פרעמיע אין יאָר 1938), דאַרף פאַרברייטערט ווערן און אויסגעבויט ווערן אין אַ שטענדיקער אינסטיטוציע: אַ וועלט־פאַרלאַג אַ יידישער פאַר דער שיינער ליטעראַטור, אַ יידישער ליטעראַטור־פאָנד אין אַלוועלטלעכן פאַרנעם - דאָס זיינען בלויז די הויפט־אויפגאַבעס. אפשר וועט סוף־כל־סוף פאָרט צו שטאַנד קומען דער—גלייך נאָך דער גרינדונג פון יידישן פען־קלוב באַשלאָסענער—אַלוועלטלעכער צוזאַמענפאָר פון יידישע שרייבערס, וועלכער וואָלט געלייגט אַ פעסטן יסוד פאַר אונדזער יידישער פע״ן אָרגאַניזאַציע.

אוודאי איז סימבאָליש דאָס Yiddish וואָס פיגורירט אין די אויסגאַבעס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פען־פעדעראַציע אין דער רשימה פון בלויז מלוכות אָדער טעריטאָריעס — ווי אַ באַצייכענונג וואָס זאָגט, אַז מיר זיינען אַן אַלוועלטלעך פאָלק און אונדזער לאַנד איז די יידישע שפראַך. אָבער ביי היינטיקע צייטן זיינען די שענסטע לאָזונגען גאָר נישט ווערט, אויב הינטער זיי שטייט ניט אַן אָרגאַניזירטער כוח. לאָמיר דורך דעם יידישן פען־קלוב אָרגאַניזירן און מאָביליזירן דעם איינציקן כוח, וואָס מיר פאַרמאָגן — דעם כוח פון אונדזער גייסט, וואָס איז רעפרעזענטירט אין דער גרויסער יידישער ליטעראַטור.

ש. בײליס

„יונג-ווילנע"

דער לכתחילהדיקער צוזאמענשטעל פון „יונג-ווילנע", מיט 11 יאר צוריק, איז געווען כמעט אינגאנצן אן אנדערער, ווי ער איז היינט. איינער פון דער גרופע איז באגאנגען זעלבסטמארד דורך דערטרינקען זיך אין דער ווילי́ע, דריי האבן עמיגרירט אין מרחקים, נאך איינער איז געווארן א פילאזאף, אן אנדערער וויד ער א זשורנאליסט. די התחלה, וואס איז געמאכט געווארן האט אבער געגעבן גוטע רעזולטאטן.

א דאנק דער אויפמערקזאמקייט פון זלמן רייזען, וועלכער האט געעפנט פאר די יונגע דעם וועג צו דער יידישער ליטעראטור — דורך אפגעבן זיי בציבור א זייט אין זיין צייטונג, האט מען דעם נאמען „יונג-ווילנע" צום ערשטן מאל דערזען אין ווילנע און מחוץ ווילנע. און ס'איז כן הסתם געווען דער פארדינסט פון די שרייבער-אנפאנגער גופא, וואס שוין דער גאנץ צופעליקער, אבער פייערלעכער „אריינמארש אין די טויערן פון דער יידישער ליטעראטור" (אזוי איז געווען באטיטלט די זייט) האט צוגעצויגן די אויפמערקזאמקייט פון דער יידישער קריטיק, וועלכע האט באלד אויסגעטיילט איניקע נעמען פון דער גרופע

היינט איז שוין „יונג-ווילנע" א „מארקע" און ס'איז אוממעגלעך צו ריידן וועגן ווילנער קולטור-דערגרייכונגען ניט דערמאנענדיק וועגן דער שרייבער-גרופע „יונג-ווילנע", וואס האט שוין אויך א שם ווייט ארויס פון גדר פון אונדזער לאקאלן קולטור-לעבן. „יונג-ווילנע" איז היינט צו טאג אליין אן אינסטיטוציע, וואס מען קען אין פאריז, ניו-יארק, בוענאס-איירעס אאז"וו. שוין אפגערעדט פוילן, וואו זי איז אן אינטעגראלער טייל פון יידישן ליטערארישן שאפן.

היינט צו טאג געהערן צו „יונג-ווילנע": חיים גראדע, א. וואגלער, לייזער וואלף, משה לעווין, אברהם סוצקעווער, פרץ מיראנסקי, שמשון קאהאן און כ' שמערקע (פון די יונגע מאלער גייען אין דער גרופע אריין: ב. מכתם און ראזע סוטקעווער).

די אויסגערעכנטע יונגע שרייבער האבן ניט קיין געמיינזאמע אידעאלאגיעס — ניט קיין פאליטיש-סאציאלע און ניט קיין ליטערארישע. זיי זיינען ניט געקומען מיט קיין דעקלאראציעס און מאניפעסטן, ניט אנגעקינדיקט מיט פאמפע דאס געבורט פון נייע יארהונדערטער און אן איבערשאצונג פון ווערטן. זיי זיינען געקומען יעדער איינער מיט דעם, וואס ער פארמאגט; אן שילדן, אן לאזונגען. און פונקט ווי דער אלטער גריכישער חכם ביאס קען יעדער פון זיי זאגן: „אלץ וואס איך האב טראג איך מיט זיך".

קינדער פון דער ווילנער ארעמקייט טראגן זיי די שפעפרישע עשירות זייערע מיט זיך און זייער עשירות פארנעמט שוין און וועט ווייטער פארנעמען אלץ א קענטיקערן ארט אין דער יידישער ליטעראטור.

חיים גראדע איז דער קרעפטיקסטער און רעפרעזענטאנטיווסטער טאלענט פון דער גרופע. ער איז א דערשיינונג אין אונדזער ליטעראטור. א דיכטער מיט א שטארקן פאטאס, מיט א דורכדרינגלעכן בליק — אטעמען זיינע פערזן מיט דער ליידנשאפט פון א קינסטלערישער פערזענלעכקייט. ס'איז ניט צו פארשטיין פון וואנען אין זיינע לידער נעמט זיך אזא דורכזיכטיק ריינע בארג-לופט, ביי אים, וואס איז איפגעהאדעוועט געווארן אין א קליין פינצטער חדרל אויף דער יאטקעווער גאס און שפעטער יארן פארבראכט אין ישיבות און קלויזן. און גראדע איז דאך ניט אנטלאפן פון זיין סביבה און פון זיין היים, ער איז דאך ניט אויסגעווארצלט געווארן, נאר להיפוך — איז מיט אלע פיבערן צוגעבונדן צו זיין יאטקעווער אפשטאם, און אוועקגייענדיק פון דער טראדיציאנעלער צו דער מאדערנער יידישקייט האט ער דאך מיטגענומען די גאנצע יידישקייט-ירושה פון דורות. ווי קומט צו אים די בארג-לופט? ווי קומט צו אים דער ברייטער פליגל-פארמעסט?

ווי מאדנע דאס זאל ניט אויסקומען, איז דער דורכאויס יידישער דיכטער גראדע אונטער דער השפעה פון אזא — דעם יידישן גייסט פרעמדן — פילאזאף און דיכטער, ווי ניטשע. אט דער זיווג פון יידישן גייסט, וואס איז דורכגעגאנגען יארטויזנטער פון באליידיקונגען און פיינען, מיט דעם גייסט, וואס

ווייל פון זיך ארפווארפן אלע פענטעס אין א באפרייערישן פלי צום אויבערמענטש — איז צושטאנד געקומען אין גראדען.

זיין ערשט לידער בוך „יא" האט צוגעצויגן די אויפמערקזאמקייט פון דער גאנצער יידישער קריטיק. דאס בוך איז גיך אויספארקויפט געווארן, ס'איז ארויס א צווייטע אויפלאגע. גראדעס לידער דערשיינען אין די בעסטע ליטערארישע אויסגאבעס: „צוקונפט", „ליטערארישע בלעטער" אין די אמעריקאנער „זאמלביכער", אונטער לייוויקס און אפאטאשוס רעדאקציע. אין די ליטערארישע ביילאגעס פון „פאלקסצייטונג", אאז"וו. פון די נייע זאכן, וואס האבן צוגעצויגן אויפמערקזאמקייט זיינען: „דאס געוויין פון דורות" („זאמלביכער"), „דער אוקראינער פרוש" („צוקונפט"), און לעצטנס „מוסרניקעס" („זאמלביכער"). דאס זיינען ווערק דורכגעדרונגען מיטן טראגישן גורל פון יידישן פאלק.

*

א דיכטער פון גאר אן אנדער זשאנר און שטימונגען איז א. וואגלער. ער האט קינדווייז אויף א טראגישן אופן פארלארן זיינע עלטערן און ביזן היינטיקן טאג יאמערן ארויס פון זיינע לידער און פאעמעס די געפילן פון פאריתומטקייט, פון איינזאמען און אסקעטישן וואגלען אין דער אומפריינדלעכער וועלט.

א טיפישער אינטראספעקטיוויסט, א אין־זיך־גריבלער קליידט ער אן זיינע חזיונות אין וואונדערלעכע מעטאפערעס און רעדט צו אונדז ארויס ווי פון א פארכשופטער וועלט. ער איז אייגנארטיק. קיינער ביז אים האט ניט אויף אזא אוממיטלבארן אופן געשילדערט די אומעטיקע ליטווישע לאנדשאפט.

ווען מען לייענט זיך אריין אין א. וואגלערס פארנעפלטע פייזאזשן, אומקלארע פערסאנאזשן — דערפילט מען ערשט די שענקייט פון זיין האלב־פאנטאסטישער וועלט, זיין גרויסע ליבע צו דער נאטור און צו אלק, וואס אין איר לעבט און אטעמט.

זיין ערשט ביכל א „בלעטל אין ווינט" האט געמאכט א רושם. סוף 1938 איז דערשינען זיין צווייט בוך „צוויי בעריאזעס ביים טראקט", וואס וועט אויך געוויס געפינען א ווארימען אפרוף ביי דער קריטיק.

אויך וואגלערס לידער זיינען געווען געדרוקט אין כמעט אלע ליטערארישע אויסגאבעס אין דער גארער וועלט.

*

א דיכטער מיט אן אייגענעם פנים איז אויך ל ײ ז ע ר וו א ל ף. זיין סטיכיע איז די גראטעסק, זיין באגלייטער די סאטירע, און אויך אלעגארישע עלעמענטן פעלן ביי אים ניט. די אלע עלעמענטן גייען ביי אים תמיד צוזאמען. גלייכצייטיק מיט ראפינירטער ווערסיפיקאציע טרעפן מיר ביי אים אויך עלעמענטן פון בדחנותן גראמען־געפלאכט און לצעריי — פון וועלכע ער וועט זיך מיט דער צייט געוויס באפרייען. — ער איז אן אייגנארטיקער טיפ דיכטער.

א שטילער אומעט ווייט פון זיינע גראטעסקע העלדן, זיין סאטירע בייסט, אבער גלייכצייטיק קומט א שמייכל פון מחילה, זיין איראניע איז ברוטאל, אבער גלייכצייטיק מענטשלעך־ווארעם. ער איז אן עפיקער און א ליריקער צוגלייך, א פלעגמאטישער און אן אימפולסיווער, אבער אלץ איז ער אויף אן אמת.

*

מ ש ה ל ע וו י ן איז דער איינציקער פראזאיקער פון דער גרופע. דער לאקאלער קאלאריט און דער כמעט טיפיש ווילנערישער הומאר איז זיין אליבי־סימן. זיינע העלדן נעמט ער פון נאענטן ארום און ווילנער לייענער דערקענען אין זיי זייערע באקאנטע.

ס'איז ביי אים קענטיק א סאציאלע טענדענץ, א שטארקע צוגעבונדנקייט צום ווילנער פאלקס־מענטשן, ארבעטער, בעל־מלאכות און יוגנטלעכע.

ווי א נאוועליסט זעט ער בלויז פראגמענטן פון א לעבן, אבער די דאזיקע פראגמענטן עפענען ניט קיין בליק אין דער טיף און אין דער ברייט אין די כאראקטערן פון זיינע געשילדערטע העלדן. דערפאר זיינען זיי ווייניק קאמפליצירט.

משה לעווין שילדערט אין זיין בוך „פרילינג אין קעלער שטוב", מיט פיל הארציקייט און פארשטענדעניש קאנקרעטע סיטואציעס. דא וואו ער באמיט זיך אבער צו פארטיפן אין דער פסיכאלאגיע פון זיינע העלדן אנטפלעקט ער א ריינע אבער נאאיווע נשמה. דער פאלקסטימלעכער הומאר, וואס ער פארמאגט אין א גרויסער מאס, איז די גרויסע מעלה פון זיין שפראך, וואס איז אבער ניט תמיד ווי געהעריק אויסגעריעט פון אומנייטיקע לאקאליזמען און שפראכלעכן ווילדגראז.

אין אלע זיינע דערציילונגען פילט מען א ריינדיקע ליבע צו מענטשן און א הארציקע ווארעמקייט.

*

א ב ר ה ם ס ו צ ק ע וו ע ר שטייט נאענט צו דער „אינזיך"־גרופע אין ניו־יארק. ער האט דערגרייכט א גרויסע מייסטערשאפט אין דער ווערסיפיקאציע. זיינע לידער צייכענען זיך אויס

מיט מוזיקאַלישקייט און פיינע גראַם=בילדונגען, ס׳רעדט אָבער פון זיי ניט אַרויס קיין שטאַרקע אויפריכטיקע איבערלעבונג.

רייך זיינען בלויז די פורעמס פון סוצקעווערס שאַפן; ער באַהערשט אַלע פאָרמאַליסטישע מדרגות אָבער זיינע טענער זיינען אַלעמאָל צו הויכע, צופיל קלינגעוודיקע, צו פיל אויסגעפוצטע. זיי צערטלען אָפטמאָל זייער איינגענעם דעם אויער, דערגייען אָבער ניט צום האַרצן. סוצקעווער פאַרמאָגט אַ טעכניק, וואָס ער באַנוצט ניט אַלס אַ הילף=מיטל, נאָר פאַר אַ ציל אַן און פאַר זיך. לייענענדיק סוצקעווערן קען מען זיך ניט באַפרייען פונעם איינדרוק, אַז ער זוכט געפיל און געדאַנק פאַר זיינע שיינע פערזן, אָנשטאָט צו זוכן פערזן פאַר געדאַנק און געפיל.

*

פּרץ מיראַנסקי איז אַ משלים=שרייבער. קיין סך משלים=שרייבער פאַרמאָגן מיר איצט בכלל ניט. דעם ברייטן עולם איז באַקאַנט בלויז דער גרויסער משלים-דיכטער — שטיינבאַרג. ביי שטיינבאַרגן איז דער עיקר דער משל, די וואונדערבאַרע אויפלעבונג פון טויטע פערסאָנאַזשן, די עשירות פון שפּראַך און פאָלקס אויסדרוקן. ביי מיראַנסקין גייט אויפן ערשטן פּלאַץ — דער נמשל: „וואָס זשע לאָזט עס מיר צו הערן״. זיין שפּראַך איז אַ קאָרעקטע, דער אויסגאַנג — ציל=באַוואוסט, אַלעמאָל סאָציאַל באַפּעפערט, אָבער אין דער ספּור=המעשה פעלט ביי אים דיכטערישע פאַנטאַזיע און פּאָעטישע ווענדונגען און דער נמשל האַלט זיך דעריבער אויף אַ סקעלעט. ער האָט אָבער באַגאַבונג און דאַרף זיך בלויז מער פאַרטיפן, דאַן וואָלטן זיינע משלים אפשר באַקומען מער בלוט און פלייש.

*

שמשון קאַהאַן שרייבט די לעצטע יאָרן מער רעפּאָרטאַזשן און טעאַטער=רעצענזיעס אין „אונדזער טאָג״. ער פאַרמאָגט אַ לייכטע, אַמוזירנדיקע שפּראַך, האָט חוש פאַר הומאָר. פאַר אַ רעפּאָרטאַזש-מחבר זיינען דאָס צוויי וויכטיקע מעלות.

חוץ אָריגינעלע לידער (געדרוקט אין „טאָג״ און אין „צוקונפט״) האָט קאָהאַן אַ ריי איבערזעצונגען פון רוסיש און ציגיינעריש. לייכט גיט זיך אים איין דער פערז און אַ דאַנק דעם זיינען זיינע איבערזעצונגען מערסטנטייל געלונגענע. ער גרייט לעצטנס צום דרוק אַ ביכל איבערזעצונגען פון ציגיינערישע פאָלקס=לידער א״נ „גילדענע פּאָד-קעוועס״

*

כ׳ שמערקע (פּסעוודאָנים פון שמערקע קאַטשערגינסקי) שרייבט נאָוועלן, לידער און אַרטיקלען. אַ ריי לידער זיינע ווערן געזונגען פון דער יוגנט און האָבן זיך אַפילו אָנגענומען ווייט אויסער די גרענעצן פון אונדזער שטאָט.

פאַר „יונג-ווילנע״ האָט שמערקע גרויסע פאַרדינסטן ווי אַן אָרגאַניזאַטאָר, וואָס האָט אויפגעלעבט די גרופּע. אַדאַנק זיין איניציאַטיוו זיינען אַרויס עטלעכע העפטן מיט דער באַטייליקונג פון אַלע אויבן אויסגערעכנטע. שפּעטער האָט ער פיל מיטגעהאָלפן ביים אַרויסגעבן די ערשטע ביכער פון די „יונגווילנעאַנער״.

*

„מ׳קען ניט זיין קיין נביא אין דער אייגענער שטאָט״ — זאָגט אַ ווערטל. „יונג-ווילנע״ איז אָבער אָנערקענט געוואָרן קודם אין איר היים=שטאָט און שפּעטער ערשט אין דער וועלט. די וועלט, די יידישע, האָט געגעבן בלויז איר הסכם אויף ווילנעס סמיכה.

ס׳איז אַ טאַלאַנטפולע גרופּע און די וואַרעמקייט, וואָס ווילנע האָט דער גרופּע אַרויסגעוויזן האָט זי כּשר פאַרדינט.

חיים גראַדע

צווישן ווילנע און רעקוין

צווישן ווילנע, דער שטיינערנער שטאָט און דעם מאָכיקן דערפל רעקוין,
ליגט בײַ דעם וועג, ווי אַ קן אויף אַ לאָנקע — אַ ישוב;
שטייט דאָרט אַ שטיינערנער שטול און אויף איר האָט אַ גילדענע קרוין
ווייס־רוסישער קראַנקער פאַרנאַכט אויסגעפּישופּט.

ס'איז דער שטיינערנער טראָן פון פּאָעט סעראָקאָמלאַ... די גילדענע קרוין
פּינקלט אין ראָזע פאַרנאַכטן און בלויע פאַרטאָגן;
פאַרשווינדן די ראַדיאָ־אַנטענעס פון ווילנע און ווינקט שוין רעקוין,
דערזע איך דעם דיכטער פאַרבײַ גײַן מײַן וואָגן.

פאַרקירעוועט טיפער דער פויער אין זאַמד און מיר גראָבן פאַרבײַ.
שטיל. וועק ניט אויף דעם פאַרנאַכט און זײַן טרוימער.
איך ווייס ניט ווער גייט עס אַרום בײַ דעם וואַלד־ברעג — דער מאַי,
צי דער פּאָעט סעראָקאָמלאַ צווישן די ביימער?...

דער האָריקער פויער, וואָס איז ווי אַ נאָדל־בוים שטעכיק און גרין,
צלמט זיך — און אויף זײַן פּנים דער צלם בלײַבט איבער...
ער ווענדט זײַנע רויט־אָנגעצונדענע אויגן אַהין,
וואו ס'גאָלדיקט אַ צלם ניט ווײַט פון די דאָרפישע שטיבער.

בײַם שטיינערנעם טראָן דעם באַקרויגנטן מיט שקיעה און רום,
קלעטערט אַ קרייץ אויף אַ קבר פאַרצוימט מיט שטאַכעטן.
דער פויער דערציילט מיר אַ מעשה פאַרטרויערט און פרום,
ער שפּרייט אויס די וועגן מיט מעשה און אָוונט־געבעטן:

„דו זעסט די צוויי כאַטעס, וואָס רוקן אַרויס זיך צום וועג,—
דאָ האָבן צוויי ברידער געוואוינט און אַ מאַמע — אַ גרויע אַלמנה.
איז איינער דערהרגעט, דער צווייטער אין טורמע אַוועק.
און די מאַמע אַראָפּגעלאָזט האָט אירע הענט, ווי די פליגל אַ נאַסע וואָראָנע...

„אָ, גאָט, ס׳האָט אַ ברודער זיין לייבלעכן ברודער דערלאַנגט
מיט אַ טעמפּע שטיק אייזן אין שאַרבן, —
דער הונגעריקער האָט זיין חלק אין טאַטנס ירושה פאַרלאַנגט.
און ניט געוואָלט שטאַרבן...

„דער רייכערער האָט זיך ניט טיילן געוואָלט
מיט די פּי, מיטן פעלד, מיטן שייער, —
פאַרנעמט איצט זיין אָרימער ברודער אַ ברעג פונעם פעלד,
דער אַמט האָט פאַרקויפט אַלץ פאַר שטייער.

און ער, דער קולאַק איז אין קייטן אַוועק, —
טרויערט די מאַמע ביים שוועל פון איר שטיבל;
ז׳ קוקט אויס איר זון צי ער קומט ניט פון וועג,
און בעט, אַז זיין ברודער אין גרוב זאָל ניט האָבן פאַראיבל..."

דער האָריקער פויער, וואָס איז ווי אַ נאָדל־בוים שטעכיק און גריי,
פאַרשטומט.. און פון וואַלד וואו אַוועק איז דער דיכטער.
שאָטנט דער אָוונט אַרויס די צוויי פויערשע זין, —
עס גייען דעם וואָגן נאָך וועלפישע האַרטע געזיכטער...

א. סוצקעווער

די גרינע בריק

איך האָב באַגעגנט מײַנע יונגע יאָרן
אויף דער גרינער בריק,
אויף דער גרינער בריק.
פאָלקסליד —

ניטאָ מער דער האָז און ניטאָ מער דאָס קאָרן.
א נאַכטפויגל פייגלט: צוריק און טשיריק.
איך האָב היינט באַגעגנט די קינדערשע יאָרן
אָט-דאָ, אויף דער גרינער פאַרבשופטער בריק.

די זיינען געפאָרן
זיי זיינען געפאָרן
אין ווייסער קאַרעטע
געשפּאַנט אין א מלאך.

די דינען געפאָרן און האָבן געקלינגלט
מיט עפּעס א קלאַנגיקער, בלאַנקער מוזיק,
און מיט א געטאַנץ-קאַראַהאָד מיך באַרינגלט
אָט-דאָ, אויף דער גרינער פאַרבשופטער בריק.

די זיינען געפאָרן,
די דינען געפאָרן
און האָבן געטייטלט
מיט טונקעלע טייטלען.

— „אוי גאלדענע יערעלעך, האַרציקע, טרייע,
בלייבט שטיין. נעמט מיך מיט. און פאַרגאַלט ניט מיין בליק"...
אַזוי האָב איך אויסגעשטומט. און ווי אַ חיה
פאַרלאָפן דעם מלאך ביים ענד פון דער בריק.

זיי זיינען געפאָרן,
זיי זיינען געפאָרן
און פריידיק געפּרעפּלט:
מיר האָבן קיין צייט ניט.

און איך בין געפאַלן פון אונטער די רעדער
ווי ס׳פאַלט אַ פאַרמשפּטנס נאַכטיקער בליק
אין שפּיגל, וואָס וועט אים ניט זען מער צוריק.
ווי ס׳פאַלט אין אַ בלאָטע אַ פאַווישע פעדער,
וואָס וועט זיך ניט אויפהייבן קיינמאָל צוריק.
און אויך ווי אַ טרילער וואָס פאַלט אויף אַ דאָרן
און הערט ווי עס לעשן זיך בלומיקע באָרן,
אַזוי בין איך פּלוצעם געפאַלן פאַרלאָרן
אָט־דאָ, אויף דער גרינער פאַרכשופטער בריק.

זיי זיינען געפאָרן,
זיי זיינען געפאָרן,
און האָבן צעשניטן
מיין לייב און מיין לעבן.

דאָס ליד פון רעגנבויגן

אַלע פריידן אויסגעטערנט
אויפן גרינעם וואַלד.
אַלע ליידן בלוי צעשטערנט
אויפן בלאָנדן פליין.
אַלע ריידן רוי פאַרקערנט
אינעם שוואַרצן טאָל, —
ליכטלען זיי פאַרכשופט
ווי אַ הימל
אויף דער ערד.

לייכטע, פייכטע וואָלקנס,
ווי מחשבות פון אַ צדיק,
ציען זיך אַרום אַ לייב פון וואַלד.
גליען זיך און זאַפּן איין דעם אָטעם פונעם וואַלד.

און איך, דער רעגנבויגן, —
אַ געוועב פון ערשטן חלום,
קריך אַרויס פון אַלטן קאַלטן ברונעם
און צעשפּרייט
די אָרעמס מיינע
אין דעם קלאָרן אומענד.
ווער עס איז געלייטערט אין מיין פייער,
דער דערזעט מיך.
ווער עס איז דערהייבן צו מיין אויבן
וועט מיך גלויבן.

פון וואַנען איז מיין קומען?
פרעג עס ביי די בלומען.
און ביים דינעם פויגל
וואָס רופט מיך אָן: באַשאַפער.
פרעג עס ביי דער ליליע
וואָס טאָפּלט זיך אין וואַסער,
פרעג עס ביי דער דימענטענער
קעניגין פון בינשטאָק.

כ׳דאַרף באַווייזן אייביקע באַווייזן.
כ׳דאַרף באַלעבן טויטן מיט מיין שפּרייזן.
כ׳דאַרף באַקרייזן ניט באַרירטע מיילן.
כ׳דאַרף זיך איילן צו באַרויזן סטעפּעס.
כ׳דאַרף צו זיך דערהייבן יעדע קליינקייט.
כ׳דאַרף באַשפּייזן דערנער מיט מיין שיינקייט.

לאַנדשאַפט פון גנאָד

אַ ליגן אַז דער מענטש איז שלעכט. אַ ראיה —
עס טוט אים ווײ דאָס גראָז וואָס ער באַטרעט.
שלעכט איז בלויז דער פינצטערער פּאָעט
וואָס וואַרפט דעם מענטש אַ גט אין פּנים: חיה.

ווי קען אַ פלוך באַגיפטיקן די לעפצן,
ווען ס׳טראָגט דאָס אויג אַ לאַנדשאַפט פול מיט גנאָד?
ס׳איז יעדער ניט־געשטעלטער טראָט —
אַ שאָד.
און ברענט ווי בריעכץ און ווי יאָד
די מאַרכיקע געהעפטסן

צעשמאָלצענער בורשטין באַפלייצט די געגנט.
אַ בלייכער עפּלבוים זאַפּט איין דעם זאַפּט
פון זונפאַרגײ, און רויטלט זיך. עס גאַפט
אַ פעלד מיט קאָרנבלויעלעך באַרעגנט

און ערגעץ מוז אַ פערלשלאָס איצט האַרן
אויף אַ באַרג אַ גילדענעם, און ס׳קריכט
צו אים אַן איך וואָס הייבט און איבט;
און אָט־אָט־אָט באַרירט ער שוין דאָס ליכט
וואָס טוט פון אַלע טויזנט שויבן שפּאַרן...

פאַרוואָר, עס איז אַ שאָד.
ניט יעדן האָט באַגיטיקט דאָ די לאַנדשאַפט
מיט איר גנאָד.

א. וואָגלער

דער דיכטער

דער דיכטער האָט אַ צינדמאַשינדל, אַ מעסערל, אַ בלייער,
אַ מילכווייסן בלאַקנאָט מיט בלויע, פאַרשריבענע בלעטער,
ער שליידערט זיין ווייטאָג אין שכינה — דעם בריליאַנטענעם זריחה־פייער
און ברענגט עס אַ קרבן צו שיינקייט און גערעכטיקייט — זיינע געטער...

ער פאַרמאָגט אויך אַ גראַנאַטענע מאַרינאַרקע און אַ פּאַרטסיגאַר...
אָבער אַנטקעגן זיין שפּיגל — דעם זילבערנעם געוויין,
אין מאָנאַטאָנע לידער ער פּוצט אויס זיין פרייד און צער —
כּדי ביי דער פרילין אייביקייט צו געפינען חן...

זיין אוצר — איז דער רויטער אָוונשטערן, דער צווייפל — איז זיין גלויבן,
זיין נשמה — די טליענדיקע לולקע אָנגעפילט מיט ביטערער מאַכאָרקע;
דער אויטאָר לייענט פאָר זיינע ווערק פאַר צוויי ווייסע טויבן,
איינע ענטפערט אָפּ אים מיט אַ ציטערדיקן וואָרקע.

נאָר די צווייטע גיט אַ פלי איבערן פליין — און ווי אַ לוין
פאַר דעם ליד — זי ברענגט אַ מתנה פאַרן קנעכט פון זיין געפיל און מחשבה:
זי טוט אים אָן אויפן סיוון קאָפּ — איר געניזוקט פליגל — אַ גילדענע קרוין —
די אויפגייענדיקע בליפענדיקע באַרטהאַרציקע לבנה די ליליאָווע.

באגין

אין די עלנטע דערפעלעך הינט נעמען בילן,
ס'פארן ארויס די פויערים אין שטאט צום יריד;
עס טוט אן דעם געשפאן — זיינע תפילין —
און דאוונט שחרית — דער וועג, דער ייד...

איבערן בארג, זיין גרינעם געהויקערטן קארעק,
ער ציט ארויף זיין טלית — דעם גרויען טומאן,
און פארשטעלט זיין זאק — דעם געלן פאלוואדעק,
און דעם כוטער — זיין ג פונענעם טשע־אדאן.

דער וועג זאגט תהילים, און די קרענעצעס — זיינע טרערן —
מאכן נאס דאס גראז, די געדיכטע, געלע בארד פון פרומען דזיאד
און אויפן שטיין — דעם בעל־תפילהס שטערן —
שוידערט פון ווינט זיין של־ראש — דער בעטלער, וואס איז נע־ונד.

די בעריאזעס טוען אויס די שאטנס, די שווארצע טיולן,
און זייערע שמינקע־בלייערס — דעם בליאסק פון באגין —
זיי נעמען ארויס פון די כמארעס — זייערע ברוינע רידיקולן —
און פארבן זיך די ליפן מיט פעטן קארמין.

— — — — — — — — — — — —

דער שליאך צעניפגעוויקלט האט פון האנט די רצועות און אין ליימענער זעמליאנקע —
זיין תפילין זעקעלע — באהאלטן דעם פארחושכטן בעטלער, זיין של־ראש;
דאס נוס בוימעלע שטיפט — עס שפילן די גרילן, און א שלאנקע
בעריאזע טוט אן זיך דעם זונאויפגאנג — די גילדענע בראש...

עס פוצן זיך די איידעלע, בלאנדע שוועסטער,
די בראנעס—זייערע ברוינע היט אויף די קעפ זיי פארויכטן;
די שוואלבן טשוכן זיך אין זייערע נעסטער —
די ביימער הייבן אן זינגען א ליד. זיך דערציילן געשיכטן.

עס פארט דורך א פארשפעטיקטע פורל, עס סקריפענען רעדער —
דער וועג מאכט א ברכה און שלינגט איין זיין אנבייסן — די פערדישע טריט
... און פייגלען פליען דורך וועלדער און סעדער —
צו די בראנעס — די בעראזישע פיינע היט.

— — — — — — — — — — — —

דער וואַנדערער און זיין שאָטן

דער דיכטער איז פון דער שטאָט — זיין גרויער וואָר — אַנטלאָפן
צו זיין גילדענעם חלום — צו דעם שליאַך;
— אָבער דאָס גליק איז ניט מער ווי דער באַגער און האָפן —
יאָגט אים נאָך דער קול פון טויט — די קראַקעריי פון ראָב אין גרינעם סכך...

דער עולה-רגלניק שלעפט אויפן אַקסל דאָס לעבן — אַ שווערן, גרויען זאַק,
און זוכט די האָניקדיקע טעג פון זיין קינדהייט, וואָס צעשאָטן האָט דער דיכטער
פאַר די סאָלאָווייען, — נאָר מיט דער שקיעה — אַ רויטער האַק —
פאַלט איבער אים זיין שאָטן — זיין שוואַרצער ריכטער...

אָ, דעם גזלנס פרייד איז זיין קרבנס פיין און צער, —
דער נע-ונדניק וויל פון זיין אייגענעם שאָטן אַוועקוואַנדלען,
ווייל זיין רודפער וויל אין אַ ברוינעם קאָשמאַר
דעם וואַנדערערס העלן טרוים פאַרוואַנדלען.

די וועלט לאַקט דעם וואַנדערער מיט אויגן — בלויע נעבט,
און רייצט אים מיט רויטע ליפן — אין דער פריען;
אָבער דער בידנער מענטש איז ביי זיין טאָג אַ קנעכט —
מיט פליכטן — קייטן — שמידט אים זיין האַר די הענט און קניען.

דער וועלטס יונג — דער קאַרשנסאַד — האָט פאַרן טרוימער זיך צעבליט,
און אירע פרישע בשמדיקע בריסטן — די מיענטע-לאָנקעס — שמעקן, שמעקן,
נאָר פאַר וואָס האָט זי מיט טייבן — שלאַנגען געפּענטעט דיינע טריט? —
און פאַר וואָס דראָט דער דאָרף דעם פרידלעבן דורכגייער מיטן אַסוויר — אַ גראָבן שטעקן? — —

די וועלט האָט דעם לירישער סודות איינגערוימט — די גערטענער זיך צעגרינט,
זי לאַקט אים מיט איר זיסער ליליעווער שטים — מיט מוזיק;
אָבער זיין האַרץ בייסן בענקשאַפט און אומרו — משוגענע הינט,
און צו וואָס הענגט אויפן וואַנדערערס אַקסל די שטריק?...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דער שאָטן באַצירט האָט דעם וואַנדערערס האַלדז מיט ג.אונדן גליאיקן — אַ רויטן רויזנקראַנץ...
זיין גוף איז אַ פידל — און שיכורע קלעזמאָרים שפּילן אויף איר וואַלצן מיט פאַרראָסטע
מעסערס — גילדענע סמיקן — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

...אָ, וועלט, שיינע בתולה, טוליע איינעט דיין באַשערט׳ן אין דיין ווייבן, ברייטן שויס. —
ער איז אַ שוואַכער, ציטערנדיקער גרינער פלאַנץ.
וואָס אַ בייזע, ברוינע האַנט וויל פון בייט — זיין געבורטסאָרט — אַרויספליקן...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דער טויט וויל דעם נגיד מ׳ט פאַטעקדיקן האָ לטאָג צו זך אין נעץ פאַרנאַרן..
אָבער מלאכים — ווייסע טויבן — וואַכן איבערן זנגער וואָס דרימלט אויפן האַרטן שטיין;
עס ווערגן אים די יאַדלאָווע וואַלדער — די גרויע קאָשמאַרן —
אָבער זיין גילדענער חלום — דער שליאַך — וועט אים אָוועקפירן צו דעם אין סוף —
צו זיך אליין...

און ווען ס׳וועקט אים אויף זיין חבר — דער וואָלף, דער הונגער, דער גרויער —
און ס׳הייבן אים אָן קושן זיינע בלאָנדע חברטעס — די בינען, —
דאַן פאַרבייט דער סומנער וואַנדערער אויף זיסער מי זיין ווייניקן טרויער —
אַנשטאָט דעם לאַקיי — דעם ווינט — ער נעמט די בעריאָזעס באַדינען.

משה לעווין

צוויי שוועסטער

(א ווילנער דערציילונג)

אַלע שבת־צונאַכט גייען אַוועק די צוויי שוועסטער גיטעלע און מלכּה אין קינאָ.

ווייט איז דער וועג, וואָס ציט זיך פון זייער פאַרוואָרפענער דירהטשקע הינטערן וואָקזאַל צום זוניקן קינאָ אויף דער גרויסער גאַס. און אומעטיק איז דער וועג: די טונקעלע שמאָלינקע געסלעך מיט די צובראָכענע טראָטואַרן און דעם חרובן ברוק זיינען קיינמאָל ניט אויסגעטריקנט פון די רעגנס און פון די שמוציקע וואַסערן, וואָס די שכנים גיסן דאָ אַרויס פראַנק און פריי. די איינצלנע עלעקטרישע לאָמפּן באַפינטלען קוים די געדיכטע צונויפגעפרעסטע פינסטערניש. די צוויי שוועסטער שאַרן זיך פאַזע גאַס צוגעטוליעטע איינע צו דער אַנדערער. זייערע נידעריקע נעטע גופים באַוועגן זיך הויקערדיק און פאַרזיכטיק, ווי צעשראָקענע קעץ. זייערע אויגן — גרויסע, פולע, ניט פּראָפּאָרציאָנעלע צו די קליינינקע פּנימלעך — אויגן בענקענדיקע, ברענענדיקע, שטעכן דורך די גאַסן־ווייטקייט מיט האָפענונג און אומגעדולד.

אַ גאַנצע וואָך מינעט פאַר זייערע אויגן דער קינאָ, דער פילם, דער קיצלדיקער סענסאַציאָנעלער ראָמאַן פון גרעטאַן מיט מאַריצן. אָט די גלאַנציקע אויסגעפּוצטע פילם־סטאַרן, וואָס שווינדלען אַרום אויפן לייוונט איינגאַנצן אַנדערטהאַלבן שעה באַווייזן אָנצוצינדן די אומרואיקע מיידלשע הערצער אויף אַ משך פון זיבן מעת־לעת נאָכאַנאַנד, ביז וואַנען זיי זעען אַ נייעם פילם...

און אין קינאָ גופא טרעפן די צוויי שוועסטער אַזוי פיל יונגען, וועלכע זיינען ענלעך צו די צוויי פילם־סטאַרן אויב ניט אינגאַנצן איז לכל הפּחות טיילווייז; איין יונג האָט למשל די וואָנצעלעך פון מאַריצן און דער צווייטער — די פריזור... און אויב זיי זיינען ניט קיין מאַרקיזן, באַראָנען, זיינען זיי דאָך, די יונגען, האַנדלס־אָנגעשטעלטע, אָדער בעלי־מלאכות, מיט וועמען מען וואָלט זיך געקענט באַקענען און חתונה האָבן...

זיצן זיי אין קינאָ, די צוויי שוועסטער, און לאָזן ניט דורך קיין איין רגע — בעת דער פילם רייסט זיך איבער און ס'ווערט ליכטיק— כּדי דורכצושטעכן מיט זייערע בליקן דאָס גאַנצע פּובליקום אין זאַל: צי זיינען דאָ ניט פאַרשטעקט ערגעץ זייערע באַקאַנטע חברה?..

נאָר אַ בייסיקע קנאה נעמט זיי פּרעסן, ווען זיי דערזעען אַרום זיך עטלעכע צוגעטוליעטע יונגען מיט מיידלעך, וואָס סמאַקטשען צוקערקעס און קוועלן פון פרייד. עס דוכט זיך זיי אויס, אַז דאָס גאַנצע פּובליקום באַשטייט נאָר פון גליקלעכע, געליבטע פּאָרלעך... און די דאָזיקע גליקלעכע לאַכן דאָס גאָר פון זיי, די צוויי שוועסטער, וואָס זיצן אַליין... לאָזן זיי אויף גיך אַראָפּ די קעפּ בייזע און צוקלעמטע. זייערע באַקן טוען זיך אַ רויטל מיט בושה. אָ, עס ווילט זיך זיי, עס זאָל וואָס גיכער פינסטער ווערן און דער עקראַן זאָל ווידער נעמען בלינצלען מיט זילבערדיקע גוטע חלומות...

נאָר אָפטמאָל טרעפט: גיטל מיט מלכּהן טוען זיך שיר ניט אַ ריס פון די ערטער, גרייט צו לויפן איבער אַלעמענס קעפּ: דאָס האָבן זיי דערזען אַ פּאָר באַקאַנטע יינגלשע פּנימער — זיסקע דער טאַפּעצירער און רובקע דער קירזשנער. זיי זיצן אַליין, אָן מיידלעך. און — ווי עס דוכט זיך גיטעלען מיט מלכּהן — זוכן זיי אויך וועמען מיט די אויגן.

— אפשר זוכן זיי אונדז? — פרעגט מלכּה אַ דערפרייטע.

גיטל שטעלט זיך אויף, זי נעמט זיך גיך און אַרויסרופעריש פאַרריכטן דאָס היטעלע, צופּודערן זיך, כּדי זיסקע מיט רובקען זאָלן דערזען. נאָר אָט ווערט פינסטער. דער פילם זילבערט ווידער אַראָפּ פון עקראַן.

דער פילם קריכט שוין ניט אין קאָפּ. גיטעלען און מלכּהן הויבט עס פון די ערטער. אַלע ווײַלע טוט איינע די אַנדערע אַ פורקע אין זייט און אַ שעפּטשע אין אויער:

— וואָס זאָגסטו, ווי זיסקע גייט אויסגעפּוצט? אַ גראַף!

— און וואָס זאָגסטו, ווי רובקע גייט אויסגעפוצט?! אַ מאָנאַרך!

— זיי מוזן גוט פאַרדינען...

— און ווי עס קליידט זיי די וואָנצעלעך!..

— וועמען האָבן זיי דאָס געקענט זוכן?

— אפשר אונדז?

— וואָס הייסט אונדז? זיי וואָלטן אונדז געזען, וואָלטן זיי דאָך צוגעגאַנגען!

— הם. מען דאַרף זיי אָפּוואַרטן ביים אַרויסגאַנג!

— ביים אַרויסגאַנג וועט זיין אַ שפּאַרעניש... מען דאַרף שוין צוגיין...

— עס פּאַסט ניט... זיי זיצן ווייט, ס׳וועט ווערן אַ טומל אין זאַל...

נאָך לאַנגע שעפּטשענישן באַשליסן טאַקע גיטעלע מיט מלכּהן אָפּצוואַרטן די יונגען ביים אַרויסגאַנג. און דערווייל זאָל מען אַלע ווײַלע קוקן אין יענעם זייט, זיי זאָלן ניט אַנטרונען ווערן...

געענדיקט דער פילם. דער טויזנט קעפּיקער עולם טוט זיך אַ שפּאַר צום אַרויסגאַנג. גיטל און מלכּה האַלטן זיך פאַר די הענט און ציען זיך אין דער ריכטונג פון זייערע גליקן. זיי ווערן געוואָרפן צווישן פּלייצעס, ברוסטן, ווי פישעלעך אויף אַ צעכוואַליעטן וואַסער. נאָר אָט פאַלן זיין אַריין צווישן די אויסגעבענקטע פּלייצעס פון די יונגען:

— אַ גוט נאָוונט אייך, חברה! — שיסט אַרויס גיטעלע, אַרויפלייגנדיק אַ האַנט אויף זיסקעס פּלייצע.

און מלכּה זאָגט מיט אַ ליבער הכנעהדיקייט:

— מיר האָבן אייך געזען די גאַנצע צייט — און איר אונדז?

זיסקע מיט רובקען קוקן זיך איבער לאַכנדיק. פון זייער שטייפן גאַנג און פון זייערע פאַרזשמורעטע געשייטע אויגן ווייט אַראָפּ יענע זיכערקייט אין זיך און דער שטאָלץ, וואָס מען פילט בעתן דערזען די אומבאַהאָלפנקייט פון מיידלעך, וועלכע געפעלן ניט...

אויפן גאַס, צוריקוועגס פון קינאָ, שאַרט זיך שוין צו ביסלעכווייז גיטעלע צו זיסקעס זייט און מלכּה צו רובקעס זייט. זיי זיינען נידעריקע, די צוויי שוועסטער, נאָר עס איז זיי איצט זייער ליב צו קוקן אויף די פּנימער פון די יונגען אַזוי ווי אויף דעם נאַכטיקן הימל מיט די גאָלדענע שטערן.

און די יונגען: אַזוי ווי די מיידלעך קומען זיי אויס נידעריק, ריידן זיי מיט זיי אויך פון אויבן אַראָפּ, אָן שום בושה און העפלעכקייט:

— הייסט עס, אַז מיר גייען צוזאַמען — זאָגט זיסקע נאַכלעסיק און פאַרויכערט אַ פּאַפּיראָס.

און רובקע פרעגט שוין גראָד מיט שטאַרקערן אינטערעס:

— איר וואוינט נאָך אַלץ הינטערן שטאָט? אַזוי וויים?

ביידע מיידלעך גיט עפּעס אַ שטאָך אין האַרצן, נאָר זיי ענטפערן מיט אַזוינע בעטנדיקע שטימען:

— איר האָט אַ טעות, חברה, ס׳איז ניט ווייט. ביי אונדז געדויערט דער גאַנג פופצן מינוט!..

— און די לופט איז דאָך דאָרטן אַזוי פריש ס׳איז אַ פאַרגעניגן צו שפּאַצירן...

— אָבער ס׳איז דאָך אַ איינזאַמע געגנט, — זאָגט זיסקע, רויכערנדיק נערוועז דעם פּאַפּיראָס, — מען קען דאָך דאָרטן כאַפּן אַ קלאַפּ פון אַ כוליגאַן...

גיטעלע און מלכּה האָבן זיך דערפילט שטאַרק געטראָפן. די פּראָסטע אומפאַרשעמטע ווערטער פון זייערע באַגלייטער, האָט אויף זיי פיינלעך געווירקט. אין גיטעלען — די יינגערע, די פרישערע — האָט אויפגעקאָכט פאַרבאָרגענער שטאָלץ, אירע קיילעכדיקע באַקן האָבן זיך באַפאָרבן מיט בושהרויטקייט.

— פאַר אַ דזשענטעלמען, — זאָגט זי, — פּאַסט ניט אַזוי צו ריידן!.. אָט גייען מיר שטענדיק און קיינער טשעפּעט אונדז ניט!.

מלכּה האָט גענומען צופן די שוועסטער אין זייט. זי האָט מורא געהאַט, אַז די שאַרפע רייד וועלן די באַגלייטער אינגאַנצן אָפּשטויסן. אירע בליכע שוין געעלטערטע באַקן האָבן זיך ניט אַזוי גיך גערויטלט... זי האָט בלויז אָנגעשטעלט אירע בעטנדיקע אויגן אויף די יונגען און ווייך גערעדט:

— איר קענט גיין מיט אונדז זיכער, חברה! ס׳איז פאָרט איצט רואיק, קיינער טשעפּעט ניט, אויף מיין ערנוואָרט!

שאַרן זיך דורכן גאַס די צוויי פּאָרלעך אַזוי שלאַבערדיק, צוקראָכן. זיסקע מיט רובקען ריידן ווייניק און טאָמער זאָגן זיי עפּעס יאָ, קלעפּט עס זיך ווי אַן אַרבעס צום וואַנט, אָן געפיל, אָן אינטערעס. די צוויי מיידלעך כאַפּן אָבער אויף דעם נוסטן אינהאַלט פון די ווערטער און פרובן זיי אַרויפפירן אויף לאָגישע וועגן... נאָר אומזיסט! רובקע טוט פּלוצלונג אַ קוק אויף זיין קעשענעזייגער, זיסקע שטעלט זיך אָן דעם קאָלנער פון מאַנטל און צום סוף, ווי וועלנדיק זיין גוט און פרום, זאָגן זיי ביידע, אויסשטרעקנדיק די הענט:

— קינדער, איר וועט אונדז זייער מוחל זיין, נאר מיר מוזן זיך געזעגענען... — מיר מוזן מארגן אויפשטיין פרי צו דער ארבעט... א גוטע נאכט!

אט אזוי גייען ביידע מיידלעך אלע שבת־צונאכט צוריק פון קינא אהיים נאך מער נידער־שלאגן און נאכמער איינזאם ווי זיי זיינען געגאנגען צום קינא. ווייט איז דער וועג וואס ציט זיך פון זוניקן קינא צו זייער פארווארפענער דירה־טשקע ערגעץ אהינטערן וואקזאל, און אומעטיק, גארניט ענלעך צו יענעם וועג, וועלכן עס האבן אדורכ־געמאכט די צוויי העלדן פון פילם...

II

אז זיי פאלן אריין אין שטוב איז די ערשטע ארבעט: צולויפן צום שפיגל און זיך שטארק אנ־קוקן. דער שפיגל איז א קליינער. דער נאפט־לאמפ ברענט טונקל. דער צימער — אן ענגער. גיטעלעס און מלכהס פנימער קומען דעריבער אויס א סך שענער ווי אין גרויסן ווארטע־זאל פון קינא, וואו די גרויסע לאמפן מיט די ריזיקע שפיגלען לייכטן אדורך יעדן קנייטשעלע אויפן פנים. די צוויי שוועסטער זיינען זיך איצט געפעלן איינע די אנדערע ווייל ביי ביידן זיינען די זעלבע גרויסע אויגן, די זעלבע קורצע רויטע ליפן און די זעלבע געפרוזירטע האר. ווי א צווילינג קומען זיי אויס. און ווייל מען איז מיט זיך צופרידן, וואקסט אויס פאר זייערע אויגן אין א גרויסער פינצטערער אנטפלעקונג די סיבה פון זייער ניט ערפאלג ביי מענער און דאס איז טאקע יענץ וועגן וואס די יונגען האבן געגעבן אנצוהערעניש: די ווייטקייט פון זייער שטוב. און אט די שטוב הינטערן וואקזאל, וואו עס נעסטעט זיך זייער טאטע דער בוכהאלטער מיט דער מאמען און וואו זיי האבן געפיטערט זייערע עטלעכע און צוואנציק יעריקע לעבנס, ווערט פלוצלונג פארוואנדלט אין א וויסטן אינזל און די צוויי ציכטיק נארבעטע בעטן זייערע, דאס טישעלע פול אנגעשטעלט מיט קאסמעטישע שאכטלעך און פלעשלעך אין וועלכע עס זיינען זייערע האפענונגען איינגעוועבט, דאס אלץ ווערן געגנשטאדן אן שום זין...

ווייל אט דער שבת־צונאכט אויף וועלכן זיי ווארטן אומגעדולדיק א גאנצע וואך פילט זיי נאכ־דעם אן מיט אומרואיקייט און נערוועאישקייט אויף א פולער וואך צייט, פארלירן זיי דעם אפעטיט צום עסן. מען הייבט זיך אן צו קריגן איינע מיט דער אנדערער צוליב דער קלענסטער קלייניקייט. גיטעלע כאפט דא ביי די שוועסטער א האר־שפילקע, כלומרשט ס'איז אירע. נעמט מלכה און באהאלט די קעמעלע... ביז וואנען זיי בעטן זיך איבער און גייען אוועק צו א נייער טרעפערין, וועלכע האט זיך באוויזן ערגעץ אין שטאט...

די טרעפערין א פארשטעקטע אין א קעלער, ביים שיין פון א ליכט, אן ארומגעוויקלטע אין שמאטעס מיט גלעזערנע אויגן, צולייגט פאר די צוויי מיידלעך א טיש מיט קארטן. זי טייטלט מיט א ברודיקן פינגער דא אויף א וואלעט רייך, נאכדעם אויף א מלכה פיק. זי רעדט וועגן בריוו, וועגן געלט און ווען צום סוף הייבט זי אן פלוידערן מיט פארגלייזטע אויגן וועגן עפעס א ווייטן וועג מיט א וואנט, וואס פארהאלט אט די גוטע זאכן, טוען זיך גיטעלע מיט מלכהן מיטאמאל א שטעל און נעמען זיך ווישן מיט טיכלעך די פארטערטע אויגן — זייער השערה באשטעטיקט זיך...

און אין דער אלטער שטיבעלע, אהינטערן וואקזאל וואו א טאטע מיט א מאמען האבן עטלעכע און צוואנציק יאר געוועבט זייער באשיידענעם רואיקן לעבן, האט זיך פלוצלונג צעקלונגען א רעוואלוציאנערער לאזונג פון טענער צוויי:

— ארויסקלייבן זיך! ארויסקלייבן זיך אין שטאט, נאענט צו די קינאען און טעאטערן! נאענט צו דעם יונגן לעבן!

האט דער אלטער טאטע נאך מער איינגע־הויקערט זיינע פלייצעס, אויסגעווישט זיינע בוכ־האלטערישע ברילן און ארויסגעפרעסט א נייעם קנייטש אויפן שטערן. ער איז א גוטער, דער טאטע, אן איידעלער. שווייגט ער און פרובט אלץ איבער־קלערן דעם מיין פון די קינדער. קלערט ער א טאג, קלערט ער צוויי, און אז ער קען פארט ניט קליגער ווערן, פרעגט ער זיי:

— סטייטש! א שאק מיט יארן ווי ער וואוינט דא הינטערן וואקזאל, די לופט איז דא פרייער, דער טומל קלענער, דירה־געלט ביליקער, טא וואס איז די קלאג?

צעוויינען זיך ביידע מיידלעך און פאלן ארויף אויף אים מיט א בארג טענות:

— אז דו טראכסט נאר וועגן זיך, טאטע!.. אז דיר גייט ניט אן דיינע קינדערס צוקונפט... די בחורים ווילן אונדז ניט באגלייטן אזוי ווייט...

קוועטשט ער מיט די פלייצעס, דער טאטע און זיפצעט: א, אים גייט שוין צופיל אן די צוקונפט פון זיינע טעכטערלעך! און וואס וואלט ער דען פאר זיי ניט געטאן, אז זיי זאלן חתונה האבן? און ער וועט זיך טאקע איבערקלייבן אויך, נאר איינס פארשטייט ער ניט און מוז פרעגן די ווייב!

— צי דערמאנט, זי זיך, וויכנע, ווי ער פלעגט איר אמאל כלהוויז האלט האבן צו באגלייטן

ביז צו דער שטוב אַזש אויף דער דרייסיקסטער גאַס? און טאָמער פּלעגט ער איר שוין צופירן צום טויער פּלעגט ער נאָך אָפּשטיין אַ שעה צייט און ראָמאַנסירן.

קומען אָבער אַרויס די צוויי מיידלעך מיט נייע טענות!

— די שטיבעלע איז אַ קליינס, אַן ענגס, מען קען דאָ קיינעם ניט אַריינפירן. מען קען קיין „ליאַמעס" ניט מאַכן, ניט זינגען, ניט טאַנצן!...

וואָס זשע טוט שוין דעמאָלסט דער טרייער טאַטע? קאַלופּעט ער אַרויס פון אַלע קישנס, פון אַלע שופלאָדן זיינע אָפּגעשפּאָרטע פּאָר גראָשן. און דינגט אַ דריי-צימער־יקע דירה אין צענטער שטאָט, אויף ברייטע גאַס, סאַ׳ע אונטערן נאָז פון קינאָ.

III

גיטעלע און מלכּה האָבן איצט ניט געהאַט אויף וואָס זיך צו באַקלאָגן. אָנשטאָט די הינטער־שטאָטישע פעלדערישע רואיקייט האָט אַרום דער נייער שטוב געבראַזגעט דאָס האַרטע שטייניקע לעבן פון דער ברייטער גאַס און פון אַ הויף מיט זעכציק משפּחות נערוועזע מענטשן.

די צוויי מיידלעך האָבן זיך איצט געגרייט צו אַ „ליאַמע" לכּבוד דער נייער דירה. אַ גאַנצע וואָך פּרעגלען זיי זיסיקייטן מיט זייערקייטן, מאַריניר̈ן הערינג און האַקן לעבערלעך. דאָס דאַרף זיין, לויט זייערע פּלענער, דער ערשטער פריילעכער אָוונט פון אַ גאַנצער ריי וויטערדיקע, וואָס וועלן זיי ברענגען אַ סך פרייד...

און מיט דעם איינלאַדן געסט איז אויך צו־געגאַנגען ווי געשמירט: אָט דאָ, אויף דער ברייטער גאַס — „אויף אונדזער גאַס", ווי זיי פלעגן עס שוין רופן — האָבן זיי געטראָפן אַלעמען, וועמען זיי האָבן נאָר באַדאַרפט... אַפילו זיסקען מיט רובקען האָבן זיי דאָ צו דער צייט געטראָפן:

— חברה! מיר לאַדן אייך איין אויף אַ ליאַמע שבת־צונאַכט! — זאָגט גיטעלע און אירע אויגלעך לייכטן גליקלעכע.

— אין אונדזער נ יי ע ר דירה! — גיט צו מלכּה, שטאַרק אַקצענטירנדיק דאָס וואָרט „נייער".. — און איר ווייסט וואו מיר וואוינען? אָט ד אָ אויף ברייטער גאַס, אין ד ע ם מויער!...—דערביי ווייזט זי מיט אַ פינגער אויפן פיפנגאָרגדיקן מויער, ווי ער וואָלט געהערט צו איר..

זיסקע מיט רובקען קוקן זיך איבער וואויל־יונגעריש און לייענען אַרויס איינער פון אַנדערנס אויגן די זעלבע געדאַנקען:

„צי האָבן אָקאָרשט די צוויי מיידלעך ניט געוואונען אויף דער לאָטעריע, אָדער גאָר באַקומען אַ ירושה פון אָמעריקע?"

און די יונגען זיינען איצט מאָדנע ווייך און העפלעך:

— זייער גוט, זייער גוט, — זאָגן זיי — מיר וועלן זיכער קומען, זיכער!...

און פונקס אַזוי וואויל און אַזוי העפלעך זיינען אַלע אַנדערע איינגעלאַדענע...

שבת־צונאַכט האָבן די פיר פענצטער פון דער נייער דירה אַרויסגעלויכטן אויף דער ברייטער גאַס מיט אַ ווייסער, וואַרימער ליכטיקייט און שיר ניט פאַרשאָטנט די יופּיטער־לאָמפּן פון די קינאָען...

און אין שטוב שטייט דער טיש אַרויסגעצויגן אויף ביידע קלאַפּעס און בערגלט זיך מיט פּיראַמידן און פּיראַמידלעך, מיט גלעזער און גלעזלעך. און אַ בייכיקער סאַמאָוואַר שטייט אין קיך און זינגט און עס הערט זיך דער ריח פון משקה..

דער טאַטע איז געזעסן אין ווינקל שטוב. גע־קרעכצעט – ווייל ער האָט היפּש אָנגעבאָרגט אין קרעמל. אָבער אַז ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער שיינער דירה און דער עיקר אויף די צוויי טעכטערלעך זיינע האָט אים דאָס האַרץ געקוועלט פון פרייד.. זיי זיינען אַרומגעשוואומען איבערן שטוב אויסגע-וואַשענע, אָנגעפּרודירטע, אָנגעפּודערטע; עס האָט געשמעקט פון זיי אויף אַ מייל. דעם טאַטן האָט זיך איצט געדוכט, אַז עס האַלט מיט זייער צוקונפט גאָרניט אַזוי שלעכט און אין אַ זיסער שטימונג האָט ער זיך אַוועקגעשלעפּט שלאָפן...

דער עולם האָט באַלד גענומען אָנקומען. אפשר ווייל דער וועטער אין דרויסן איז געווען אַ קאַלעמוטנער, אפשר ווייל אין די קינאָען זיינען שלעכטע פילמען געגאַנגען, נאָר אַלע איינגעלאַדענע יונגען און מיידלעך זיינען געקומען. גיטעלע מיט מלכּ׳הן האָבן ערשט איצט גענומען אַרויסווייזן זייער פייאיקייט אויפצונעמען געסט. זיי זיינען שיר ניט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דינסטמיידלעך. זיי זיינען ניט מיד געוואָרן צו שטיין נעבן יעדערן באַזונדער און וואַרטן עקשנותדיק ביז וואַנען ער וועט אָפּעסן די גאַנצע, שטיקל הערינג און לעבער. אויסטרינקען איין גלאָז טיי און טאַקע אומבאַדינגט אַ צווייטע. ביז וואַנען די יונגוואַרג האָט עס שוין גאָר גענומען האַלטן ווי אַן אָפּקומעניש...

זיסקע מיט רובקען — אָנגעגעסענע און אָנגע־טרונקענע — זיינען געוואָרן אַזוי ליבעסווירדיק און וואויל, אַז זיי האָבן אַ כאַפּ געטאָן נאָך אויפן שויס, איינער — גיטעלען, דער צווייטער — מלכּהן, און זיי גענומען איינרוימען אין די אויערן ברענדיקע צאַרטע רייד... די צוויי שוועסטער האָבן געכיכיקעט זיך געקניפּט איינע די אַנדערע און געפילט ווי זייערע הערצער הויבן זיך אין דער לופטן.

עס איז שוין געווען גוט שפעטלעך. אין דרויסן האבן זיך אויסגעלאשן די קינא-לאמפן, ווען עס האט זיך אנגעהויבן דער אפיציעלער טייל פון פראגראם: געזאנג. פריער האט א מיידלס דין קולכל געגעבן שטימונג מיט א סאלא-ליד. דער עולם, א בגילופ:דיקער, האט פולברוסטיק זיך צוזונגען אין א כאר. עס האבן דא ניט געפעלט קיין גרילצנדיקע סאפראנען אין קרעפטיקע באסן... און ווי מען זינגט אלץ העכער עפנט זיך ראפטום די טיר און א פאר שכנים, וועלכע וואוינען אין דער הויך — אן עלטערער הער מיט אן עלטערער זי — פאלן אריין אין שטוב, אנגעטאן האלב אין ווייסן, מיט פארשלאפענע זויערע צורות; זיי צוגעוואלדעווען זיך נאך העכער ווי דער „כאר":

— וואס פאר א טומל מאכט איר דא אין מיטן דער נאכט?! מיר זיינען נערוונע מענטשן, זיינען מיר! מיר קענען דאך ניט שלאפן! דאס איז דאך א סקאנדאל! א הויף שלאפט און זיי רעווענען!..

דער עולם יונגווארג שיסט ארויס מיט א געלעכטער. נאר גיטעלע מיט מלכהן טוט א שלאג דאס בלוט אין פנים. אין הארצן רייסט זיך זיי עפעס אפ... אט דאס האבן זיי ניט דערווארט.. דערפילנדיק ווי עס נעמט זיך ארויסגליטשן אונטער זייערע פיס דער נייער פונדאמענט פון זייער לעבן גיבן זיי זיך א לאז ווי צוויי פלאמען צו די שכנים:

— ערשטנס — זאגט גיטעלע רעווענען מיר ניט, נאר מיר זינגען און צווייטנס פרעגן מיר ביי אייך ניט!

— ס'איז אונזער שטוב! — קאכט זיך מלכה.

— נו, נו דאס וועלן מיר זען — זאגט דער שכן, — די מינוט גיי איך רופן א פאליציאנט! די מינוט! אפילו אין די הוילע גאטקעס גיי איך!... — און א האק מיט די טיר.

גיטעלע מיט מלכהן באהערשן זיך גיך. העלדיש הויבן זיי אויף צו דער טיר זייערע קליינע פויסטלעך און צום עולם ווענדן זיי זיך שיר ניט מיט טרערן אין די אויגן:

— זינגט, חברה, זינגט, האט ניט מורא פאר זיי...

די שטימונג איז שוין אבער געווען א צוריבענע... איינמאל האט נאך א יונג געפראוווט אויפזינגען און דערהערנדיק עפעס א שארך הינטערן טיר — גלייך אנטשוויגן געווארן. ארויסגעהאלפן פון דער סיטואציע האבן אבער זיסקע מיט רובקען זיי האבן פארגעלייגט צו טאנצן

— טאנצן! טאנצן! — כאפן אלע אונטער.

שטעלט מען אן דעם פאטעפאן, טוט ער זיך א צושפיל א טאנגא און זיבן פארלעך לאזן זיך אוועק טאפטשענען איבערן שטוב. און נאכן טאנגא קומט א פאקסטראט און א פאקסטראט א"ז הייסער, איז ווילדער, איז קלאפענדיקער — רייסט זיך ווידער אויף די טיר...

דאס כאל שטייט אויפן שוועל דער אונטערשטער שכן. דאס איז א יונגער קריסט, א בייזער, מיט פארשמורעטע אויגן און מיט א פאר ברייטע פלייצעס, וועלכע וואלטן ביידע טירן געקענט פאנאדערנעמען און ער שרייט ניט, נאר צישעט צווישן די ציין קורץ און רואיק:

— איך הייס אויפהערן טאנצן! די מינוט! עס טרייסלט זיך ביי מיר דער סופיט!... ננננו...

איין מיידל האט פלוצלונג זיך אפגערופן א פארקרימטע און א באליידיקטע:

— הערט א ליאמע, הערט: ניט מען קען זינגען ניט מען קען טאנצן... וואס פאר א שטוב איז דאס?

און דאן האט חברה, זיך שטיקנדיק פאר געלעכטער, א לאז געטאן אין קיך נאך די מאנטלען. מען האט זיך בגנבה געריקט, מיט שטילע טריט, שעמענדיק זיך צו קוקן גיטלען און מלכהן אין די אויגן, ווי בעת מען עסט זיך אן אין א רעסטאראן און מען האט ניט מיט וואס צו באצאלן...

בלויז זיסקע מיט רובקען זיינען נאך געווען העפלעך און פארן אוועקגיין צוגעזאגט די צוויי מיידלעך, אז זיי וועלן דא געוויס קומען מארגן אדער איבערמארגן...

נאר גיטעלע מיט מלכהלן זיינען געווען אזוי צוטראגן און פארשעמט, אז זיי זיינען געשטאנען ביי דער טיר איינגעדרייטע ווי קליינינקע קינדערלעך, נאכלעסיק געגעבן אלעמען די הענט, מעכאניש געשאקלט צו יעדערן מיטן קאפ.

און אז אלע זיינען אוועק און אין דער גרויסער שטוב איז געבליבן הענגען א זויערלעכע שווערע פוסטקייט, האבן זיי זיך א ווארף געטאן אויפן סאפע און הויך זיך צעוויינט און דורך די טרערן ווי דורך געפלאצטע שייבלעך האבן זיי באלד דערזען דעם טאטן, וועלכער איז געשטאנען קעגן זיי בלאס ווי קאלך, נאר מיט א פארקרימטן מויל ווי א פראגע-צייכן. ביידע מיידלעך האבן מיט פייכטע פארוואורף-רייד צו אים געשטאמלט:

— הער א דירע האט ער אונדז געדונגען... א געראטענע דירה...

נאר דער טאטע האט זיי גארניט געלאזט ענדיקן און אריינגעפארן זיי מיט א פינגער אין די אויגן

— דירע-סמירע, בעט ביי מיר א גראשן פאר דעם, איר אליין זייט זייער געראטענע, איר אליין..

ש. באָסטאָמסקי

לעגענדעס וועגן ווילנע

וועגן שטאָטשול

די ווילנער שטאָטשול איז שוין אַלט איבער 300 יאָר.

וועגן דער שטאָטשול זיינען פאַראַן ביים פאָלק פאַרשיידענע לעגענדעס. מיר וועלן דאָ ברענגען דריי — פון דעם ציקל „דער קאַמף פאַר דער שטאָטשול צווישן די יידן און קאַראַאימער”.

ווער איז עלטער?

אַז מע האָט אויסגעבויט די ווילנער שטאָט־שול, זיינען געקומען די קאַראַאימער און געזאָגט:

— מיר זיינען די אמתע יידן, ניט איר. די שול געהערט צו אונדז.

און די יידן האָבן געטענט:

— איר זייט קיין יידן ניט, די שול איז אונדזערע!

אַזוי ווי דורכקומען מיט גוטן האָט מען ניט געקענט, איז מען אַוועק צום פוילישן וואָיעוואָדע, ער זאָל פסקענען.

ביים אַריינקומען אין הויז פונעם בורד האָבן די קאַראַאימער אויסגעטאָן די שיך און איבערגעלאָזט זיי אין פאָרהויז.

קריגן זיך מיט די קאַראַאימער איז געקומען אַ קלוגער ייד. אַריינקומענדיק האָט ער אויך אויס־געטאָן די שיך, נאָר אויפגעהאַנגען זיי אויף די אַקסלען און אַזוי זיך געשטעלט צום דין־תורה.

אַז די קאַראַאימער האָבן דאָס דערזען, האָבן זיי פאַרוואונדערט געפרעגט:

— וואָס ביסטו אַריין מיט די שיך אין שטוב? האָט זיי דער ייד אַזוי געענטפערט:

— ווען משה איז אַרויף אויפן הימל נעמען די תורה, האָט ער צופוסנס פון באַרג אויסגעטאָן די שיך. איז געקומען אַ קאַראַאים און האָט זיי צוגענומען האָב איך שוין מורא...

די קאַראַאימער האָבן זיך פון דעם יידן אויסגעלאַכט:

— שוטה, אַז מע האָט געגעבן די יידן די תורה, זיינען דאָך נאָך קיין קאַראַאימער ניט געווען!

— אָט דאָס האָב איך געמיינט — האָט זיך דער ייד אָפּגערופן — אויב אַזוי, טאָ ווי אַזוי קומט איר צו זאָגן, אַז איר זייט די אמתע יידן?

דער בורר האָט געגעבן גערעכט די יידן.

די קאַראַאימער האָבן אָנגענומען דעם פסק־דין און צוועקגעגעבן די יידן די שטאָטשול.

אַ שניידער האָט געוואונען די שטאָטשול פאַר די יידן

געווען אַ מאָל אַ קריג צווישן די קאַראַאימער און די יידן.

די קאַראַאימער האָבן געזאָגט, אַז זיי זיינען די אמתע יידן און די שול געהערט צו זיי, און די יידן האָבן געטענהט, אַז די שול געהערט צו זיי.

ביידע צדדים זיינען מיט זייערע טענות געקומען צום אַמאָליקן ווילנער וואָיעוואָדע.

איז דער וואָיעוואָדע אַוועק מיט זיי אין שול אַריין.

די שול איז געווען פאַרמאַכט מיט אַן אייזער־נער טיר און פאַרשלאָסן.

האָט דער וואָיעוואָדע אַזוי געזאָגט:

— ווער פון אייך ס'וועט קענען אויפרייסן די טיר, נעמען זי אויף די פלייצעס און אַרומטראָגן זי אַרום דעם בעלעמער זיבן מאָל, צו דעם וועט די שול געהערן.

די קאַראַאימער האָבן געפרובט, אָבער ס'האָט זיך זיי ניט איינגעגעבן.

האָט זיך אויסגערופן אַ יידישע שניידער:

— איך וועל דאָס מאַכן!

ער האָט אַ שטויס געטאָן די טיר מיט אַזאַ כוח, אַז זי האָט זיך גלייך געעפנט. דאַן האָט ער גענומען די טיר און אַרומגעטראָגן זי זיבן מאָל אַרום דעם בעלעמער. נאָך דעם האָט ער זי צוריק אויפגעהאַנגען אויף די זאַוויעסעס.

די אָנשטרענגונג איז אָבער געווען אַזאַ שטאַרקע, אַז ער האָט דאָס נ ט אויסגעהאַלטן און איז געפאַלן אַ טויטער.

דער שניידער, וועמעס נאָמען עס איז געבליבן אומבאַקאַנט, האָט געוואונען די שטאָטשול פאַר יידן.

„איך הער דיך אין טראָק"

פאַראַן אַ יידיש ווערטל, וואָס שטאַמט פון ווילנע — „איך הער דיך אין טראָק".

זאָגט מען, אַז דאָס ווערטל שטאַמט פון יענער צייט, ווען די יידן האָבן זיך געקריגט מיט די קאַראַאימער וועגן דער ווילנער שטאָטשול.

די קאַראַאימער האָבן געשאַפן אַ לעגענדע, אַז ס'איז דאָ אַן אונטערערדישע הייל, וואָס פאַר־בינדט די ווילנער יידישע שטאָטשול מיט זייער קענעסע אין טראָק, און איין מאָל אין יאָר — יום־כיפור — הערט מען אַפילו אין טראָק די קלאַנגען פון כל־נדרי פון דער ווילנער שול.

די יידן האָבן זיך פון דער מעשה אויסגעלאַכט און געשאַפן דאָס ליצנות־ווערטל „איך הער דיך אין טראָק" — וואָס ווערט געברויכט אויף אַן אוממעג־לעכער זאַך.

וועגן גר־צדק

געווען אַמאָל, מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק, אַ פוילישער גראַף פון דער פאַמיליע פּאָטאָצקי.

איז דעם גראַף געפעלן געוואָרן דער יידישער גלויבן און ער האָט זיך מגייר געווען.

אַז די קאַטוילישע גלחים האָבן זיך וועגן דעם דערוואוסט, האָבן זיי אים פאַרמשפט צום טויט דורך פאַרברענען.

די עקזעקוציע איז פאָרגעקומען אויף אַ ווילנער פּלאַץ.

דער פלעק

וועגן פאַרברענען דעם גר־צדק דערציילט מען אַזאַ לעגענדע:

אַז מע האָט פאַרברענט דעם גר־צדק, איז פאַרוויכערט געוואָרן אַ בנין לעבן דעם פּלאַץ, וואו די עקזעקוציע איז פאָרגעקומען.

האָט מען דאָס אָרט פאַרשמירט.

דער שוואַרצער פלעק האָט זיך אָבער ניט אַרויסגענומען.

דאַן האָט מען דעם בנין איבערגעמאָלט.

דאָס האָט אויך ניט געהאָלפן.

האָט מען עס געטאָן אַ צווייטן מאָל, אַ דריטן. קיין זאַך האָט ניט געהאָלפן. דער שוואַרצער פלעק איז אַלץ געבליבן.

דער סוף איז געווען, אַז מע האָט געמוזט דעם בנין פונאַנדערנעמען.

פאַר צושטעלן האָלץ

האָלץ אויף צו פאַרברענען דעם גר־צדק האָבן געבראַכט די איינוואוינער פון דעם פאָרשטאָט סאָפּיאַניקעס.

האָבן זיי געהאַט אַ מיאוסע מפּלה: אין אַ קורצער צייט אַרום נאָכן פאַרברענען דעם גר־צדק האָט סאָפּיאַניקעס אָפּגעברענט.

דער בוים

נאָך דער עקזעקוציע איבערן גר־צדק האָט זיך די יידן איינגעגעבן צו באַקומען אַ ביסל אַש פון זיין פאַרברענטן גוף.

די יידן האָבן דעם אַש באַגראָבן אויפן אַלטן בית־עולם אויף דער אַנדערער זייט ווילִיע.

שפּעטער איז אויפן קבר פונעם גר־צדק אויסגעוואַקסן אַ בוים, וואָס האָט געהאַט דאָס אויסזען פון אַ מענטשן; דער שטאַם האָט זיך אַ פּאָר איילן פון דער ערד אויסגעצויגן ליגנדיק איבערן קבר ווי אַ גוף און אַרויסגעלאָזט פון זיך צוויי צווייגן ווי צוויי הענט.

גלות

בעת דער וועלט־מלחמה האָבן זעלנער פון די דערבייאיקע קאַזאַרמעס חרוב געמאַכט דעם אַלטן יידישן בית־עולם: צעבראָכן דעם פּאַרקאַן, צעוואָרפן אַלטע מצבות, דערשאָסן דעם אַלטן שומר.

איינער אַ זעלנער האָט אויסגעשאָסן אין בוים פון גר־צדק.

דערציילט מען, אַז אויפן בוים האָט זיך באַוויזן טראָפּנס בלוט.

שפּעטער האָבן די זעלנער דעם בוים אָפּ־געהאַקט.

וועגן ווילנער קלויסטערס

לעגענדעס וועגן דער קאַטעדרע

דער שענסטער און באַרימסטער קלויסטער אין ווילנע איז די קאַטעדרע.

די קאַטעדרע איז באַפּוצט מיט פאַרשיידענע פיגורן פון הייליקע, צווישן אַנדערע — מיט די פיגורן פון די ביבלישע העלדן: אַברהם, יצחק, יעקב, משה רבינו א״אַ.

וועגן דער קאַטעדרע זיינען ביי די ווילנער יידן געשאַפן געוואָרן פאַרשיידענע לעגענדעס.

מיר ברענגען דאָ דריי פון זיי

I

מיט אַ סך יאָרן צוריק האָט זיך אין ווילנע געשמדט אַ רייכער ייד. האָט ער אָנגעהויבן צו בויען אַ קלויסטער, וואָס רופט זיך איצט די קאַ־טעדרע.

דער משומד האָט געוואָלט, אַז זיין קלויסטער זאָל זיין שענער און זאָל זיך מיט עפּעס אויסטיילן

פון אַלע קלויסטערס אין דער וועלט. האָט ער אים באַפּוצט מיט די געשטאַלטן פון די יידישע אָבות און נביאים.

דאָס איז נאָך אָבער געווען פאַר אים ווייניק. אים האָט זיך פאַרוואָלט באַפּוצן דעם קלויסטער מיטן געשטאַלט פון דעם יידישן גאָט.

און ער האָט אָנגעהויבן אויסהאַקן דאָס געט־לעכע געשטאַלט פון שטיין...

ער האָט אָבער אין גיכן באַקומען זיין פסק: ער איז אַראָפּגעפאַלן פון אַ לייטער און די ערד האָט אים איינגעשלונגען.

II

ווען מען האָט געבויט די ווילנער קאַטעדרע, איז געווען אַ שלעכטע צייט פאַר יידן.

מע האָט זיי געדראָט, אַז ווען דער קלויסטער וועט פאַרטיק ווערן, וועט מען זיי אַרויסטרייבן פון שטאָט.

אַז ס'איז געקומען צום סוף, האָט דער סקולפּ־טאָר באַצירט דעם קלויסטער מיט פאַרשיידענע גע־שטאַלטן פון יידישע אָבות און נביאים.

פאַרענדיקן האָט דער קינסטלער געדאַרפט מיטן געשטאַלט פונעם יידישן גאָט.

די יידן זיינען געזעסן אין די קעלערן, האָבן תשובה געטאָן און געוואַרט אויף אַ נס.

ס'איז געווען יום כיפור.

און דער נס איז געשען:

ווי נאָר דער קינסטלער האָט אָנגעהויבן צו מאַכן גאָטס געשטאַלט, איז ער אַראָפּגעפאַלן פון די רישטאָוואַניעס אויפן גאַס און איז אויף אָן אָרט געהרגעט געוואָרן.

דער קלויסטער איז פאַרבליבן ניט פאַרענדיקט, די גזירה אויף די יידן איז בטל געוואָרן.

III

די ווילנער קאַטעדרע איז אַמאָל געווען זייער הויך, דריי מאָל העכער ווי איצט.

איין מאָל איז געקומען אַ פּוילישער קינסטלער און האָט אויף דער קאַטעדרע אויסגעהאַקט די גע־שטאַלטן פון די יידישע אָבות און נביאים.

נאָך דעם האָט ער אויך געוואָלט אויסהאַקן דאָס געשטאַלט פון גאָט.

אָבער ווי ער האָט דאָס נאָר אָנגעהויבן צו טאָן האָט די קאַטעדרע אָנגעהויבן צו זינקען און איז געוואָרן אַלץ נידעריקער און נידעריקער.

דער קינסטלער אַליין איז אַראָפּ פון זינען.

וועגן רויטן קלויסטער

פאַראַן אין ווילנע אַ שיינער קלויסטער, וואָס איז געבויט פון רויטע ציגל אין גאָטישן סטיל.

ער הייסט אַ נ נ ע ן-קלויסטער

וועגן אים ווערט דערציילט פאָלגנדיקע לע־גענדעס:

*

ניט ווייט פון דעם רויטן קלויסטער איז אַ מאָל געווען אַן אַנדער קלויסטער. דעם קלויסטער האָט געבויט אַ גרויסער קינסטלער.

ווען דער קלויסטער איז שוין געווען כמעט פאַרטיק, האָט ער איינגעלאַדן זיין זון, אויך אַ קינסטלער, אויף די רישטאָוואַניעס און באַוויזן אים דאָס שיינע שטיקל אַרבעט.

דער זון האָט אַלץ באַטראַכט און ס'איז אים ניט געפעלן געוואָרן.

ער האָט אָבער גאָרניש ניט געזאָגט.

נאָך דעם איז דער זון אַוועק קיין אויסלאַנד זיך לערנען די קונסט פון בויען.

אין אַ צייט אַרום איז ער צוריק געקומען קיין ווילנע און האָט אויסגעבויט דעם רויטן קלויסטער.

אַז דער קלויסטער איז שוין געווען באַלד פאַרטיק, האָט ער אַרויפגעפירט זיין פאָטער אויף די רישטאָוואַניעס כדי צו ווייזן אים זיין שטיקל אַרבעט.

דער פאָטער האָט אַלץ באַטראַכט און דערזען, אַז דער זון האָט אים איבערגעשטייגט.

פאַר גרויס קנאה האָט ער זיך אַראָפּגעוואָרפן פון די רישטאָוואַניעס און איז געהרגעט געוואָרן.

דניאל טשארני

„אין קמח—יש תורה"

דעם פסוק „אין קמח — אין תורה" האָט געוויס צוגעטראַכט אַ מילנער, אָבער נישט קיין ווילנער. אדרבא, וואָס ווינציקער „קמח" ווילנע פאַרמאָגט — אַלץ מער „תורה" גיט זי אונדז. זיינען דען נישט די טרעגער און שעפער פ׳ן די גאָר אַלטע און די גאָר נייע יידישע קולטור־ווערטן קינדער פון אָרימע יידישע בעלי־מלאָכות און פון עלנדע יידישע אַלמנות, וואָס האַנדלען מיט באָב און מיט איינגעזייערטע עפּלעך אין און אַרום שול־הויף? און איז עס דען צופעליק וואָס די סטראַשון־ביבליאָטעק געפינט זיך אויפן שול־הויף גופא? ווי קורץ ס׳איז דער גאַנג פון דעם גאָונס־קלויז צו דער סטראַשון־ביבליאָטעק! אין דעם גאָונס־קלויז ברענט דער נר־תמיד איבער דער „שטאָט", וואו דער גאָון פלעגט מתפלל זיין און אין סטראַשונס ביבליאָטעט ברענט דער „נר־תמיד" אין די אויגן פון די אַלטע, וואָס הערן נישט אויף צו זוכן אין די ספרים און ביכער דעם סוד פון דעם אייביקן „המשך" אונדזערן. מען שאָקלט זיך נאָך גאַנץ געשמאַק אין דער סטראַשון־ביבליאָטעק סיי איבער די פלוגתאס צווישן בית־שמאי און בית־הלל און סיי איבער די „פלוגתאס" צווישן, זאָגן מיר, דעם אינזיכיסטישן געטאָ־ראָמאַנטיקער י. גלאַטשטיין מיט דעם „גלות־ראָמאַ טיקער" ה. לייוויק.

און ווי ווייט איז דער גאַנג פון סטראַשונס ביבליאָטעק צו דער רעאַל־גימנאַזיע אָדער ליציי אין ווילנע? אויך אין דעם יידישן ליציי שאָקלען זיך די תלמידים נאָך גאַנץ געשמאַק איבער אַ „מימרא" פון פּרצ׳ן, צי פון חיים גראַדע.

און לערנט מען דען נישט אויך אין דעם „אָרט"־טעכניקום אַ פּרשה חומש, מיט רש״י, צי אַ בלאַט גמרא מיט תוספות? אויסמייסטרעווען פון האַרטן שטאָל אַ פיין אַפּצווייגעלע אָדער אַ גוט־פאַרשפּיצטן־פּראָפּן־ציער — איז עס דען נישט אַזוי שכל׳דיק, ווי אַ פּרשה חומש מיט רש״י און ווי אַ בלאַט גמרא מיט תוספות? בפרט נאָך, ווען מיר ווייסן פון וואַנען אָט די „מייסטערס" אונדזערע שטאַמען! פון שניפּישאָק און פון איישישאָק, פון היידוצישאָק און פון באַלבירישאָק קומען זיי קיין ווילנע שאָקנווייז דורכצומאַכן די העכערע „ישיבות" פון דער רעאַל־גימנאַזיע, צי פון „דעם אָרט־טעכניקום" ביז זיי אַליין, די פאָלקס־קינדער אונדזערע, פאַרוואַנדלען זיך אין גוט־אויסגעהאַמערטע „אַפּצווייגעס", וואָס קאָנען שפּעטער אַרויסציען פון אונדזער פאָלקס־קולטור די שענסטע אוצרות אירע, צי אין שאַרף פאַרשפּיצטע „פּראָפּן־ציערס", וואָס קאָנען אַפילו פון „גלות" אַרויספּראָפּקעווען די געשמאַקסטע זאַפטן אונדזערע!

און ווערן דען פאַרמאַטערט אונדזערע ווילנער געטאָ-משכּילים און נעאָ־קלאַסיקער פון דעם קליינעם באַרג־אַרויף, וואָס פירט צום ייוואָ אויף וויוואולסקי־גאַס 18?

ניין, איך האָב אין ייוואָ קיינמאָל נישט געהאַט געזען קיין פאַרמאַטערטע יונגע־לייט. אפשר האָבן אייניקע פון זיי אַ ביסעלע נישט דערעסן (געבייטלטע" ברויט קאָסט איצטער אַזוי טייער!), אפשר האָבן אייניקע פון זיי אַביסעלע נישט דער־שלאָפן (מען איז דאָך פאָרט „אַ געזינד זאַלבעאַכט"!), אָבער קיינער פון זיי ווערט נישט מיד צו פאַרטיפן זיך אין אַ וועלכער נישט איז פילאָלאָגישער „פלוגתא" צווישן, זאָגן מיר, פרילוצקין און קאַלמאַנאָוויטשן. דער שטרייט וועגן אַ „קוצי של יוד" איז פאַר אַ מאָדערנעם „ישיבה-בחור" אין ווילנע („אַספּיראַנט" בלע״ז) נישט ווינציקער אַקטועל, ווי דער שטרייט צווישן פאַשיזם און דעמאָקראַטיע, ווי דער שטרייט צווישן אונדזערע גלות־ראָמאַנטיקער מיט די אַנטי־גלות׳ניקעס.

ווי עס זעט אויס, ווייס שוין אַ ווילנער פון זיין געבורטס־טאָג אָן, אַז אַלץ איז אַזוי שטאַרק געקניפּט און געבונדן און אַז אָן דעם „המשך" פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט קאָן מען נישט ווייטער שמידן די צוקונפט אונדזערע און אַז אָן די צוויי טויזנט־יעריקע עקשנות און בטחון קאָן מען נישט איצטער אויסקומען אַפילו איין און איינציקן טאָג!

און וועגן דעם אַלץ, וואָס די ווילנער ווייסן שוין פון זייער אַלטער דערפאַרונג — מאַכן זיי נישט, חלילה, קיין סוד פאַר זיך אַליין. זיי צושיקן זייערע שטאַפּעטן איבער גאָר דער וועלט און זיי פאַרוויל־נעווען, קאָן מען זאָגן, דעם גאַנצן כדור הארץ, וואו עס לעבן און שאַפן אונדזערע ברידער און שוועסטער מכּל תפוצות ישראל.

אדרבא, רופט אָן אַ וועלכן נישט איז יידן־

באפעלקערטן לאנד, וואו מען זאל נישט וויסן וועגן דעם ייוואָ, וועגן רעאל־גימנאזיע, וועגן דעם „אָרט״־ליציי?

און, אדרבא, רופט מיר אָן אזא יידן־באפעלקערטן לאנד, וואו געוועזענע תלמידים, אספיראנטן און מייסטערס פון די דערמאָנטע דריי ווילנער אינסטיטוציעס זאָלן אפילו שוין זאַטערהייט נישט טראָגן ווייטער זייער גרויסן קולטור־באגאזש, וואָס זיי האָבן אַרויסגעפירט פון ווילנע?

ס׳וואָלט מיך צו ווייט פארפירט, ווען איך זאָל דאָ אנהויבן אויסרעכענען די אַלע ווילנער און פאַרווילנעוועטע קולטור־שאַפער אין גאָר דער וועלט. מוז איך קומען צו מיין ערשטן אויספיר, אז זער כּוח פון ווילנע (זאָל געזונט זיין) ליגט, מסתמא, אין דעם, וואָס זי האַלט נישט פון דעם פסוק „אין קמח—אין תורה״! אדרבא, ווײַס ווינציקער „קמח״—ז.לץ מער „תורה״.

— אַזוי זאָגט ווילנע.



שלום ביאלאָגורסקי

ר׳ לייב לייזערס הויף, וואו ס׳איז געבאָרן דער ווילנער גאון.

ל. סטאַצקי

סינדיקאַט פון יידישע זשורנאַליסטן אין ווילנע

די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג פון ווילנער יידישן זשורנאַליסטן-סינדיקאַט איז צענויפגערופן געוואָרן דעם 12טן דעצעמבער 1927 דורכן פאָרזיצער פון דעמאָלסטיקן צענטראַל-ראַט פון די פראָפ' פאַראיינען פון די יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין פוילן, ח' משה שאַליט*.

צוערשט איז דער סינדיקאַט געווען אַן אויטאָנאָמע סעקציע ביים ווילנער יידישן ליטעראַטן-פאַראיין און ערשט שפּעטער (סוף 1928) איז ער לעגאַליזירט געוואָרן ביי דער ווילנער וואָיעוואָדישער מאַכט אַלס זעלבסטשטענדיקע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע א"נ „סינדיקאַט פון יידישע זשורנאַליסטן אין ווילנע" מיט אַ טעטיקייטס-קרייז אויף ווילנער, ביאַליסטאָקער, נאָוואַרעזקער און פּאָלעסיער וואָיעוואָדשאַפטן.

די הויפּט-אויפגאַבעס, וואָס דער סינדיקאַט האָט זיך געשטעלט, זיינען:

1) זאָרגן פאַר די מאַטעריעלע און מאָראַלישע אינטערעסן פון זיינע מיטגלידער (דורך קאָנטראָלירן און רעגולירן די אַרבעטס- און לוין-באַדינגונגען אין די רעדאַקציעס; שיקן זשורנאַליסטן, מיטגלידער און אַספּיראַנטן פון סינדיקאַט, אויף פרייע רעדאַקציאָנעלע פּאָסטנס; פאַרמיטלען אין פּראָפעסיאָנעלע קאָנפליקטן צווישן זשורנאַליסטן און צייטונגס-אַרויסגעבער; זאָרגן פאַר אַרבעטסלאָזע זשורנאַליסטן וכדומה).

2) שטיין אויף דער וואַך פונעם מאָראַלישן ניוואָ פון דער יידישער פּרעסע און פונעם פּרעסטיזש פון יידישן זשורנאַליסטן-שטאַנד (דורך ניט דערלאָזן צו שאַרפער פערזענלעכער פּאָלעמיק אין דער פּרעסע, איינגערירן אין פאַלן פון עובר-זיין אויף דער זשורנאַליסטן-עטיק, פאַרמיטלען אין קאָנפליקטן צווישן מיטגלידער פון סינדיקאַט אאַז"וו).

אַחוץ דעם באַמיט זיך דער סינדיקאַט צו שטיצן און פאַרברייטערן די אַנטוויקלונגס-מעגלעכקייטן פון זיינע מיטגלידער, ווי אויך צו שטיצן אַלע אַקציעס און אימפּרעזעס פון אַ געזעלשאַפטלעך-קולטורעלן כאַראַקטער, פאַר וועלכע דער יידישער זשורנאַליסטן-שטאַנד דאַרף האָבן אַן אינטערעס, ווי אַן אַקטיווער באַשטאַנדטייל פון די בויערס און שאַפערס פון דער מאָדערנער יידישער קולטור.

דאָס ערשטע דאַרף דערגרייכט ווערן דורך אָרגאַניזירן פון צייט צו צייט אומזיסטע אָדער גאָר ביליקע עקסקורסיעס פון יידישע זשורנאַליסטן אין אַנדערע לענדער [אַזוי איז שוין אין יאָר 1930 אָרגאַניזירט געוואָרן דורכן סינדיקאַט די ערשטע יידישע זשורנאַליסטן-עסקורסיע קיין ליטע (קאָווגע) און לעטלאַנד (ריגע)], ווי אויך דורך אויספּועלן די אַנטשפּרעכנדיקע הנחות פאַר אינדיווידועלע זשורנאַליסטן-רייזעס קיין אויסלאַנד און דורך אָרגאַניזירן צוזאַמענקונפטן מיט אָנגעזעענע זשורנאַליסטן-געסט אָדער חברים-שמועסן צווישן די מיטגלידער גופא אויף פאַרשיידענע אַקטועלע טעמעס.

דאָס אַנדערע דאַרף דערגרייכט ווערן הן דורך אייגענע זעלבסטשטענדיקע אימפּרעזעס און אונטערנעמונגען (בשעתו דער ערשטער יידישער פּרעסע-באַל אין ווילנע) און הן דורך באַטייליקן זיך אין פאַרשיידענע קולטור-אימפּרעזעס אָדער געזעלשאַפטלעכע אַקציעס פון אַנד' אָרגאַניזאַציעס.

אין דער ערשטער פאַרוואַלטונג פון לעגאַליזירטן סינדיקאַט זיינען אַריין: ש. ל. ציטראָן, ד"ר מ. וויינרייך, ח. לעווין, ש. דרייער און ל. סטאָצקי.

לכתחילה האָט דער סינדיקאַט אַרומגענומען נאָר די ווילנער יידישע זשורנאַליסטן, אינעווייניקסטע מיטאַרבעטער פון די אָרטיקע טעגלעכע צייטונגען, ווי אויך די ווילנער קאָרעספּאָנדענטן פון דער יידישער פּרעסע אין אַנדערע שטעט און אין אויסלאַנד. מיט דער צייט זיינען צוגעקומען אַלס מיטגלידער אויך זשורנאַליסטן פון אַנדערע שטעט (גראָדנע, ביאַליסטאָק, לוצק א"אַנד).

אין ביאַליסטאָק האָט זיך שפּעטער געבילדעט אַ יידישע סעקציע ביים דאָרטיקן פּוילישן זשורנאַליסטן-סינדיקאַט. אויך די פּאָלעסיער — וואָלינער יידישע זשורנאַליסטן האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ זעלבסטשטענדיקן זשורנאַליסטן-קרייז, אַזוי אַז ס'איז

---

* דער צענטראַל-ראַט איז אויסגעוויילט געוואָרן אויפן לאַנד-צוזאַמענפאָר פון דער יידישער פּרעסע אין פוילן (12, 13 און 14 יוני 1927 אין ווילנע). נאָך דער גרינדונג פון ווילנער יידישן זשורנאַליסטן-סינדיקאַט האָט זיך דער צ. ר. פונאַנדערגעלאָזט.

שוין געוואָרן ניט אַקטועל די פראַגע פון אָרגאַניזירן אָפּטיילונגען פונעם ווילנער סינדיקאַט אין די אַנד׳ וואָיעוואָדשאַפטן, ווי דאָס איז תּחילת געווען פאָר־אויסגעזען אין סטאַטוט.

דער ווילנער יידישער זשורנאַליסטן סינדיקאַט האָט פון אָנהייב אָן געשטרעבט צו פאַראייניקן זיך מיטן היגן פוילישן זשורנאַליסטן־סינדיקאַט אויפן יסוד פון 2 גלייכע אויטאָנאָמע סעקציעס. די פאַראייניקונג איז אָבער ניט צושטאַנד געקומען צוליב די מניעות מצד דעם פוילישן סינדיקאַט, ניט קוקנדיק אויף דעם דרוק, וואָס איז אין דער ריכטונג אייסגעאיבט געוואָרן אויף ביידע סינדיקאַטן מצד

פאַרוואַלטונג פון יידישן זשורנאַליסטן־סינדיקאַט אין ווילנע



פון רעכטס: ל. סטאָצקי (סעקרעטאַר), נ. קאַסטעלאַנסקי, חיים לעווין (פאָרזיצער), א. י. גראָדזענסקי (גאַמן) און א. אַלק.

דער וואַרשעווער צענטראַלע פון אַלפוילישן זשורנאַליסטן־סינדיקאַט.

פאַר די 10 יאָר, זינט דער ווילנער יידישער זשורנאַליסטן־סינדיקאַט פירט זיין זעלבסטשטענדיקע פראָפעסיאָנעלע טעטיקייט, איז ער אָפטמאָל געשטאַנען ביי פאַרשיידענע שטרייק־אַקציעס אין אָן ענגן קאָנטאַקט מיטן היגן ליטעראַטן־פאַראיין און מיט דער ווילנער אָפּטיילונג פון יידישן דרוקער־אַרבעטער־פאַראיין אין פוילן.

דער סינדיקאַט האָט זיך אויך פון צייט צו צייט באַטייליקט אין פאַרשיידענע הילף־אַקציעס פאַר קראַנקע חברים, אין דער פליטים־אַקציע, אין אַקציעס פאַר דער יידישער שול וכדומה.

לעצטנס איז דורכן סינדיקאַט דורכגעפירט געוואָרן די רעגיסטראַציע פון די ווילנער יידישע זשורנאַליסטן פאַרן מלוכהשן זשורנאַליסטן־ און אַפּליקאַנטן־רעיעסטער.

ביים סינדיקאַט עקסיסטירט אַ שטענדיקער ערן־געריכט, וועלכער דערליידיקט די קאָנפליקטן צווישן די מיטגלידער, ווי אויך אַ רעווידיר־קאָמיסיע, וועלכע ווערן איבערגעוויילט אַלע יאָר צוזאַמען מיט דער נייער פאַרוואַלטונג.

אַ קורצע צייט איז געווען אַ שפּאַלטונג צווישן די מיטגלידער פון סינדיקאַט, וועלכע האָבן זיך צעטיילט אין 2 באַזונדערע סינדיקאַטן. שפּעטער איז אָבער פאָרגעקומען אַ פאַראייניקונג און איצט זיינען בלויז געציילטע ווילנער יידישע זשורנאַליסטן אויסערן סינדיקאַט.

פאַר די צען יאָר צייט האָט דער סינדיקאַט געהאַט אַלס פאָרזיצערס לויטן סדר: ד״ר מאַקס וויינרייך, ש. ל. ציטראָן (ערן־פאָרזיצער), א. י. גראָדזענסקי, אַדוו׳ פּנחס קאָן און חיים לעווין.

די איצטיקע פאַרוואַלטונג פון סינדיקאַט באַשטייט פון: ח. לעווין — פאָרזיצער, נ. קאַסטעלאַנסקי — וויצע־פאָרזיצער, ל. סטאָצקי — סעקרעטאַר, א. י. גראָדזענסקי — גאַמן און א. אַלק.

הירש מאַץ

די טעטיקייט פון טעאַטער געזעלשאַפט

אָנהויב 1928 האָט אַ גרופּע ווילנער געז׳ טוער, בראש מיט ד״ר מ. זשיט־לאָווסקי, ד״ר וויגאָדסקי, ב. קלעצקין, ב.טורגעל, נ. באַק, ח. לעווין, ד״ר י. ראַפּעס, ז. רייזען א סאַפיר א״אַ, גערופן אַ באַראַטונג פון פאָרש־טייער פון פאַרשיידענע קולטור - געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַ „געזעלשאַפט פריינד פון יידישן טעאַטער“. דער סטאַטוט איז לעגאַליזירט געוואָרן אין מערץ 1928 יאָר און די געזעלשאַפט האָט אָנגעהויבן איר טעטיקייט.

דער ציל פון דער געזעלשאַפט איז געווען: מיטווירקן אויפצוהויבן און פאַרשענערן דעם ניווא פון יידישן טעאַטער אין ווילנע.

די גרינדונג פון דער געזעלשאַפט האָט אַרויס־גערופן אַ גרויסע פאַראינטערעסירונג ביי די ברייטע מאַסן און שוין אין ערשטן יאָר האָט זי געציילט איבער 500 מיטגלידער.

די אַרבעט פון דער געזעלשאַפט איז געפירט געוואָרן אויף פאָלגענדן אופן: קודם כל איז געזאָרגט געוואָרן פאַר אַ טעאַטער־בנין. עס איז אָפּגעדונגען געוואָרן אַ גרויסער לאָקאַל אויף לודוויסאַרסקע 4 פאַרן יידישן טעאַטער. די דאָזיקע געוועזענע צירק־געביידע איז דאַמאָלסט איבערגעבויט געוואָרן אויף אַ טעאַטער - בנין און די אָנפירונג מיטן „פאָלקס־טעאַטער“ איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם פאַרשטאָר־בענעם פיאָנער פון יידישן טעאַטר ה׳ נחום ליפּאָווסקי. מיט דער צייט איז אין ווילנע אויפגעקומען נאָך אַ בנין פאַרן יידישן טעאַטער אויף נאָוויגאָראָד — דער „אונדזער טעאַטער“, ווייל דער פאָלקס־טעאַטער“ האָט זיך שטענדיק גענויטיקט אין פאַרשיידענע טעכנישע רעמאָנטן. היינט צו טאָג איז דער פאָלקס - טעאַטער, וואו ס׳האָט לעצטנס געשפּילט אַ פּוילישע רעוויע, געשלאָסן צייטווייליק ביזן אויספירן דעם געהעריקן רעמאָנט, וואָס דאַרף אָפּקאָסטן איבער 20 טויזנט גילדן. אַזוי אַרום איז דער גרעסטער און באַקוועמסטער בנין פאַרלאָרן געגאַנגען אויף אַ לייגגערע צייט פאַרן יידישן טעאַטער. עס איז דערביי נויטיק צוצוגעבן, אַז אין דעם בנין איז אין משך פון די יאָרן אינוועסטירט געוואָרן גרעסערע געלט־סומען, אין די טויזנטער, פון דער יידישער געזעלשאַפט.

דער „אונדזער טעאַטער“ איז ביז די לעצטע חדשים געווען דער פּראַקטישער סטאַבילער, טעאַטער־בנין. לעצטנס אָבער איז אויך דער בנין פאַרלאָרן געוואָרן פאַרן יידישן טעאַטער צוליב דעם וואָס דער אָנפירנדיקער קאָלעקטיוו האָט באַנקראָטירט און דער בנין איז פאַרוואַנדלט איצט אין אַ קינאָ.

יידישע פאָרשטעלונגען קומען אויך פאָר פון צייט צו צייט אין לאָקאַל פון דער געוועזענער קאָנסערוואַטאָריע, וועלכער איז איצט דער איינציקער יידישער טעאַטער־בנין אין אונדזער שטאָט.

אויפן טאָג־אָרדענונג ביי דער געזעלשאַפט שטייט איצט אַ פונקט צו שאַפן אַ געזעלשאַפטלעכע געביידע פאַרן יידישן טעאַטער און מיט דעם זיכערן די עקסיסטענץ פון סטאַבילע יידישע פאָרשטעלונגען.

ביי דער געלעגנהייט דאַרף באַמערקט ווערן, אַז אין די צוויי שטאָטישע טעאַטערס „רעדוטע“ און „לוטניע“ איז פון ערשטן טאָג פאַראַן אַ פאַרבאָט מצד דער שטאָטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג צו שפּילן טעאַטער אויף יידיש.

די זאָרג פון דער געזעלשאַפט פאַרן יידישן טעאַטער איז אויך געגאַנגען אין דער ריכטונג צו באַזאָרגן די עקסיסטירנדיקע טעאַטער - בנינים מיט ביליקער עלעקטריע און אויספּועלן ביי דער מאַכט אַ געהעריקע סובווענץ פאַרן יידישן טעאַטער, ווי אויך באַפרייען די פאָרשטעלונגען פון די שטאָטישע שטייערן. אַדאַנק דער אינטערווענץ פון די יידישע ראַט - מענער אין ווילנער שטאָט - ראַט אין די ערשטע יאָרן און אַדאַנק דער אַקטיוויטעט ספּעציעל פ.ן ד״ר י. ראַפּעס איז געלונגען צו באַקומען אַ באַפרייאונג פון אַלע שטאָטישע שטייערן, ביליקע עלעקטריע, ווי אויך אַ סובווענץ אין דער הויך פון 12.000 גילדן. די סובווענץ איז אָבער מיט דער צייט בהדרגהדיק געוואָרן רעדוצירט, פריער אויף 9.000 דאַן אויף 4000 און פאָריקן יאָר אויף 2000 גילדן. לעצטנס, ביי די נייע שטימונגען איז די סובווענץ אינגאַנצן געשטראָכן געוואָרן. דאַקעגן איז אָבער פאַרבליבן ביז היינט דער באַשלוס צו באַפרייען די יידישע פאָרשטעלונגען פון שטייערן און באַזאָרגן זיי מיט ביליקע באַלייכטונג. די הנחות זיינען אָבער חל אויף דעם סטאַבילן יידישן טעאַטער. פעריאָדישע טעאַטער - פאָרשטעלונגען און אַנדערע

באקומען אויך הנחות ערשט נאך דער אינטערווענץ פון דער טעאטער-געזעלשאפט.

פון דער סובווענץ און פון די פארשיידענע הנחות פלעגן געניסן לויטן איינזען פון דער טעאטער-געזעלשאפט נאר די בעסערע קינסטלערישע טרופעס די טעאטער געזעלשאפט האט געפירט א קאנסעקווענט אויסגעהאלטענע פאליטיק לגבי די שונד-טרופעס זי פלעגט זיי באקעמפן אדער — אין בעסטן פאל — איגנארירן.

די אויפזיכטס-מאכט האט געשטראכן די קליינע קהילה-סובווענץ פון 300 ג' פארן יאר 38—1937.

פאר די פארגאנגענע צען יאר האבן געשפילט אין ווילנע ביי דער מיטווירקונג פון דער טעאטער-געזעלשאפט פאלגנדע טרופעס: ווילנער טרופע, יאנאס טורקאוו, אזאזעל, אראראט פון מ. בראדערזאן, מארעווסקי, גראנאך, קורט-קאטש, זיגנוויט טורקאוו, זאסלאווסקי, מנחם רובין, אידא קאמינסקי, נאמבערג-טרופע, אלעקס שטיין, יוסף קאמען, מאריס שווארץ-אנסאמבל, „יונג-טעאטער", טעאטער פאר יוגנט, נאציאנאלע בינע, יידישע באנדע, בראדערזאנס באלאגאנטיידן, פארשיידענע אפערעטן טרופעס און אנדערע. דעם יונג-טעאטער פון ד"ר ווייכערט, וועלכן די טעאטער געזעלשאפט האט צום ערשטן מאל אראפגעבראכט קיין ווילנע, האט מען מיטגעהאלפן אין זיין שווערער לאגע בעתן פארבאט צו שפילן מיט א סומע פון עטלעכע הונדערט גילדן ספעציעל אויף אויפהאלטונג.

דעם לעצטן טעאטער-סעזאן 1938-37 איז דעם „ניי-טעאטער" געלונגען צו פארהאלטן אין ווילנע 7 חדשים. ער האט אויפגעפירט ניין נייע פרעמיערעס, אין דעם 2 פארשטעלונגען פאר קינדער: „מארציפאנעס" און „יינגלעך פון גרויס שטאטישע גאסן".

עס איז געפירט געווארן א פראפאגאנדע פאר די בעסערע אנסאמבלען; עס פלעגן גערופן ווערן פרעסע-קאנפערענצן, פאר טעאטער-פראפאגאנדע, עס זיינען ארויסגעלאזט געווארן ספעציעלע אויפרופן צו דער באפעלקערונג; עס פלעגן איינגעארדנט ווערן טעאטער-דיסקוסיעס, פרימארגנס, אנקעטעס וועגן אויפגעפירטע פיעסן (שריי כינע, סערזשאנט גרישע א"אנד.)— אלץ כדי צו הויבן דעם אינטערעס פון די ברייטע מאסן פארן בעסערן יידישן טעאטער אין ווילנע.

פון צייט צו צייט האט די געזעלשאפט ארויסגעלאזט איינמאליקע צייטשריפטן ספעציעל געווידמעט די אקטועלע פראבלעמען פון יידישן טעאטער. חוצדעם פלעגן ביי ספעציעלע געלעגנהייטן ארויסגעגעבן ווערן יובל-בראשורן. אזוינע אויסגאבעס זיינען ארויסגעגעבן געווארן אין שייכות מיט די יובל-פייערונגען פון די שוישפילער נאטאן לאנדא, אידא קאמינסקי, א. מארעווסקי; ס'זיינען אויך געווען ארANזשירט ספעציעלע אוונטן: יוסף קאמען-אוונט, גאלדפאדען-אוונט אאז"וו.

בעת די יובליי-פייערונגען פלעגן אויך פארקומען פייערלעכע זיצונגען אין ייווא, אין טעאטער-מוזיי אויפן נאמען פון אסתר רחל קאמינסקי, וואו ס'פלעגן ביי דער געלעגנהייט באהאנדלט ווערן טעאטער-פראבלעמען. צוזאמען מיטן ייווא האט די ט"ג פראקלאמירט א קאנקורס אויף דער בעסטער ארבעט וועגן גאלדפאדן אין שייכות מיט זיין 30טן יארצייט.

די טעאטער-געזעלשאפט האט אין איר טעטיקייט געלייגט פיל אכט אויף צוגרייטן נייע קאדרעס פארן יידישן טעאטער און אין פארשיידענע פעריאדן פון איר טעטיקייט זיינען געפירט געווארן דראמאטישע סטודיעס, אויסנוצנדיק די ארטיקע פעדאגאגישע און קולטורעלע קרעפטן ווי אויך די אנוועזנדע טעאטער-קינסטלער אין ווילנע ווי: יאנאס טורקאוו, א. מארעווסקי, מ. קולבאק, א מארק, נ. וויינִיק, רעזש' בלייך, חנה בלאנקנשטיין א"אנד. א סך פון די יונגע קרעפטן — געוועזענע שילער פון דער סטודיע שפילן איצט אויף דער יידישער בינע. א טייל פון די יונגע קרעפטן האבן געשאפן טעאטער-קאלעקטיוון (דראמ-קרייזן) אין ווילנע גופא.

א באזונדער ארט פארנעמט אין דער טעטיקייט פון דער טעאטער-געזעלשאפט די ארבעט פון אירע סעקציעס. ביי דער ט"ג עקסיסטירט שוין 4 יאר א סעקציע „מיידים". דאס איז א מאריאנעטן-טעאטער, וואס איז געשאפן געווארן פון א גרופע יונגע טעאטער-ליבהאבער: א. באסטאמסקי, מ. ראן, י. בורגין, ה. פארודאמינסקי א"אנד. דער „מיידים" האט אן אויסגעשפראכענע פראגראם-ליניע. די פראגראמען שטעלן מיט זיך פאר סאציאל-פאליטישע, סאטירע און געזעלשאפטלעכע קריטיק, ווי אויך. ספעציעלע „פראגראמען פאר קינדער". דאס איז דער איינציקער סטאבילער יידישער מאריאנעטן טעאטער אין פוילן אויף דער מאדערנער טעכניק פון שנירל-סיסטעם, ענלעך צו די איטאליענישע מאריאנעטן-טעאטערס.

ביז איצט זיינען אויפגעפירט געווארן פאלגענדע פראגראמען: „מאריאנעטן-פאראד", „אונטערגאנג", „לאמיר לאכן", „דער איבעריקער מיליאן", „שיקי-שער". די פארשטעלונגען ווערן זייער גערן און כאסנהאפט באזוכט, באזונדערס דורך דער ארבעטער-אינטעליגענץ ווי אויך פון קינדער. אחוץ ווילנע האט דער „מיידים" געשפילט אין דער ווילנער פראווינץ (בארנאוויטש, לידע, סווענציאן, בראסלאוו) און אין גרעסערע פונקטן (ווארשע, ביאליסטאק, גראדנע, א"א).

איצט גרייט זיך דער "מיידים" צו נייע פרא

גראמען, כדי צו רעאליזירן זיין פראיעקט וועגן א נייעם טורנע איבער פוילן. דער „מיידים" האט געהאט גלענצנדע אפרופן אין דער גאנצער יידישער פרעסע וועגן זיינע אויפפירונגען, ווי אויך וועגן די קינסטלערישע ליאלקעס, אויסגעפירט דורכן קינסטלער ב. מיכטאס*.

די צווייטע סעקציע ביי דער טעאטעט-געזעלשאפט איז דער קינדער-טעאטער. ער עקס־סטירט שוין 2 יאר און איז געשאפן געווארן אדאנק דער איניציאטיווע פון א גרופע לערער (אנפירער: ר. דרייער און מ. ראבינאוויטש), וועלכע האבן זיך געשטעלט פאר א ציל צו שטעלן ספעציעל צוגעגרייטע פיעסן פאר קינדער לויטן אויסוואל פון א פעדאגאגישער קאמיסיע. צום אנהויב זיינען די פארשטעלונגען אויסגעפירט געווארן דורך יונגע אמאטארישע קרעפטן. דעם לעצטן יאר אבער האט דער קינדער-טעאטער רעווידירט זיין שטעלונג און באשלאסן, אז קינדער-פארשטעלונגען מוזן געשפילט ווערן דורך פראפ. אקטיארן אין גוט אויסגעשולטע דערצו. עס זיינען



מצבה פון נחום ליפאווסקי

אויפגעפירט געווארן: „מאטל פייסי דעם חזנס" — באארבעט און רעזשי: מ. ראבינאוויטש; א רעוויע „ברידערלעך" - רעזשי: סטאליאצקא; דעקאראציעס: אלקעניצקא; „מארצעפאנעס" און „יינגלעך פון שטאטישע גאסן" רעזשי: י. ראטבוים, מוזיק: ע. טייטעלבוים. די פארשטעלונג „מארצעפאנעס" איז אויסגעפירט געווארן דורכן אנסאמבל פון „ניי-טעאטער".

די פארשטעלונגען פון קינדער-טעאטער האבן באזוכט איבער 15,000 קינדער פון אלע ווילנער שולן. א באזונדער דערפאלג האט געהאט די לעצטע אויפפירונג „מארצעפאנעס", אדאנק דער גלענצנדער שפיל פון די אקטיארן פראכטפולע מוזיק, פיינער אויסשטאטונג, וואס איז באזארגט געווארן אינגאנצן דורך דער טעאטער-געזעלשאפט. די אויפפירונג „מארצעפאנעס" ווערט אויך איצט געשפילט מיט גרויס דערפאלג דורכן „ניי-טעאטער" אויף זיין טורנע.

די דריטע יינגסטע סעקציע ביי דער טעאטער-געז. איז דער יידישע סימפאנישער ארקעסטער אונטער דער אנפירונג פון די יונגע, באגאבטע מוזיקער י. סטאלאוו, ע. טייטעלבוים און נאדעלמאן, וואס האט זיך געשטעלט פאר א ציל צו פארשפרייטן און פאפולאריזירן קלאס־שע מוזיק און ספעציעל יידישע מוזיק צווישן דיברייטע פאלקס-מאסן און שול-יוגנט דורך פרימארגנס און אוונט-קאנצערטן. עס זיינען שוין פארגעקומען 2 קאנצערטן צוזאמען מיטן „ווילביג"-כאר, וואס האבן געהאט א גרויסן מאראלישן און מאטעריעלן דערפאלג און אויך דער ערשטער קאנצערט פון סימפאנישן ארקעסטער אונטער דער אנפירונג פון י. סטאלאוו מיט דער באטייליקונג פון דער זינגערין פאליע קאן

די טעאטער-געז. שטרעבט שטענדיק צו דערנענטערן דעם בעסערן יידישן אקטיאר מיט דער געזעלשאפט אין פארקערט. און דעריבער פלעגט די טעאטער ג' שטיין אין א שטענדיקן קאנטאקט מיט דעם יידישן ארטיסטן פאראיין. די ווילנער טעאטער-געזעלשאפט האט זיך געשטעלט פאר א ציל צו פארבינדן די טעאטער-געזעלשאפטן אין פוילן צווישן זיך גופא און מיט דער אלפוילישער ארטיסטן ארגאניזאציע. מיט דעם מאמענט באקומט די ארבעט פון יעדער רעגיאנאלער טעאטער-געז' אויך אן אלגעמיינעם און מער אחריותדיקן כאראקטער לויט דער איניציאטיווע פון דער ווילנער טעאטער-געז. איז געלונגען צו רופן דעם 29 מאי 1938 א געמיינזאמע טעאטער-קאנפערענץ אין מעדזשעשין פון פארשטייער פון אלע טעאטער-געז' אין פוילן ווי אויך פארשטייער פון ארטיסטן פאראיין.

עס זיינען געווען פארטראטן אין דער קאנפערענץ פארשטייער פוןווארשע, ווילנע לעמבערג, גראדנע און קראקע. פון ווילנע האבן געהאלטן רעפעראטן: יוסף אראנאוויטש: די געזעלשאפט און איר באציאונג צום יידישן אקטיאר; ש. דרייער: טעאטער פאר קינדער און יוגנט; ה. מאץ: טעאטער בנינים; און י. טעפער: רעפערטואר פראבלעמען.

אזוי, אין קורצע שטריכן, זעען אויס די אויפטוען פון דער ווילנער טעאטער געז' פאר די אפגעלאפענע 10 יאר און מיט דעם איר באשיידענער אנטייל אין דער אלגעמיינער בוי-ארבעט פון דער מאדערנער יידישער קולטור אין ווילנע.

---

* מהוץ דער מיטהילף פון ט"ג איז אויך געווען טעטיק אין ווילנע דער קליין קונסט-טעאטער „דאווקע", וועלכער האט געגעבן במשך זיין קיום 6 פראגראמען: „געעפנט דעם פארהאנג", „יאטן ביים מיקראפאן", „כאפטעם און קלאפטעם", „דווקא היינט", „אט אזוי", „מיר וועקן".

די איצטיקע פארוואלטונג באשטייט פון פאלגנדע מיטגלידער: י. אראנאוויטש, י. סעפער, אדוו׳ ש. דרייער, רעד׳ ל. סטאצקי, ב. טורגעל, ד״ר בוך, מ. ראבינאוויטש, י. סטאלאוו, וו. באסטאמסקי, י. נאדלמאן פרוי נ. ליבא, רעד׳ ח. לעווין, ה. מאץ, מ. רובין, מ. זיידשנור, פרוי מ. רײנהארץ, ד״ר שומעליסקי, ע. טייטעלבוים און ר. דרייער.

פאר דער צייט זיינען אלס פארזיצערס געווען געוויילט ד״ר י. וויגאדסקי (ערן-פארזיצער), ד״ר זשיטלאווסקי, אדוו׳ טשערניכאוו, ד״ר י. ראפעס, משה שאליט, אדוו׳ ש. דרייער, רעד׳ הירש מאץ.

אין רעווידיר קאמיסיע: ה. אבראמאוויטש, וויטאלינא, ב. קיט, ד״ר ק. שאפירא, ד״ר י. גורוויטש.

פון ארכיוו

אין 1929 איז לויטן פארשלאג פון דאמאלסטיקן סעקרעטאר פון דער געזעלשאפט א. י. גראדזענסקי, אפגעשיקט געווארן פאלגנדער מעמאראנדום צו דער ווילנער קהילה:

געזעלשאפט פריינד

פון יידישן טעאטער

אין ווילנע.

מעמאראנדום

צום ראט און פארוואלטונג פון דער יידישער קהילה אין ווילנע.

חשובע הערן פרנסים!

דער טעאטער-וועזן ווערט אין דער גארער וועלט באטראכט אלס דער סימן פון דער מענטשלעכער קולטור און ביי די באזונדערע פעלקער אלס דער שטאפל פון דער קולטור-מדרגה, סיי אין זין פון זייער נאציאנאל אייגנטום, סיי אין זין פון זייער קונסט-פעאיקייט, סיי אין זין פון זייער גייסטיקער אנטוויקלונג. דאס האבן גוט פארשטאנען די באזונדערע מלוכות און זיי האבן תמיד געפלעגט אט די דאזיקע קולטור-פאזיציע פון זייערע פעלקער מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט.

לײדער פעלן אט די לעצטע באדינגונגען אונדזער יידיש טעאטער-וועזן אין פוילן, וועלכער איז אנגעוויזן אויף זיך אליין. ער באקומט ניט קיין שטיצע ניט פון דער מלוכה און ניט פון די זעלבסט-פארוואלטונגען, און במילא שאדט אזא לאגע אונדזער פאלקס-קולטור.

די „געזעלשאפט פריינט פון יידישן טעאטער", וועלכע האט זיך געשטעלט אלס ציל צו לינדערן דעם שווערן דערנער וועג פון יידישן טעאטער-וועזן אין פוילן, ווענדעט זיך דעריבער צו דער רעכטלעכער רעפרעזענטאנץ פון דער ווילנער יידישער באפעלקערונג - צו די קהילה-ארגאנען, זיי זאלן מיטהעלפן דער געזעלשאפט אין איר דאזיקער נאציאנאל-קולטורעלער אויפגאבע מיט ארייננעמען אין בודזשעט פון קהילה א באזונדערע הוצאה פאזיציע פון 12 טויזנט גילדן א יאר (1000 גילדן א חודש) פארן יידישן טעאטער-וועזן. דערביי מאכן מיר אויפמערקזאם, אז ביי די קהילות אין אנדערע שטעט, למשל, ווארשע פיגורירן שוין לאנג אזעלכע סובסידיעס אין זייערע בודזשעטן.

מיר מוזן אויפמערקזאם מאכן, אז באזונדערס ביי אונדז אין ווילנע — די שטאט פון ירושלים דליטא — געפינט זיך דאס יידיש טעאטער-וועזן אין באזונדערס שווערע מאטעריעלע באדינגונגען, וואס רופט זיך שעדלעך אפ אויפן היגן קולטורעלן לעבן. די היגע יידישע מאסן נייטיקן זיך אין א בעסערן יידישן קינסטלערישן טעאטער, מער ווי וואו אנדערש. אין דער זעלבער צייט האט אזא טעאטער דא ניט קיין ארט, מחמת אים פעלט דא אן אייגענער בנין, אים ווערט אפילו ניט געגעבן די מעגלעכקייט צו שפילן אין איינציקן צוגעפאסטן טעאטער „רעדוטא", אים ווערט גערעכנט פאר באלייכטונג, שטייער פון בילעטן אאז״וו וואס דעם פוילישן טעאטער ווערט דאס ניט גערעכנט.

די קהילה דארף דעריבער אויסער שטענדיקע סובסידיעס פארן יידישן טעאטער פון איר אייגענעם בודזשעט אויך העלפן דער „געזעלשאפט פריינט פון יידישן טעאטער" אין איר קאמף, אז סיי די רעגירונג, סיי די זעלבסטפארוואלטונגען זאלן סובסידירן דעם יידישן טעאטער-וועזן אין לאנד ווי דאס איז דער פאל אין אנדערע לענדער, למשל אין לעטלאנד.

האפנדיק, אז אונדזער איצטיקע ווענדונג צו די ווילנער קהילה-ארגאנען וועט ניט בלייבן קיין קול קורא במדבר, צייכענען מיר

מיט אכטונג

פארן פרעזעס: ד״ר מ. זשיטלאווסקי

וויצע-פרעזעס: ב. קלעצקין

סעקרעטאר: א. י. גראדזענסקי

מיטגלידער פון דער פארוואלטונג און פרעזידיום:

ישראל שאפיר, חנה בלאנקנשטיין, יוסף אראנאוויטש, הירש אבראמאוויטש, זלמן רייזען און ד״ר קראסנאסעלסקי.

ווילנע, 1/IV 1929 יאר.

לײדער אבער האט א — די ווענדונג פון דער טעאטער געז׳ צו דער קהילה דעם דערווארטן פאזיטיוון רעזולטאט דאן ניט געבראכט.

ב. באריסאוו

מיינע דראמאטישע קרייזלעך

(זכרונות פון א ווילנער טעאטער-אמאטאר)

נאך גאר יונג בין איך אריינגעצויגן געווארן אין דער יוגנטלעכער ארבעטער באוועגונג און האב זיך שוין פון אנהויב אן אפגעגעבן דערהויפט מיט שאפן געלט פאר דער באוועגונג, דורך ארגאניזירן אומלעגאלע פארשטעלונגען.

דאס ערשטע מאל געדענק איך, האב איך גענומען א דערציילונג „די מלחמה פארן לעבן" (דאס איז געווען אין 1898) און האב צוזאמען מיט נאך חברים געמאכט פון איר א פארשטעלונג צווישן מיינע מיטשפילער זיינען דאן געווען איינע עטל א זעמשערקע (געווען די לעצטע יארן א מיטגליד פון בונדישן קאמיטעט), רפאל ציק א שילדן-מאלער א״אנד.

ווען מיר זיינען שוין געווען גרייט צו שפילן בין איך אוועק אויף שניפישאק, געדונגען א דירה און דארט איינגעארדנט אונדזער טעאטער. איך האב אויך פארשפרייט די בילעטן און ווען עס איז געקומען דער טאג פון דער פארשטעלונג האב איך אליין איבערגעטראגן די דעקאראציעס און אויך פארזארגט, אז ס'זאלן זיין פאסיקע מענטשן אויף שמירה, וועלכע זאלן אנווייזן דעם עולם, וואו ס'איז דאס טעאטער.

ביי יעדערן פון אונז האט געקלאפט דאס הארץ טאמער וועט די צארישע פאליציי אונז אנטדעקן און אונז ארעסטירן אין מיטן דער שפיל. איך אליין האב געהאלטן גרייט דעם רעוואלווער אין קעשענע, כדי צו פארטיידיקן זיך. צום גליק האבן מיר אפגעשפילט בשלום. שפעטער זיינען צו מיר געקומען 2 פארשטייער פון בונדישן-קאמיטעט פייוועצ׳ק דער שטעפער, דער צווייטער א שוסטער (זיין נאמען געדענק איך שוין ניט), און צוגענומען ביי מיר דאס געלט, וואס פלעגט געווינלעך גיין אויף ארגאניזירן שטרייקן.

אזוי האב איך א לאנגע צייט כסדר ארגאניזירט אונלעגאלע פארשטעלונגען ביז 1905, ווען עס איז אויסגעבראכן די רוסישע רעוואלוציע און מען האט שוין געקענט באקומען א דערלויבעניש אויף אויף א עפנטלעכע יידישע פארשטעלונג. איך האב גלייך גענומען טראכטן וועגן אזא פארשטעלונג. גראד האט פאסירט אן אומגליק מיט מיינעם א חבר אן ארבעטער ביי סירקינען. די מאשין האט אים אפגעריסן א האנט. מיר איז איינגעפאלן, אז דורך א פארשטעלונג וועל איך קענען שאפן א ביסל געלט אויף צו העלפן אים.

איך בין אוועק צום דאן באשטימטן יידישן פארשטייער אין שטאט-ראט ליפעץ און איך האב אים דערציילט וועגן דער לאגע פון אומגליקלעכן ארבעטער, פאר וועמען איך וויל איינארדענען א פארשטעלונג. ער האט מיר געפרעגט: ווער זיינען די שפילער? איך האב אים געענטפערט, אז ליבהאבער. ער האט מיר אויך געפרעגט, ווער עס וועט זיין די פאראנטווארטלעכע פערזאן? איך האב געזאגט, אז פיראזשניקאוו (דאן אן אינהאבער פון א דרוקעריי). ער האט מיר געבעטן אריינקומען אין א פאר טעג ארום נאך א תשובה.

ווען איך בין געקומען נאכן ענטפער האט מיך ליפעץ העפלעך אויפגענומען און האט מיר געזאגט, אז איך וועל די דערלויבעניש באקומען. איך האב גענומען קלערן וואס צו שפילן און האב זיך אפגעשטעלט אויף א דערציילונג אין אן אמעריקאנער זשורנאל, פון יאקוב טער, וואס האט געהייסן „דער אמעריקאנער ארבעטער". איך האב דאס איבערגעארבעט אין א מעלאדראמע און מען איז צוגעטראטן צו רעפעטירן. צווישן די דעמאלסטיקע „ליבהאבער" האט זיך אויך געפונען דער איצט שוין באקאנטער אקטיאר-קאמיקער לייב שריפטזעצער. אז מיר זיינען געווען שוין פארטיק האב איך זיך געווענדעט צום דאמאלסטיקן דרוקער-פאראיין, ער זאל איבערנעמען דורכצופירן די אימפרעזע. ער האט דאס געטאן. מען האט געדונגען דעם שטאט-זאל, געדרוקט בילעטן און אפישן אויף וועלכע עס איז געווען געשריבן: „ערשטע זשארגאניש-יידישע-פארשטעלונג" און מיר האבן אויך דערלאנגט א ביטע צום גענעראל-גובערנאטאר וועגן א דערלויבעניש (ווייל וועגן יידיש האט מען געדארפט דערלאנגען אזש צו אים אליין). אבער מורא האבנדיק, אז מען וועט ניט דערלויבן די מעלאדראמע צוליבן נאמען „ארבעטער" האבן מיר די שפיל אנגערופן „די יידישע עמיגראנטן". איך האב אליין רעזשיסירט און אויך איינגעלאדן דעם דיריגענט סליעפ מיטן כאר פון כאר-שול. ער איז מיט פארגעניגן געקומען אונז העלפן אן געלט.

אייניקע טעג פאַר דער פאָרשטעלונג, אין וועלכער איך האָב געשפּילט אגב אויך די הויפּט-ראָל, האָב איך זיך פּלוצלונג דערשראָקן פאַר אַ דורכפאַל און האָב זיך געווענדעט צום פאָרשטייער פון פאַראיין חבר מיצקון און געבעטן ער זאָל איינלאַדן אַ שוי-שפּילער אַ פּראָפעסיאָנאַל און יענער זאָל זען צי מיר קאָנען שפּילן. ער האָט אויף מיר אויסגעשטעלט אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן:

— וואָס זייט איר משוגע! פּיראָזשניקאָוו האָט דאָך באַזוכט אַלע פּראָבן און ער זאָגט, אַז מען קאָן שפּילן.

איך האָב געענטפערט, אַז פּיראָזשניקאָוו איז אַ מבין אויף דער קאָנצערטינע אָבער ניט אויף טעאַטער, און ניט אַנדערש געפאָדערט מען זאָל ברענגען אַן אַקטיאָר, אַ פּראָפעסיאָנאַל.

היות קיין יידישער טעאַטער איז דאַן אין ווילנע ניט געווען איז מיצקון אַוועק אין באָטאַנישן-זומער-טעאַטער (איצט זשעליגאָווסקי-פּאַרק), וואו ס׳האָט געשפּילט אַ רוסישע טרופּע מיטן דירעקטאָר טשערנאָוו און איינגעלאַדן דעם אַקטיאָר בערטאָ-נאָוו (שפּעטערדיקער שוישפּילער אין „הבימה״). ער איז געקומען אויף דער לעצטער פּראָבע. ער האָט גענומען פאַרן באַזוך 10 רובל. מיר האָבן פּרובירט און ער האָט זיך צוגעקוקט. ווען מיר האָבן געענדיקט האָט ער געזאָגט, אַז עס בעט זיך וואָס פאַרריכטן נאָר עס איז צו שפּעט (מען האָט שוין יענעם אָוונט געמוזט שפּילן) אָבער ער האָט צוגעגעבן, אַז היות אַלע זיינען פּעאיקע אַרטיסטן קען מען שפּילן.

מיר האָבן אָפּגעשפּילט די פאָרשטעלונג. דער דערפאָלג איז געווען גאָר אַ גרויסער אי מאַטעריעל, אי מאָראַליש.

שפּעטער האָבן מיר מיט בערטאָנאָוון געשטעלט נאָך אַ פּאָר ספּעקטאַקלען. ווען ער איז אַוועקגעפאָרן פון ווילנע האָב איך זיך געווענדעט צו מאָלסקין ער זאָל איבערנעמען די אָנפירונג. ער האָט מיט אונז געשפּילט הירשביינס און שלום-עליכםס זאַכן. מיר האָבן אויך געהאַט דעם כבוד צו שפּילן אויף שלום-עליכם׳ס 25 יאָריקן יובל, וועלכער איז געפייערט געוואָרן אין ווילנע און אויף וועלכן שלום-עליכם אליין איז בייגעווען. איינגעאָרדנט האָט דעם יובל אַדוואָקאַט אוציעכאָווסקי (שלום-עליכם׳ס אַ קרוב). די דערלויבעניש איז גענומען געוואָרן אויפן נאָמען פון „משמרת-חולים״. עס איז דאַן געשטעלט געוואָרן „צווייט און צושפּרייט״, „מזל-טוב״ און „נאָר אַ דאָקטאָר״. רעזשיסירט און געשפּילט האָט מאָלסקי. דער דערפאָלג איז געווען גאָר אַ קאָלאָסאַלער.

ווען בערטאָנאָוו איז ווידער געקומען קיין ווילנע האָבן מיר מיט אים ווייטער געשפּילט נאָך אַ פּאָר פאָרשטעלונגען. עס האָט שוין דאַן אָנטייל גענומען נח נאַכבוש (פון דער שפּעטערדיקער ווילנער טרופּע).

אַזוי ווי אונדזער דראַמאַטישער קרייזל איז געווען ניט קיין לעגאַליזירטער איז געבליבן, מען זאָל דעם קרייז לעגאַליזירן. איך האָב זיך געווענדעט צום ביאַל סטאָקער דראַמאַטישן-קרייז מען זאָל אונז צושיקן זייער סטאַטוט. זיי האָבן צוגעשיקט. דער קרייז האָט זיך אָנגערופן „מוזיקאַליש-דראַמאַטישער-יידיש-רוסישער-קרייז״. היות לעגאַליזירן האָט געדאַרפט קאָסטן געלט, און דאָס האָט אונז געפעלט, האָבן מיר פאַרזעצט אונזערע מאַנטלען (עס איז געווען זומער) און אַזוי אַרום לעגאַליזירט דעם קרייז. ווען מיר האָבן באַקומען די לעגאַליזאַציע האָבן מיר אָפּגעדונגען מאַכלעסעס חתנה-זאַל, דאָרט געמאַכט די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, אויסגעקליבן אַ פאַרוואַלטונג אין וועלכער עס זיינען אַריין פּיראָזשניקאָוו, מאַזאָ (דירעקטאָר פון דער שפּעטערדיקער ווילנער טרופּע) און נאָך אַנד. עס האָט זיך אויך געשאַפן אַ ליטעראַרישער קרייז. אין וועלכן עס האָבן אָנטייל גענומען נאָמבערג און דוד איינהאָרן מאָלסקי האָט אָנגעפירט מיטן דראַמקרייז, פּיראָזשניקאָוו מיטן כאָר.

שפּעטער איז פּיראָזשניקאָוו אַרויס פון קרייז צוליב חלוקי-דעות מיט די פאַרוואַלטונגס-מיטגלידער. מען האָט איינגעלאַדן דאַן דעם דיריגענט דורמאַשקין.

די פינצטערע רעאַקציע האָט אָבער גיך צוריק גענומען אויפהויבן דעם קאָפּ. מען האָט גענומען פאַרפאָלגן יעדן איינעם ווער עס איז נאָר אַרויף אין קרייז. נאָמבערג און איינהאָרן זיינען איינגיכן אַוועקגעפאָרן. מען האָט אויפגעהערט צו באַזוכן דעם קרייז און עס האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעשטעלט זיין טעטיקייט.

האָב איך זיך ווידער געווענדעט צו פּיראָזשניקאָוון, אַז ער זאָל צוריק אָנהויבן אַרבעטן מיט אונז. ער האָט מסכים געווען, נאָר פאַרלאַנגט מען זאָל נעמען אַ רעזשיסער. מען האָט גערעדט וועגן בערטאָנאָוון מען האָט אָבער פאָרגעלייגט בן-עמין (ער איז פריער געווען אין ווילנע אין הירשביינס טעאַטער) מען האָט צו אים געשריבן און ער איז איינגעגאַנגען קומען צו אונז. זיינע באַדינגונגען זיינען געווען שווערע. ער האָט געבעטן 100 רובל פאַר אַ פאָרשטעלונג און ביז דער ערשטער פאָרשטעלונג זאָל ער זיין פאַרזיכערט מיט דירה און אויסהאַלטונג. מיר האָבן אָנגענומען זיינע באַדינגונגען און געשריבן אים ער זאָל קומען. ער איז געווען ביי מיר ביז דער ערשטער פאָרשטעלונג. אין קרייז האָבן זיך שוין

דאַן געפונען מאַלסקי, אַזראַ, שניידער. פון די פרויען: עלמית, סאָניע גורסקאַ, לאַפּינאַ (די איצטיקע וויטאַלינאַ), אויך בלומענטאַל (זיי זיינען אַלע שפּעטער אַוועק צו דער „ווילנער טרופּע״). בן-עמי האָט מיט אונז דורכגעפירט אַ ריי פאָרשטעלונגען. יעדע פאָרשטעלונג האָבן מיר געשפּילט ביי פול געפּאַקטע זאַלן אין „פילהאַרמאָניע״ (איצט קינאָ „מוזאַ״) דאָס טעאַטער האָט זיך נאָך געהאַלטן אין בויען און מיר זיינען דאָרט געווען די ערשטע שפּילער. מיר האָבן געהאַט גרויסע שוועריקייטן מיט יעדער פאָרשטעלונג, מחמת מיר האָבן בן-עמין געמוזט צאָלן די צוגעזאָגטע 100 רובל און דאָס ניט ווייניקער ווי 2 מאָל אַ חודש.

מיר האָבן זיך דעריבער געמוזט ווענדן צו געזעלשאַפטן, זיי זאָלן אָפּקויפן ביי אונז פאָרשטעלונגען. מיר האָבן געשפּילט פאַר דער ביליקער קיך (פּרזיצער פון פאַרוואַלטונג איז געווען ניישול, וועלכער האָט אונדז אַסך געהאָלפן). מיר האָבן אויך געשפּילט פאַר אַנדערע געזעלשאַפטן אין אַריינגעצויגן דעם בעסטן יידישן עולם. איך דערמאָן זיך, אַז איין מאָל נאָך אַ פאָרשטעלונג זיינען מיר אַרויס אין פאָיע צו גיין אַהיים און דערזען דאָרט געגרייטע טישן. ווען מיר האָבן געפרעגט וואָס דאָס איז, האָבן מיר באַקומען אַ ענטפער, אַז דאָס איז פאַר אונז אַ באַנקעט. ביי די טישן איז מיט אונז געזעסן די גאַנצע ווילנער יידישע דיפלאָמירטע אינטעליגענץ. מיר האָבן געשפּירט, אַז מיר זיינען ניט אַליין. דאָס האָט אונז צוגעגעבן נאָך מער מוט.

אָבער אויף אונז איז געקומען אַ צרה: אין ווילנע האָט דאַן געשפּילט אַ רוסישער טעאַטער. דער דירעקטאָר איז געווען ביעליאַיעוו. זיין טעאַטער פלעגט ווערן באַזוכט דורך יידן. ער האָט דערזען אין אונז אַ שטאַרקע קאָנקורענץ, מחמת, ווען מיר האָבן געשפּילט איז ביי אים אין טעאַטער געווען ליידיק. איז ער אַוועק צום גובערנאַטאָר און פאַרמסרט בן-עמין אַלס אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס געהערט צום „בונד״ א. א. וו. און מען האָט אונז פלוצלונג פאַרבאָטן צו שפּילן. אַלס ענטפער האָבן מיר דערקלערט אַ באָיקאָט ביעליאַיעווס טעאַטער. מיר האָבן געקלעפּט צעטלען אויפן שול-הויף, אַז מען זאָל ניט גיין אין רוסישן טעאַטער. מיר האָבן געשטעלט לעבן רוסישן טעאַטער שומרים, וועלכע פלעגן בעטן די יידן ניט צו גיין, אין ביעליאַיעווס טעאַטער. ביעליאַיעוו פלעגט טאַקע שפּילן כמעט פאַר אַ ליידיקן זאַל. אַזוי האָט זיך דאָס געצויגן עטלעכע וואָכן ביז ביעליאַיעוו האָט געשיקט רופן צו זיך בן-עמין און אים פאָרגעלייגט געלט ער זאָל פאַרלאָזן ווילנע, אַניט וועט ער אים לאָזן אַרעסטירן. בן-עמי האָט זיך אָבער ניט דערשראָקן און געענטפערט, אַז ער איז קיין פאַרברעכן ניט בעגאַנגען און ער ווייס ניט פאַר וואָס קומט אים צו אַרעסטירן און ער האָט מיט שטאָלץ פאַרלאָזן ביעליאַיעווס קאַבינעט.

אין אַ וואָך אַרום האָט דער גובערנאַטאָר געשיקט רופן בן-עמין און אים געמאָלדן, אַז ער וועט אים לאָזן שפּילן נאָר מיטן תנאי, אַז ער זאָל ניט שפּילן פאַר קיינע אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציעס און מען זאָל אויך אַראָפּנעמען דעם באָיקאָט פון ביעליאַיעוון. אַזוי האָט זיך געענדיקט אונזער קעגנאַקציע מיט אונזער זיג. מיר האָבן אָנגעהויבן ווייטער שפּילן ביז בן-עמי איז אַוועקגעפאָרן. מיט בן-עמין האָט מיט אונז אויך געשפּילט זיין פרוי און נעמי.

נאָך בן-עמיס פאַרלאָזן ווילנע האָבן מיר זיך געווענדעט צום אַרטיסט טייטלבוים. מיר האָבן מיט אים געשפּילט אייניקע פאָרשטעלונגען דערנאָך האָבן מיר געשפּילט מיט סאָקאָלאָוון.

ווען עס איז אויסגעבראָכן די וועלט-מלחמה האָט מען ווידער פאַרבאָטן צו שפּילן יידיש-טעאַטער. אָבער דאָך האָב איך, אַזרא, עלמית (דאַן איז אויך געקומען קיין ווילנע בערטאָנאָוו מיט זיין פרוי) געפּרובט איינאָרדענען אייניקע פאָרשטעלונגען מיט דער הילף פון אַ פאָר געזעלשאַפטן, ווי די שניידער (זיי האָבן געהאַט אַ ליי-קאַסע), וועלכע האָבן געקראָגן פאַר אונז דערלויבענישן. מיר האָבן געשפּילט „די טעג פון אונזער לעבן״ אַנדרייעווס, „צוריק אַהיים״ ראָזענבוימס און זיך געגרייט מיט ווייטערדיקע פאָרשטעלונגען. אָבער אין גיכן האָט מען מיר מאָביליזירט און איך בין אַוועק אין קריג.

שפּעטער זיינען צו מיר דערגאַנגען ידיעות וועגן דער געגרינדעטער „ווילנער טרופּע״, און אין דער אַנסאַמבל-רשימה, האָב איך באַגעגנט די נעמען פון די אַלע, וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט מיט מיר אין מיינע דראַמאַטישע קרייזן און איך האָב געהאַט פון דעם אַ היפּשע סאַטיספאַקציע.

אינזש. א. קאוונאקי

יידישער מסחר אין ווילנע

ווילנע פון היינט איז ניט די ווילנע פון אמאל, פון די ווירטשאפט־לעך גוטע פאר מלחמהדיקע יארן. פארוקט אין א טעמפן ווינקל, צווישן דריי גרענעצן, פון וועלכע צוויי זיינען כמעט טויטע און די דריטע בינד מיט אמיניאטור מלוכה, האט ווילנע פארלארן איר אמא־ליקע האנדלס־באדייטונג.

פון א צענטער וואס האט געבונדן צענטראל און מערב אייראפע מיט דער גרויסער רוסישער אימפעריע איז ווילנע מיט אייניקע אויסנאמען ווירטשאפטלעך דעגראדירט געווארן צו א שטאט פון א ענג־לאקאלע באדייטונג. די גרויסע ווילנער האנדלס־אונטערנעמונגען האבן אין די פארמילחמה יארן געליפערט קיין רוסלאנד ניט נאר היגע אויסארבע־טונגען ווי לעדער, שיך, הענטשקעס, זאקן, נאר האבן אויך פארמיטלט אין האנדלס־אויסטויש צווישן די מערב און צענטראל אייראפעאישע מלוכות פון איין זייט און דער גרויסער רוסלאנד פון דער אנדער זייט. דער יידישער אנטייל אין דעם האנדל האט דאמינירט. די וועלט מלחמה האט ראדיקאל געענ־דערט די געאגראפיש־פאליטישע לאגע פון ווילנע. ווי ביי יעדער איבערבראך האט אויך אין דעם פאל אממערסטן געליטן די יידישע באפעלקערונג. פון די אמאליקע ווילנער גרויסע יידישע האנדלס־אונטער־נעמונגען איז איצט כמעט קיינע ניט געבליבן. די יידישע באפעלקערונג איז איבערגעלאזט געווארן אויף איר אייגענעם כח און מיט אייגענע מיטלען האט זי געדארפט זיך איבערבויען און מען מוז אנערקענען, אז ביי די עקס־סטירנדיקע זייער שווערע באדינגונגען זיינען אויפגעטאן געווארן פשוט הערואישע זאכן.

ביי היינטיקן טאג זיינען פאראן אין ווילנע די גרעסטע פלאקס־פירמעס פון פוילן. אלע זיינען זיי יידישע. זיי עקספארטירן קיין טשעכ־יע (הויפט־זעכלעך אין די סודעטן, וועלכע זיינען לעצטנס אריבער צו דייטשלאנד); פראנקרייך, ענגלאנד, בעלגיע, דייטשלאנד, פאראייניקטע שטאטן פון צפון אמעריקע, עסטרייך, פינלאנד, שוועדן, אונגארן, איטאליע. גרויסע אויפטוען האבן די ווילנער יידישע פלאקס־סוחרים געמאכט לעצטנס אויפן געביט פון פארבעסערן דעם ארויסגעשיקטן פראדוקט. די פירמעס באארבעטן אליין דעם ביים פויער אויפגעקויפטן פלאקס און ארגאניזירן דעם עקספארט, דערזאבערנדיק נייע גרויסע אפזאץ־מערק (פאראייניקטע שטאטן, דירעקטער עקספארט קיין אירלאנד און שאטלאנד)

א גרויסן אנטייל האט די ווילנער פוטער בראנזשע, וועלכע איז ביז ניט לאנג געלעגן אויס־שליסלעך אין יידישע הענט, אין דעם גראנדיעזן פאר ווילנע אויפטו פון שאפן אין איר די „געזעלשאפט פאר אינטערנאציאנאלע ירידים און אאוקציעס פון פוטער". די געזעלשאפט האט גרויסע, און ווי די פראקטיק ווייזט ארויס, אויך בארעכטיקטע אמביציעס צו קאנקורירן מיט די לייפציגער ירידים.

גרויס איז דער אנטייל פון ווילנער יידישע פירמעס אין האלץ עקספארט פון פוילן.

אין ווילנע האט זיך אויך אנטוויקלט דער שוואמען עקספארט. דא זיינען פאראן יידישע פירמעס, וועלכע געהערן צו די גרעסטע פון דער בראנזשע אין פוילן. זיי עקספארטירן קיין פראנקרייך, דייטשלאנד, פאראייניקטע שטאטן, שווייץ.

יידישע פירמעס פון דער ווילנער פראווינץ, וועלכע איז ווירטשאפטלעך ענג פארבונדן מיט ווילנע, זיינען פיאנערן פון האנדל און עקספארט פון היילגעוויקסן אין פוילן. די עלטסטע און גרעסטע איצט פירמע פון הייל־געוויקסן אין פוילן איז נעגרינדעט געווארן דורך יידן אין סוועציאן אין 1880 י. היינט איז שוין אין ווילנער פראווינץ פאראן א גאנצע ריי פירמעס פון הייל־גראזן. די בראנזשע קאנצענטרירט זיך הויפטזעכלעך אין יידישע הענט. די יידישע פירמעס פון הייל־געוויקסן אחוץ דעם, וואס זיי באדינען דעם גאנצן פוילישן מארק, עקספארטירן אויך קיין בעלגיע, דייטשלאנד, ענגלאנד, פראנקרייך, פאראייניקטע שטאטן, טשעכיע, דענעמארק, יוגאס־לאוויע, שווייץ, איטאליע. פונקט ווי ביים שוואמען־עקספארט, אזוי אויך ביים עקספארט פון הייל־גראזן, זיינען ווילנער פירמעס די פיאנערן אויף דער גרויסער צאל דערזאבערטע אויסלענדישע אפזאץ־מערק.

יידן פון ווילנע אדער ווילנער פראווינץ זיינען אויך פיאנערן פון ראקעס־עקספארט. אין ווילנע און אומגעגנט עקס־סטירן די גרעסטע ראקעס־פירמעס אין פוילן, וועלכע געהערן צו יידן. זיי עקספארטירן קיין פראנקרייך, דייטשלאנד און בעלגיע.

וואס שייך ווילנער עקספארט-פירמעס פון אנדערע בראנזשעס דארף דא דערמאנט ווערן דער עקספארט פון פעל און חזיר-האר. קיין גרויסע אויפטועו האט אבער ווילנע אין די בראנזשעס ניט דערגרייכט.

קיין ספעציעלע אימפארט פירמעס זיינען אין ווילנע כמעט ניטא. אן אויסנאם איז די פרוכט-בראנזשע. ווילנער יידישע סוחרים האנדלען, פארשטייט זיך, מיט אימפארטירטע סחורה. דער אימפארט אבער שטעלט מיט זיך געוויינלעך פאר א נעבן-צווייג. דערביי האט זעלטן ווער פון די ווילנער האנדלס-פירמעס א דירעקטן קאנטאקט מיטן אויסלענדישן ליפעראנט.



זאב קרינסקי—פארזיצער פון סוחרים-פארבאנד

מען דארף דא אויך דערמאנען, אז א ריי ווילנער יידישע אינדוסטרי-אונטערנעמונגען פירן א זעלבסטשטענדיקן עקספארט. ווילנער יידישע פאבריקן זיינען פיאנערן אויפן געביט פון עקספארטירן שוואומען-קאנסערוון (פראנקרייך, דייטשלאנד, פאר-איייניקטע-שטאטן, שווייץ, שוועדן, ענגלאנד, איטאליע, בעלגיע, קאנאדע, ארגענטינע, נארוועגיע, ארץ-ישראל) קאנסערווירטע אוגערקעס (פאראייניקטע-שטאטן), ראדיא-אפאראטן (טערקיי, פינלאנד, באל-קאנישע מלוכות, ווי אויך קיין האלאנד אין דעם זיץ-ארט פון דער וועלט-פירמע פון ראדיא-אפאראטן „פיליפס"), קעסטלעך צו ראדיא-אפאראטן (פראנקרייך), אחוץ דעם ווערן דורך ווילנער יידישע אינדוסטרי-אונטערנעמונגען עקספארטירט דיקט, פלאקס, מאקוכעס אאז"וו. אויפן געביט פון מלאכה איז באוואוסט דער זעלבסטשטענדיקער עקספארט - קאאפעראטיוו. דער קאאפעראטיוו האט א דירעקטן קאנטאקט מיט אריי מערב - אייראפעאישע אפנעמער (ענגלאנד, האלאנד, שוועדן, דענעמארק).

ווי עס איז צו זען פון די אויבן גע-בראכטע פאקטן האט דאס ווילנער יידישער סוחרימטום באוויזן אסך אויפצוטאן אין דער צייט פון פוילנס אומאפהענגיקייט. יידישע אונטערנעמע-רישקייט האט אקטיוויזירט די שטארק אומגינסטיקע עקאנאמישע באדינגונגען פון ווילנע און אומגעגנט פארן וואויל פון אלע אירע בירגער.

מ'דארף אבער אונטערשטרייכן, אז אפילע מער האט געקענט געשאפן ווערן. דער יידישער סוחר געפינט זיך אין ספעציעלע זייער שווערע באדינגונגען. יידישע איניציאטיוו ווערט קרעמפירט, יידישע ארבעט באשווערט. דאס לעצט יאר האט די שטעלונג לגבי דעם יידישן סוחר אנגענומען אפארם פון א זייער שארפן קאמף קעגן אים. די רעגלאמענ-טאציע פוןווירטשאפטלעכן לעבן, וועלכע נעמט ארום אלץ נייע געביטן ווערט אויסגענוצט אלס א ווירקזאמע געצייג קעגן יידישן סוחר.

א. זאלקינד—דירעקטאר פון סוחרים-פארבאנד

טונקעלער זעט אויס דאס בילד פון יי. ישן מסחר אין ווילנע, ווען מיר קוקן אויף אים, ווי אויף א גאנצעס און ניט אויף די באזונדערע פראגמענטן זיינע. די גרויסע מאסע ווילנער יידישע האנדלס-אונטערנעמונגען באשטייט פון קליינע געשעפטן, וועלכע, אין בעסטן פאל, האבן א לאקאלע באדייטונג, אבער אין גרעסטן טייל באדינען זיי דעם היגן ניט פארמעגלעכן קאנסומענט. מען קויפט סחורה אין ווארשע, לאדז און מען פארקויפט דעם ארטיקן פארברויכער אדער דעם פראווינצער קרעמער.

אין 1937 יאר זיינען אין ווילנע ס. ה. געווען 5.288 האנדלס-אונטערנעמונגען, פון וועלכע 3.133—59,2 פראצ' האבן געהערט צו יידן, 2,062 — 39,6 פראצ' האבן געהערט צו קריסטן און 93 — 1,8

פּראָצ׳ זיינען געווען נאַציאָנאַל געמישט אָדער די נאַציאָנאַליטעט פון זייערע באַלעבאַטים איז ניט פעסטגעשטעלט (אַקציען-געזעלשאַפטן א״אנד).

דער אַנטייל פון די יידן אין באַזונדערע גרופּעס האַנדלס-אונטערנעמונגען לויט דער קאַטעגאָריע פון אויסגעקויפטן פּאַטענט איז פאָלגענדער:

קאַטעגאָריע	יידישע	ניט יידישע	געמישטע און ניט פעסטגעשטעלטע נאַצ׳	צוזאַמען
	אַבסאָל׳ צאָל — %	אַבסאָל׳ צאָל — %	אַבסאָל׳ צאָל — %	אַבסאָל׳ צאָל — %
1	8 — 57,1	2 — 14,3	4 — 28,6	14 — 100
2	437 — 67,7	159 — 24,7	49 — 7,6	645 — 100
3	933 — 64,9	480 — 33,5	23 — 1,6	1436 — 100
4	1753 — 55,0	1417 — 44,5	17 — 0,5	3187 — 100
5	2 — 33,3	4 — 66,7	—	6 — 100
צוזאַמען	3133 — 59,2%	2062 — 39,0	93 — 1,8	5288 — 100

די באַזונדערע גרופּעס יידישע האַנדלס-אונטערנעמונגען צעטיילן זיך לויט דער פּאַטענט קאַטעגאָריע זיינע פאָלגענדע: 1 קאַטעג. 3,3 פּראָצ׳ 2 קאַטעג. — 13,9 פּראָצ׳ 3 קאַטעג. —29,9 פּראָצ׳ 4 קאַטעג. — 55,9 פּראָצ׳.

ווי מיר זעען פון די אָנגעגעבענע ציפער באַשטייט דער רוב מנין ובנין פון די יידישע אונטערנעמונגען אין ווילנע פון קליינע קראָמען, וועלכע קויפן אויס פּאַטענטן פון די נידעריקסטע קאַטעגאָריעס. עס איז כדאי אָבער צו באַמערקן, אַז דער אַנטייל פון יידן אין די גרופּעס העכערע האַנדלס-אונטערנעמונגען איז אַ גרעסערער.

יידן זיינען פאַרטראָטן אין אַלע בראַנזשעס פון ווילנער האַנדל. אַן אויסנאַם איז נאָר דער האַנדל מיטן געגענשטאַנד פון קריסטלעכן קולט, כאָטש אויך אין דער בראַנזשע זיינען ווילנער יידן געווען רעפּרעזענטירט. דער גרעסטער אַנטייל פון יידן לגבי ניט יידישע סוחרים איז אין פאָלגענדע בראַנזשעס: פוטער און לעדער (92 פּראָצ׳), מאַנופאַקטור (86 פּראָצ׳), האָלץ און געהילץ-אויסאַרבעטונגען (83,7 פּראָצ׳), קאָנפעקציע און גאַלאַנטעריי (75 פּראָצ׳). מ׳דאַרף באַמערקן, אַז די בראַנזשעס פון לעדער, פוטער, פּאַרטיקע בגדים און פענסטער-גלאָז זיינען ביז ניט לאַנג געווען רעפּרעזענטירט אויסשליסלעך דורך יידן. לעצטנס האָבן זיך אין די בראַנזשעס געשאַפן אַ גאַנצע ריי קריסטלעכע געשעפטן. מ׳דאַרף אָבער אויך צוגעבן, אַז די הורט געשעפטן פון דער מאַנופאַקטור-בראַנזשע אין ווילנע ווייזן אַרויס אַ גרויסן וואוקס.

אַמווייניקסטן זיינען יידן רעפּרעזענטירט אין די בראַנזשעס — אַפּטייקן (24,0 פּראָצ׳), פּאַפּיר און ביכער (43 פּראָצ׳), עסנוואַרג, גאַסטראָנאָמיע (53,0 פּראָצ׳), טעכנישע אַרטיקלען און בוי-אונטערנעמונגען (59,0 פּראָצ׳). כאַראַקטעריסטיש, אַז דער יידישער אַנטייל איז אַמקלענסטן אין די קאָנצעסיאָנירטע בראַנזשעס אָדער אין די האַנדלס-אָפּצווייגן, אין וועלכע די מלוכה און עפנטלעכע אינסטיטוציעס זיינען די הויפּט-אָפּנעמער.

לעצטנס האָט דער יידישער האַנדל אויסצושטיין אַ שווערן קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ. ס׳האָט זיך קעגן אים אָנגעהויבן אַ וויסטע קאַמפּאַניע. יעדער מיטל, וואָס דאַרף אונטערגראָבן זיין קיום איז כשר. אַפילו דער אַקטיווער און חוצפּהדיקער באָיקאָט אין פאָרם פון באַוואַכן יידישע געשעפטן, כדי ניט אַריינצולאָזן קיין קונים ווערט טאָלערירט. אָבער ווי ביז איצט ווייזט דער יידישער האַנדל אַרויס אויך ווייטער גרויס ווידערשטאַנד און לעבנס פעאיקייט. דאָס לעבן איז פאָרט פיל שטאַרקער איידער די אומזיניקע דיווערסיע-אַרבעט קעגן יידישן האַנדל. פּראָפּאָרציאָנעל האָט זיך טאַקע דער יידישער אַנטייל אין ווילנער האַנדל לעצטנס פאַרקלענערט, נאָר וואָס שייך דער אַבסאָלוטער צאָל יידישע געשעפטן אין ווילנע איז זי ניט נאָר געוואָרן קלענער, נאָר פאַרקערט, ווייזט אַרויס אַ ווייטערדיקן וואוקס.

די אַנטוויקלונג פֿון דער גומי־אינדוסטריע אויף די קרעסן

די לעצטע יאָרן האָט זיך זייער אַנטוויקלט אין אונדזער קאַנט אַ נייער אינדוסטריע־צווייג — די גומי־אינדוסטריע.

אין יאָר 1929 איז אין לידע אַנטשטאַנען אַ פֿאַבריק צום אויסאַרבעטן גומי־אַרטיקלען, געגרינדעט דורך דער אַקציען־געזעלשאַפֿט „אַרדאַל", וועלכע האָט באַוויזן, אין משך פֿון ניט קיין פֿולע 10 יאָר, צו ווערן אַן אינדוסטריעלע פּלאַצוווקע, ניט נאָר אויף די קרעסן, נאָר האָט אויך פֿאַרנומען, אין די לעצטע עטלעכע יאָרן אַ דאָמינירנדן אָרט אין דער גומי־אינדוסטריע אין פּוילן.

אויפֿן וועג צו פֿאַרגרעסערן איר איינפֿלוס־פֿאַרנעם האָט די פֿאַבריק „אַרדאַל" ניט קוקנדיק אויף דער געוואַלדיקער פֿונאַנדערבויאונג פֿון איר פֿאַבריק אין לידע (עטלעכע גרויסע מויערן פֿון אייזנבעטאָן, אייגענע 2 עלעקטראָוואָניעס, גיסעריי אאַז״וו) איבערגענומען אין יאָר 1936 די דעוואַסטירטע גרעסטע גומי־פֿאַבריק אין פּוילן „פּעפּעגע" אין גראָדזיאַנדז און אַזוי אַרום איז זי געוואָרן אַ קאָנצערן פֿון אַן אינטערנאַציאָנאַלער באַדייטונג. די פֿאַבריק „אַרדאַל" באַשעפֿטיקט העכער 1000 אַרבעטער אין לידע און אין גראָדזיאַנדז העכער 1700, עטלעכע הונדערט באַאַמטע אאַז״וו. 14 אָפּטיילונגען אין לאַנד, אַזוי אַז פֿון די פֿאַבריקן לעבן טויזנטער פֿאַמיליעס אין פּוילן.

די פֿאַבריק האָט פּראָדוקציע אָפּטיילונגען:

1) זומערדיקע און ווינטערדיקע גומי־שיך.
2) אָפּאַנעס.
3) טעכנישע אַרטיקלען, כירורגישע, לעדער־גומי, און
4) לעדער־שיך.

די אויסאַרבעטונגען פֿון „אַרדאַל"־זיינען באַקאַנט אין לאַנד און אין אויסלאַנד פֿון זייער אויסגעצייכנטער קוואַליטעט. אין עקספּאָרט פֿון גומי־שיך פֿאַרנעמט „אַרדאַל" אויך דעם 1טן אָרט פֿון די לאַנד־פֿאַבריקן

די געוואַלדיקע אַנטוויקלונג פֿון דער פֿאַבריק „אַרדאַל" האָט צו פֿאַרדאַנקען צום ערשטן אונדזער ווילנער בן־עיר ה׳ סאַלאַמאָן מעלופֿ, פּרעזעס פֿון פֿאַרוואַלטונג פֿון „אַרדאַל" און „פּעפּעגע", אַ זון פֿון באַקאַנטן אין ווילנע פֿון פֿאַר דער מלחמה, גרויסן בוי־אונטערנעמער יוסף מעלופֿ ז״ל.

ה׳ פּרעזעס מעלופֿ, איבערנעמענדיק אין זיינע הענט אין יאָר 1930 די פֿאַבריק „אַרדאַל" האָט אַ דאַנק זיינע פּערזענלעכע מעלות, אויסער־געוויינלעכער ענערגיע און פֿירנדיק מיט אַן אויסגעצייכנטער קענטניש די פֿאַבריקן, באַוויזן צו דערברענגען די פֿאַבריק „אַרדאַל" צו אַזאַ גרויסן פֿאַרנעם. דער ה׳ פּרעזעס מעלופֿ ווערט פֿאַררעכנט אַלס איינער פֿון די באַדייטנסטע אינדוסטריעלער אין לאַנד.

מיט צופֿרידנהייט קאָנסטאַטירן מיר דעם פֿאַקט, וואָס אַ דאַנק אונדזער בן־עיר ה׳ מעלופֿ, האָט די פּוילישע גומי־אינדוסטריע צו פֿאַרדאַנקען איר אַנטוויקלונג.

די אנטוויקלונג פון דיקט-פראדוקציע אין ווילנע

די דיקט-פאבריק אין ווילנע, וועלכע איז געגרינדעט געווארן אין אנהייב 1936 יאר, האט אין משך פון דער קורצער צייט, א דאנק דער געוואלדיקער ענערגיע און מי פון איר אינהאבער ה' ר א כ ל י ן, באוויזן צו באהערשן מען קען זאגן דרייסט, דעם גאנצן וועלט-מארק. קיין ראטערדאם, אמסטערדאם, גריכנלאנד, ציפערן, תל-אביב, מעקסיקע, ווערא-קרוז, לאנדאן, טאנזשיר א א. וו (אויסצורעכענען אלע פונקטן וואלט אסך ארט פארנומען), גייען טראנספארטן דיקט-אויסארבעטונגען פון דער ווילנער דיקט-פאבריק, און אז די אפנעמער זיינען צופרידן פון דער אויסארבעטונג, באווייזן די צאלרייכע פארטאפלטע ב_שטעלונגען, וואס ה' ר א כ ל י נ ס דיקט פאבריקן באקומען.

די דיקטן ווערן אויסגעארבעט פון אלכע און בעריאזע אין פאלגנדע מאסן: 120×220, 120×180, 120×160, 120×150, 150×150 און 150×180 פון 3 ביז 40 מ"מ די דיק.

די אינדוסטריע-אונטערנעמונגען פון ה' ר א כ ל י ן באשעפטיקן אין ווילנע ביז 280 ארבעטער, און אין אלע פאבריקן צוזאמען (פאלאווע, זגערזש, נאווי-דוואר) — ביז 1000 מאן; אויב מען זאל צו דער צאל ארבעטער צורעכענען די ביורא-אנגעשטעלטע און פארשיידענע אנדערע פערזאנען, וועלכע שטעלן צו רוי-שטאפן פאר די פאבריקן, וועט זיך באקומען א גרויסע צאל פאמיליעס, וועלכע האבן באשעפטיקונג א דאנק די אינדוסטריע-אונטערנעמונגען פון ה' ר א כ ל י ן.

צום סוף איז כדאי צו באמערקן, אז די ווילנער דיקט-פאבריק געפינט זיך אונטער דער שטענדיקער וואכזאמער אויג פון פעאיקן און ארבעטזאמען דירעקטאר ה' ש מ ו ק ל ע ר.

אינזש. א. קלעבאַנאָוו

די געשיכטע פון דער וועליטשאַנער יידישער לאַנדווירטשאַפט־שול

(געווידמעט דעם אָנדענק פון איר פּריציייטיק פאַרשטאָרבענעם פאַרוואַלטער זלמן ב״ר הלל קלעבאַנאָוו).

ווען די דייטשן האָבן אין 1915 פאַרנומען אונזער קאַנט האָבן זיי געפונען פיל גיטער, פאַרלאָזענע פון די בעלי־בתים. צווישן זיי איז אויך געווען דער גרויסער גוט וועליטשאַני, 13 וויאָרסט פון ווילנע, וואו ס׳איז געווען די קאָ־לאָניע פאַר מינדעריעריקע פאַרברעכער. דער גוט האָט זיך אינגאַנצן געפונען אין רשות פון דער פאַרבליבענער דינערשאַפט*.

דער ראַבינער פון דער X דייטשער אַרמיי, וואָס האָט דאַן פאַרנומען ווילנע, ד״ר סאַלי לעווי (פון ברעסלוי), האָט אויך פאַרמאָגט אַ געזעלשאַפט־לעכן חוש פאַר יידישע ענינים — און האָט געזוכט צו העלפן די יידישע געזעלשאַפט אויף אַ פּראָדוקטיוון אופן. זיין איניציאַטיווע איז דאָס געווען צו שאַפן אין דערמאָנטן גוט אַ נייעם אַנשטאַלט צו פאַרשפּרייטן מאָדערנע לאַנדווירטשאַפט צווישן יידן.

דער פּסיכאָלאָגישער מאָמענט פאַר דעם איז דאַן געווען אַ גינסטיקער. צוליב דער אַלגעמיינער אַרבעטס־לאָזיקייט און צושטערונג פון נאָרמאַלן מסחר, צוליב דעם וואָס די איינציקע באַשעפטיקונג, וואָס האָט דאַן מער אָדער ווייניקער געזיכערט דעם קיום, איז געוואָרן ערד־אַרבעט — האָט זיך אויך אָנגעהויבן אַ שטאַרקע נייגונג צווישן דער יידישער באַפעלקע־רונג, דער עיקר צווישן דער יוגנט, צו לאַנדווירטשאַפט — צו ערד.

דער איינציקער אַנשטאַלט, וואָס האָט געזאָרגט וועגן פּראָדוקטיווער באַשעפטיקונג פאַר דער יידישער יוגנט, איז געווען אין יענער צייט „הילף־דורך־אַרבעט״. ד״ר לעווי האָט זיך דעריבער באַראַטן מיט די פירער פון אַנשטאַלט אינזש. קלעבאַנאָוו און ווילענסקי וועגן אָרגאַניזירן אַ מוסטער־פערמע פאַר לער־צוועקן

אונטער דער השגחה פון „ה. ד. א.״ ד״ר לעווי האָט אייסגעפועלט ביי דער דייטשער מ־כט, אַז אַ טייל פון וועליטשאַנער גוט זאָל אָפּגעגעבן ווערן פאַר אַ דער שול־פּ־רכ־ע.

די פאַרוואַלטונג פון „ה. ד. א.״ האָט אויסגע־אַרבעט אַ גענויעם לער־פּלאַן און האָט אָנגעהויבן אַפּריל 1916 געמאָלדן אין דער דאַמאָלסט איינציקער יידישער צייטונג „לעצטע נייס״ אַן אויפנאַם פון יונגע לייט אין עלטער פון 15 ביז 19 יאָר. ס׳האָבן זיך פאַרשריבן איבער הונדערט און צוואַנציק יונגע לייט, דער עיקר געוועזענע שילער פון מיטל־שולן.

אַזוי איז געגרינדעט געוואָרן אין ווילנער קאַנט די ערשטע יידישע לאַנדווירטשאַפט־שול און קאָלאָניע, אָנגעפירט דורך אינזש. קלעבאַנאָוו.

די שילער האָבן זיך גיך צוגעבונדן צו דער קאָלאָניע, אַריינלייגנדיק פיל האַרעוואַניע. זייער געזונט־צושטאַנד איז געווען אַ גוטער. זיי זיינען געוואָרן פאַרהאַרטעוועט און באַקומען גוטע דערפאַ־רונג אין ערד אַרבעט און גערטנעריי. אַ טייל פּראָדוקטן, וואָס פלעגט איבערבלייבן פון געברויך, איז פאַרקויפט געוואָרן, אָדער געביטן געוואָרן אין דער דייטשער אינטענדאַנטור.

ווינטער 1918 זיינען שוין 5 שילער פון דער שול אַוועקגעשיקט געוואָרן אין לאַנדווירטשאַפטלעכע מוסטער פערמעס אין דייטשלאַנד, וואו זיי זיינען שוין דאָרט געבליבן.

די שילער האָבן אויסגעפירט אַלע פעלד־אַרבעט, אַקערנדיק מיט שווערע פלוגעס און געוואָרן געניט אין באַגיין זיך אויך מיט קאָמפּליצירטע לאַנדווירט־שאַפטלעכע מאַשינעס.

אַזוי האָט דאָס געדויערט 5 יאָר. די אַרומיקע פּויערים האָבן זיך אויך צוגעוואוינט מיט זייער שכנותדיקער יידישער קאָלאָניע.

נאָך דער דייטשער מפּלה האָט זיך די שטימונג ביי די אַרומיקע פּויערים געביטן צום ערגערן. געוויסע עלעמענטן האָבן אַגיטירט צווישן די פּויערים, אַז איצט קומט שוין די רעכטע צייט צו ירשענען און צעטיילן צווישן זיך די ערד פון וועליטשאַני און אַרויסצוטרייבן פון דאָרט די יידישע קאָלאָניסטן. די שילער האָבן די לעצטע צוויי־דריי־וואָכן נ־האָט כסדר וואַך־נעכט, די פּויערים זאָלן טאַקע ניט מקיים זיין, וואָס

* דער גוט האָט געהאַט 240 דעסיאַטין ערד (דערפון 40־50 דעסיאַטין לאָנקעס מיט וועלדלעך), אַ גרויסן 2־שטאָקיקן בנין פאַר די שילער, גרויסע שייערס, שטאַלן און וואוינונגען פאַר די אָנגעשטעלטע און אַרבעטער. דער בנין איז געווען אַרומגערינגלט מיט גערטנער, געווען אויך אַ סאָד מיט 400 פרוכט־ביימער, בערך אַ 2 דעסיאַטין.

מען האָט זיי איינגערעדט. די וואָך=לייט האָבן זיך ניט אויסגעטאָן וואָכנלאַנג און זיינען צוזאַמען מיט די זעלנער געווען באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס מיט האַנט=גראַנאַטן. מען האָט ווירקלעך באַמערקט פאַרדעכטיקטע פאַרשוינען, וועלכע האָבן זיך אַרומגעדרייט אַרום דער קאָלאָניע. אָבער די וואָך האָט יעדע נאַכט געשאָסן אין דער לופט, און די באַנדעס האָבן ניט געוואַגט אַריינצוקומען אין קאָלאָניע.

לאַנג האָט מען אָבער די קאָלאָניע ניט געקענט איינהיטן. סוף דעצעמבער 1918 האָבן די דייטשן פאַרלאָזן ווילעטשאַני. דעם זעלבן טאָג זיינען אין קאָלאָניע געקומען אַ 50 פויערים פון אַרום און געמאָלדן, אַז די קאָלאָניע איז זייערס. זיי האָבן גלייך צונויפגעקליבן די איבערגעבליבענע תּלמידים מיטן אויפזעער, און גענומען זיי אויף אַ פאַרהער: פאַרוואָס מען האָט פון קאָלאָניע אַרויסגעפירט תּבואה און בהמות אאַ״וו. די שטימונג צווישן די פויערים איז געווען אַן אויפגערייצטע און עס האָט געהאַלטן גאָר שלעכט. צום גליק האָט זיך די שילער מיטן אויפזעער ווי עס איז איינגעגעבן זיי צו באַרואיקן, אַז קיינער איז ניט קעגן זייערע אינטערעסן, אַז מען וועט זיך צוזאַמענלעבן אאַ״וו.

די געשעענישן זיינען געגאַנגען זייער גאַנג. ס'האָט זיך כּסדר געביטן די מאַכט. דאָ האָט געהערשט דער אַרבעטער=ראַט, דאָ די אָרטיקע פּוילישע מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס, אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל מאַקושעצקי.

די נויט אין קאָלאָניע איז געווען גרויס. מען האָט האַלב=געהונגערט. צו פּסח צייט איז די לאַגע אין היגזיכט פון דערנערונג געוואָרן נאָך שווערער צוליבן ניט קענען צופירן פּראָדוקטן פון שטאָט אָן ספּעציעלע דערלויבענישן.

דעם 19 אַפּריל 1919, ווען ווילנע איז פאַרנומען געוואָרן דורך די פּאָלאַקן האָבן פּאַרטיעס באַוואָפנטע פויערים צוגענומען פון דער קאָלאָניע כּמעט אַלע זאַפּאַסן פון עסנוואַרג און געפיטער. אויך אין ווילנע האָט מען אין „ה. ד. אַ.״ צוגענומען אַלע פּראָדוקטן פון דער קאָלאָניע, בערך עטלעכע הונדערט פּוד תּבואה. אויף אַזאַ אופן איז די קאָלאָניע געבליבן אָן פּראָדוקטן און אָן אַ מעגלעכקייט זיך צו קאָמוניקירן מיט דער שטאָט. די לאַגע איז געווען אַ פאַרצווייפלטע. דער שרייבער פון די שורות האָט זיך קוים דערשלאָגן צו דער העכערער מאַכט און באַקומען אַ פּאַפּיר, אַז עס איז פאַרבאָטן אין דער קאָלאָניע צו רעקווירירן, ווי אויך צוצונעמען וועלכע עס איז זאַכן, וואָס געהערן צו „הילף דורך אַרבעט״.

מיט גרויס סכּנות נפשות האָט זיך איינגעגעבן צו באַקומען און אַריבערצופירן אין קאָלאָניע אַ ביסל פּראָדוקטן, וואָס איז געבליבן נאָך דער „רעקוויזיציע״ מצד די פויערים. ניט קוקנדיק דאָך אויפן שוץ=שיין פלעגן אין קאָלאָניע קומען נאָכאַנאַנד פרישע פּאַרטיעס, וועלכע האָבן כּסדר עפּעס גענומען. אין 6 טעג אַרום נאָכן פאַרנעמען די קאָלאָניע דורך די פּאָלאַקן האָט זיך די באָלשעוויקעס איינגעגעבן אויף עטלעכע טעג אַריינכאַפּן זיך אין דער קאָלאָניע און צוצונעמען ביי די שילער די רעשטלעך פון זאַכן, שוכוואַרג א. אַ. וו.

ווען די פּאָלאַקן האָבן ווידער באַהערשט די לאַגע, האָבן זיך צוריק אומגעקערט די שילער, וועלכע זיינען געווען אַנטלאָפן אין שטאָט. דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן די שוועריקייטן מיט דער דערנערונגס=פּראַגע. אין גאַנץ שטאָט איז געווען אַ פולשטענדיקער הונגער. די בהמות מיט די פערד האָבן זיך דערנערט נאָר מיט גראָז, וואָס האָט אגב נאָר וואָס אָנגעהויבן צו שפּראָצן.

דאָך האָט די פאַרוואַלטונג „ה. ד. אָ.״ באַשלאָסן פאָרצוזעצן די טעטיקייט פון דער קאָלאָניע מיטן אויפנעמען נייע שילער און שילערינס. אָנגענומען זיינען געוואָרן ביז 110 נייע יוגנטלעכע. עס איז איינגעלאַדן געוואָרן אַ געהילף=אַגראָנאָם פאַר דער קאָלאָניע. כּדי אַלע אָנגענומענע זאָלן האָבן די מעגלעכקייט צו אַרבעטן, האָט די פאַרוואַלטונג פאַרגרעסערט דעם טויטן און לעבעדיקן אינווענטאַר פון דער קאָלאָניע מיט עטלעכע פערד, קי און פאַרשיידענע מכשירים. די ניי אָנגעקומענע מיידלעך מיט די ייגערע שילער האָבן געאַרבעט אויף די גערטנער און די עלטערע שילער פלעגן פירן די פעלד=אַרבעט. עס זיינען איינגעפירט געווען יעדן טאָג טעאָרעטישע לעקציעס פון לאַנדווירטשאַפט און גערטנעריי. און מען האָט זיך געריכט, אַז דאָס לעבן אין קאָלאָניע וועט צוריק אַוועקן נאָרמאַל.

די קאָלאָניע האָט אָבער געהאַט פיל אויסצושטיין צוליב פאַרשיידענע מסירות מצד די אָרטיקע פויערים. די אַרומיקע גמינעס פלעגן נאָכאַנאַנד דערלאַנגען מעמאָראַנדומס, אַז מען מוז פאַרניכטן די יידישע „פּלאַצובקע״ אויף לאַנד. צו הילף איז זיי געקומען די יידנפיינטלעכע פּרעסע, וועלכע האָט געטענהט כּסדר, אַז ס'איז „ניט נאַטירלעך״ אָפּצוגעבן יידן אַ רעגירונגס=גוט פון אַזאַ גרויסן ווערט (אגב האָט דער גוט „ווילעטשאַני״ פאַרן צאַרישן רעזשים געהערט ניט צו דער רעגירונג, נאָר צו אַ ספּעציעלער דערציאונגס=געזעלשאַפט). די פאַרוואַלטונג פון „ה. ד. אַ.״ פון איר זייט האָט אויך ניט געשוויגן און אָנגעווענדעט אַלע מיטלען, כּדי איינצוהאַלטן די פּאָזיציע און האָט טאַקע ענדלעך אַרויסבאַקומען אַ פּאַפּיר, אַז דער גוט ווילעטשאַני ווערט איבערגעגעבן ביז אַ ווייטערדיקער פאַראָרדענונג אין רשות פון „הילף=דורך=אַרבעט״. דאָס איז געווען אַ גרויסער נצחון, מחמת די שטימונג

פון דער אַרומיקער געזעלשאַפט איז געווען קעגן אונז. האָבנדיק אַזאַ פּאַפּיר האָט מען געקאָנט רעכענען, אַז די קאָלאָניע וועט שוין פאַרבלייבן אין יידישע הענט.

די פאַרוואַלטונג איז דאַן צוגעטראָטן מיט נאָך מער ענערגיע אַוועקצושטעלן די שול אויף דער געהעריקער הויך, דורך אַ ריי רעפאָרמען און אויסבעסערונגען, דורך איינלאַדן נייע לערער כּוחות א. אַ. וו. ס'האָט זיך אויך פאַראינטערעסירט מיט דער לאַנדווירטשאַפטלעכער שול די געזעלשאַפט „יִקאָפּאָ", וואָס האָט די שול פּעריאָדיש אונטערשטיצט.

אָבער לאַנג איז אונז ניט אויסגעקומען צו פרייען זיך. די פויליש-רוסישע מלחמה האָט שטאַרק צעטרייסלט דאָס לעבן פון דער קאָלאָניע. דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט צו ווילנע. אין אָנהויב יולי 1920 איז די לאַגע געוואָרן זייער ערנסט. די קאָלאָניע האָט דערפילט דעם פראָנט. אַלע ווײַלע פלעגן קומען פאַרשיידענע אָפּטיילונגען און רעקווירירן היי, האָבער און אַנדערע פּראָדוקטן, ניט קוקנדיק אויף אַלע שוץ-שיינען, וואָס מיר האָבן געהאַט*.

דעם 14 יולי 1920, זיינען אַריין אין קאָלאָניע די ערשטע טיילן פון די באָלשעוויקעס. די צאָל שילער האָט זיך ווידער פאַרקלענערט ביז 50. די פעלדער האָבן געוואַלטיקט געליטן פון די איבער-גאַנגס-צייטן. אַ טייל פעלדער זיינען געווען צעטראָטן און די לאַנקעס צודראַטעוועט פון די מיליטערישע מאַרשן. דאָך האָט מען נאָך יענעם האַרבסט צוזאַמענגעקליבן די גערעטעניש, וואָס איז פאַרהעלטניש-מעסיק געווען ניט קיין שלעכטע אָבער צוליב דער נייער מאַכט-בייטעניש (אין אָקטאָבער 1920) האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן אומנאָרמאַלע צייטן פאַר דער קאָלאָניע. אויך די אומענדלעכע רעקוויזיציעס האָבן אַוועקגענומען דעם באָדן אונטער אונזערע פיס.

די שטענדיקע ניט זיכערקייט האָט אינגאַנצן צעטומלט סיי די שילער, סיי די אַדמיניסטראַציע פון קאָלאָניע. אויף ווינטער איז די צאָל שילער פאַרקלענערט געוואָרן ביז 25—30. ס'האָבן אויך ניט געדרימלט די פיינד פון דער שול. ס'האָבן זיך ווייטער אָנגעהויבן באַווייזן העצע אַרטיקלען אין דער פּרעסע. דערצו האָט מען נאָך אויסגעטראַכט אַ בלבול, אַז די יידן האָבן אַראָפּגענומען בעתן רעמאָנטירן דעם דאַך אַ צלם פון דער הויפּט-געביידע.

---

* מיר ברענגען דאָ אַלס דאָקומענט דעם נוסח פון אונזערן אַזאַ שוץ-שיין:

DOWÓDZTWO FRONTU
Lit. — Białoruskiego

Kwartera Sztabu
14. XI. 1919 r.

Szkoła gospodarcza w Wiliczanach, 5 wiorst od Nowo-Wilejki, nie podlega rekwizycji wojskowej i zwalnia się od przymusowej sprzedaży siana, owsa i produktów żywnościowych.

S Z E P T Y C K I
generał por. i Dowódca Frontu.

די פאַרוואַלטונג פון „ה. ד. אַ" האָט זיך מיט אַלע כּוחות געווערט קעגן די אַלע בלבולים און אָנגענומען אַלע מיטלען צו באַפעסטיקן דעם רעכטלעכן מצב פון שול. אָבער וואָס ווייטער האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלץ מער מניעות. פאַרשיידענע מסירות האָבן קעגנגעווירקט. דאָך האָט די פאַרוואַלטונג פון „הילף-דורך-אַרבעט", שטיצנדיק זיך אויף דעם פּאַפּיר, וועלכן זי האָט באַקומען פון אָסכאָלאָווסקין, גערעכנט זיך פאַרן בעל-הבית פון וועליטשאַני. עס זיינען געמאַכט געוואָרן כּצד דער מאַכט קאָמפּראָמיס-פאָרשלאָגן צו פאַרנעמען אַנדערע רעגירונגס-גיטער. די לעצטע זיינען אָבער געווען אָן געביידעס און זייער ווייט פון ווילנע. ערנסט האָט מען דעריבער די פאָרשלאָגן ניט געקאָנט נעמען אין אַכט.

ווינטער 1920—21 האָט געדוכט, אַז מען האָט אונז שוין געלאָזט צורו. פּלוצלונג איז ווי אַ דונער פון הימל אַראָפּגעפאַלן דער באַפעל איבערצוגעבן אין משך פון 2 וואָכן, ביז דעם 1טן אַפּריל 1921, די קאָלאָניע אין רשות פון די געריכטס-אָרגאַנען, כּדי איינצואָרדענען דאָרט אַן אַרבעטס-קאָלאָניע פאַר יונגע פאַרברעכער. עס האָבן ניט געהאָלפן קיינע השתדלות. דער באַפעל האָט געמוזט אויסגעפירט ווערן.

די שילער האָבן זיך צעזייט און צעשפּרייט איבער דער וועלט. מיט דער צייט האָבן זיך פיל פון זיי גוט איינגעאָרדנט אַלס אינסטרוקטאָרן פון שול-גערטנער אין פּוילן. טייל האָבן עמיגרירט קיין ארץ-ישראל, וואו זיי רעכענען זיך פאַר די בעסטע ערד-אַרבעטער; אַנדערע אין דייטשלאַנד אין גוטע פערמעס; אייניקע זיינען אָנגעקומען אין דייטשע לאַנדווירטשאַפטלעכע שולן, (וואָס פון זיי איז איצט געוואָרן דאָרט איז ניט באַוואוסט). אַנדערע ווידער אַרבעטן מיט אַ גרויסן דערפאָלג אין קאָוונער לאַנדווירטשאַפטלעכן קאָאָפּעראַטיוו „פּילאָנאָג" און אין ראַטנפאַרבאַנד אַלס אינסטרוקטאָרן.

אָט דאָס איז אין קורצן די געשיכטע פון דער איינציקער יידישער לאַנדווירטשאַפט-שול אין אונזער קאַנט.

מיט דער ליקווידאַציע פון דער שול איז אָבער ניט ליקווידירט געוואָרן די אידעע פון אַ יידישער לאַנדווירטשאַפט-פּאָזיציע אין אונזער געגנט.

דער געדאַנק פון אַ יידישער לאַנדווירטשאַפט-שול לעבט ווייטער און וואַרט אויף זיין פאַרווירקלעכונג.

די וועליטשאַנער שול האָט דערפילט אַ היסטאָרישע ראָל זי האָט במשך פון 5 יאָר פאַרשפּרייט מאָדערנע לאַנדווירטשאַפט צווישן דער יידישער יוגנט און שיינע עטלעכע הונדערט פּערזאָן האָבן דורך דער שול באַקומען אַ שטויס צו פאַרנעמען זיך מיט ערד-אַרבעט און זיינע שכנותדיקע צווייגן.

א. י. גאָלדשמידט

די ווילנער היסטאָריש-עטנאָגראַפֿישע געזעלשאַפֿט [הע"ג] און איר מוזיי

אונטער דער השפּעה פֿון דער יידישער קולטור-באַוועגונג אין די לעצטע יאָרן פֿאַר דער וועלט-מלחמה האָט אַ גרופּע יידישע אינטעליגענטן זיך געשטעלט פֿאַר אַן אויפֿגאַבע צו שאַפֿן אַ יידישן מוזיי, וואו עס זאָלן אויפֿגעזאַמלט ווערן די אוצרות פֿון דער יידישער היסטאָרישער קולטור, כּדי צו ראַטעווען זיי פֿאַר די קומענדיקע דורות.

לויט דער איניציאַטיווע פֿון אינזש. ל. וו. פּ ר ע נ ק ע ל איז דעם 14 מאַרץ 1913 געגרינדעט געוואָרן אין ווילנע אַ געזעלשאַפֿט: „חובבי קדמוניות היהודים" — „ליבהאָבער פֿון יידישן אַלטערטום". אין דער ערשטער פֿאַרוואַלטונג זיינען אַריין: יעקב בן-יעקב, א. מ. בערנשטיין, אַדאָלף גאָרדאָן (פּאָרזיצער), ד"ר י. וויגאָדסקי (וויצעפּאָרזיצער), ד"ר א.ווירשובסקי, בן-ציון כּץ, א. ניישול, אינזש. ל. וו. פּרענקעל (וויצע-פּאָרזיצער), בער ראַטנער, דער שריפֿטשטעלער בן-ציון רובשטיין (סעקרעטאַר) א. אַנד.

די געזעלשאַפֿט האָט שוין באַלד פֿון אָנהויב געציילט 150 מיטגלידער פֿון דער יידישער אינטעליגענץ און האָט תּיכּף אָנגעהויבן אַן ענערגישע אַרבעט.

אין משך פֿון די ערשטע אָנדערטהאַלבן יאָר האָט די געזעלשאַפֿט מיט קליינע מיטלען געשאַפֿן אַ מ ו ז י י, וואו עס זיינען אָנגעזאַמלט געוואָרן אַ סך אוצרות פֿון יידישן שאַפֿן אויף די געביטן פֿון רעליגיעזן ריטואַל און לעבנס-שטייגער, פֿון סקולפּטור, מאָלעריי, געוועב, האַפֿטעריי, גראַוויור, שניצעריי און מעטאַל-אויסאַרבעטונגען; אַ ביבליאָטעק מיט יקר-המציאותדיקע עקזעמפּלאַרן און אוניקאַטן — ווערק פֿון פֿאַרשיידענע וויסנשאַפֿטלעכע געביטן, פֿון ביבליש-תּלמודישער ליטעראַטור און קבלה, פֿון מוזיק, נייער ליטעראַטור און פֿילאָזאָפֿיע, און אַן אַרכיוו פֿון וויכטיקע היסטאָרישע דאָקומענטן.

מיט דער עוואַקואַציע פֿון די רוסן אין יאָר 1915, האָט מען אַ ריי חפצים, באַזונדערס גאָלדענע און זילבערנע, אַוועקגעשיקט קיין מאָסקווע צו דער דאָרטיקער יידישער קהילה. אין דער צייט פֿון דער דייטשער אָקופּאַציע איז דער מוזיי נאָך מער רואינירט געוואָרן. נאָר אַדאַנק ד"ר וויגאָדסקי, און נאָך זיין פֿאַרשיקט ווערן אין דייטשן קאָנצענטראַציע-לאַגער, אויך אַדאַנק דער ענערגיע פֿון ד"ר א. ווירשובסקי, זיינען נאָך אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פֿון פֿולשטענדיקן חורבן די יסוד-אוצרות פֿון מוזיי.

מיטן סוף פֿון דער דייטשער אָקופּאַציע, אין דער צווייטער העלפֿט 1918, איז געקומען קיין ווילנע ש. אַנסקי וועלכער האָט רעסטאַווירט די געזעלשאַפֿט „ליבהאָבער פֿון יידישן אַלטערטום" אונטער אַ נייעם נאָמען: „די יידישע היסטאָריש-עטנאָגראַפֿישע געזעלשאַפֿט פֿון ליטע און ווייס-רוסלאַנד" — אויף נייע ברייטערע יסודות. (20 פֿעברואַר 1919).

דעם גרונד-פֿאַרמעגן פֿון דער „היסטאָריש-עטנאָגראַפֿישער געזעלשאַפֿט" האָבן געבילדעט די נאָך גאַנץ פֿאַרבליבענע רעשטן פֿון דעם מוזיי-אוצר פֿון דער געזעלשאַפֿט „ליבהאָבער". דערצו איז באַלד נאָך צוגעקומען דאָס אייגנס פֿון דער אַזוי גערופֿענער „היסטאָרישער קאָמיסיע", וואָס משה שאַליט האָט צוזאַמען מיט ד"ר צ. שאַבאַד געשאַפֿן אין דער צייט פֿון דער דייטשער אָקופּאַציע און וואָס האָט אויפֿגעזאַמלט רייכע קאָלעקציעס היסטאָרישע דאָקומענטן פֿאַר דער צייט פֿון דער מלחמה

די דאַמאָלסטיקע פֿאַרוואַלטונג בראש מיט ש. אַנסקי האָט געאַרבעט ענערגיש, אָבער מער פֿון אַלעמען האָט געאַרבעט ש. אַנ-סקי גופֿא. ער האָט אָפּגעגעבן פֿאַר דער געז. אַ גרויסן טייל פֿון זיינע פֿאַרדינסטן. נאָך זיין טויט (סוף 1920) האָט מען די געזעלשאַפֿט אָנגערופֿן אויף זיין נאָמען. אין זיין צוואה האָט ער אָפּגעזאָגט דער היסטאָריש-עטנאָגראַפֿ. געז. אַ זעקסטל פֿון זיין איבערגעלאָזענער ירושה (זיינע ווערק, טאַנטיעמע פֿון זיינע דראַמעס).

אין רעזולטאַט פֿון דער זאַמל-אַקציע זיינען אויפֿגעקליבן געוואָרן רייכע קאָלעקציעס פֿון מעמואַרן און בריוו פֿון גרויסע פּערזענלעכקייטן צענדליקער פּנקסים, צוואות, היסטאָרישע דאָקומענטן, קונסט-בילדער, רעפּראָדוקציעס, און פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון וויכטיקע מענטשן, היסטאָרישע זאַכן און ערטער, ביאָגראַפֿיעס פֿון געזעלשאַפֿטלעכע טוער, צייטשריפֿטן, און ביכער-אַנטיקן, כּתבֿ-ידן, מודעות, פֿאַראָרדענונגען

פון פארשיידענע מאכטן, אויכרופן און א זייער רייכער פאלקלאר, אויך ווערק פון פאלקס-מוזיק. די געזעלשאפט האט שפעטער אויך ארויסגעגעבן איר „היסטארישן פנקס", דעם „מוזיקאלישן פנקס" פון א. מ. בערנשטיין, ש. באסטאמסקיס פאלקלאר-זאמלונג: „פיים קוואל" א״א.

צווישן אנדערן זיינען אין מוזיי דא: די סקולפ-טורן פון די בארימטע קינסטלער מ. אנטאקאלסקי, אליהו גינזבורג, נחום אראנסאן אין סטראזש; די מאלערייען פון רעפין („אנטאקאלסקי אין דער יוגנט"), הירשענ-בערג, גאטליב, הארוויץ, יפה, מיימון, וואלאדימירסקי, מינקאווסקי, פראפ. באקסט (בילד פון לעוויטאן), הערמאן שטרוק און אויך די בילדער פון א גאנצע ריי אנד. קינסטלער.

צווישן די מערקווירדיקייטן, וואס זיינען דא אין מוזיי איז ווערט צו דערמאנען די אויטענטישע מטבעות פון יהוחנן כהן גדול, אגריפס הראשון און שמעון בר-כוכבא.

צווישן די אן א צאל היסטארישע דאקומענטן איז כדאי צו דערמאנען די דריי פריווילעגיעס (אריגינאלן), וואס די פוילישע קעניגן אויגוסט II און אויגוסט III האבן געגעבן יידן, — געשריבן אויף פארמעט און געחתמעט בטבעת המלך; היסטארישע פנקסים און כתב-ידן פון ר׳ שניאור זלמן מלאדי, פון זיין זון ר׳ שמואל, פון ר׳ מנחם מענדל מליו-באוויטש, ר׳ פנחס הלוי הורוויץ, ר׳ הלל פאכיטשער, ר׳ אייזעלע סלאנימער, ר׳ יצחק אלחנן, ר׳ אלימלך ליזענסקער און א סך אנדערע.

דער מוזיי פארמאגט: הונדערטער יארן אלטע ספרי-תורות און מערקווירדיקע זעלטענע מגילות; אלטע גאלדגעשטריקטע פרוכתן און כפורתן, אריגי-נעלע מענטעלעך, מפות, יארמלקעס, שטריימלעך און עקזעמפלארן פון פארצייטיקע שטייגער-קליידער; קינסטלערישע תנופה-לאמפן, מנורות, הונדערטער יארן אלטע זילבערנע לייכטער און כתרים; עץ-חיימס, „הדסן" און „ידן" פון זילבער, ביין און האלץ; פארצייטיקע קופערנע כלי-בית; זילבערנע שרייב-געצייג און אנדערע חפצים פון שמואל-יוסף פין, י. ל. פרץ, יעקב דינעזאן און ש. אנ-סקי, ווי אויך א גאנצע ריי פרעכטיק קינסטלערישע אלבאמען פון ש. אנ-סקי און אן אייגנארטיקן אלבאם פון י. ל. פרץ.

דער מוזיי באזיצט די עלטסטע ספרי תלמוד ופוסקים (טורים) און דעם רמב״ם פון די ערשטע דרוקערייען פון XVI און XVII יר״ה׳ דעם פירוש על התורה פון דון יצחק אברבנאל (של״ט 1579), „נצח ישראל" פון מהר״ל מפראג (שנ״ט — 1599), די עלטסטע אויסגאבען פון „שבט יהודה" לאבן ווירגא, „בחינות עולם" לר׳ ידעיה הפניני, „צמח דוד" לר׳ דוד גאנז, „מעשה טוביה", דעם ספר „הזוהר" און „מנורת המאור" (XVI און XVII יר״ה), די עלטסטע „יוסיפון" אין „שארית ישראל" אין יידיש, דעם „קב הישר", „צאינה וראינה" „נחלת צבי" און „רזיאל המלאך", די ווערק פון עמנואל הרומי, ר׳ משה חיים לוצאטי, משה מענדלסאן, שלום הכהן, ריב״ל און א סך אנדערע זעלטענע עקזעמפלארן.

א גרויסן אינטערעס האבן די כתב ידן און בריוו פון מרדכי - אהרן גינזבורג, ריב״ל, מרדכי פלונגיאן, אדם הכהן, אייזיק מאיר דיק קלמן שולמאן, יצחק-יואל לינעצקי („דאס פוילישע יינגל"), אברהם-בער גאטלאבער, שמואל-יוסף פין, יהודה-לייב גארדאן, פרץ סמאלענסקין מ. מ. דאליצקי, יצחק ראבינאוויטש איש קאוונא, שמואל אלכסנדרוב, באראן עדמונד ראטשילד, ד״ר יחיאל מיכל ראבינאוויטש, מענדעלע מוכר ספרים, נתן בירנבוים, דוד פרישמאן, בעל מחשבות, יהודה שטיינבערג, זאב יעבץ, ש. אנ סקי, א. ווייטער, ח. נ. ביאליק, יצחק-אייזיק בן-יעקב, יעקב בן-יעקב, אחד-העם, ד״ר הערצל, נ. סאקאלאוו, ש. פ. ראבינאוויטש, א. ל לעווינסקי, פראפ׳ שמעון דובנאוו, ש. ניגער און א סך אנדערע. אויך כתב-ידן פון די ספרים פון ווילנער גאון, ר׳ נפתלי בערדי-טשעווער, ר׳ אברהם דאנציג בעל ה„חיי אדם" און פון פיל אנדערע גאוני ישראל.

ס׳איז אויך געבראכט געווארן פון רוסלאנד קיין ווילנע פאר דער היסטאר ש-עטנאגר. געזעלשאפט א גאנץ קליינער טייל פון אנ-סקי-ארכיוו. דעם הויפט-מאטעריאל פון אים — די פאלקלאר-זאמלונגען — האט דער מוזיי איבערגעגעבן בתור דעפאזיט דעם ייוו״א.

די איצטיקע פארוואלטונג פון הע״ג באשטייט פון ד״ר י. וויגאדסקי (ערן-פארזיצער), משה שאליט (פארזיצער) מ. ב. שניידער און ארכ ט. ד. ראזענהויז (וויצע-פארזיצערס) אברהם זיידשנור, (נאמן) חיים לעווין, מנחם גורעוויטש, משה אליצקי, לוי יצחק רובינאוו, יעקב הירשאווסקי, חייקל לונסקי, א. י. גאלדשמידט (סעקרעטאר), מגר. משה גליקשטיין — מיטארבעטער

ביי דער געזעלשאפט זיינען טעטיק פאלגנדע סעקציעס: קונסט און מוזיי; עטנאגראפיע און פאל-קלאר; ליטעראטור; אנ-סקי-סעקציע.

פאר די לעצטע יארן איז דער מוזיי באריי-כערט געווארן מיט א שלל ווערטפולע חפצים פון קינסטלערישן און היסטאריש-עטנאגראפישן ווערט און פארמעגט היינט איבער 3000 קונסטווערק און אנדערע חפצים; די וויסנשאפטלעכע ביבליאטעק האט איבער 6000 נומערן, דער עיקר היסטארישע.

דער אַרכיוו באַשטייט פון אַן אוצר פון העכער הונדערט טויזנט היסטאָרישע און עטנאָגראַפּישע פאָלקלאָריסטישע כאַטעריאַלן און דאָקומענטן. די היסט.-עטנ.-געז. באַקומט כסדר צוגעשיקט מוזעאַלע און אַרכיוואַלע אוצרות און מאַסן דרוק-פּראָדוקטן. זי באַקומט אויך סיסטעמאַטיש די וויכטיקסטע פּעריאָדישע אויסגאַבן, וואָס דערשיינען אין לאַנד און אויסלאַנד.

ס'גיבן אָפּ פיל צייט און ענערגיע פאַר די דערמאָנטע אַנסקי-מוסדות: ד"ר י. וויגאָדסקי, אַרכיט. דניאל ראָזענהויז און משה אָליצקי. ד. ראָזענהויז האָט אויך אָפּגעגעבן דעם אַנ-סקי-מוזיי זיינע אייגענע סקולפּטור-ווערק, די ביוסטן פון מענדעלע מוכר-ספרים, שלום-עליכם און יעקב דינעזאָן.

ביי דער מיטהילף פון דער ווילנער היסטאָריש-עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט גייט אַרויס שוין צוויי יאָר די וויכטיקסטע פובליקאַציע „פון נאָענטן עבר" — קולטור-היסטאָרישער דריי-חדשים-זשורנאַל, אונטער דער רעדאַקציע פון משה שאַליט.

אין זשורנאַל זיינען אויך באַשריבן ד 26 פּנקסים און אַריי אַנדערע דאָקומענטן, וואָס געפינען זיך אין מוזיי.

אין 1935 איז לויט אַן אָפּמאַך צווישן דער היסטאָריש-עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט און דער ווילנער קהלה, דער מוזיי אַריבער צו דער ווילנער קהלה, וועלכע האָט רעמאָנטירט און פאַרגרעסערט דעם לאָקאַל, האַלט אויס דעם פּער-סאָנאַל א. אַז"וו.

די באַאַרבעטונג און די ווייטערדיקע זאַמ-לונגען פון די מאַטעריאַלן איז פאַרבליבן ביי דער היסטאָריש-עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט. לעצטנס איז אויך געגרינדעט געוואָרן אַ געמישטע קאָמיסיע פון דער הע"ג און פון דער קהלה וועגן די ענינים פון מוזיי.



שלום ביאַלאָגורסקי

„ראמיילעס דורכהויף"

ווילנער ליטעראטן-פאראיין

די גענויע געשיכטע פון ווילנער ליטעראטן פאראיין איז באשריבן אין „אלמאנאך" פון פאראיין, וואס איז דערשינען אין 1938, צו זיין 20 יעריקן יובל. מיר וועלן דא דעריבער זיין קורץ:

דער גרינדער און ערשטער פארזיצער פון בכלל א ליטעראטן און זשורנאליסטן־קארפאראציע אין ווילנע איז געווען דער פארשטארבענער פירער פון בונד יוסף איזביצקי (ב. מיכאלעוויטש) בעת דער דייטשער אקופאציע אין 1916. יענער פאראיין איז אבער געווען ניט קיין לעגאליזירטער.

אין 1918 איז קיין ווילנע געקומען ש. אנסקי. ער האט אויסגעארבעט א סטאטוט פארן פאראיין, אבער צוליב די אפטע מאכט־בייטענישן יענע צייט איז דער סטאטוט ניט דערלאנגט געווארן צו דער מאכט. ווען די פאליאקן האבן זיך באפעסטיקט אין ווילנע איז דער פאראיין פארמאלדן געווארן אין דע־אלסטיקן רעגירונגס־קאמיסאריאט (איצט סטא־ראסטווע) און שפעטער אויפן סמך פון דעקרעט פון 8 פעברואר 1919 לויט די צייטווייליקע פארשריפטן וועגן די פראפעסיאנעלע ארבעטער פאראיינען (דז. אוסטאוו נומ׳ 15, פאז. 209) אויך ביים קרייז ארבעטס־אינספעקטאר אונטערן נומ׳ 79 (5 דעצ. 1922) א. נ. „פראפעסיאנעלער פאראיין פון יידישע ליטע־ראטור- און פרעסע־ארבעטער אין ווילנע".

כאר די פארלאפענע 20 יאר זיינען געווען פארזיצערס אין פאראיין: ש. אנסקי, ש. ניגער, ז. רייזען, ש. ל. ציטראן, דאן קאפלאנאוויטש, משה זילבורג, פאלק האלפערן און משה שאליט. סעקרעטארן: חיים לעווין, א. י. גראדזענסקי, ש. דרייער, שיבולת און לייב סטאצקי.

א קורצע צייט (אין 1922) האבן א גרופע מיטגלידער געפרובט שפאלטן דעם פאראיין און זיי האבן געגרינדעט א צווייטן פאראיין, וואס האט אבער עקסיסטירט א האלב יאר. ווארשע האט זיך ארייַנגעמישט און געשיקט דעם ח׳ א. ליטוואק מאכן א שלום און די אפגעשפאלטענע מיטגלידער האבן זיך צוריק אנגעשלאסן אן פאראיין.

אין ווילנער יידיש־געזעלשאפטלעכן און קולטור־לעבן שפירט מען דעם ווילנער ליטעראטן פאראיין אויף טריט און שריט. ס׳קומט ניט פאר קיין שום וויכטיקער אויפטו, כמעט, אן דעם אנטייל פון ליטע־ראטן־פאראיין.

במשך הערכער 20 יאר האט דער ליטעראטן־פאראיין ארויסגעגעבן פארשיידענע ווערק פון זיינע מיטגלידער, ווי אויך געהאלפן פיל מיטגלידער ארויסגעבן זייערע ווערק דורך סובווענצן, האט ארגאניזירט ליטעראַרישע אימפרעזעס, צווישן זיי „100 יאר יידישע פרעסע", „100 יאר מענדעלע", „50 יאר זינט שלום עליכמס דעביוט" א. פיל אנד.

אין 1927 האט דער פאראיין ארגאניזירט דעם ערשטן לאנד־צוזאמענפאר פון דער יידישער פרעסע אין פוילן, וועלכער האט נאכמער באוויזן, ווי נויטיק ס׳איז פארן יידישן שרייבער א פראפעסיאנעלע ארגאניזאציע.

דער פאראיין האט דורכגעפירט שטרייקן, דערליידיקט קאנפליקטן, אויסגעארבעט טאריפן פאר ליטערארישע און זשורנאליסטישע ארבעט, אויפגע־מאנט האנאראר פאר שרייבער, דורכגעפירט פאר־שיידענע לוין־אקציעס א. א. וו.

ביים פאראיין עקסיסטירט א שטענדיקע הלוואות־קאסע, א שטיץ־קאסע, א קראנקן־קאסע, א פענסיאנערן־פאנד. די מיטלען, חוץ ארטיקע באקומט דער פאראיין אויך פון דזשוינט, ווילנער רעליעף. אין די פריער־דיקע יארן אויך פון „וועלט־הילפס־קאנפערענץ", פון ייקאפא און פון דער ווילנער קהילה.

ס׳איז שוין א טראדיציע ביים פאראיין אויף די יערלעכע אלגעמיינע פארזאמלונגען צו מאניפעס־טירן דורך געהעריקע רעזאלוציעס זיין מיטהילף אין קאמף פאר דער יידישער שפראך, שול און קולטור.

די יידישע שרייבער משפחה אין ווילנע האט געהאט אלערליי צייטן גוטע און שווערע, שמחות און אבידות. אלץ האט געפונען אן אפקלאנג אין דער טעטיקייט פון איר פראפעסיאנעלער קארפא־ראציע. זי האט געהאט אויכצושטיין אויך אינער־לעכע אידעאישע קאמפן, רייבונגען ביי פארשיידענע פאלן זי איז אבער בייגעשטאנען אלע נסיונות און ארויס גאנץ זי האט ארויסגעגעבן פון זיך צוויי נייע קערפערשאפטן: דעם צענטער פון יידישן פען קלוב אין ווילנע און דעם יידישן זשורנאליסטן־סינדיקאט (וועגן זיי זע די באזונדערע ארטיקלען). אלע דריי צוזאמען מאניפעסטירן ביי יעדער געלעגנ־הייט דעם יידישן שריפטשטעלער און זשורנאליסט, סיי כלפי פנים, סיי כלפי חוץ. ביי געוויסע אקציעס, ווען דאס איז נויטיק, פיגורירט מען אויך צוזאמען און מען רעפרעזענטירט געמיינזאם די יידישע ליטעראטור און פרעסע.

*

די איצטיקע פארוואלטונג באשטייט פון: משה שאליט (פארזיצער), א. י. גראדזענסקי (סעקרעטאר), הירש אבראמאוויטש, א. י. גאלדשמידט, י. טעפער, ש. ביילים און נ. קאסטעלאנסקי.

די רעווידיר קאמיסיע: ב. שניידער, ש. באס טאמסקי און ב. ק ט.

אין ערן געריכט: ד״ר יעקב וויגאדסקי, ד״ר א. ווירשובסקי און אדוו. י. טשערניכאוו.

ש. באַסטאָמסקי

דער יידיש־וועלטלעכער שולוועזן אין ווילנע

די יידיש־וועלטלעכע שולן, די שולן פון צענטראַלן בילדונגס־קאָמיטעט (צ. ב. ק.), פאַרנעמען ביי אונדז אין שטאָט דעם אויבנאָן צווישן אַלע אַנדערע טיפּן שולן, סיי לויט דער צאָל קינדער, וואָס לערנען זיך אין זיי, סיי לויט דעם פּעדאַגאָגישן ניוואָ, אויף וועלכן זיי געפינען זיך.

דער ווילנער יידיש־וועלטלעכער שולוועזן האָט שוין אַ שם ניט נאָר אין זיין היימשטאָט, ניט נאָר אין פּוילן, נאָר אויך ווייט איבער די גרענעצן פון לאַנד, איבער דער גאָרער יידישע וועלט.

אַ דאַנק דעם יידיש וועלטלעכן שולוועזן איז ווילנע געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע צענטערס פון דער מאָדערנער יידישער קולטור.

אַ דאַנק דער נייער שול איז אין ווילנע געשאַפן געוואָרן אַ מאָדערנע קולטור־סביבה, איז אויסגעוואַקסן אַ פאָלקס־אינטעליגענץ, איז אויפגעקומען אַ מאַסן־באַוועגונג פאַר אַ ניי וועלטלעך יידיש לעבן.

די אַלטע ירושלים דליטא איז צוליב דעם געקרוינט געוואָרן מיט אַ נייעם נאָמען — ירושלים דיידיש.

און דעם נאָמען האָט ווילנע פאַר פאַרדינט.

ניטאָ נאָך דערווייל אַזאַ שטאָט אין דער וועלט, וואָס זאָל פאַרמאָגן אַזאַ עכטן גאַנצן, פאַרוואָרצלטן, פאָלקסטימלעכן יידיש־וועלטלעכן שולוועזן ווי ווילנע.

ניטאָ נאָך דערווייל אַזאַ שטאָט מיט אַזוי פיל קינדער אין גאַנצע יידיש־וועלטלעכע שולן, מיט אַזוי פיל אַביטוריענטן פון די דאָזיקע שולן ווי אין ווילנע.

*

די ווילנער שולטוער צוזאַמען מיט דער ווילנער לערערשאַפט האָבן געבויט די נייע יידישע שול אין דער ברייט און אין דער טיף.

אין ווילנע זיינען געשאַפן געוואָרן די ערשטע טערמינאָלאָגיעס אין יידיש פאַר פאַרשיידענע געגנשטאַנדן, דער ערשטער יידישער קינדער־זשורנאַל („גרינינקע ביימעלעך"), די ערשטע פּראָגראַמען און לערנביכער פאַר דער יידישער שול.

די ערשטע ליטעראַרישע יידישע כרעסטאָמאַטיע („דאָס יידישע וואָרט"), צונויפגעשטעלט פון די לערער פון דער ווילנער אָוונטשול, איז דערשינען אין ווילנע נאָך אין יאָר 1912.

איינציקע פון די ווילנער לערנביכער אויף יידיש („דאָס לעבעדיקע וואָרט", „לעבעדיקע קלאַנגען", „דאָס נייע וואָרט" א״אַ) זיינען עד היום אָנגענומען אין די יידישע שולן ניט נאָר ביי אונדז אין לאַנד, נאָר אויך אין דער גאָרער וועלט.

אין ווילנע איז אויסגעבויט געוואָרן די ערשטע יידישע מיטלשול (גימנאַזיע און ליציי). דער ערשטער יידישער לערער־סעמינאַר,* דער ערשטער און איינציקער אין דער וועלט טעכנישער ליציי מיט דער יידישער לערנשפּראַך (פון „אָרט").

אַ דאַנק דער ענערגיע פון די ווילנער שולטוער און לערערשאַפט איז געגרינדעט געוואָרן די צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע אין פּוילן (ציש״אָ).

דער פאַרוואָרצלטער ווילנער מאָדערנער שולוועזן, די מיטהילף פון ווילנער צענטראַלן בילדונגס־קאָמיטעט האָבן אויך מיטגעווירקט, אַז אין ווילנע זאָל זיך גרינדן דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט (ייוואָ).

די ווילנער שולטוער און לערערשאַפט האָבן זיך ניט באַנוגנט מיט דעם, וואָס זיי האָבן אויסגעבויט ביי זיך אין שטאָט; זיי האָבן אויך פיל מיטגעווירקט, אַז די יידיש־וועלטלעכע שול זאָל אויפוואַקסן אין פיל אַנדערע שטעט אין לאַנד און אין אויסלאַנד. כמעט אין אַלע לענדער פון אייראָפּע, וואו עס זיינען דאָ אָדער געווען יידישע שולן, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אין קאַנאַדע, בראַזיל, אַרגענטינע, דרום אַפריקע, אַוסטראַליע — אומעטום טרעפן מיר ווילנער לערער און שולטוער — בויער פון דער נייער יידישער שול.

*

ווילנע איז דאָס וויגעלע פון דער יידיש־וועלטלעכער שול. דאָ איז אין יאָר 1907 פאָרגעקומען די ערשטע יידיש־וועלטלעכע לערער־קאָנפערענץ, וועלכע האָט צום ערשטן מאָל פּראָקלאַמירט, אַז די יידישע שול מוז זיין אַ וועלטלעכע און אַז די לערנשפּראַך פון דער יידישער שול איז יידיש.

די דאָזיקע קאָנפערענץ איז דאַן דורך דער צאַרישער מאַכט אַרעסטירט געוואָרן און די רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן דורך די אָנטיילנעמער פון

---

* צוליב אומאָפּהענגיקע סיבות געשלאָסן אין 1931.

דער קאָנפערענץ אין לאָקאַל פון ווילנער צענטראַל-אַרעסט.

אין 1901 איז אין ווילנע געגרינדעט געוואָרן די אָוונטשול פאַר דערוואַקסענע (שפּעטער אָנגערופן געוואָרן פּרץ-אָוונטשול), וועלכע האָט די ערשטע גענומען לערנען יידיש און אויך אַלע לימודים אין יידיש.

דעם באָדן פאַר דער קומענדיקער נאָרמאַלער יידישער שול האָבן אויך צוגעגרייט די דעמאָקראַטישע (יידישיסטישע) מיטגלידער פון דער ווילנער אָפּטיילונג פון דער חברה „מפיצי השכלה". די דאָזיקע טוער (צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען ד"ר צ. שאַבאַד, ג. פלודערמאַכער, ד. האָכבערג א"א) האָבן מיטגעווירקט, אַז דער צוזאַמענפאָר פון דער חברה אין פּעטערבורג זאָל אין 1913 אָננעמען דעם היסטאָרישן באַשלוס, אַז יידיש דאַרף זיין די לערנשפּראַך פון דער יידישער שול, אַז די חברה דאַרף בויען פאָלקשולן אין יידיש.

די צאַרישע מאַכט האָט אָבער ניט דערלויבט צו עפענען שולן מיט דער יידישער לערנשפּראַך.

אַ טיילווייזן ניצחון קענען דאָך די יידישיסטן פאַרצייכענען אין דער מיידלשול, וואָס איז אין יאָר 1912 געגרינדעט געוואָרן אין ווילנע לויטן אויפטראָג פון „מפיצי השכלה" דורך דער בלינדער קולטור-טוערין דבורה קופּערשטיין.

די לערנשפּראַך אין דער דאָזיקער שול איז ביז דער וועלט-מלחמה געווען רוסיש, אָבער אויך אין די צאַרישע צייטן (1912—1914) האָט מען אין דער שול געהיים געלערנט יידיש.

*

מיטן אויסברוך פון דער וועלט-מלחמה הייבט זיך אָן אַ נייער פּעריאָד אין דער געשיכטע פון דער מאָדערנער יידישער שול בכלל און אין ווילנע בפרט.

באַלד אַ פערטל יאָרהונדערט עקסיסטירט שוין ביי אונדז אין ווילנע די נאָרמאַלע יידיש-וועלטלעכע שול. פאַר דער צייט האָט די שול דורכגעמאַכט אַ לאַנגן און שווערן וועג — דורך ביטערע און פינצטערע יאָרן פון מלחמות, אָקופּאַציעס, כלערליי גזירות, פון אומאויפהערלעכן געראַנגל פאַרן קיום.

אין אָנהייב פון דער דייטשישער אָקופּאַציע האָט די מה יפית-אינטעליגענץ געפּרובט בויען פאַר יידישע קינדער שולן אין רוסיש און אין גייסט פון די צאַרישע צייטן; שפּעטער—אין דייטש; נאָך דעם — ווידער אַ מאָל אין רוסיש אין גייסט פון אינטערנאַציאָנאַליזם (איין שול פאַר אַלע היגע נאַציאָנאַליטעטן אין רוסיש). די זעלביקע זיינען שוין

גרייט געווען אָנצונעמען ליטוויש ווי די לערנשפּראַך ווען די ליטווינער וואָלטן לענגער פאַרבליבן אין ווילנע. און אַז ווילנע איז געוואָרן פּויליש, זיינען זיי אַריבער אויף פּויליש. אָבער די יידישע מאַסן מיט דער יידישער פאָלקס-אינטעליגענץ זיינען געבליבן טריי דער יידישער שול.

אַ וויכטיקע ראָל האָט ביים בויען און קעמפן פאַר דער יידישער שול אין ווילנע (און אויך אין דער געגנט) געשפּילט דער ווילנער יידישער לערער-פאַראיין. ביז דער גרינדונג פון צ. ב. ק (1919) האָט דער ווילנער יידישער לערער-פאַראיין אויסגעפירט די אַרבעט ניט נאָר פון אַ פאַראיין, נאָר אויך פון אַ שול-אָרגאַניזאַציע. ער האָט געגרינדעט אין ווילנע די ערשטע קורסן פאַר לערער.

דער ווילנער יידישער לערער-פאַראיין האָט אין 1916 אָרגאַניזירט די אַקציע פון אַלע אָרטיקע נאַציאָנאַליטעטן—יידן, פּאָלאַקן, ווייסרוסן, ליטווינער—קעגן דער דייטשישער מאַכט, וועלכע האָט זיך פאַרמאָסטן צו שליסן די שולן פון די אָרטיקע נאַציאָנאַליטעטן כלומרשט צוליב היגיענישע טעמים. די לערער זיינען דאַן אַוועק אין תפיסה, אָבער די שולן זיינען געראַטעוועט געוואָרן.

וועגן דער געשיכטע פון דער יידישער שול אין ווילנע זיינען שוין אַרויסגעגעבן געוואָרן היפּשע אַרבעטן.

מיר ברענגען דאָ אַ ביבליאָגראַפיע:

„ווילנער זאַמלביכער" — אונטער דער רעדאַקציע פון ד"ר צ. שאַבאַד. ערשטער באַנד, ווילנע 1916, צווייטער באַנד, ווילנע 1918.

„פאַר אונדזערע קינדער" — איינטאָגיקע אויסגאַבע אַרויסגעגעבן פון דער ווילנער יידישער צענטראַלער שול-אָרגאַניזאַציע. רעדאַקטאָר י. רובין. ווילנע 27. I. 1922.

„פאַר אונדזער שול"—איינמאָליקע אויסגאַבע פון צ. ב. ק. ווילנע 1923.

י. רובין — „דער יידישער צענטראַלער בילדונגס-קאָמיטעט אין ווילנע".

„פּנקס פאַר דער געשיכטע פון ווילנע אין די יאָרן פון מלחמה און אָקופּאַציע", אַרויסגעגעבן פון דער היסטאָריש-עטנאָגר. געז. א"נ פון ש. אַנסקי. אונטער דער אַלגעמיינער רעדאַקציע פון ז. רייזען. ווילנע, 1922.

ש. באַסטאָמסקי — „ווילנער יידישער לערער-פאַרבאַנד".

„פּנקס פאַר דער געשיכטע פון ווילנע אין די יאָרן פון מלחמה און אָקופּאַציע".

„שול-פּנקס" — פינף יאָר אַרבעט פון צענטראַלן

בילדונגס־קאָמיטעט 1919—1924. אַרויסגעגעבן פון צ. ב. ק. ווילנע, 1924. צונויפגעשטעלט פון מ. שור.

„פאַר אונזער שול און קינד״ — איינמאָליקע אויסגאַבע פון צ. ב. ק. ווילנע—1928. רעדאַקטירט פון ש. באַסטאָמסקי.

מ. שאַליט — „קולטורעלע טעטיקייט״.

פנקס „אויף די חורבות פון מלחמות און מהומות״ (1919—1930), אַרויסגעגעבן פון געגנט־קאָמי־טעט „יעקאָפּאָ״ — אונטער דער רעדאַקציע פון משה שאַליט. ווילנע 1931.

„יובל־העפט״ 15 יאָר פון דער יינגלשול „מפיצי השכלה״ ביים צ. ב. ק. אין ווילנע 1915—1930 רעדאַקטירט פון ש. באַסטאָמסקי. אַרויסגעגעבן [illegible] יובל־קאָמיטעט. ווילנע, אַפּריל 1931.

„פאַר אונדזער שול״. 15 יאָר צ. ב. ק. — איינמאָליקע אויסגאַבע פון צענטראַלן בילדונגס־קאָמיטעט (צ. ב. ק.) אין ווילנע (1919—1934) רעדאַקטירט פון ש. באַסטאָמסקי. ווילנע 1934.

„20 יאָר ד. קופּערשטיין־שול״. יובל־פּנקס פון דער 8־קלאַסיקער פאָלקשול א״נ פון דבורה קופּער־שטיין ביים צענטראַלן בילדונגס־קאָמיטעט (צ. ב. ק.) אין ווילנע. רעדאַקטירט פון ש. באַסטאָמסקי.

„20 יאָר יינגלשול „מפיצי השכלה״ א״נ פון ד״ר צ. שאַבאַד ביים צ. ב. ק. אין ווילנע״. יובל־העפט 1915—1935. רעדאַקטירט פון ש. באַסטאָמסקי. אַרויסגעגעבן פון יובל־קאָמיטעט ווילנע, 1936.

גרשון פּלודערמאַכער — „דער מאָדערנער יידישער שולוועזן אין ווילנע״. זיין אַנטוויקלונג, קולטור־געזעלשאַפטלעכע און פּעדאַגאָגישע דערגרייכונגען.

שול־אַלמאַנאַך „די יידישע מאָדערנע שול אויף דער וועלט״, אַרויסגעגעבן פון פילאַדעלפיער א. ר. פילאַדעלפיע, 1935.

ח. פּופּקאָ — ווילנע — דאָס וויגעלע פון דער יידיש־וועלטלעכער שול.

זאַמלבוך „ווילנע״, רעדאַקטירט פון יעפים ישורין. אַרויסגעגעבן פון ווילנער בראַנטש 367 א. ר. לכבוד זיין 25 יאָריקן יובילעאום 1909—1934. ניו־יאָרק, אַפּריל, 1935.

„ערשטע יידיש־וועלטלעכע לערער־קאָנפערענץ אין ווילנע״. זאַמלהעפט פון זכרונות און מאַטעריאַלן, אַרויסגעגעבן פון ווילנער יידישן לערער־פאַראיין צום 30יאָריקן יובל פון דער קאָנפערענץ 1907—1937. רעדאַקטירט פון ש. באַסטאָמסקי. ווילנע, 1937.

רייזל וואַלט — דער קאַמף אין דער חברה „מפיצי השכלה״ אין ווילנע 1915—1917. אַ קאַפּיטל פון אַספּיראַנטור־אַרבעט אויף דער טעמע „דאָס יידיש־וועלטלעכע שולוועזן אין ווילנע ביז דער גרינדונג פון צענטראַלן בילדונגס־קאָמיטעט״.

זאַמלונג „דאָס צווייטע יאָר אַספּיראַנטור א״נ פון ד״ר צ. שאַבאַד ביים ייוואָ״. ווילנע, 1938. ייוואָ. אָרגאַניזאַציע פון דער יידישער וויסנשאַפט נומ׳ 19.

ג. פּלודערמאַכער — דער מאָדערנער יידישער שולוועזן אין ווילנע. „שולוועגן״ חודש־שריפט פון דער ציש״אָ אין פּוילן. 4—5, (34—35.) 1 (37), וואַרשע 1938.

אַרטיקלען אין דעם פּעד. זשורנאַל „נייע־שול״ פאַר די יאָרן 1919—1922.

אַרטיקלען און נאָטיצן אין דעם פּעד. זשורנאַל „שולפריינד״, רעדאַקטירט פון ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן. ווילנע 1936—1938.

„שולפראַגן״ — אויסגאַבע פון אומאָפּהענגיקן שולפאַרבאַנד. 3 נומערן. ווילנע 1931.

נ קאַסטעלאַנסקי — ווילנע אַלס צענ־טער פון דער יידיש־וועלטלעכער קולטור.

הירש אַבראַמאָוויטש — דער באַגינען פון פּראַקטישן יידישיזם אין ווילנע.

„אַלמאַנאַך פון יידישן ליטעראַטן־ און זשורנאַ־ליסטן־פאַראיין אין ווילנע״. אייגענער פאַרלאַג. וויל־נע, 1938. רעדאַקציע: משה שאַליט.

שולפּלאַטפאָרם פון דער אומאָפּהענגיקער שול־ריכטונג — ווילנע, 1938.

א. גאָלאָמב — „דער ערשטער יידישער לערער־סעמינאַר אין פּוילן״.

שריפטן פאַר פּסיכאָלאָגיע און פּעדאַגאָגיק I ב. רעדאַקטירט לייבוש לערער. אויסגאַבע פון ייוואָ, ווילנע, 1933.

באַריכטן פון דער יידישער קהילה אין ווילנע 1) ווילנע 1921 (פאַר דער צייט פון 1. I. 1919 ביזן 15 VIII 1920 2) ווילנע 1934 (פאַר דער צייט פון 1928 ביז 1933).

ווילנער פּרעסע: „לעצטע נייעס״ (1916—1918 — צייט פון דער דייטשישער אָקופּאַציע); „ווילנער טאָג״ (אונדזער טאָג״), „אָוונט־קוריער״, א״אַ טעג־לעכע צייטונגען. צום אָנהייב לערניאָר זיינען דערשינען אייניקע ספּעציעלע נומערן.

„צום נייעם לערניאָר״ — אויסגאַבע פון יידישן צענטראַלן בילדונגס־קאָמיטעט אין ווילנע, רעדאַקטירט פון ש. באַסטאָמסקי. סעפּטעמבער 1938.

*

24 יאָר עקסיסטירט די מאָדערנע יידישע שול. דאָס זיינען געווען יאָרן ניט קיין געוויינלעכע, יאָרן אומרואיקע, אין וועלכע די יידישע שול האָט דורכגעמאַכט אַ שווערן וועג. געווען יאָרן פון אויפבוי, פון גרויסן אויפשטייג; געווען אויך יאָרן פון שטילשטאַנד.

פעדאגאגיש איז די יידיש-וועלטלעכע שול שטענדיק געשטאנען אויף א הויכן ניוואָ. דער בעסטער באווייז דערצו זיינען די גרויסע דערפאלגן פון די שול-אויסשטעלונגען אין ווילנע, ווארשע, לאקארנא, פאריז. איצט גרייטן זיך די שולן צו א נייער אויסשטעלונג — „יידן אין פוילן".

וואס שייך די סיבות פון דעם שטילשטאנד אין די שולן זיינען זיי שטענדיק געווען אויסערלעכע — רעכטלאזיקייט און מאטעריעלע נויט.

דער יידישער שול איז כסדר אויסגעקומען צו פירן א שווערן קאמף פאר איר קיום.

אין דער יידישער שפראך און ליטעראַטור, תנ"ך און העברעאיש, געשיכטע און דעמאגראַפיע פון יידישן פאלק. ס'ווערט אויך געלערנט ענגליש און דייטש.

די גימנאַזיע איז פארזארגט מיט לאבאראַטאריעס אויף פיזיק, כעמיע, ביאלאגיע, מיט ווארשטאטן פאר סטאלעריי, שלאסעריי און נאדל-ארבעט, האט א ביבליאטעק פון 10 טויזנט ביכער אין יידיש, העברעאיש, פויליש, דייטש און ענגליש.

זינט דעם לערניאר 34/1933 בזיצט די גימנאזיע מלוכה-רעכט און די שילער באקומען די קליינע מאטורע און עקזאמענס.

לעצט: פארוואלטונג פון יידישן לערער פאראיין



ס׳שטייען פון רעכטס: רחל פערמאן, פיין, ליכטשטיין, יעקב אס, רחל ברוים,
ס׳זיצן פון רעכטס: יעקב גראסמאן, מאשע שולץ, ראבינאוויטש. זינע פלודערמאכער, אברהם בולקין.

א דאנק די סובסידיעס פון שטאטראט און קהילה האט זיך אין די לעצטע יארן די לאגע א ביסל סטאביליזירט. איצט קומען ווידער אן שווערע צייטן.

ביי היינטיקן טאג געהערן צום צ. ב. ק. און ווערן דורך אים אנגעפירט פאלגנדיקע לערנדער-ציערישע אנשטאלטן:

יידישע גימנאזיע און ליצײ ביים צ. ב. ק. אין ווילנע (רודניצקער 6).

עקסיסטירט שוין 20 יאר ווי א מאדערנע מיטלשול. אויסער די אלג' לימודים לויט דער מלוכה-פראגראם, באקומען די שילער אויך גרינדלעך ידיעות

אין אנהייב פון פארגאנגענעם לערניאר איז ביי דער גימנאזיע געגרינדעט געווארן דער ערשטער יידישער הומאניסטישער ליצײ, וועלכער רעפרעזענטירט די העכסטע שטופע פון דעם יידישן שולוועזן אין לאנד און באזיצט מלוכה-רעכט.

ביים ליצײ עקסיסטירט אויך א נאטורוויסנשאפטלעכער אפטייל. אין דער פראגראם פון ליצײ זיינען איינגעשלאסן א העכערער קורס פון דער יידישער שפראך און ליטעראטור, יידישע געשיכטע און געזעלשאפט-קענטעניש, העברעאישע שפראך און ליטעראטור.

פאַר פּראַקטישע און פאַרמעגלעכע שילער, באַזונ־
דערס פון דער פּראָווינץ, זיינען געשאַפן געוואָרן
סטיפּענדיעס אויפן נאָמען פון יידישע שרייבער און
קולטור־טוער. די גימנאַזיע זאָרגט ספּעציעל פאַר די
ניט היגע שילער, זעט וואָס בעסער זיי איינצו־
אָרדענען.

ביי דער גימנאַזיע עקסיסטירט אַ 6 קלאַסיקע
פאָלקשול אין ערשטן קלאַס פון דער שול ווערן
אָנגענומען קינדער פון 6 יאָר אָן, אָן יעדער
צוגרייטונג.

פאַרוואַלטער פון דער גימנאַזיע איז ל. טור־
באָוויטש.

פרוג־קופּערשטיין־שול
(באַזיליאַנער 4)

מיט העכער 500 קינדער אין 14 קלאַסן.

יעדע פון די 2 שולן האָט זיך איר געשיכטע:
פרוג־שול — 30 יאָר, קופּערשטיין־שול — 25 יאָר.

אַ גרויסע שול, אַ פאַרצווייגטע אַרבעט.

די שולן זיינען פאַראייניקט געוואָרן אין
1934. די פאַראייניקטע שול איז די גרעסטע יידישע
פאָלקסשול אין ווילנע. זי פירט אַ ברייט פאַרצווייגטע
אַרבעט. די שול פאַרמאָגט די רייכסטע שול־
ביבליאָטעק, שול־וואַרשטאַטן (א״נ פון פרוי קרינסקי),
אַ שול־קאָאָפּעראַטיוו.

די פאַראייניקטע שול האָט זיך באַרימט
געמאַכט מיט איר עפנטלעכע שילער־אַרויסטרע־
טונגען. עטלעכע מאָל האָט די שול געשטעלט מיט
גרויס דערפאָלג אין קאָנסערוואַטאָריע־זאַל די אָפּערע
פאַר קינדער „ליאַלקעס״ א״אַ.

די אַביטוריענטינס פון דער שול זיינען צו
איר שטאַרק צוגעבונדן און ווייזן אַרויס אַן אַקטיווע
טעטיקייט ביים שאַפן מיטלען פאַר דער שול.

פאַרוואַלטער פון דער שול איז מ. יאַפע.

ביז דער פאַראייניקונג איז דער פאַרוואַלטער
פון דער קופּערשטיין־שול אין משך פון יאָרן געווען
ג. פלודערמאַכער (איצט — פּעדאַגאָגישער אינסטרוק־
טאָר פון צ. ב. ק.); פאַרוואַלטער פון דער פרוג־שול
איז געווען ח. פּופּקאָ.

אין 1933 האָט די קופּערשטיין־שול אַרויסגעגע־
בן אַ יובל־פּנקס „20 יאָר קופּערשטיין־שול״.

יינגלשול „מפיצי־השכלה״ א. נ. פון ד״ר צמח שאַבאַד
(גרויס־פּאָהולאַנקע 23)

די יינגלשול „מפיצי השכלה״, וועלכע טראָגט
איצט דעם נאָמען פון איר גרינדער — ד״ר צמח
שאַבאַד — טרעט איצט אַריין אין 24טן יאָר פון
איר עקסיסטענץ.

פאַר די קרוב דריטהאַלבן צענדליג יאָרן פון
איר עקסיסטענץ האָט די יינגלשול דורכגעלאָזן
טויזנטער תּלמידים און איבער 300 אַביטוריענטן,
וועלכע האָבן צעטראָגן דעם רום פון דער שול ווייט
איבער די גרענעצן פון זייער היימשטאָט.

אין פאַרלויף פון איר לאַנגיאָריקער עקסיסטענץ
האָט די יינגלשול געלאָזן טיפע שפּורן אין אָרטיקן
יידישן לעבן און באַקומען זייער פיל אָנהענגער און
פריינד. אויף דעם זאָגן עדות די 2 יובל־העפטן,
וואָס סימפּאַטיקער פון דער שול האָבן אַרויסגעגעבן.

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די יינגלשול איז
מיט עטלעכע יאָר צוריק אַריבערגעטראָגן געוואָרן
פון איין ראַיאָן אין אַ צווייטן, פון בעלינע־גאַס (אויף
אַסטראָבראַם) אויף פּאָהולאַנקע (אַן אָפּגעלעגענעם
פון צענטער), האָט די שול זיך דאָך פאַרוואָרצלט.
זי פאַרמאָגט אַ פּרעכטיקן היגיענישן בנין—אַ גערוי־
מיקן, זוניקן און לופטיקן, וואָס איז באמת אַ ישועה
פאַר די קינדער, וואָס קומען פון צענטער שטאָט,
פון די ענגע, דומפּיקע און שטויביקע גאַסן.

די שאַבאַד־יינגלשול גייט דורך די אַלגעמיינע
למודים (פּויליש, פּוילישע געשיכטע און געאָגראַפיע,
נאַטור און חשבון) לויט דער מלוכה־פּראָגראַם. די
יידישע למודים (יידיש, יידישע געשיכטע און ליטע־
ראַטור, העברעאיש און תּנ״ך (פון 2טן לערניאָר אָן)
ווערן געלערנט לויט אַ ספּעציעלער פּראָגראַם.

די שול פאַרמאָגט אַ ביבליאָטעק, אַ שולגאָרטן,
אַ בלאָז־אָרקעסטער, סטאָלעריי־ און שלאָ־
סעריי־וואַרשטאַטן א. אנד. נייע וואַרשטאַטן.

דער אַרבעט־צימער ביי דער שול איז אין
פעברואַר 1939, אָנגערופן געוואָרן א״נ פון ד״ר פּנחס
ראָזנטאַל (אַנמאַן).

פאַרוואַלטער פון דער שול איז א. בולקין.

חוץ 2 יובל־העפטן האָט די שול אַרויסגעגעבן
2 העפטן, געווידמעט דעם אָנדענק פון איר גרינדער
ד״ר צ. שאַבאַד: 1) קינדער־וועגן ד״ר צ. שאַבאַד,
(1937) 2) ד״ר צ. שאַבאַד וועגן ווילנע (1938).

ביידע העפטן זיינען צונויפגעשטעלט און
רעדאַקטירט פון ש. באַסטאָמסקי.

פאָלקשול א. נ. פון „שלום־עליכם״

די שול עקסיסטירט פון אָנהייב לערניאָר
1923/24. דעמאָלט זיינען 2 שולן, וואָס האָבן זיך
געפונען אין איין ראַיאָן „אַרבעטער־קינדערהיים״ און
„פּרץ־שול״*, צונויפגעגאָסן געוואָרן און עס האָט זיך
געבילדעט די שלום־עליכם־שול.

* זע די געשיכטע פון ביידע שולן אין פּנקס פון צ. ב. ק.
ווילנע, 1924.

די קינדער רעקרוטירן זיך פון די גאַסן: נאָווגאָראָד, קיעווער, פּילסודסקי און פון די אָרעמקע גאַסן און געסלעך.

די עלטערן זיינען אין גרעסטן טייל אַרבעטער, קליינהענדלער און האַנטווערקער.

די אַרבעט-באַדינגונגען אין דער שול זיינען זייער שווערע: דער לאָקאַל איז ניט אין גאַנצן צוגעפּאַסט, די קינדער שטאַמען פון די אָרעמסטע שיכטן; אין האַרבסט און אַ טייל פון די ווינטער-דיקע חדשים פאַרקלענערט זיך דער באַזוך, ווייל אַ באַדייטנדיקער טייל פון די קינדער האָט ניט קיין געהעריקע קליידונג און שיך.

לכתחילה איז די שול געווען אַ 4-קלאַסיקע. זי איז בהדרגה געוואַקסן, געוואָרן אַ 5-קלאַסיקע. ביי היינטיקן טאָג פאַרמאָגט די שול 6 גרונט-קלאַסן און איין פּאַראַלעלן ערשטן קלאַס.

די אַלגעמיינע צאָל קינדער איז 240.

דער פּערמאַנענטער קריזיס און די אַרבעטס-לאָזיקייט האָט זיך שווער אָפּגערופן אויף די עלטערן, וואָס שיקן זייערע קינדער אין דער שול. אַ גרויסער פּראָצענט איז אַרבעטסלאָז אין משך פון 10 חדשים אין יאָר.

ביי די גרעסטע אָנשטרענגונגען איז די שול ניט ביכולת אויפצומאָנען דעם מינימאַלן שכר-לימוד. אויך די אַנדערע מקורים ווערן וואָס פון יאָר אַלץ וויניקער.

ניט געקוקט אָבער אויף דער אויסערגעוויינלעך שווערער מאַטעריעלער לאַגע, ווערט די אַרבעט אין דער שול געפירט פולשטענדיק נאָרמאַל.

דער עלטערן-קאָמיטעט העלפט דער שול אין אַלע אירע אונטערנעמונגען.

אין יאָר 38/1937 האָט די שול פאַרלאָרן די אונטערשטיצונג פון שטאָטראַט. דער צ. ב. ק. צוזאַמען מיט די עלטערן און פריינד האָבן אָבער די שול איינגעהאַלטן.

אין יאָר 1938 איז ביי דער שול געגרינדעט געוואָרן אַן אַרבעט-צימער א"נ פון ב. קאַהאַן-ווירגילי, פאַרוואַלטער פון דער שול איז י. גראָסמאַן.

פאָלקשול א. נ. פון ל. גורוויטש

(אָרזשעשקאָ-פּלאַץ 7, קהילה-הויף)

אין יאָר 1915 האָט די געז' „קינדער-פאַר-זאָרגונג" געעפנט אַ „קינדערהיים פאַר יינגלעך" פון געליטענע פון דער וועלט-מלחמה.

נאָך דער דייטשער אָקופּאַציע, אין יאָר 1919, ווערט די קינדערהיים פאַרוואַנדלט אין אַ פאָלקשול און אונטערן נאָמען „פאָלקשול ל. גורוויטש" ווערט זי איינגעשלאָסן אין דער שולנעץ פון צ. ב. ק., וואָס גרינדעט זיך דעמאָלט.

די שול ווערט אַריבערגעפירט אין הויף פון דער קהילה, אויף אָרזשעשקאָ-גאַס, וואו זי געפינט זיך ביז היינטיקן טאָג.

די שול הייבט אָן צו וואַקסן און זיך אַנטוויקלען. די צאָל קינדער פאַרגרעסערט זיך, ביסלעכווייז ווערט זי פון אַ 4-קלאַסיקער — אַ 7-קלאַסיקע. די שול ווערט פּאָפּולער צווישן דער יוגנט פון די אָרעמקע פאָרשטעטלעך: קליין- און גרויס-שניפּישאָק, אַנטאָקאָל, לוקישקעס און זווערינעץ.

איצט ציילט די שול ביז 280 קינדער. די שול פאַרמאָגט אַ ביבליאָטעק פון 2500 יידישע און פּוילישע ביכער, אַן אייגענעם שפּילפּלאַץ, אַ שול-גאָרטן, וואָס איז הייער באַדייטנדיק פאַרגרעסערט געוואָרן, אַ קאָאָפּעראַטיוו.

ווינטערצייט איז אָפן אַ קלוב פאַר די עלטערע קלאַסן.

דער ווילנער מאַגיסטראַט האָט פון פאָריקן לערניאָר צוגענומען די סובסידיע אויף ווירטשאַפט-לעכע הוצאות, וואָס מ'האָט ביז איצט געהאַט: באַהייצונג, באַלייכטונג, באַדינונג (די דירה באַקומט די שול פון דער ווילנער קהילה אומזיסט, אויך געוויסע רעמאָנטן). עס איז אַ שווערער קלאַפּ פאַר דער שול, וואָס האָט אין אירע ווענט קינדער פון די אָרעמסטע פון דער יידישער באַפעלקערונג.

איצט ווערט געפירט אַן אַקציע צו עפענען ביי דער שול אַן אַרבעטס-צימער א"נ פון אַרקאַדי קרעמער.

פאַרוואַלטער פון דער שול איז י. מהרשק.

י. דינעזאָן-שול

(כאָצימער 10, קליין-שניפּישאָק)

אָנגעהויבן מיט אַ 50—60 קינדער און אַ פּאָר קלאַסן איז די י. דינעזאָן-שול אויסגעוואַקסן צו איר איצטיקער מדרגה — צו אַ שול מיט 200 קינדער און 6 גרונט-קלאַסן.

ליגנדיק אין האַרץ פון ביידע שניפּישאָקס — איז די י. דינעזאָן-שול לויט איר, אַזוי צו זאָגן, געאָגראַפישער לאַגע דורכויס אַ ראַיאָן-שול און איז באַרופן צו באַדינען די אַלע קינדער, וואָס וואוינען אויף יענער זייט פון גרינעם בריק.

לויט איר נאַטירלעכער און אָרגאַנישער אַנטוויק-לונג האָט די י. דינעזאָן-שול שוין לאַנג געקענט אויסוואַקסן צו אַ פולבלוטיקער זיבנקלאַסיקער פאָלק-שול, וואָס זאָל באַדינען ביידע שניפּישאָקס.

הייער איז פארווירקלעכט געווארן דער לאנג־יאריקער טרוים פון פעדראט און עלטערן—ביי דער שול איז געעפנט געווארן א 6־טער קלאס

פארוואלטער פון דער שול איז י. סעניצקי.

סאפ׳ע גורעוויטש ־ שול

(מאקאווע 5)

די סאפיע גורעוויטש־שול עקסיסטירט שוין 5 יאר ווי א זעלבשטענדיקע פאלקשול. פריער איז זי 25 יאר געווען פארבונדן מיט דער גימנאזיע.

ס. גורעוויטש איז געווען א פיאנערין ניט נאר צוליבן גרינדן און אנפירן די ערשטע מיטל־שול פאר יידישע קינדער, נאר צוליב די זוכענישן און אנווענדונגען פון נייע יסודות אין דער פעדא־גאגיק, אין די באציאונגען צום קינד און צו די עלטערן. דער גייסט האט זיך טיף איינגעווארצלט.

צו דער ספעציפישער אטמאספער פון דער שול געהערט דאס שטארק אנטוויקלטע עמאציאנעלע לעבן פון די קינדער, די באמיאונגען פון די לערער, אז יעדע פראבלעם, יעדן קאמפלעקס, וואס די קינדער באארבעטן, זאלן זיי ניט נאר אויסלערנען, נאר איבערלעבן. פון דאנען שטאמען די אפטע יום־טובים אין דער שול. די קינדער פילן כסדר, אז אין דער שול איז אינטערעסאנט און פרייליך, און דאס הייבט זייער באציאונג צו דער ארבעט.

ווי דער בעסטער מוסטער קען צוו״אנד. דינען דער דורכגעפירטער חודש פון בוך אין 1938. (זע „שול־פריינד״ 1938).

די שול באמיט זיך אויף אפטע עלטערן־פארזאמלונגען דורך שמועסן און רעפעראטן אריינ־צוציען די עלטערן אין אלע שול־פראבלעמען, און אזוי ארום האט זי געשאפן א גרעסערן קרייז פון אינטעליגענטע באוואוסטזיניקע מיטארבעטער.

די שול האט די ערשטע זיך איינגעשאפט אן ארבעט־צימער און א נאטור־צימער.

די צאל קינדער איז פון 80 געוואקסן ביז 260. די ערשטע 2 קלאסן זיינען פאראלעלע.

פארוואלטערין פון דער שול איז דבורה פריידקעס־הרושאווסקי.

ספעציעלע שול

(ארזשעשקא 7, ביי דער ס. גורעוויטש־שול)

די רעזולטאטן פון 8 יאר ארבעט האבן איבערצייגט אין דער צוועקמעסיקער פעדאגאגישער טעטיקייט מיט גייסטיק אפגעשטאנענע קינדער.

דער דעקרעט פון בילדונגס־מיניסטער פון 3, 8, 1936 פאדערט אויסצוטיילן אין ספעציעלע שולן די קינדער פארדעכטיקטע אין גייסט. אפגע־שטאנענקייט.

די ווילנער יידישע געזעלשאפט דארף טייער האלטן די ספעציעלע שול פאר יידישע קינדער.

פארוואלטערין פון דער שול איז ד״ר וויטע לעווין.

(זע דעם גענויעם ארטיקל פון ד״ר וויטע לעווין וועגן דער ספעציעלער שול אין דעם זאמלבוך „15 יאר צב״ק״).

אין די אלע שולן פון צב״ק לערנען זיך איצט 2200 קינדער.

קינדער־ביבליאטעק

(וועגן דעם קומט א באזונדער ארטיקל פון שייגע קולקעס אין דעם אלמאנאך).

קינדער־גערטנער

פריערדיקע יארן האט דער צב״ק געהאט אין ווילנע אויך עטלעכע קינדער־גערטנער. צוליב דער שווערער מאטעריעלער לאגע האבן זיך ליידער די אלע קינדער ־ גערטנער געשלאסן. איצט עקסיס־טירט אין ווילנע א פריוואטער קינדערגארטן אין יידיש פון שעוועליאוויטש־קאץ, ווארען און מארגאליס.

דער קינדער־גארטן איז פעדאגאגיש אוועקגע־שטעלט זייער גוט און געניסט פון דעם צוטרוי פון דער יידישער באפעלקערונג. נאכן ענדיקן דעם קינדער ־ גארטן גייען די קינדער זיינע אריבער אין די שולן פון צב״ק.

יידיש לערנט מען אויך אין דעם קי.דער־גארטן פון אנא וויגאדסקי, וועלכער איז אוועקגעשטעלט לויט דער מאנטעסארי סיסטעם.

*

די אלע יידיש ־ וועלטלעכע אנשטאלטן ווערן אנגעפירט און אויסגעהאלטן פון צענטראלן בילדונגס־קאמיטעט (צב״ק), וועלכער איז געגרינדעט געווארן דעם 17טן מאי 1919.

דער צב״ק ווערט געבילדעט פון פארשטייער פון געזעלשאפטן, פראפ׳־פאראיינען און קולטור־ארגאניזאציעס, וועלכע אנערקענען די יידישע שול, פארשטייער פון די פעד׳ ראטן, עלטערן־קאמיטעטן. די אלע פארשטייער בילדן דעם פלענום פון צב״ק. דער פלענום טיילט אויס פון זיך א קאמיטעט, דער קאמיטעט — א פרעזידיום, וועלכע פירן אן מיט דער ארבעט.

אין פרעזידיום פון צב״ק קומען איצט אריין:

ד״ר ה. קאווארסקי (ערן ־ פארזיצער), אנא ראזנטאל (פארזיצערין), ב. האלפערין, י. אראנאוויטש

(סעקרעטאַר), מ. יעווזעראָוו, אַ. סטאַרבעקער, א ריינהאַרץ, ה. שניידער, א מעכאַניק, אַדוו׳ י. טייטעל, חיים וואַלט, ש. באַסטאָמסקי און ג. פֿלודערמאַכער.

אויסער די מיטגלידער פֿון פּרעזידיום גייען נאָך אַריין אין קאָמיטעט:

אַדוו׳ י. טשערניכאָוו, ד״ר א. יאַבראָוו, ד״ר ל. פּאָמעראַנץ, זלמן רייזען, ל טורבאָוויטש, נחום וואַפּנער, בער ווידמאַן, ש. וואַסערמאַן, מ. זשאַבינסקי, א. כוואָיניק, בלעכמאַן, י. דאָנסקאָי, י. לעווויט און י. זובאָוויטש.

דער אויספֿיר-אַפּאַראַט באַשטייט פֿון אַ פֿאַרוואַלטער מיט די ענינים און אַ געהילף (לעצטנס 2). מיט די ענינים פֿון צב״ק האָבן ביז איצט אָנגעפֿירט די ח״ח: י. רובין, מ. שור, י. דובאָווסקי, ח. פּופּקאָ, י. גראָסמאַן, מ. יאָפּע, איצט — י. ראָאָוויטש.

דער פּעד׳ אינסטרוקטאָר פֿון צב״ק איז זינט 1937 דער ח׳ ג. פֿלודעדמאַכער.

זינט דעם ערשטן שול-צוזאַמענפֿאָר איז דער צב״ק ענג פֿאַרבונדן מיט דער ציש״אָ און באַקומט דורך איר אַ געוויסן טייל פֿון זיין בודזשעט.

די פּעד׳ אַרבעט ווערט אויך געפֿירט אין ענגן קאָנטאַקט מיט דער ציש״אָ.

דער אַלגעמיינער גייסט פֿון די ווילנער יידישע שולן (אויך פֿון דער ווילנער פּראָווינץ) איז די גאַנצע צייט אַן אַנדערער ווי אין די אי-בעריקע ציש״אָ-שולן. די ווילנער שולטוער האָבן די גאַנצע צייט געשטרעבט דערצו, אַז די יידישע שול זאָל ווערן אַ פֿאָלקס-ענין. ווילנע האָט זיך אויסגעאַרבעט איר אייגענעם נוסח, דעם אַ״ג „נוסח ווילנע“.

די לעצטע פֿאַר יאָר מערקט זיך אַפֿילו פֿון געוויסע קרייזן אַ טענדענץ צו פֿאַרבייגן דעם נוסח ווילנע, צוצופּאַסן זיך וואָס מער צום נוסח וואַרשע. ווילנע אָבער לאָזט זיך ניט. זי האַלט זיך עקשנותדיק ביי איר נוסח, און זי איז גערעכט.

עלטערן-קאָמיטעטן

אַ היפּשע אַרבעט ס׳ן דער בויאונג און אויפֿהאַלטונג פֿון די ווילנער יידישע שולן האָבן אַריינגעלייגט די עלטערן פֿון די קינדער, וואָס האָבן זיך געלערנט אין די שולן און זייערע אָרגאַניזאַציעס — די עלטערן קאָמיטעטן און דער צענטראַלער עלטערן קאָמיטעט (צעק).

דער צעק האָט אַ געוויסע צייט (צוזאַמען מיטן צב״ק) געפֿירט אַ קולטור-אַרבעט צווישן דער עלטערנשאַפֿט. לעצטנס באַגרענעצט זיך זיין אַרבעט בלויז מיט דער זאָרג פֿאַר דער קאָלאָניע פֿאַר שוואַכע קינדער. די קאָלאָניע איז געגרינדעט געוואָרן אין 1926. יעדן זומער גייען דורך דורך איר 250 שוואַכע קינדער.

די קאָלאָניע טראָגט איצט דעם נאָמען פֿון ב. קאַהאַן-ווירגילי.

שול-קאָמיטעטן

פֿאַר דער צייט, וואָס די שולן עקסיסטירן, זיינען נאָך געווען פּרובן צו שאַפֿן ביי יעדער שול שול-קאָמיטעטן, וועלכע זאָלן זאָרגן וועגן די נויטן פֿון יעדער שול באַזונדער. אין איינינקע שולן (קופּערשטיין-שול, שאַבאַד-שול, ר״ג) האָבן די קאָמיטעטן אַרויסגעוויזן אַ לעבעדיקע טעטיקייט. ליידער האָבן זיך ביי אייניקע שולן די קאָמיטעטן ליקווידירט. די מאַטעריעלע לאַגע פֿון דער שול ווערט וואָס ווייטער אַלץ שווערער. נאָך מער איצט, ווען ס׳איז געפֿאַלן דער אַנטיסעמיטישער באַשלוס פֿון שטאָטראַט אין גאַנצן אָפּצונעמען ביי די יידישע שולן די סובסידיע, געפֿינען זיך די שולן אין נאָך אַ גרעסערער געפֿאַר.

אַלע פֿאָלקס-כוחות מוזן דעריבער איצט אויסגענוצט ווערן כּדי צו קומען צו הילף דער יידישער שול אין איר גורל-שעה. יעדער איינער מוז העלפֿן איינהאַלטן דעם הערלעכן קולטור-בנין, וואָס איז אויפֿגעבויט געוואָרן און דורכגעטראָגן געוואָרן דורך די שווערסטע צייטן מיט אַזוי פֿיל מי און מסירת נפֿש.

שיינע קולקעס

די קינדער־ביבליאָטעק בײַם צענטראַלן בילדונגס־קאָמיטעט

די קינדער־ביבליאָטעק איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1909 ביי דער געזעלשאַפט „קינדער־פאַרזאָרגונג", בראש פון וועלכער ס איז געשטאַנען ד"ר קאָוואַרסקי.

ביז יאָר 1915 האָט די ביבליאָטעק פאַרמאָגט נאָר רוסישע ביכער. פון 1915 אָן, אין צוזאַמענהאַנג מיטן אָנטשטיין פון דער יידישער שול, וואַקסט אויך די פאָדערונג אויפן יידישן בוך און די ביבליאָטעק שאַפט זיך איין יידישע ביכער. ביסלעכווייז שטופט דאָס יידישע בוך אַרויס די ביכער אויף אַנדערע שפּראַכן און פאַרנעמט דעם ערשטן אָרט.

אין יאָר 1919 ווערט ליקווידירט די געזעלשאַפט „קינדער־פאַרזאָרגונג", און די קינדער־ביבליאָטעק גייט אַריבער צום צענטראַלן בילדונגס קאָמיטעט. פון דאַן אָן נעמט די ביבליאָטעק כסדר וואַקסן, ס'איז אַ גרויסער צופלוס פון לייענער און אַ לעבעדיקע באַוועגונג פון ביכער.

די ביבליאָטעק פאַרמאָגט בײַם היינטיקן טאָג 20.232 ביכער. פון דעם 9532 יידישע, פוילישע 4900, העברעאישע 1300 און רוסישע 4500. רוסישע ביכער ווערן, פאַר די לעצטע צען־עלף יאָר, כמעט אינגאַנצן ניט געלייענט. דעם אָרט פון די רוסישע ביכער פאַרנעמען די פוילישע, וועלכע מ'האָט אָנגעהויבן איינקויפן אין 1923 יאָר.

מיט דער ביבליאָטעק באַנוצן זיך תּלמידים פון שולן פון אַלע ריכטונגען, אויך אַזעלכע קינדער און יוגנטלעכע, וועלכע לערנען זיך ניט אין קיין שול, סעמינאַריסטן, שילער פון פּראָפעסיאָנעלע שולן און בכלל יוגנטלעכע ביז 20 יאָר.

לויט די לערן־אַנשטאַלטן ווערן די לייענער פאַרטיילט אויף פאָלגנדן אופן: תּלמידים פון יידיש־וועלטלעכע שולן מאַכן אויס 25,4 פּראָצענט, העברעאישע שולן 20,4 פּראָצענט, יידיש־פוילישע שולן 25,9 פּראָצענט, יוגנטלעכע אַרבעטער און אַזוינע, וועלכע באַזוכן ניט קיין שול 27,6 פּראָצענט.

לויט דער באַשעפטיקונג פון די עלטערן מאַכן אויס קינדער פון אַרבעטער און אָנגעשטעלטע 19,9 פּראָצענט, האַנטווערקער 10,6 פּראָצענט; קרעמער און סוחרים 42,2 פּראָצ', אינטעליגענטע פּראָפעסיעס — 3,9 פּראָצענט, אומבאַקאַנטע פּראָפעסיעס 17,6 פּראָצענט. לויטן עלטער: קינדער ביז 15 יאָר 72,7 פּראָצענט, פון 16 ביז 20 יאָר 27,8 פּראָצענט.

פאַר די לעצטע יאָרן האָט זיך דער כאַראַקטער פון ביבליאָטעק אַ ביסל געביטן, ס'באַנוצן זיך מיט דער ביבליאָטעק ניט נאָר קינדער, נאָר אויך די יוגנט. דעריבער האָט די ביבליאָטעק איינגעשאַפט אויך אַ ליטעראַטור, וועלכע איז צוגעפּאַסט פאַר דער יוגנט.

דאָס לייענען פון די קינדער ווערט אָנגעפירט דורך די ביבליאָטעקאַרינס. די ביבליאָטעק שטעלט צונויף ביכער רשימות פאַר יעדן לערניאָר באַזונדער, וואָס ווערן קאָנטראָלירט דורך אַ לערער־קאָמיסיע.

פאַרן יאָר 1937 זיינען אין ביבליאָטעק אַרויסגעגעבן געוואָרן 58.286 ביכער אין יידיש, העברעאיש און פויליש.

פאַר די לעצטע יאָרן באַמערקט זיך אַ וואַקסנדער אינטערעס צום פוילישן בוך.

ביי דער ביבליאָטעק עקסיסטירט אַן אומזיסטער לייען־זאַל, וועלכער איז זייער פּאָפּולער בײַם קינדער־עולם. אַזוי למשל האָבן פאַרן 1937 יאָר געלייענט אין לייען־זאַל 11.000 קינדער, וועלכע האָבן זיך באַנוצט מיט 13.000 ביכער. אין לייען־זאַל קומען דאָס רוב קינדער פון די אָרעמסטע שיכטן, און דער גרעסטער טייל ביכער, וועלכע זיי לייענען זיינען יידישע (78,4 פּראָצ') און פוילישע (20,5 פּראָצ'). אין לייענזאַל גרייטן אויך צו די קינדער זייערע לעקציעס און באַקומען די נויטיקע ליטעראַטור צו זייערע שריפטלעכע אַרבעטן.

די ביבליאָטעק באַקומט אַ קליינע סובסידיע פון דער קהילה (100 גילדן אַ יאָר) און איז אָנגעוויזן כמעט אויף זיך אַליין.

פון 1930 יאָר אַרבעט ביי דער ביבליאָטעק אַ קאָמיסיע פון צ. ב. ק., וועלכע זאָרגט וועגן איר מאַטעריעלן מצב.

אין 1937 יאָר האָט זיך די ביבליאָטעק אַריבערגעקליבן אין אַ גרויסן, ליכטיקן לאָקאַל (זאַוואַלנע 21) און די צאָל לייענער וואַקסט כסדר. בײַם היינטיקן טאָג פאַרמאָגט די ביבליאָטעק איבער 1.000 לייענער.

שול־קולט אין ווילנע

שולקולט האָט זיך געגרינדעט אין יאָר 1928. ס'איז דאַן פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ דעקלאַראַציע, אונטערגעשריבן פון אַזעלכע פערזענלעכקייטן, ווי: ש. אַש, פּראָפ' ש. דובנאָוו, ד"ר י. שיפּער, ד"ר גרשון לעווין און אַ ריי אַנדערע. אין דער דעקלאַראַציע איז צווישן אַנדערן געזאָגט געוואָרן:

„אונדזער שול וויל זיין דער סינטעז פון די פאַרשיידענע טיפּן שולן, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אויף דער יידישער גאַס; אָן אַ פאַרטיי־שטעמפּל; דאָס יידישע קינד זאָל קענען דערצויגן ווערן ווי אַ פרייער מענטש און ווי אַ גאַנצער ייד; די יידישע שפּראַך זאָל זיין די הערשנדע שפּראַך, די שפּראַך פון אַלע לימודים; דאָס קינד זאָל ניט ווערן אָפּגעריסן פון זיין רייכן היסטאָרישן עבר; אַ געהעריק אָרט מוז אָפּגעגעבן ווערן פאַרן לימוד פון העברעאיש און תנ"ך" אאַז"וו.

לויט דער איניציאַטיווע פון פּעדאַגאָג און שולטוער י. גורעוויטש איז געגרינדעט געוואָרן אויף באַזיליאַנער 6 די ערשטע יידישע 8־קלאַסיקע קאָעדוקאַציע־שול ביים יידישן שול־ און קולטור־פאַרבאַנד „שול־קולט". שוין פון אָנהייב אָן איז די פּראָגראַם אין שול אַוועקגעשטעלט געוואָרן לויט די מאָדערנע פּעדאַגאָגישע מעטאָדן: יידיש איז דער לעבעדיקער קאָנטאַקט צווישן שול און היים, דער נאַטירלעכער פאַרוואַטער פון אויסלעבן זיך פון קינד, פון אַנטוויקלען זיינע גייסטיקע כּוחות. די יידישע ליטעראַטור באַהעפט דאָס קינד מיט אונדזערע וואָרט־קינסטלער, גיט אַן אַריינבליק אין לעבן פון די יידישע מאַסן, זייערע טרוימען און האָפענונגען, פרייד און טרויער, צער און צאָרן. יידישע געשיכטע וויקלט פאַנאַנדער פאַרן קינד אונדזער עבר, געקניפּט און געבונדן אויך מיט העברעאיש און תנ"ך. אָ־די לימודים ווערט אָפּגעגעבן מאַקסימום צייט. אין דעם פּרט איז „שול־קולט" אַ שול מיט דעם לערן־לשון יידיש, וואָס קניפּט אויך אָן די דערציאונג פון יידישן קינד מיט דער העברעאישער קולטור.

די אַלגעמיינע לימודים (אַריטמעטיק, געאָמעטריע, אַלגעבּרע, געאָגראַפיע און נאַטור, באָטאַניק, פיזיק, כעמיע, אַנאַטאָמיע און היגיענע פון מענטשן), און די פּוילישע לימודים (פּוילישע שפּראַך און ליטעראַטור, געשיכטע און געאָגראַפיע פון פּוילן, לימוד פון איצטיקן פּוילן) ווערן געלערנט לויט דער מלוכה־פּראָגראַם.

גרויס אַכט ווערט געלייגט אויך אויף די אַרטיסטישע לימודים — זינגען, צייכענען, אַרבעט; אויף דער פיזישער דערציאונג — דורך גימנאַסטיק, שפּילן, ריטמיק און אויף דער היגיענישער אויפפּאַסונג פון קינד.

די שול שטרעבט דורכצופירן דעם אַרבעטס־מעטאָד בנוגע אַלע לימודים דורך מאָדעלירן, צייכענען, קאָנסטרואירן, וואַרשטאַטן

קלוב, קאָאָפּעראַציע, ביבליאָטעק, אַליינפאַרוואַלטונג פון די קינדער דינען ווי די דערציונגס־ און אַנטוויקלונגס־ספערן פון קינד. דער שילער באַקומט פּאַקטישע געניטשאַפט, לעבט זיך אויס אין דער סביבה, אַנטוויקלט זיין כאַראַקטער אין קאָלעקטיוון צוזאַמענלעבן.

באַזונדערע קאָמיסיעס פאַר וואַנטצייטונגען, קק"ל, אָפּשפּאָרן א"א, קרייזלעך פאַר ליטעראַטור, היים־, פאָלק־ און א"י־וויסן געוויינען צו דאָס קינד צו זעלבסשטענדיקער אַרבעט, צו פאָרשן, דערגיין אַליין, פאַרענטפערן פראַגן מיט אייגענע כּוחות.

פון אַ באַזונדערס וויכטיקן באַדייט פאַר דער ספּעציעלער מוזיקאַלישער אויסבילדונג פון די קינדער זיינען די מאַנדאָלינען־ און בלאָז־אָרקעסטערס ביי דער שול (אַ געוויסע צייט געווען אויך אַ פידל־ און פּיאַנע־קלאַס). דער בלאָז־אָרקעסטער (אָנפירער וו. בעקער) האָט אויך געהאַט היפּשע עטלעכע דערפאָלגרייכע עפנטלעכע אַרויסטריטן.

מיט די דערגרייכונגען פון דער שול באַקענט מען זיך אויף די שולאָוונטן. דאָ ווערן דעמאָנסטרירט די אויפטוען אויף אַלע געביטן פון דער שולפּראַקטיק. אַ ריי אָוונטן האָט מען געמוזט אַפילו עטלעכע מאָל איבערחזרן. ס'זיינען געשטעלט געוואָרן אין יידיש: מענדעלעס „מסעות בנימין השלישי", „די טאַקסע"; פּרצעס „מאָניש"; פּינסקיס „פאַמיליע צבי"; אַנ־סקיס „די בּוק" (I אַקט); שלום־עליכמס „דאָס מעסערל", „חנוכּה־געלט" א. פיל אַנד. אויך אין העברעאיש: „דוד און גלית", „דבורה הנביאה", „החוטפים", „הילד המתחלה", „דמי חנוכּה", „פּרוטת הגאולה"; ווי אויך אין פּויליש.

דער אומדערמידלעכער עלטערן־קאָמיטעט (פאָרזיצער ה. קאָוואַרסקי) זאָרגט פאַרן בלאָז־אָרקעסטער, פאַר דער באַשוכונג, באַקליידונג און באַשפּייזונג פון הונדערטער שולקינדער. זומער האָבן די שולקינדער אַן אייגענע קאָלאָניע, וואו אַ פאַר הונדערט שילער פאַרברייינגען צווישן וואַלד, פעלד, בערגלעך און טאָלן. די קאָלאָניע ווערט אינספּעקטירט דורך דער וואָיעוואָדזשישער מאַכט.

די קינדער זיינען פון די ארעמסטע שיכטן פון דער ווילנער יידישער באפעלקערונג — פון טרעגער, מארקהענדלער, כאלופניקעס און האנט־ווערקער (שניידער, שטעפער, שוסטער) און ארבעטער. דער שכר־לימוד איז דעריבער א מינימאלער און דעקט זייער א באשיידענעם טייל פון בודזשעט. דאך ווערט קיין זאך ניט געשפארט איינצוהאלטן די שול אויף דער געהעריקער הויך און אלע מיטלען זיינען ניט שווער צו באזארגן די שול מיט אלץ, וואס איז איר נויטיק. דאס ווייסן אויך אפצושאצן די איבער 400 קינדער אין די 9 קלאסן און די 250 אביטוריענטן, וואס האבן די שול שוין געענדיקט, ווי אויך די 776 עלטערן פון די קינדער, וועמען ס׳פארטרעט דער עלטערן־קאמיטעט.

וועגן דער שול האבן זיך צווישן אנדערע אפגערופן מיט פאלגנדע ווארימע צריינשרייבונגען אין באזוכער־בוך פאלגענדע פערזענלעכקייטן:

ש. דובנאוו, אלול תרצ״ד 1934 — „איך האב שטענדיק ס׳מפאטיזירט מיט דער אידעע פון „שול־קולט״ — אן אוכפארטייאישע נאציאנאל־יידישע שול מיט דער יידישער לערנשפראך. איצט האב איך זוכה געווען צו זען די ווילנער פ״ש פון „שול־קולט״ און איך ווינטש איר פון טיפן הארצן, זי זאל ביישטיין אלע שוועריקייטן, וואס שטייען אויף איר וועג צום פארווירקלעכן דעם הויכן אידעאל״.

דוד פינסקי, 29 VII 1932 — „שול איז צוקונפט, איז ווייטערבוי. וואס מער שולן, אלץ פעסטער און האפנונגספולער דער ווייטערבוי פון פאלק. עס איז אזוי מיט יעדן פאלק, אבער נאך מער מיט דעם יידישן. און די יידישע שול איז די גרעסטע, אויב ניט די איינציקע גאראנטיע פון אונדזער קיום צווישן פעלקער״...

שלום אש, 7 VIII 31 — „איך האף, אז די יידישע שול איז די איינציקע צו געבן אייערע תלמידים די מעגלעכקייט אנצוהאלטן זייער יידישקייט און מענטשלעכקייט אין דעם שווערן וועג אין לעבן״...

וו. לאצקי־בערטאלדי, 2 III 31, (ריגע) — „נעמט צו א דאנק פאר דעם נחת־רוח, וואס איר האט מיר פארשאפט, געבנדיק מיר די געלעגנהייט צו באזוכן אייער שול. זאל דער דור, אזוי ווי איר האדעוועט אים, העלפן שאפן דעם הארמאנישן זיווג צווישן יידישיזם און העברעיזם״.

אויף דער וואך פון דער שול שטייט דער ווילנער קאמיטעט און ראט. די געזעלשאפטלעכע קאנטראל געהערט דער אלגעמיינער פארזאמלונג. דער יסוד פון מיטגלידערשאפט איז דער איינציקער, וואס איז מחייב ווי א פאסטולאט.

צום ראט געהערן: ד״ר י. וויגאדסקי, דיר. סעגאל, א. פרוזשאן, אל. קרוק, ז. קרינסקי, אינזש׳ א. קוניסקי, אינזש׳ א. קראשקין, אדוו. א. רודניצקי, י. שאפיר, אדוו. ה. זשוק, אינזש׳ ש. טראצקי, אדוו. ש. מילקאנאוויצקי. צום קאמיטעט געהערן: רעד. ח. לעווין — פארזיצער, א. זיידשנור און ראטמאן ב. בורשטין — וויצעפארזיצערס, י. ברעסלא — סעקרעטאר, קאוואַרסקי — קאסיר, ח. בלאנקשטיין. פארוואלטער י. גורעוויטש, י. גירשאווסקי, ד״ר א. ווירשובסקי, א. וויניק, וו. זיידשנור, י. טראצקי, י. כאנין, אדוו. ד. ליפקינד, רעד. ל. סטאצקי, ד. קראסבערג, א. רודניצקי, ל. רודענסקי, פארזיצער פון רעווידיר־קאמיסיע י. מארגאוויצקי, ב. פיעטו־כאווסקי, י. דובעקירער.



ישראל גורעוויטש

פארוואלטער פון ווילנער „שול־קולט״

ס׳עקסיסטירט א „קרייז יונגע פריינד פון „שול־קולט״ (פארזיצער י. ברעסלא), ביים קרייז האט זיך ספעציעל אויסגעטיילט אויך א סעקציע: „פריינט פון ווילנע״, אן עספעראנטא־קרייז, א דראמאטישער קרייז. (אנגעפירט דורך באריסאוו). אלע דערמאנטע קרייזן טוען זייער פיל אויף פאר דער שול.

*

די ווילנער אפטיילונג פון יידישן שול און קולטור־פארבאנד „שול־קולט״ ציילט 524 מיט־גלידער.

בכלל פארמאגט „שול־קולט״ אין לאנד 52 שולן און קינדערהיימען מיט 169 אפטיילונגען, אין וועלכע ס׳לערנען זיך 6519 שילער. אין ביבליאטעק־צענטער פון „שול־קולט״ זיינען איינגעשלאסן 62 ביבליא־טעקן, וועלכע פארמאגן 9473 לעזער און 60934 בענדער. דורך דער „שול־קולט״־צענטראלע ווערן אנגעפירט 12 אוונטשולן און 9 פאלקס־אוניווערסי־טעטן״. לעצטנס זיינען אויך געגרינדעט געווארן

ווילנער שול א. נ. פון ד. פינסקי



א ריי נאכמיטאג-שולן אין ווארשע, זאמבראוו, ביאלאראווסקא, קאסאוו-לאצקי.

די 207 לערער און דערציער פון ש״ק געהערן צום אלגעמיינעם יידישן לערער-פאראיין, וואס שטייט אויף דער וואך פון זייערע פראפעסיאנעלע, געזעלשאפטלעכע און קולטור-אינטערעסן. פארזיצער פון פאראיין איז א. ווייניק.

אין ווילנע ציילט דער אלג׳ ייד׳ פראפ׳ לערער-פאראיין 63 מיטגלידער.

דער אלגעמיינער יידישער לערער-פאראיין באקומט סובווענצן פון דער קהילה צוגלייך מיט די אנדערע לערער-פאראיינען און איז א גלייכער צד

ווילנער קאמיטעט פון „שול-קולט"



ס׳זיצן (פון לינקס): וו. זיידשנור, ח. בלאנקשטיין, י. גורעוויטש, רעד׳ ח. לעווין, א. זיידשנור, ר. לאסקאוו, י. מארגאוויצקי. ס׳שטייען פון לינקס: ל. רודענסקי, רעד׳ ל. סטאצקי, י. גירשאווסקי, ראזמאן, ב. בורשטיין, י. טראצקי, א. ווייניק. אויבן: ב. פזשעכאווסקי, ז. שיק, י. ברעסלא.

אין די אקציעס פון אלע דריי לערער-פאראיינען בנוגע דער קהילה.

*

די ווילנער שול פון „שול-קולט" ווערט אנגערופן אויפן נאמען פון יידישן שריפטשטעלער דוד פינסקי, וועלכער האט באזוכט אין 1936 די שול צוזאמען מיט זיין פרוי. די שול „האט" דאן דעם גאסט איינגעארדנט א פייערלעכן קבלת-פנים אויף א ספעציעלן אוונט אין זאל פון „קאנסערוואטאריע", וואו פינסקי האט געהאלטן א רעפעראט. נאכן אוונט איז אין דער שול פארגעקומען א גרויסער באנקעט מיטן. אנטייל פון דער ווילנער ליטעראַרישער משפחה.

*

אין 1937 האט ווילנער „שול-קולט" געפייערט דעם 50 יאריקן געבוירנטאג פון איר גרינדער און פארוואלטער י. גורעוויטש און גלייכצייטיק אויך דעם 30 יאריקן יובילײ פון זיין פעדאגאגיש-געזעלשאפטלעכער טעטיקייט און האט לכבוד א-דער פייערונג אנגערופן אויפן נאמען פון יובילאר דעם שול-ארויסלאז פון יענעם יאר. די פייערונג האט זיך אויך אויסגעדריקט אין א באנקעט פארן בעל-היובל, וועלכער האט באקומען מאסן באגריסונגען.

*

ווילנער „שול-קולט" האט פאר דער צייט פון איר עקסיסטענץ אויך געגרינדעט שולן אויף דער ווילנער פראווינץ, ווי קאבילניק, האראז־טעטש און מיר.

ס׳זיינען אויך געגרינדעט געווארן דורכן „שול-קולט" קינדער-גערטנער אין לידע און באראנאוויטש. חוצדעם שטייט „שול-קולט" אין פארבינדונג מיט א ריי אנדערע פונקטן פון ווילנער פראווינץ.

*

„שול-קולט" האט אויך אן אייגענעם הימן (פארפאסט דורך ל. סטאצקי), וועלכער ווערט געזונגען אויף אלע שול-אימפרעזעס און יומטובים פון דער שול.

מ. בערנשטיין

ווילנער יידישע בילדונגס־געזעלשאַפט [ווילבּיג]

די אַנטשטייאונג פון „ווילבּיג" ווערט באַצייכנט מיט 2 דאַטעס: 28-סטער אָקטאָבער 1922 און 20-סטער סעפּטעמבער 1924.

אויף אַ פּלענום פון די עלטערן־קאָמיטעטן פון די יידיש־וועלטלעכע שולן איז גערעדט געוואָרן, אַז דער בילדונגס־באַגאַזש, וואָס די קינדער טראָגן אַרויס פון דער פאָלקסשול (דאַמאָלסט אַ 8 קלאַסיקע), איז ווייט ניט גענוג פאַר דעם אַרבעטס־לעבן, וואָס עס שטייט זיי פאָר, און אַז מען מוז דערייבער גרינדן אַ שול פון אַ העכערער מדרגה, וואו די קינדער זאָלן קענען אין דער פרייער צייט פאַרזעצן זייער בילדונג.

ס'איז דאַן באַשלאָסן געוואָרן צו ווענדן זיך צום צענטראַלן בילדונגס־קאָמיטעט (צ. ב. ק.), וועגן גרינדן אַ דערגאַנצונג־שול פאַר די אַבסאָלווענטן פון די יידיש־וועלטלעכע שולן. דער צ. ב. ק. איז אָבער גראָד יענער צייט געווען געצוואונגען, צוליב מאַטעריעלע טעמיב, צו שליסן איינקע אַנשטאַלטן און במילא ניט געקענט עפענען נייע. דער ענין איז אָבער געווען צו ערנסט און ס'איז דעריבער געבליבן, אַז די עלטערן זאָלן גרינדן אַ געזעלשאַפט, וועלכע זאָל אויסגעפינען די נויטיקע מיטלען אויף אויסצוהאַלטן אַזאַ שול. אַזוי אַרום איז דעם 20 סעפּטעמבער 1924 פאָרגעקומען די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון ווילבּיג.

די ערשטע פאַר חדשים זיינען אַוועק אויף אָרגאַניזאַציע און ערשט אין דעצעמבער האָט זיך אָנגעהויבן די עפענטלעכע טעטיקייט פון דער נייער בילדונגס־געזעלשאַפט.

אָנגעהויבן האָט מען מיט שבתדיקע פרי־מאָרגנס. די רעזולטאַטן האָבן אַריבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען. די טעמעס — פּאָפּולער־וויסנשאַפט־לעכע, ליטעראַרישע און מוזיקאַלישע — האָבן צוגע־צויגן אַזאַ גרויסן עולם, וועלכער האָט ניט אַלע מאָל געקאָנט אַריינגיין אין די זאַלן.

דאָס האָט אָנגעהאַלטן ביז 1928, ווען צוליב מאַנגל אין לעקטאָרן האָט מען געמוזט די אודי־טאָריע אויפגעבן.

חוץ די שבתדיקע פרימאָרגנס זיינען אויך געגרינדעט געוואָרן בילדונגס־קורסן. זיי האָבן אָנגעהאַלטן אין משך פון די יאָרן 1925—1927, די קורסן זיינען געווען וועגן דער יידישער אַלטער און נייער ליטעראַטור, העכערע מאַטעמאַטיק, נאַטור, יידיש פאַר דערוואַקסענע, אויך ליטעראַטור און געשיכטע פאַר דער אַקאַדעמישער יוגנט. די קורסן פלעגן פאָרקומען 2—3 מאָל אַ וואָך אין די אָוונט־שעהן, צו 2 שעה אַן אָוונט. ס'איז אויך געווען אַ ציקל לעקציעס וועגן דער נייסטער יידישער ליטעראַטור אין די יאָרן 1927—1929, וועלכע זיינען געווען זייער פּאָפּולער און פלעגן ציען אַן עולם פון 250—300 מענטשן (אויף די שבתדיקע פרימאָרגנס ביז 500).

אין די יאָרן 1927—1934 האָט ביי ווילבּיג אויך עקסיסטירט אַ סקויטישער קינדער־קלוב „בין", וואָס האָט געהאַט דעם ציל — אָנהייבן דעם איבערבוי פון יידישן לעבן אויף נייע יסודות דורך אַנטוויקלען ביי די קינדער זעלבסשטענדיקייט, דרייסטקייט, אַקטיווקייט — מיט אָריענטאַציע אויף אַרבעט בכלל און ערדאַרבעט בפרט.

במשך די יאָרן 1929—1932 האָבן ביי ווילבּיג אויך עקסיסטירט וויסנשאַפטלעכע קורסן, וועלכע האָבן געהאַט דעם צוועק צו דערהייבן דעם וויסנשאַפטלעכן באַגאַזש פון דעם אַבסאָלווענט פון דער יידיש־וועלטלעכער פאָלקסשול. די וויסנשאַפטלע־כע קורסן האָבן געהאַט אויסגעאַרבעטע פּראָגראַמעס, קאָנצעסיאָנירט דורכן קוראַטאָריום און האָבן געטראָגן אַ כאַראַקטער פון אַ פאָלקס־אוניווערסיטעט פאַר שילער און פרייע צוהערער.

אין די יאָרן 1932—35 האָבן ביי ווילבּיג אויך עקסיסטירט אָוונט־קורסן פאַר יוגנטלעכע מיט לימודים פון יידיש, פּויליש און חשבון.

אין דער ערשטער העלפט 1936 זיינען צוגעגרייט געוואָרן, צוויי גענוי אויסגעאַרבעטע שול־פּראָגראַמעס: די ערשטע פון אַ פאָלקסשול פאַר יוגנטלעכע, וועלכע האָבן אַזאַ ניט פאַרענדיקט און די צווייטע פון אַ העכערע פאָלקסשול פאַר אַבסאָל־ווענטן פון פאָלקס־שולן. ביים אָנהייב פון די שוליאָרן 1936/37 און 1937/38 האָט די פאַרוואַלטונג געמאַכט באַמיאונגען די דאָזיקע שולן צו עפענען. לײדער האָט זיך דאָס איר ניט איינגעגעבן.

במשך פון איר באַלד 15 יאָריקער עקסיסטענץ האָט ווילבּיג געגרינדעט העכער 20 אָפּטיילונגען, אין דער ווילנער פּראָווינץ, און הגם די גרעסטע טייל טראָגט שוין ניט מער דעם נאָמען פון ווילבּיג אָבער דער

תּוך, די זאָרג פֿאַר דער יידישער וועלטלעכער שול איז געבליבן.

פֿיל זאַכן, וואָס ווילבּיג האָט געשאַפֿן, זיינען נאָכער איבערגענומען געוואָרן דורך אַנדערע ניי־געגרינדעטע געזעלשאַפֿטן.

פֿון זומער 1925 האָט ווילבּיג אָנגעהויבּן לערנען ווילנע אַרויסצוגיין מחוץ דער שטאָט, און אָנשטאָט דעם „טעליאַטניק" מיט דער בּערנאַרדינקע, וואו מען פֿלעגט זיך אין די שבּתים און יום־טובים אָנשלינגען מיט שטויבּ בּיזן האַלדז — בּאַווייזן איר פֿעלדער און וועלדער, טייכן און לאָנקעס און אַ הימל — גרויס ווי די וועלט! און עס האָט זיך אָנגענומען—ווילנע האָט אָנגעהויבּן גיין. אַ דאַנק דעם א״ז שפּעטער אַרויסגערופֿן געוואָרן צום לעבּן די יידישע לאַנדקענטשאַפֿט געזעלשאַפֿט (ווילג).

אין די שבּתים פֿלעגן גאַנצע מחנות קינדער בּאַלאַגערן דעם טעאַטער אויף נאָוויגאָרעד 8, און גראָד בּשעת עס פֿלעגן שפּילן טרופּעס, וואָס מיט זייערע אויפֿפֿירונגען האָבּן זיי די קינדער פּשוט פֿאַרסמט. איז געקומען די פֿאַרוואַלטונג פֿון ווילבּיג, האָט געעפֿנט אַ קינדער־אוידיטאָריע — און געטראָפֿן אין פּינטל. ליידער האָט דער לאָקאַל ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט אַריינצונעמען אַפֿילו אַ העלפֿט פֿון דעם קינדער־שטראָם, וואָס איז צו אים געפֿלאָסן אין די שבּתים. שפּעטער האָבּן זיך שוין געפֿונען נאָכטוער פֿון ווילבּיגס „אָנהויבּ".

דער ווילבּיג־כאָר, וועלכער איז די קרוין פֿון דער געזעלשאַפֿט (זע וועגן אים אַ בּאַזונדער אַרטיקל), האָט אַרויסגערופֿן צום לעבּן אַ ריי יידישע פֿאָלקס כאָרן אויפֿן שטח פֿון ווילנער קאַנט און די שכנותדיקע פּראָווינצן. דער גרעסטנסטער פֿון זיי איז דער כאָר פֿון דער ווילבּיג־אָפּטיילונג אין דוגילאָוויטש.

אַן אויסטו פֿון ווילבּיג איז אויך דער מאַנדאָלינען־אָרקעסטער אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דיריגענט חיים ליכטזאָן.

*

ס'שטייען נאָך אויפֿן סדר־היום פֿאַר ווילבּיג וויטערדיקע אויפֿגאַבּן, למשל:

1) די דערגאַנצונג־שול פֿאַר די אַבּסאָלווענטן פֿון די יידישע שולן מוז געשאַפֿן ווערן, כּדי עמך זאָל זיין בּכּוח צו געניסן פֿון דער יידישער און אַלגעמיינער וויסנשאַפֿט. די בּיז אַהעריקע פּרובּן צו שאַפֿן אַזאַ אינסטיטוציע האָבּן זיך אמת ניט איינגעגעבּן. אָבּער דאָס הייסט ניט — אַז מען דאַרף ניט אָנהייבּן פֿון דאָס ניי.

2) די פֿאָלקסשול איז ווי אַ קאָנוס: מיט יעדער עלטערן קלאַס ווערט די צאָל שילער וויניקער, ווייל ווייט, ניט אַלע עלטערן האָבּן די מעגלעכקייט אויסצוהאַלטן זייערע קינדער אין שול בּיז צום פֿאַרענדיקן. שטייט דעריבּער פֿאַר ווילבּיג די אויפֿגאַבּע צו עפֿענען אַ פֿאָלקסשול פֿאַר אָט די דאָזיקע ניט דערפֿאָרענע, וואָס זאָל זיי געבּן די מעגלעכקייט, ניט אָפּרייסנדיק זיי פֿון זייער טאָג־טעגלעכער אַרבּעט, צו פֿאַרענדיקן כאָטש די פֿאָלקסשול און אפשר אויך אַריבּערגיין אין דער דערגאַנצונג־שול.

3) די פֿאָלקסשול־קינדער פֿון דער יידישער אָרעמקייט קומט אויס צוצוגרייטן זייערע לעקציעס אין שלעכטע דירה־בּאַדינגונגען. ווילבּיג האָט דעריבּער בּדעה צו שאַפֿן אַ מין נאָכמיטאָג־היים, וואו די קינדער זאָלן קענען אין וואַרעמקייט און ליכטיקייט צוגרייטן זייערע לעקציעס, בּיי דעם בּייזיין פֿון לערער, וועלכע זאָלן געבּן השגחה אויף זייער אַרבּעט און בּאַהילפֿיק זיין מיט אויפֿקלערונגען.

אָט די אויסגערעכנטע איצט דריי פּונקטן שטייען אויפֿן סדר־היום די ערשטע. דאַן קומט נאָך צו די זאָרג פֿאַר דער לויפֿיקער אַרבּעט: קינדער־אוידיטאָריע, שפּראַך־קורסן, לעקציעס, אויספֿלוגן אאַז״וו.

אָט דאָס איז ווילבּיג און אַזוי זעט אויס איר טעטיקייט.

י. מילאַקאָווסקי

ווילביג־כאָר

אין יאָר 1926 איז, אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון אייניקע געזעלשאַפטלעכע טוער מיטן באַקאַנטן מוזיקער און דיריגענט אברהם סליעפּ בראָש, געשאַפן געוואָרן אין ווילנע אַ מאַסן־כאָר, וועלכער האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער יידישער בילדונגס־געזעלשאַפט (ווילביג) און איז שפּעטער פּאָפּולער געוואָרן מיטן נאָמען „ווילביג־כאָר".

אַ דאַנק דער גלענצנד דורכגעפירטער ווערביר־אַקציע איז צריינגעצויגן געוואָרן אין כאָר אַ יוגנט, וואָס האָט זיך מייסטנס רעקרוטירט פון אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. אָ דער עלעמענט פלעגט, נאָך אַ גאַנצן טאָג צרבעט אין פאַבריק און וואַרשטאַט, אַראָפּוואַרפן פון זיך די וואָכעדיקייט און קומען אין די אָוונט־שעהן אויסזינגען זיין ליד.

אברהם סליעפּ
דיריגענט פון ווילביג־כאָר

דער דיריגענט א. סליעפּ האָט אָנגעווענדט זיין גאַנצע ענערגיע, בכדי אויפצובויען און אויפצוהאַלטן ביז היינטיקן טאָג די דאָזיקע געזאַנג־פּאָזיציע. ער האָט געשאַפן אַ ריין־קינסטלערישן כאָר מיט אַ וועלטלעכן אינהאַלט און מיט אַ הויכער מוזיקאַלישער קולטור. אַ די געזאַנג־פּאָזיציע איז די גאַנצע צייט געוועזן טעטיק אָן איבעררייס

ביים היינטיקן טאָג פאַרנעמט שוין דער ווילביג־כאָר אַ חשובן אָרט אין דער יידישער ווילנע, אין דעם צענטער פון דער יידישער קולטור־באַוועגונג. די יידישע ווילנע פאַרמאָגט אַ סך קולטור־אַנשטאַלטן מיט וועלכע זי קען שטאָלצירן און דער ווילביג־כאָר איז איינער פון זיי.

יידישע וועלטלעכע כאָרן בכלל זיינען אין פּוילן פאַראַן זייער ווייניק. דער ווילביג־כאָר רעכנט זיך ביים היינטיקן טאָג פאַר איינעם פון די רעפּרעזענטאַטיוו, יידישע קינסטלערישע כאָרן אין פּוילן.

יעדער אויפטריט פון כאָר ווערט באַצייכנט ווי אַ געשעעניש אין דער ווילנער יידיש מוזיקאַלישער וועלט. די יידישע און פּוילישע פּרעסע רופט זיך יעדן מאָל אָפּ מיט באַגייסטערונג וועגן די קינסטלערישע דערגרייכונגען פון כאָר.

דער ווילביג־כאָר ציילט היינט איבער 100 מיטגלידער מענער און פרויען.

פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין עקסיסטענץ זיינען דעם כאָר דורכגעגאַנגען עטלעכע הונדערט מיטגלידער, וועלכע זיינען איצט צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. אייניקע פון זיי האָבן אפילו געמאַכט אַ מוזיקאַלישע קאַריערע, אַלס דיריגענטן, אָפּערן־זינגער, חזנים אז״ג.

דער רעפּערטואַר פון כאָר באַשטייט פון 120 לידער, וואָס טיילן זיך אויף פאָלקס־לידער, אָריגינעלע יידישע, אַרבעטער־לידער, קלאַסישע פראַגמענטן פון אָפּערעס און אָראַטאָריעס, ווי אויך פאָלקס־לידער פון אַנדערע פעלקער, ווי צ״ב פּוילישע, ווייסרוסישע א״אַנד — אין דער יידישער איבערזעצונג.

אין משך פון די 13 יאָר האָט דער כאָר געהאַט קרוב 50 קאָנצערטן. 12 קאָנצערטן זיינען פאַרגעקומען אויסער ווילנע, ווי וואַרשע, לאָדז, ביאַליסטאָק, גראָדנע א״אַנד שטעט פון פּוילן.

דער ווילביג־כאָר האָט דער ערשטער דורכגעזונגען דאָס יידישע וואָרט אין געזאַנג אין פּוילישן ראַדיאָ. אַ דאַנק דעם ווילביג־כאָר האָבן זיך דאָס ערשטע מאָל דורכן פּוילישן ראַדיאָ פונאַנדערגעטראָגן די קלאַנגען פון יידישן פאָלקס־ליד.

ווי ווייט עס גרייכט די פּאָפּולאַריטעט פון ווילביג־כאָר באַווייזט דער פאַקט, וואָס אין יאָר 1937 האָט דער קאָמיטעט, וועלכער האָט איינגעאָרדנט דעם פּאַוויליאָן פון דער יידישער קולטור אויף דער פּאַריזער וועלט־אויסשטעלונג, זיך געווענדעט צום ווילביג־כאָר, אַז ער זאָל צושיקן אַריינגעזונגענע דורכן כאָר גראַמאָפאָן־פּליטן, כדי צו קענען דעמאָנסטרירן פאַר דער גרויסער וועלט יידיש פאָלקס־געזאַנג.

דער ווילביג־כאָר האַלט אָן אַ שטענדיקן קאָנטאַקט אויך מיט אַנדערע יידישע כאָרן אין לאַנד און אויסלאַנד, וועמען ער דינט מיט אָנווייזונגען,

דער ווילביג-כאָר

ווי אויך מיט רעפּערטואַר. לויטן מוסטער פון ווילביג-כאָר זיינען אַנטשטאַנען אין דער ווילנער געגנט אַ סך יידישע פאָלקס-כאָרן.

פון צייט צו צייט ווערן פאַרן כאָר אויך איינגעאָרדנט לעקציעס און פאָרטראָגן אויף פאַרשיידענע מוזיקאַלישע טעמעס. עס ווערן אויך אָרגאַניזירט געמיינזאַמע באַזוכן אויף מוזיקאַלישע און קולטור-אימפּרעזעס.

י. גערשטיין

דער גערשטיין-כאָר

דער כאָר האָט אָנגעהויבן זיין אַרבעט אין פעברואַר 1932. די ערשטע זעקס יאָר האָט ער עקסיסטירט ביי דער געזעלשאַפט „פריינד פון דער רעאַל-גימנאַזיע ביים צענטראַלן בילדונגס-קאָמיטעט אין ווילנע". פון מערץ 1938 אָן האָט ער זיך אָרגאַניזירט ווי אַ סעקציע ביים ווילנער „מכּבי". דער כאָר איז אַ געמישטער, די זינגער רעקרוטירן זיך פון אַרבעטנדיקער יוגנט, אָנגעשטעלטע, שטודירנדיקער יוגנט. מיט גאָר קליינע אויסנאַמען, זיינען דאָס אַלץ געוועזענע שילער פון יידיש-וועלטלעכע שולן. ווי אין אַלע ליבהאָבער-כאָרן איז אויך ביי אונדז די צאָל זינגער ניט קיין פעסטע: עס גייען אַוועק זינגער, און עס קומען צו נייע. פאַר די 7 יאָר זיינען דורכן כאָר דורכגעגאַנגען עטלעכע הונדערט מאַן. ביי היינטיקן טאָג ציילט דער כאָר איבער 70 מיטגלידער.

דער כאָר פאַרמאָגט אַ רעפּערטואַר פון צענדליקער לידער: פאָלקסלידער און ווערק פון די קאָמפּאָזיטאָרן אייזנשטאַט, אַלמאַן, אַנצעוו, אַרכאַנגעלסקי, באָראָדין, גאָלדפאַדן, גלוק, [illegible]עלבאַרט,

גרעטשאנינאוו, דארגאמיזשסקי, הירשין, הענדעל, וויינער, ווְלאדימירסקי, זילבערטס, טייטלבוים, טשייקאווסקי, כייפעץ, ליאוו, מענדעלסאן-בארטאלדי, סוויעשניקאוו, פאזנער, פאלאנסקי, פייוווזשיס, קאנטסקי, רובין, שובערט, שומאן, שייפער און שקליאר. צו די טעקסטן — אריגינעלע און איבערזעצונגען — פון מ. בראדערזאן, א. גאלדפאדן, מ. ל. האלפערן, ד. האפשטיין, ש. וואולמאן, ח. וויינערמאן, ת. זשיטלאווסקי, א. ליעסין, מאני לייב, מנחם, ל. ניידוס, ב. סאראבסקי, י. ל. פרץ, אי. פעפער, ש. קאהאן, מ. קולבאק, א. רייזען און ב. שאפיר.

אויף אלע ארויסטריטן פון כאר ווערט אפגעהיט דער כלל, אז אין פראגראם זאלן אריגינעל-יידישע לידער זיין אין אן איבערוועגנדיקער צאל. אויף אייניקע ארויסטריטן זיינען די פראגראמען באשטאנען אין גאנצן פון יידישע ווערק. גרויס אכט ווערט געלייגט אויפן יידישן פאלקסליד.

מיט די ענינים פון כאר פארנעמט זיך א כאר-קאמיסיע, וואס ווערט געקליבן יעדן יאר פון די זינגער גופא. די כאר-קאמיסיע פירט אויך אן א קולטורעלע ארבעט צווישן די כאריסטן, ארדנט איין מיט זיי אויספלוגן, שפאצירן, באזוכן אויף

געשטיינס-כאר

ביז איצטער איז דער כאר עפנטלעך ארויסגעטראטן 26 מאל, סיי אויף אייגענע אימפרעזעס, סיי אויף אונטערנעמונגען פון קולטור-געזעלשאפטן, פאראיינען, שולן, אויף פייערונגען פון שרייבער אאז״וו. א דאנק די באמיאונגען פון ניט לאנג פארשטארבענעם אהרן מארק, האבן די ווילנער יידישע כארן באקומען די מעגלעכקייט צו איין מאל אין יאר זינגען פארן מיקראפאן פון ווילנער פוילישן ראדיא. דער כאר האט אין ראדיא געזונגען דריי מאל, אין די יארן 1934—1936, ביז ס׳איז אפגענומען געווארן אויך אט די קליינע הנחה.

טעאטער-פארשטעלונגען און מוזייען, אויסשטעלונגען, קולטור-אינסטיטוציעס און פאבריקן.

אין פעברואר 1937, צו 5 יאר כאר, איז געווארן ארויסגעלאזט א לידערבוך א״נ „רעפערטואר פון י. גערשטיינס כאר אין ווילנע, לידער פאר א געמישטן כאר״. אין בוך גייען אריין די פולע טעקסטן און פארטיטורעס פון 13 לידער, וואס ווערן געזונגען פון כאר. א דאנק דער ענערגישער מיטהילף פון כארפריינד און פון געוועזענע שילער פון רעאל-גימנאזיע, איז די לידער-זאמלונג זיך פונאנדערגעגאנגען איבער אלע לענדער, וואס פארמאגן

יידישע ישובים, אין אַ צאָל פון קרוב 700 עקזעמפּלאַרן.

איצט גרייט דער כאָר און האָפט אין גיכן אַרויסצולאָזן אַ צווייטע לידער־זאַמלונג, וואָס וועט זיין געהייליקט דעם ליכטיקן אָנדענק פון איבער־געגעבנסטן פריינד פון כאָר אַ ה ר ן מ אַ ר ק. מיט זיין טויט האָט דער כאָר פאַרלאָרן זיין אַקטיווסטן פריינד־מיטהעלפער. אַליין אַ מוזיקאַלישער, מיט אַ פיינעם חוש פאַר אַ ליד, האָט ער אַרויסגעוויזן אַ באַזונדער ליבע און צוגעבונדקייט צום כאָר און האָט מיט זיין גאַנצער ענערגיע מיטגעהאָלפן אין אַלע כאָר־אימפּרעזעס, אויך ביים פאַרשפּרייטן דעם לידערבוך. צום בוך, וואָס וועט זיין געווידמעט זיין אָנדענק, האָט ער נאָך אויך באַוויזן צוצולייגן אַ האַנט און שאַפן פאַר אים אַ געוויסע צאָל אַבאָנענטן

אַ היפּשע צאָל לידער פון כאָר־רעפּערטואַר ווערט געשמאַק געזונגען פון דער יוגנט אין ווילנע און פּראָווינץ; און זינט עס איז אַרויס די לידער־זאַמלונג פון כאָר, האָבן זיי זיך פאַרשפּרייט ווייט הינטער די גרענעצן פון ווילנע. גינסטיקע אָפּרופן וועגן לידערבוך זיינען געווען אָפּגעדרוקט אין די „ליטעראַרישע בלעטער", אין „נייע פאָלקסצייטונג" און אין נאָך יידישע צייטונגען. בריוו מיט וואַרעמע אָפּרופן וועגן דעם לידערבוך האָט די כאָר־פאַרוואַל־טונג באַקומען פון באַקאַנטע מוזיקער און דיריגענטן: פון לאַזאַר ווײַנער (דיריגענט פון אַרבעטער־רינג־כאָר אין ניו־יאָרק) יעקב גלאַטשטיין (דיריגענט פון „צוקונפט"־כאָר אין וואַרשע), ישראל פּייוויש יס (דיריגענט פון כאָר „שיר" אין לאָדזש) און אַנדערע.

די גרעסטע צאָל לידער, וואָס דער כאָר זינגט, האָט ווילנע אין כאָראַלער אויספירונג געהערט צום ערשטן מאָל. דער רעפּערטואַר פון כאָר באַשטייט סיי פון גרייטן מאַטעריאַל, וואָס איז שוין פון פריער געדרוקט געווען אין פאַרשיידענע לענדער, סיי פון ווערק, וואָס זיינען געשריבן אויף דער באַשטעלונג פון דיריגענט. פאַרן כאָר האָבן געשריבן מוזיק די קאָמפּאָזיטאָרן עליע טייטלבוים און הערץ רובין (ביזן סוף יאָר 1938 געאַרבעט אין פּוילן, איצטער — אין ניו־יאָרק), פאַרן כאָר איז אויך איבערגעזעצט געוואָרן אַ גרויסע צאָל לידער פון אייראָפּעאישע קאָמפּאָזיטאָרן. דער שטענדיקער איבער־זעצער פאַרן כאָר (פון רוסיש, דייטש, ווייסרוסיש און ציגיינעריש) איז דער כאָריסט, דער מיטגליד פון „יונג ווילנע" שימשון קאַהאַן. עס האָט זיך אויך פריינדלעך אָפּגערופן און צוגעשיקט זיינע איבערזעצונגען דער דיכטער משה בראָדערזאָן. די שטענדיקע אַקאָמפּאַניאַטאָרין פון כאָר איז די גאַנצע צייט רחל סילין־הערשמאַן. ס'איז כדאַי צו באַמערקן, אַז די אַלע אָקאָרשט אויסגע־רעכנטע פריינד טוען זייער אַרבעט פאַרן כאָר אָן קיין שום באַלוינונג, און דער כאָר פילט צו זיי אַ טיפע דאַנקבאַרקייט.

די זינגער פון כאָר זיינען אַלע, אָן אויסנאַם, ליבהאָבער. קיין פּראָפעסיאָנאַלן זיינען אין כאָר ניטאָ. צו די עפנטלעכע אַרויסטריטן זיינען אויך קיין מאָל צו הילף ניט צוגעצויגן געוואָרן קיין פּראָפעסיאָנאַלן; און דאָס וואָס דער עולם הערט אויף די אַרויסטריטן, איז אין דער פולסטער מאָס אַ רעזולטאַט פון אייגענער ליבהאָבערישער אַרבעט, אָן קיין צופּוצונג.

צו אַלע אייגענע אימפּרעזעס האָט דער כאָר אַרויסגעלאָזן געדרוקטע פּראָגראַמען מיט פולע טעקסטן פון די לידער און מיט קורצע ידיעות וועגן זייערע קאָמפּאָזיטאָרן.

יאַנואַר 1939.

דער יידיש־מוזיקאַלישער אינסטיטוט

דער ווילנער יידיש־מוזיקאַלישער אינסטיטוט איז געגרינדעט געוואָרן דורך דער יידישער קונסט־געזעלשאַפט אין ווילנע אין יאָר 1925.

מיט דער אידעע צו שאַפן אַ יידישע קאָנסער־וואַטאָריע איז אַרויסגעקומען דער פאָרזיצער פון דער דערמאָנטער געזעלשאַפט ד״ר ד. יעדוואַבניק.

דער ציל פון דעם אינסטיטוט איז צו פאַרשפרייטן מוזיקאַלישע קונסט צווישן די יידישע מאַסן. דער גרעסטער פּראָצענט פון זיינע שילער זיינען טאַקע קינדער פון די ברייטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

זיין דערפאָלגרייכע אַנטוויקלונג האָט דער אינסטיטוט צו פאַרדאַנקען דעם גליקלעכן צופאַל, וואָס אין ווילנע האָבן זיך באַצייטנס געפונען אַזעלכע ערשטראַנגיקע פּעדאַגאָגישע און קינסט־לערישע כּוחות, ווי פּרוי ט. גירשאָוויטש

ד״ר ד. יעדוואַבניק

פאָרזיצער פון קונסט־געזעל׳ און גרינדער פון מוזיק׳־אינסטיט.

ה. קאָוואַרסקי, א. ראָזענקראַנץ־פייגוס, ע. איגדאַל, י. קרושאַנקאַ, פּ. קרעווער, י. ברומבערג, ז. אַלבאָם, ע. טאָטענגרעבער־מאַק, ש. בערשטעלמאַן, ל. אַלבאָם, א. קאַנטאָראָוויטש, אַ. סליעפּ א״אַנד. אָ די גרופּע קינסט־לער, פאַרשיידן אין זייער מוזיקאַלישן סטיל, אָבער מיט אויסגעשפּראָכענעם כאַראַקטער און אינדיווידואַ־ליטעט, האָט פאַראייניקט אין איין משפּחה די ענערגיע פון ד״ר יעדוואַבניק און פון זיינע נאָענטע מיטאַרבעטער, וואָס האָבן כּסדר געהיט די געזעל־שאַפטלעכע ליניע פון מוזיקאַלישן אינסטיטוט.

איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן פון אינסטיטוט איז אויך קאָלעקטיווירן יידישע מוזיק.

ביים היינטיקן טאָג האָבן מיר אַ קאָלעקטיוו געשולטע מוזיקער, וואָס זייער נאָענטסטע אויפגאַבע וועט זיין: שאַפן, זאַמלען, קולטיווירן און פאַרשפּרייטן די יידישע פאָלקס־מוזיק.

איצט, ווען דער אינסטיטוט שטייט אויף אַ פעסטן באָדן און האָט שוין אַרויסגעלאָזן אַ גאַנצן דור אַבסאָלווענטן, וועט די אַרבעט פאַר דער יידישער פאָלקס־מוזיק זיין די גרונט־ליניע פון דעם צווייטן דור שילער אין משך פון די נאָענטסטע יאָרן.

פאַר די פאַרלאָפענע 14 יאָר האָבן דעם אינסטיטוט באַזוכט ביז 500 שילער, פון וועלכע 30 האָבן אים געענדיקט. די דאָזיקע אַבסאָלווענטן זיינען געוואָרן די פאַרשפּרייטער און פּאָפּולאַריזאַטאָרן פון דער ערנסטער קלאַסישער מוזיק, און אַזוי אַרום האָבן זיי ווייטער פאַרגעזעצט די אידעאַלן און די אַרבעט פון זייערע לערער.

פאַר די 14 יאָר פון זיין עקסיסטענץ האָט דער אינסטיטוט פאַרלאָרן 4 פּראָפעסאָרן: העלענע קאָוואַרסקי, ז. אַלבאָם, ע. טאָטענגרעבער־מאַק און ש. דוגאָווסקי. אויף זייער אָרט זיינען פאָלגענדע געענדיקטע אַבסאָלווענטן געוואָרן אין אינסטיטוט פּראָ־פעסאָרן: ד. מאַרגאָליס־האַלפּערן, א. וויזון־גאַלינסקי, י. רעכדיק, ר. ברודניאַק־קאַדושין, ס. ליפשיץ און ר. גאָלדבלאַט.

דער אינסטיטוט האָט זיך ניט צופרידנגעש־טעלט בלויז מיט פּעדאַגאָגישער, דידאַקטישער און דערציערישער אַרבעט. ער האָט אויך ניט דורכגעלאָזט קיין שום געלעגנהייט, וואו די שילער זאָלן קענען אַרויסטרעטן פאַר אַן אויטאָריטעטער מוזיקאַלישער עפנטלעכקייט. ער שיקט זיינע שילער אויף די אינטערנאַציאָנאַלע מוזיק־קאָנקורסן, וואו זיי האָבן אַלעמאָל אַ גרויסן דערפאָלג. אויף דעם קאָנקורס פון יונגע טאַלאַנטן אין וואַרשע אין 1934 האָט אַ שילער פון מוזיקאַלישן אינסטיטוט, אַ פידלער, באַקומען אַן אויסצייכענונג פון גענעראַל ווראָבלעווסקי, און אַ שי־לערין, אַ זינגערין, האָט באַקומען אַ פּרעמיע אויפן ווינער קאָנקורס.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָבן די שילער פון אַלע קלאַסן געגעבן אין וואַרשע 4 קאָנצערטן, וועלכע האָבן אַרויסגערופן אין דער וואַרשעווער פּרעסע באַגייסטערטע אָפּקלאַנגען און מיינונגען וועגן די אויפטוען פון די קלאַסן פאַר קלאַוויר, פידל און געזאַנג ביים יידישן מוזיקאַלישן אינסטיטוט אין ווילנע.

אַ וויכטיקן אָרט אין דער אַרבעט פון אינס־טיטוט האָבן אויך פאַרנומען די אָפּערעס אויף יידיש, וועלכע די שילער האָבן אויסגעפירט ווי: „טראַוויאַטאַ“,

„האַלקאַ“, „קאַרמען“, „טאָסקאַ“, „מאַדאַם בוטערפּליי“ און „אאידאַ“*.

די שולמאַכט האָט עטלעכע מאָל געשיקט אירע פאָרשטייער אויפן פאַרהער פון די שילער, און יעדעס מאָל איז די מיינונג געוועזן זייער אַ גוטע. יעדן יאָר אָרדנט־איין דער פאַראיין פון אַלע מוזיק־שולן אין פוילן, אין וואַרשע, אַזוי גערופענע צווישן־שול קאָנצערטן. אויף די דאָזיקע אַרויסטרעטונגען צייכנט זיך אויך אויס אונדזער אינסטיטוט, כמעט שטענדיק אויפן ערשטן אָרט.

פאַר די 14 יאָר פון זיין עקסיסטענץ איז דער יידישער מוזיקאַלישער־אינסטיטוט געוואָרן אַ וויכטיקער קולטור־פאַקטאָר אין דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן קולטור לעבן אין ווילנע.

אָנפירער און דירעקטאָר פון אינסטיטוט איז די גאַנצע 14 יאָר אָן איבעררייס דער באַוואוסטער מוזיקער־פּראָפעסאָר רפאל רובינשטיין.

* דאָ מוז באַמערקט ווערן, אַז דאָס ערשטע מאָל האָט געפּרוּווט אָרגאַניזירן אַ יידישן אָפּערן־טעאַטער אין ווילנע דער אָפּערן־קאָמיטעט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן נאָך אין יאָר 1922 ביי דער דעמאָלסטיקער געז׳ פון יידישע פאָלקס־מוזיק. יענער קאָמיטעט האָט אָבער לאַנג ניט עקסיסטירט. ער האָט בלויז באַוויזן צושטעלן אין יידיש די אָפּערע „יעווגעני אָנעגין“ (אין דער איבערזעצונג פון א. י. גראָדזענסקי). טייל פון די גרינדער פון דערמאָנטן אָפּערן־קאָמיטעט זיינען עס שפּעטער געוואָרן די גרינדער פון איצטיקן יידיש מוזיקאַלישן אינסטיטוט.

פאַרוואַלטונג און מיטגלידערשאַפט פון דער קונסט־געזעלשאַפט

U—S.

יידישער ספּאָרט אין ווילנע

קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי — פאַרזיצער

אויב מיר ווילן האָבן אַ באַגריף וועגן דעם יידישן ספּאָרט אין אונדזער שטאָט, דאַרפֿן מיר זיך באַקענען מיטן שורש פון דער באַוועגונג — דעם יידישן טורן־ און ספּאָרט־פאַראיין „מכבי".

אין יאָר 1916, אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע, איז ביי אַ גרופּע יידישע יונגע לייט אויפֿגעקומען דער געדאַנק צו שאַפֿן אַ יידישן ספּאָרט־קלוב. אויפן סטאַטוט וואָס מען האָט דערלאַנגט דער מאַכט צו לעגאַליזירן זיינען געווען געחתמעט ד"ר י. רעגענסבורג, אַדוו' שמשון ראָזענבוים (דער פאַרשטאָרבענער ליטווישער קאָנסול אין ארץ־ישראל, בשעתו אַן אָנגעזעענער אַדוואָקאַט), אינזש' קלעבאַנאָוו, מ. סאָלאָוויי, א. גלעזער, ח. גליאַט.



ל. ווײמאַן — וויצע־פאַרזיצער

די ערשטע טריט פון „מ כ ב י" זיינען געווען זייער שווערע. ניט האָבנדיק קיין אייגענעם לאָקאַל איז מען געווען אַ לענגערע צייט נע־ונד: אָנגעהויבן פון „תלמוד תורה", אַריבער אין תורת אמת, זומער געאַרבעט אין זאַקרעטער וואַלד אד"גל. דער אינטערעס פון דער יוגנט צו דער נייער אָרגאַניזאַציע איז גלייך פון אָנהייב געווען זייער אַ גרויסער, אָבער דאָך האָט „מכבי" אַרומגענומען אַ דינעם שיכט און אַ לאַנגע צייט געמוזט פירן אַ שטאַרקע אויפקלערונגס־אַרבעט וועגן דער וויכטיקייט פון פיזישער אַנטוויקלונג.

אין 1919 ווען מכבי האָט זיך דערשלאָגן צו אַן אייגענעם ווינקל אין קולטורהויז אויף פּאָליציי־געסל, האָט די אָרגאַניזאַציע שוין פאַרמאָגט אַ היפּשע צאָל גימנאַסטישע גרופּעס און אויסגעשולטע אינסטרוקטאָרן, ווי מירסקי, סאָלאָוויי, גליאַט, גלעזער, שאוועל, קאַפּעליושניק, וועלכע האָבן אָן געהאַלט געפירט די טורן־אַרבעט און אין אַ היפּשער מאָס מיטגעווירקט צו דער אויפהאַלטונג און פּאָפּולאַריטעט פון „מכבי". דאָס האָט מען אַרויסגעזען אויף די יערלעכע גימנאַסטישע אַרויסטריטן, וואָס זיינען דאַן געווען אמתע יום־טובים.



ד"ר א. גלאָבוס — פאַרשטאָרבענער לאַנגיאָריקער פאַרזיצער

די ערשטע ספּאָרט־סעקציע נאָך גימנאַסטיק איז געווען די לייכטאַטלעטיק. זי איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1921, אָנגעהויבן טרענירן אין דער ליפּן־אַלעע אין זאַקרעטער וואַלד אונטער דער אָנפירונג פון אינסטרוקטאָר מירסקי און גלייך ביים ערשטן אויפטריט אין בערנאַרדינער גאָרטן זיך קונה שם געווען מיט גוטע רעזולטאַטן. דער נצחון פון די יידישע לייכטאַטלעטן (בולקין, קיסין א"א) האָט אין יענער צייט פון פאַרשאַרפטע נאַציאָנאַליטעטן־באַציאונגען געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. פון דאַמאָלסט אָן האָט די סעקציע, מיט קליינע הפסקות, זיך כסדר אַנטוויקלט און דערגרייכט איר קולמינאַציע־פּונקט אין יאָר 1930, בשעת די מכביסטין סאָניע לעווין איז געווען פּוילישע מייסטערין אין קוילנוואָרף, האָט רעפּרעזענטירט פּוילן אויף אינטערנאַציאָנאַלע פאַר־

וועטונגען און פּרויען-אָלימפּיאַדע און איז אויסגעצייכנט געוואָרן דורך דעם מלוכה-פּרעזידענט.

כמעט איינצייטיק מיט דער לייכטאַטלעטיק איז אויפגעקומען אין „מכבי“ די פוטבאָל-סעקציע, וואָס האָט דעביוטירט 1922 אויפן זאַקרעטער פּלאַץ אין אַ מאַטש מיט די פּוילישע אַקאַדעמיקער און גלייך זיך דערשלאָגן אַ בכבודיקן רעזולטאַט פון 1:1. די מכביסטן זיינען גיך געגאַנגען פאָרויס, גענומען די מייסטערשאַפט פון קלאַס B, אַריבער אין A און געשפּילט אַ דאָמינירנדיקע ראָלע אין ווילנער ספּאָרט. די מכבי-מאַטשן פלעגן צוציען טויזנטער מענטשן, וואָס פלעגן ווערן מיטגעריסן פון דער שפּיל.

דעם ערשטן ספּאָרטפּלאַץ האָט „מכבי“ געהאַט אויף פּאָדגורנער גאַס (געעפנט געוואָרן אין יאָר 1922 אין בייזיין פון שלום אַש), דאַן אַריבער אויפן פּלאַץ וויוואולסקי (אין 1924), וואָס זי האָט, ניט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן, איינגעהאַלטן ביז היינט צו טאָג.

אין 1927 איז „מכבי“ געוואָרן פוטבאָל-מייסטער פון ווילנע. אַ ריי יאָרן נאָך דעם געווען וויצע-מייסטער און אין 1937 — ווידער מייסטער, דער איינציקער יידישער פוטבאָל-מייסטער אין גאַנץ לאַנד.

אַ סך אויפמערקזאַמקייט האָט „מכבי“ אָפּגעגעבן דער פּראַגע פון אויסשולן אינסטרוקטאָרן. שוין אין יאָר 1921 איז געשאַפן געוואָרן אַ גרעסערער קורס מיט 40 אָנטייל-נעמער. עס איז אויך דורכגעפירט געוואָרן אַ קורצטערמיניקער קורס פאַר ווילנער לערער. אין יאָר 1922 איז פאָרגעקומען אַ 2 חודשדיקער קורס, אָנגעפירט פון ז. רוסעצקי (דאַן וואַרשע, איצט — ארץ-ישראל), אין יאָר 1927 — אַ דריטער לויט דער ריי אינסטרוקטאָרן-קורס אָנגעפירט פון ה׳ טשיזשעווסקי (אינסטרוקטאָר פון פיזישער דערציאונג ביים שול-קוראַטאָריום) א״א. פון די קורסן זיינען אַרויס צענדליגער געשולטע לערער פון גימנאַסטיק וואָס זיינען נאָך איצט טעטיק סיי אין פּוילן, סיי אין דער ברייטער וועלט (פראַנקרייך, ארץ-ישראל, פּססר, ליטע א״אַ).

אין 1925 איז אויפגעקומען די רודער-סעקציע פון „מכבי“, וואָס איז זיך פאַר דער צייט פונאַנדער-געוואַקסן אין דעם גרעסטן צווייג פון דער אָרגאַניזאַציע. די סעקציע פאַרמאָגט היינט צו טאָג אַן אייגענעם בנין ביי דער ווילִיע, אַ פלאָטיליע פון איבער פופציק פאַרשיידענע שיפלעך, אַ שווימבאַסיין און אַ גרויסע מיטגלידערשאַפט, וואָס איר צאָל גרייכט אין סעזאָנצייט ביי 700—800 מענטשן. די סעקציע פירט די לעצטע יאָרן זייער אַ אינטענסיווע אַרבעט, גיט זיך ספּעציעל אָפּ מיט דער פּראָפּאַגאַנדע פון שווים-ספּאָרט און האָט אויף דעם געביט גרויסע פאַרדינסטן.

אַ וויכטיקער קולטורצווייג אין דער טעטיקייט פון „מכבי“ איז דער בלאָז-אָרקעסטער, געשאַפן אין יאָר 1923. דער אָרקעסטער ציילט 25 מיטגלידער, האָט אַ רייכן רעפּערטואַר, איז פיל מאָל אַרויסגעטראָטן מיט דערפאָלג אויף פאַרשיידענע קאָנצערטן און אין ראַדיאָ, זיך באַטייליקט (אין יאָר 1925) אין אַלפּויליש קאָנקורס פון יידישע בלאָז-אָרקעסטערס אין וואַרשע און פאַרנומען דעם דריטן אָרט. דער אָרקעסטער ווערט איצט אָנגעפירט דורך דעם יונגן מוזיקער ע. טייטלבוים און שטייט אויף אַ הייכער מדרגה.

די קולטור-אַרבעט פון „מכבי“ איז לעצטנס פאַרברייטערט געוואָרן דורך דער שאַפונג פון אַ נייער סעקציע פאַר כאָרגעזאַנג. דער כאָר אונטער דער אָנפירונג פון י. גערשטיין ציילט איבער 70 מיטגלידער און איז זייער פּאָפּולער אין שטאָט (זע וועגן כאָר באַזונדער).

אַ נייע סעקציע אין „מכבי“ איז אויך שאָך, וואָס גרופּירט די בעסטע יידישע שפּילער פון ווילנע מיטן ווילנער מייסטער באָרקום בראש.

אַ רירעוודיקע אַרבעט ווייזן אַרויס די מכבי-ציקליסטן. די סעקציע איז איינע פון די עלטסטע אין „מכבי“, געגרינדעט נאָך אין 1922. די ציקליסטן אָרדענען איין אָפטע אויספלוגן אין דער אַרומיקער געגנט, נעמען אָנטייל אין אַלגעמיינע פאַרוועטונגען. הייער האָבן די ציקליסטן איינגעפירט אַ נייס: ביי יעדן באַזוך אין דער פּראָווינץ ברענגען זיי ביכער-מתנות פאַר די אָרטיקע ביבליאָטעקן, וואָס ווערט זייער וואַרעם אויפגענומען דורך דעם קליינעם שטעטל.

עס זיינען אויך טעטיק אין „מכבי“ סעקציעס פאַר באַזועגלעכע שפּילן, נאַרטעס, האָקיי און באָקס.

חוץ דער אַקטיווער ספּאָרט-אַרבעט פירט „מכבי“ אַ געהעריקע פּראָפּאַגאַנדע פאַר פיזישער דערציאונג, האָט אַרויסגעלאָזט אַ ריי אויסגאַבעס, איינגעאָרדנט פאַרשיידענע לעקציעס, אַקאַדעמיעס אד״גל. אָרגאַנּיזירט אויך די פּראָווינץ (אין 1924) איז וועגן דעם פאָרגעקומען אַ ספּעציעלע קאָנפערענץ).

*

די אַרבעט פון „מכבי“ ווערט געפירט אין זייער שווערע באַדינגונגען. „מכבי“ באַקומט ניט פון קיינעם קיין שום אונטערשטיצונג און איז אָנגעוויזן בלויז אויף די אייגענע כוחות און אויף דער סימפּאַטיע פון דער יידישער באַפעלקערונג. „מכבי“ האָט דורכגעלעבט און לעבט אויך איצט אַדורך שווערע צייטן. ניט איין מאָל האָט זיך געדוכט, אַז די אָרגאַניזאַציע

צענטראַלע פאַרוואַלטונג פון ייטס״פ „מכבי״ אין ווילנע



ס׳זיצן פון רעכטס: ח. גליאָט, מ. אורמאַכער, ד. קאַפּלאַן-קאַפּלאַנסקי, ל. ווײַמאַן, י. נאַדעלמאַן.
עס שטייען פון רעכטס: ל. סטרילאָווסקי, ל. גיטין, קעסלער, האַלצמאַן, פּאַרבעראָוו, פּ. פּאַנאַרסקי,
ל. מינסקער (געשעפטס-פירער). ס׳פעלט: אַדוו׳ י. פּערלשטיין.

וואַקלט זיך אין אירע יסודות, אָבער דער מוט און די איבערגעגעבנקייט פון די פּילצאָליקע מיטגלידער און סימפּאַטיקער פלעגן גובר זײַן אַלע שוועריקייטן. אין אָט די מאָמענטן האָט מען אַרויסגעזען, אַז „מכבי״ איז טיף פאַרוואָרצלט אין ווילנער יידישן פאָלקס-לעבן, איז געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל פון דער יידישער ווילנע. „מכבי״ איז היינט אַ גרויסע פאָלקס-אָרגאַניזאַציע, וואָס שטיצט זיך אויף 22 יאָר אַרבעט, איז דער שורש פון דער יידישער פיזקולטור-באַוועגונג אין אונדזער שטאָט, האָט אויסגעהאָדעוועט אַ נײַעם דור יידישע יוגנט.

די נײַע יידישע ספּאָרט-אָרגאַניזאַציעס * וואָס זײַנען די לעצטע יאָרן אויפגעקומען אין ווילנע, זײַנען אַן אויפבלי פון די קערנער וואָס זײַנען געוואָרפן געוואָרן דורך „מכבי״ מיט קרוב אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק.

---

* „הפועל״—אַן אַרבעטער-קלוב (די צווייטע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע „מאָרגנשטערן״ האָט צוליב אומאָפּהענגיקע סיבות געמוזט זיך אָפּשטעלן אין דער טעטיקייט). דער ספּאָרטקלוב בײַ דער ראַדיאָ-פאַבריק „עלעקטריט״ (יידן און ניט-יידן), דער יידישער אַקאַדעמישער ספּאָרטקלוב יאַסק און פאַרשיידענע ספּאָרט-סעקציעס בײַ די באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס.

דער ייִדישער סטודענט אויפֿן ווילנער אוניווערסיטעט און זײַן אָרגאַניזאַציע

דער ייִדישער סטודענטן-פֿאַראיין, אָדער ווי ער הייסט לויטן אָפֿיציעלן נאָמען: „פֿאַראיין פֿאַר קעגנזײַטיקער הילף פֿאַר די ייִדישע סטודענטן פֿון ווילנער אוניווערסיטעט" איז געגרינדעט געוואָרן אין אָקטאָבער 1919. דער סטאַטוט פֿון פֿאַראיין איז דורך דעם אַקאַדעמישן סענאַט געוואָרן באַשטעטיקט דעם 29טן יוני 1929 מיטן צוגאָב, אַז די פֿאַרהאַנדלונגס-שפּראַך און ביוראָ-שפּראַך איז פּויליש. אין קעגנטייל צום סטאַטוט פֿון אַלגעמיינעם סטודענטן-פֿאַראיין, לויט וועלכן ס'קענען צו אים ניט געהערן סטודענטן פֿון משהס גלויבן, דערלויבט דער סטאַטוט פֿון ייִדישן ס"פּ צו געהערן צו אים יעדן סטודענט פֿון ווילנער אוניווערסיטעט.

דער ערשטער קוראַטאָר פֿון פֿאַראיין איז געווען פּראָפֿ' זאַוואַדסקי. דער ערשטער פֿאָרזיצער ח' זילבערבאַך. די ערשטע פֿאַרוואַלטונג האָט זיך פֿאַרמאָסטן אויף אַ ברייטער אַרבעט, וואָס האָט געדאַרפֿט אַרומנעמען אויסער זעלבסטהילף אויך קולטורעלע טעטיקייט. ס'איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ קרײַז צו פֿאָרשן די ייִדישע ליטעראַטור אונטער דעם אָנפֿירונג פֿון לערער גיליגיטש.

אין אַפּריל 1921 האָט מען געדונגען דעם 1טן 3 צימערדיקן לאָקאַל, אָרגאַניזירט אַ לייען זאַל און אַ ביבליאָטעק (די ערשטע 222 ביכער האָט געשענקט ה. מאַץ). ביז 1922 פֿלעגן די ניט פֿאַרמעגלעכע ייִדישע סטודענטן עסן ביליקע מיטאָגן אין דער קיך בײַ „טאָז", אָבער אין יאַנואַר 1922 האָט מען שוין אָרגאַניזירט אַ קיך אין אייגענעם לאָקאַל.

דער פֿאַראיין האָט אויך געשטרעבט צו אַ צוזאַמענאַרבעט אויפֿן קולטור-באָדן מיט די סטודענטן פֿון אַלע נאַציאָנאַליטעטן. מ'האָט געשאַפֿן אַ „נאַציאָנאַליטעטן-קלוב" צו וועלכן עס האָבן געדאַרפֿט געהערן ייִדן, פּאָליאַקן און ווײַסרוסן. אָבער דער קלוב האָט קיין טעטיקייט ניט אַרויסגעוויזן און איז שפּעטער בטל געוואָרן. דאַקעגן איז פֿאָרגעקומען אַ אידעאישע דיפֿערענצירונג צווישן די ייִדישע סטודענטן גופֿא. ס'איז אַנטשטאַנען דער ציוניסטישער „ארץ ודרור", דערנאָך דער „אומאָפּהענגיקער פּראָגרעסיווער פֿאַרבאַנד", דאַן אַ גרופּע: „רעאַלע אַרבעט", וואָס האָט געצילט צו זײַן אומאָפּהענגיק פֿון די אידעאישע קרײַזן. ס'זײַנען אויך אַנטשטאַנען לאָקאַלע קרײַזן, ווי „ראַדאָמער קרײַז", „ביאַליסטאָקער קרײַז", „לידער קרײַז" אאַז"וו, און די שפּעטערדיקע יאָרן איז צוגעקומען אַ „פּועל-ציוניסטישער" קרײַז, אַ קרײַז: „קדימה", אַ „בונדישער" קרײַז אַ גרופּע: „סאַק", אַ „רעוויזיאָניסטישע גרופּע, וועלכע האָט אַפֿילו אין 1932 דערפֿירט צו אַ קאָמיסאַרישע פֿאַרוואַלטונג אין ס"פּ. אָבער דאָס איז אַ געשיכטע פֿאַר זיך.

אין מאַי 1922 האָט דער ס"פּ דורכגעפֿירט די |טע וואָך פֿאַרן ייִדישן אַקאַדעמיקער און אַרויסגעגעבן אַ פּראָפּאַגאַנדע-בראָשור „פֿאַרן ייִדישן אַקאַדעמיקער". „טאָז" האָט דאַן געגעבן דעם פֿאַראיין אַ לאָקאַל אויף פּאָלאָווע 4 אויף אַ „בורסע". די „בורסע" האָט זיך געמוזט אין אַ קורצער צײַט אַרום ליקווידירן צוליב מאַנגל אין מיטלען.

אינק 1923 יאָר איז אַנטשטאַנען בײַם ס"פּ דער „ייִדישער אַקאַדעמישער ספּאָרט-קלוב" און דער פֿאַרמאַצעווטן קרײַז. דער ס"פּ נעמט אָנטייל אין די אַלוועלטלעכע אַקאַדעמישע צוזאַמענפֿאָרן. אין 1925 ווערט אַרויסגעשיקט אַ דעלעגאַציע אויפֿן אַלוועלטלעכן קאָנגרעס אין אַנטווערפּן (ד"ר שמעטערלינג און אַדוו' דרייער). מ'האָט באַשלאָסן אויפֿן פֿאָרשלאָג פֿון פּ. קאָן אַרויסצוגעבן אַ פּעריאָדישע אויסגאַבע אָבער ס'איז דערפֿון גאָרניט געוואָרן.

אין 1925 ווערט אָרגאַניזירט די קראַנקן-קאָסע בײַם ס"פּ. זי האָט געשלאָסן אָפּמאַכן מיט די ייִדישע דאָקטוירים, דענטיסטן און אָפּטייקן און אויף אַזאַ אופֿן געזיכערט די אַקאַדעמיקער מעדיצינישע הילף פֿאַר אַ מינימאַלן אָפּצאָל. זי אָרגאַניזירט אויך זומער-קאָלאָניעס. במשך דער צײַט האָט דער פֿאַראיין געוואַנדערט פֿון איין לאָקאַל אין צווייטן. אַ גרויסן לאָקאַל האָט דער ס"פּ געהאַט אין קריינגלס הויז אויף לודוויסאַרסקע 4 (5 צימערן, אַ גרויסער זאַל און אַ קיך), וואו ס'האָבן געפֿונען אַ מקום מקלט אַלע וויסנשאַפֿטלעכע קרײַזן וועלכע האָבן אַנטוויקלט אַ אינטענסיווע טעטיקייט.

צוליב די אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען פֿון אַלגעמיינעם מעדיקער-קרײַז האָבן די ייִדישע מעדיקער אין יאָר 1927—28 געבילדעט אַן אייגענעם מעדיקער-קרײַז און געדונגען אַן אייגענעם לאָקאַל אויף טראָקער 2.

אין 1928 יאָר איז צוליב דעם זעלבן טעם אויך געשאַפֿן געוואָרן דער ייִדישער אַגראַנאָמען קרײַז.

אין אַקאַדעמישן יאָר 1930—31 געלינגט, אַדאַנק די באַמיאונגען פֿון ייִדישן סטודענטן-פֿאַראיין,

צו שאַפן אַ קאַטעדרע פון העברעאיש און יידישע געשיכטע ביים אוניווערסיטעט. אָבער צוליבן אָפּפאָר פון לעקטאָר, ד״ר פון סעמיטישע פילאָלאָגיע דוד נייגער, קיין א״י איז די קאַטעדרע נאָכדעם בטל געוואָרן.

אין 1933 יאָר איז דערשינען אַ נייער געזעץ וועגן אַקאַדעמישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכער באַגרע־נעצט זייער טעטיקייט נאָר צו זעלבסט־הילף. אַלע באַזונדערע וויסנשאַפטלעכע קרייזן ווערן דערקלערט אַלס זעלבשטענדיקע.

די גאַנצע ענערגיע איז געגאַנגען אין דער ריכטונג צו געפינען מקורות פון הכנסה אויף צו העלפן די אומפאַרמעגלעכע סטודענטן. מ׳פּרובט שאַפן אַ Auxilium Acad. Judaic. אונטערן פאָרזיץ פון ד״ר ג. גערשון. די געזעלשאַפט ווייזט אַרויס אַ שוואַכע טעטיקייט צוליב דער אינדיפע־רענטע באַציאונג פון דער יידישער געזעלשאַפט.

די כּסדר קלענערע סובווענצן פון אוניווערסי־טעט דערפירט סוף כּל סוף צו דעם, אַז אין 1934 יאָר ווערט דער סטודענטן־פאַראיין עקסמיסירט פון דעם לאָקאַל אויף לודוויסאַרסקע און ער דינגט אַ קלענערן לאָקאַל אויף זאַוואַלנע 6.

אין יאָר 1935 אָרגאַניזירט דער פאַראיין די ||טע „אַקאַדעמישע וואָך״, וועלכע האָט געדאַרפט אַקטיוויזירן די יידישע געזעלשאַפט פאַר דעם סטודענטן־פאַראיין. די „וואָך״ איז דורכגעגאַנגען אין שטאָט און אין דער פּראָווינץ מיט דערפאָלג און האָט געבראַכט אַ גענוגנדע סומע, וועלכע האָט דערמעגלעכט דעם פאַראיין זיין ווייטערדיקע עקזיס־טענץ.

דער בודזשעט איז אָבער אַלץ געווען ניט פּראָפּאָרציאָנעל צו די אמתע נויטן פון די סטודענטן, וועלכע האָבן זיך דאָס רוב רעקרוטירט פון אומפאַר־מעגלעכע שיכטן. אין 1936 יאָר האָט מען אויך געמאַכט באַמיאונגען, אַז דער אוניווערסיטעט זאָל אַסיגנירן אַ געוויסע סומע, אַגב פון די געלטער, וואָס יידישע סטודענטן האָבן במשך פון 10 יאָר געצאָלט אויף אַקאַדעמישע הייזער, אויף בויען אַ יידיש־אַקאַדעמישן הויז. די קהילה האָט אַפילו געהאַט אָפּגעגעבן אַ מויער אויף זיגמונטאָווסקע 24 און דער סטודענטן פאַראיין האָט שוין אָנגענומען שריט דעם ענין צו דערליידיקן. עס האָבן זיך אָבער אָנגערוקט ד אַנטיסעמיטישע געשעענישן און צונישט געמאַכט דעם גאַנצן פּלאַן.

פאַרוואַלטונג פון יידישן סטודענטן־פאַראיין



ס׳זיצן פון רעכטס: א. האַרליג, קאַצענעלבאָגן (פאָרזיצער), פּראָפ׳ רודניצקי (קוראַטאָר), י. מאַנעלאַ און א. טייץ
שטייען פון רעכטס: ל. אדלער, א. גוטמאַן, ל. קאַפּלאַנאָוויטש, ה. ליסאַק און ב. שניידער

די אַנטי-יידישע אַרויסטרעטונגען אויפן ווילנער אוניווערסיטעט דאַטירן זיך שוין פון 1927 יאָר, ווען ס'איז אַנטשטאַנען די אַזוי גערופֿע פּראַגע וועגן יידישע מתים.

אין 1931 יאָר זיינען אין נאָוועמבער אויסגעבראָכן די „באַקאַנטע" געשעענישן, בעת וועלכע ס'איז אומגעקומען דער סטודענט וואַצלאַווסקי. פון דאַן אָן האָבן זיך די ענדעקיש-אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען איבערגעחזרט יעדן נאָוועמבער.

אין 1936 יאָר האָבן די ענדעקעס געפאָדערט מ'זאָל פאַר די יידישע סטודענטן באַשטימען באַזונדערע ערטער אין די פּאָרטראַג-זאַלן. ווען די יידן האָבן אָבער פרייוויליק אויף דעם ניט געוואָלט מסכים זיין זיינען זיי צושלאָגן געוואָרן מצד די ענדעקעס. דער רעקטאָר יאַקאָוויצקי האָט דאַן געשלאָסן דעם אוניווערסיטעט. די ענדעקעס האָבן דאַן אָרגאַניזירט די „היסטאָרישע" בלאָקאַדע פון אַקאַדעמישן הויז, וואָס האָט אויך גורם געווען צו דער דעמיסיע פון רעקטאָר.

דער סטודענטן-פאַראיין האָט אויך דאַן געזאָרגט פאַר די נויטן פון די אַקאַדעמיקער און אָרגאַניזירט די III טע אַקאַדעמישע וואָך, וועלכע האָט געבראַכט אַ גרעסערן מאַטעריעלן דערפאָלג ווי די פריערדיקע. דאָס האָט מעגלעך געמאַכט צו דינגען אַ פּאַסיקן לאָקאַל אויף פּאָהולאַנקע 14 (דעם 1. II. 1937). דער חנוכת-הבית פון נייעם לאָקאַל איז אָבער פאַרגעקומען אונטערן צייכן פון אַנטי-געטאָ-קאַמף.

אַזוי ווי די לאַגע פון די יידישע סטודענטן איז אויפן אוניווערסיטעט געווען נאָך אַלץ ניט באַשטימט, האָט זיך אַ דעלעגאַציע פון סטודענטן געווענדעט צום נייעם רעקטאָר סטאַניעוויטש וועגן זיכערן זיי די אַנוועזנהייט אויף דער הויכשול. דעם רעקטאָרס תשובה האָט די יידישע סטודענטן ניט באַפרידיקט, און די סטודענטן האָבן דאַן דערקלערט אַ איין-טאָגיקן הונגער שטרייק און בלאָקאַדע אין זייער נאָר וואָס געדונגענעם לאָקאַל, וואָס האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אין אַלע שיכטן פון דער ווילנער יידישער באַפעלקערונג.

די זאָרג מצד דעם ס"פ פאַרן יידישן סטודענט איז געוואָרן נאָך גרעסער. ס'האָט זיך געהאַנדלט ניט נאָר וועגן אויפהאַלטן דעם מוט פון יידישן סטודענט נאָר אויך, אַז ער זאָל ניט פאַרלירן זיין שטודיום, צוליב ניט באַצאָלן שכר לימוד, אָדער צוליב זיין מאַטעריעלן מצב. ס'איז דאַן געלונגען צו פועלן ביי דער קהלה זי זאָל אַריינשטעלן אין איר בודזשעט אַ שטענדיקע סובווענץ אויף שכר-למוד (200 גילדן). אויך דער „דזשוינט" האָט אָנגעהויבן אַסיגנירן געוויסע סומען אויף דעם צוועק.

פאַרשטייט זיך, אַז די אַנטיסעמיטישע שטימונגען לעצטנס האָבן געווירקט אויף דער ירידה פון דער צאָל יידישע סטודענטן אויפן ווילנער אוניווערסיטעט, ווי ס'באַווייזט פאָלגנדיקע טאַבעלע:

שול-יאָר	יידן	ניט-יידן
1919—1920	80	448
1920—1921	131	609
1921—1922	370	1243
1922—1923	423	1617
1923—1924	510	1556
1924—1925	523	1563
1925—1926	626	1718
1926—1927	718	1903
1927—1928	871	1955
1928—1929	964	1951
1929—1930	1021	2051
1930—1931	1192	2170
1932—1933	1188	—
1933—1934	1098	3858
1934—1935	847	3582
1935—1936	592	2600
1936—1937	676	—
1937—1938	403	—
1938—1939	400	—

מיר זעען, אַלזאָ, אַז אין די ערשטע צען יאָר איז די צאָל יידישע סטודענטן געגאַנגען שנעל באַרג אַרויף, אַזוי אַז פון 80 אין צאָל אין 1919-20 האָט זי אין 1930-31 דערגרייכט 1192. ערשט אָנהויבנדיק פון 1932-33 גייט די צאָל באַרג אַראָפּ אין אַ גיכן טעמפּאָ, אַזוי אַז ביי היינטיקן טאָג האָבן מיר סך-הכל אויפן ווילנער אוניווערסיטעט 400 יידישע סטודירנדיקע אויף דער אַלגעמיינער צאָל פון העכער 3 טויזנט.

אינזש. מ. שרייבער

דער יידישער טעכנישער ליציי אין ווילנע

דער ווילנער יידישער מעכאַנישער ליציי האָט אַן אינטערעסאַנטע און פון געזעלשאַפטלעכן שטאַנד־פונקט באַלערנדיקע געשיכטע.

נאָך אין די צייטן פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָבן אייניקע יידישע אינטעלעגענטן, פילנדיק די באַדערפעניש פון דער יידישער ווילנע אין פאַך־אויסבילדונג געעפנט קורצטערמיניקע טעכנישע קורסן. דער מאַטעריעלער און גייסטיקער מאַנגל אין מיטלען האָט ניט געגעבן קיין מעגלעכקייט צו אָרגאַניזירן אַ נאָרמאַלע שול. די באַשיידענע און ניט זיכערע מיטלען, די דאַמאָלדיקע שווערע צייט בכלל, די קליינע דערפאַרונג אין פירן אַזוינע קורסן האָט געפירט דערצו, אַז מער ווי צוויי אַרויסלאָזן פלעגן זיי קורסן ניט אויסהאַלטן. בלויז דער גרויסער אינטערעס פון דער יידישער יוגנט צו פאַך־קורסן האָט באַוואויגן די אָרגאַניזאַטאָרן גלייך נאָכן שליסן איין קורס צוטרעטן אָרגאַניזירן אַ צווייטן מין קורס.

אַזוי אויך איז אַ גרופּע אינזשינירן מיטן אינזש. אָקון בראש צוגעטראָטן אין יאָר 1920 צו אָרגאַניזירן קורסן מיט וועלכע עס האָט זיך שוין פאַראינטערעסירט דער „אָרט“. היינט קענען מיר זיך לחלוטין ניט פאָרשטעלן ווי אַזוי ספּעציאַליסטן האָבן געקענט ריידן וועגן סאָליד אָרגאַ־ניזירטע טעכנישע קורסן, ניט האָבנדיק אַבסאָלוט קיין לאָקאַל און אַ אַנטשפּרעכנדיקע איינאָרדנונג. דאָך זיינען אין יאַנואַר 1921 געעפנט געוואָרן פּאָליטעכנישע קורסן, פון וועלכע עס האָט זיך אַנטוויקלט דער איצטיקער טעכנישער ליציי. אין איין איינציקן זאַל פול געפּאַקט מיט צוהערער האָבן די פּאָליטעכנישע קורסן אָנגעהויבן זייער עקסיסטענץ, ניט האָבנדיק קיינע וואַרשטאַטן, קיינע לאַבאָראַטאָריעס. בלויז דער גוט צוגעקליבענער לערער פּערסאָנאַל, די גרינטלעך אויסגעאַרבעטע פּראָגראַם, דער מאַטעריעלער באַזיס, באַזאָרגט דורך „אָרט“ און דער עיקר, די אומאויפהערלעכע ענערגיע פון לערער פּערסאָנאַל ביים איינשטעלן די וויסנשאַפטלעכע און פּראַקטישע אַרבעט פון דער שול האָבן דערמעגלעכט דער שול ניט נאָר איבערלעבן אַלע שווערע צייטן, נאָר אויך דערגרייכן ביזן העכסטן שטאַפּל פון מיטל־טעכנישע שולן — ביזן ליציי.

איצט פאַרנעמט שוין דער ליציי ניט איין צימער נאָר דריי געביידעס: אַ דרייגאָרנדיקע, פירגאָרנדיקע און צווייגאָרנדיקע, פאַרמאָגט שלאָסעריי וואַרשטאַטן, שמידעריי, מעכאַנישע וואַרשטאַטן, אַ מעכאַנישע סטאָלעריי, אַצעטילען־שוויס־וואַרשטאַטן. חוץ די וואַרשטאַטן פאַרמאָגט דער ליציי ספּעציעל איינגעאָרדנטע לאַבאָראַטאָריעס: פיזיקאַלישע, כעמישע, טעכנאָלאָגישע, עלעקטראָטעכנישע און אַ לאַבאָראַטאָריע פאַר קראַפט־מאַשינעס. צו דעם קומט נאָך צו אַ גאַנצע ריי הילפס־איינאָרדנונגען צווישן וועלכע עס דאַרף אויסגעטיילט ווערן די רייכע טעכנישע ביבליאָטעק, די אייגענע עלעקטרישע צענטראַלע, טעכנישע ביוראָ א. אַנד.

אדוו' יוסף טשערניכאָוו

פּאָרזיצער פון ווילנער „אָרט״

דער ציל, וועלכן דער אַנשטאַלט האָט זיך געשטעלט פון אָנהויב אָן האָט זיך פאַר דער גאַנצער צייט ניט געביטן, נעמלעך: אויסבילדן אַ מיטל־טעכנישן פּערסאָנאַל ד. ה. טעכניקער, געהילפס־אינזשינערן.

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז פון אָנהויב פלעגן די שילער באַקומען כמעט אויסשליסלעך אַ טעאָרעטישע אויסבילדונג. מיט דער כסדרדיקער אַנטוויקלונג פון די וואַרשטאַטן און לאַבאָראַטאָריעס זיינען אַלץ מער באַרייכערט געוואָרן די פּראַקטישע קענטענישן פון די שילער. איצט ווערן די לעקציעס דורכגעפלאָכטן מיט עקספּערימענטן אין פאַרשיידענע לאַבאָראַטאָריעס און מיט כלערליי אַרבעטן אין די וואַרשטאַטן. די אַבסאָלווענטן פון דעם אַנשטאַלט, וועלכער האָט פאַר די 18 יאָר פון זיין עקסיסטענץ

געהאַט פאַרשיידענע נעמען (אַ פּאָר יאָר פּאָליטעכנישע קורסן, שפּעטער ווילנער יידישער טעכניקום — 11 יאָר — און 4 יאָר ווילנער פּריוואַטע טעכנישע שול) האָבן אַלע מאָל זיך לייכט געקענט איינאָרדנען אין לעבן; שוין אָפּגערעדט וועגן די, וועלכע האָבן עמיגרירט אין פאַרשיידענע לענדער, אַרבעטן דאָרט מיט גרויס דערפאָלג און זיינען באַוואוסט ווי גוטע ספּעציאַליסטן און מען דאַרף פעסטשטעלן, אַז אין לאַנד האָבן מיר כמעט ווי ניט קיין אַרבעטסלאָזע אַבסאָלווענטן.

דער עלעמענט וועלכער וועט ענדיקן דעם ליציי האָט זייער גוטע אויסזיכטן. חוץ דעם, וואָס זיי וועלן קענען אָנפירן מיט קלענערע וואַרשטאַטן און אונטערנעמונגען, זיין געהילפן ביי די אינזשינערן, איז אַזאַ עלעמענט באַזונדערס נויטיק אין גרעסערע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, וואו לויט די פאַרשריפטן פון דער ניי-צייטיקער אָרגאַניזאַציע פאָדערט זיך אַ זייער גרויסע צאָל אַזוינע טעכניקער, וועלכע פירן אויס אַפּולע און זייער פאַראַנטוואָרטלעכע פונקציעס

י. לונאַנסקי

יידישע טויב־שטומע אין ווילנע

דער פאַראיין פון יידישע טויב-שטומע אין ווילנע איז געגרינדעט געוואָרן אין אַפּריל 1930, לויט דער איניציאַטיווע פון וואולף ליכטמאַכער, יהושע לוניאַנסקי, קאָפּל קאַפּאַנסקי און אליהו בלאָך.

רעגיסטרירטע טויב-שטומע זיינען פאַראַן איבער 100. קינדער טויב-שטומע רעגיסטרירטע איבער 30.

די טויב-שטומע פאַרנעמען זיך מיט שניידעריי, סטאָלעריי, שוסטעריי, שטעפּעריי. אַנדערע האַנדלען אויך מיט הילצערנע אויסאַרבעטונגען, בילדער אד״גל.

לייענען און שרייבן יידיש קענען 40 פּראָצ׳ פון די טויב-שטומע, 15 פּראָצענט — פּויליש און 5 פּראָצענט — רוסיש. אַנאַלפאַבעטן זיינען דאָ ביי 40 פּראָצענט.

פון אַלע טויב-שטומע, וועלכע זיינען רעגיסטרירט אין פאַראיין זיינען 10 פּראָצענט געבוירענע טויב-שטומע. די איבעריקע זיינען געוואָרן טויב-שטום צוליב פאַרשיידענע פאַלן, ווי אַראָפּפאַלן פון טרעפּ, פון אַן אייוון, אַ פענסטער, פון וויגעלע קינדווייז. צו אַנדערע איז זייער טויב-שטומקייט געקומען נאָך פאַרשיידענע קראַנקייטן, ווי מאַרך-אָנצינדונג א״אַנד.

פאַרהייראַטע טויב-שטומע זיינען פאַראַן 80 פּראָצ׳ אין דעם 15 פאָרלעך, וואו מאַן און ווייב זיינען טויב-שטומע, אָבער די קינדער ביי זייריידן.

דאָס רוב רעקרוטירן זיך די טויב-שטומע פון דער אָרימשאַפט.

די פאַרוואַלטונג פון פאַראיין באַשטייט פון 6 טויב-שטומע און איין ריידעוודיקער (דער סעקרעטאַר).

ביים פאַראיין איז דאָ אַן אָנפּראָצענטיקע ליי-קאַסע, וואָס גיט אַרויס הלוואות ביז 100 גילדן אויף לענגערע טערמינען. עס איז אויך פאַראַן אַ שטיץ-קאַסע, וואָס העלפט די מיטגלידער אין פאַרשיידענע פאַלן, ווי קראַנקייט, אַרבעטס-לאָזיקייט, חתונות, געבורטן, טויט-פאַלן.

דער פאַראיין האָט אויך אָרגאַניזירט מעדיצינישע הילף, וואָס די טויב-שטומע באַקומען פון 16 ווילנער דאָקטוירים אומזיסט. די פאַרוואַלטונג האָט אויך געפּועלט ביי די ווילנער יידישע אַפּטייקערס צו צוויי רעצעפּטן אַ חודש אָן געלט פאַר די אָרימע טויב-שטומע.

אויף די יום-טובים פּסח און סוכּות קריגן אַלע אָרימע טויב-שטומע, אַפילו ניט קיין מיטגלידער פון פאַראיין, הילף, סיי אין געלט און סיי אין פּראָדוקטן. אויך ווערט צוגעגעבן פּראָדוקטן פאַר אַרבעטסלאָזע, קראַנקע, און בכלל אין יעדן פאַל ווען דער טויב-שטומער ווענדעט זיך צו דער פאַרוואַלטונג נאָך הילף.

די פאַרוואַלטונג באַמיט זיך אויך צו געפינען אַרבעט פאַר די אַרבעטסלאָזע מיטגלידער, דערליידיקט קאָנפליקטן מיט באַלעבאַטים און אינטערווענירט וועגן שטייערן, פּעסער, מעטריקעס, מאַגיסטראַט, סטאַראָסטווע, שיקט אַ דאָלמעטשער אין געריכט.

אויף חתונות ביי טויב-שטומע העלפט דער פאַראיין די רבנים מסדר קדושין זיין, דאָס גלייכן אויך ביי בריתן. ביים פאַראיין איז שטענדיק פאַראַן אַן אַדוואָקאַט, וועלכער גיט יורידישע עצות די טויב-שטומע, וועגן עקסמיסיעס, פּראָצעסן א״אַ פאַראַן אין פאַראיין איינציקע אַלטע טויב-שטומע, וועלכע זיינען אומפעאיק צו אַרבעט און אויך איינציקע קראַנקע פּאַראַליזירטע, וועלכע קריגן פון פאַראיין אַ חודשדיקע עמעריטור.

אין לייען זאַל פון פאַראיין געפינט זיך

כמעט די גאַנצע יידישע פּרעסע. דער פֿאַראיין האָט אויך אַ ביבליאָטעק. די ביכער צום לייענען באַקומען די טויב־שטומע אומזיסט.

ביז נים לאַנג זיינען אין פֿאַראיין אויך געווען אָוונט־קורסן פֿאַר אַנאַלפֿאַבעטן.

ס'ווערן איינגעאָרדנט אויספֿלוגן אין וועלכע ס'באַטייליקן זיך זייער אַ סך טויב־שטומע, אויך ניט קיין פֿאַראיינס־מיטגלידער.

די ספּאָרט־גרופּע באַשטייט פֿון 20 מאַן. אַ געוויסע צייט האָט מיטן ספּאָרט אָנגעפֿירט דער ספּאָרט־אינסטרוקטאָר מיכאל קאַטצערגינסקי.

די פֿאַרוויילונגס־סעקציעס ביי די טויב־שטומע זיינען: די פּינג־פּאָנג־סעקציע (פֿאַראַן אויך אַ פּראָיעקט צו שאַפֿן אַ פֿוטבאָל־סעקציע), די דראַמאַטישע סעקציע, וועלכע באַשטייט דורכאויס פֿון טויב־שטומע אַרטיסטן און עקסיסטירט שוין מער ווי 6 יאָר. די סעקציע פֿירט אויף פֿאַרשיידענע פּיעסן אויף דער ספּעציעלער טויב־שטומער שפּראַך, וואָס איז אַגב אויך צוטריטלעך פֿאַר ריידעוודיקע. מיט דער סעקציע פֿירן אָן ליכטמאַכער, וועלכער איז אַליין אַ פּעאיקער שפּילער און יהושע לוניאַנסקי, וועלכער איז דער אינסצעניזאַטאָר און רעזשיסער פֿון די פּיעסן. וועגן די פֿאָרשטעלונגען פֿון די טויב־שטומע האָט פֿיל געשריבן די ווילנער פּרעסע. די אויפֿפֿירונגען זיינען געבויט אויף מימיק, זשעסטן און איבערלעבונג. ביז אַהער האָט מען אויפֿגעפֿירט: 1) „דער פֿערשטויסענער" פֿון סאַפּאַלבעלאַ, 2) „דער אייביקער ייד" פֿון הייערמאַן, 3) „אין קעלער" פֿון ווייסוואַל, 4) „דער שטומער חתן" פֿון טונקעלער און אַ ריי פֿאַרסן און קאָמעדיעס. די פּיעסן ווערן אויך באַגלייט מיט מוזיק.

אויך איז געווען טעטיק ביים פֿאַראיין אַ דראַמאַטישער קרייז פֿון ריידעוודיקע („אונדזער בינע") אָנגעפֿירט פֿון יהושע לוניאַנסקי. דער קרייז פֿלעגט אַרויסטרעטן אויף אַלע אימפּרעזעס פֿון פֿאַראיין.

געווען אויך אַ סעקציע צו לערנען זיך טאַנצן סאַלאָן־ און באַלעט־טענץ, אָנגעפֿירט פֿון יוליאַן פֿלאַטנער.

די אַלע סעקציעס נעמען אָנטייל אין די אָוונטן פֿון פֿאַראיין, וועלכע ס'באַזוכן אויך ריידעוודיקע און די הכנסה גייט תּמיד לטובת דער שטיץ־קאַסע פֿון פֿאַראיין.

פֿאָרזיצער פֿון פֿאַראיין איז וואָלף ליכטמאַכער, ער איז אויך אָנפֿירער, לערער און לעקטאָר פֿון די אָוונט־קורסן פֿאַר די טויב־שטומע. סעקרעטאַר איז יהושע לוניאַנסקי (אַגב דער איינציקער ריידעוודיקער מיטגליד פֿון פֿאַראיין).

די צענטראַלע פֿון די טויב־שטומע פֿאַראיינען געפֿינט זיך אין קראָקע. ווילנע איז, צוליב אַ ריי וויכטיקע סיבות, אָן דער צענטראַלע ניט אָנגעשלאָסן.

דער בודזשעט שטעלט זיך צונויף פֿון מיטגלידס־אָפּצאָל (50 גראָשן אַ חודש), צאָלונגען פֿון ערן־מיטגלידער, הילפֿס־קייטן, פֿאַרוויילונגען. קיינע סובסידיעס קריגן מיר ניט, חוץ פֿון דער קהילה— 50 גילדן אַ יאָר.

דער עמבלעם פֿון פֿאַראיין באַשטייט פֿון צוויי אויערן, דורכגעלעכערט מיט שפּיזן אין מיטן אַ W, וואָס באַדייט „ווילנע".

מיטגלידערשאַפֿט און פֿאַרוואַלטונג פֿון פֿאַראיין פֿון די טויב־שטומע

מגר. א. גראַדסקי

צענטראַלער יידישער האַנטווערקער-פֿאַראיין אין ווילנע

דער ווילנער יידישער האַנטווערקער-פֿאַראיין איז אויפֿגעקומען אין סאַמע ברען פֿון דער וועלט-מלחמה, אין יאָר 1916, דורך דער איניציאַטיווע פֿון אַ גרופּע באַוואוסטזיניקע עלטערע האַנטווערקער-טוער, וועלכער זיינען געווען די פּיאָנערן צו פֿאַראייניקן די ווילנער יידישע באַלמעלאָכעס אין איין אָרגאַניזאַציע.

דער פֿאַראיין האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט אין אַ צייט פֿון הונגער, צוליב דער דייטשער אָקופּאַציע. ער האָט גלייך פֿון אָנהייב אָרגאַניזירט מאַטעריעלע און פֿינאַנסיעלע-הילף פֿאַר די אָרעמע און רואינירטע באַלמעלאָכעס, געעפֿנט פֿאַר זיי אַ קיך, איינקויפֿס-שטעלעס פֿאַר פּאָטאָגראַפֿן, שטעפּער אַ״אַנד פֿאַכן, וואו מ׳האָט געקענט קריגן צו קויפֿן אי ביליק, אי אויף קרעדיט. דער פֿאַראיין האָט אויך געזאָרגט פֿאַר דער מאָראַלישער אונטערשטיצונג פֿון באַלמעלאָכע, ער זאָל ניט אַריינפֿאַלן אין יאוש, געגרינדעט אַ ביבליאָטעק, אָרגאַניזירט רעפֿעראַטן, דיסקוסיע-אָוונטן אד״גל. יידישע באַלמעלאָכעס, וועלכע פֿלעגן זיך פֿריער אויסלעבן ביי בטלנישע שמועסן אין זייערע קלויזן (שניידערשע-קלויז, שטעפּערשע-קלויז, שוסטערשע-קלויז אאַ״וו) — האָבן מאַסנווייז זיך אָנגעהויבן זאַמלען אין פֿאַראיין.

ביסלעכווייז איז דער פֿאַראיין אויסגעוואַקסן אין אַ מעכטיקע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט דעם יידישן האַנטווערקער אַרויפֿגעפֿירט אויפֿן שליאַך פֿון דער ברייטער געזעלשאַפֿטלעכקייט, וואו ער האָט פֿאַרנומען אַ בכבודיקע פּאָזיציע, אַזוי, אַז אויך די ניט יידישע געזעלשאַפֿט האָט זיך גענומען רעכענען מיטן יידישן האַנטווערקער.

הײַנט צו טאָג איז דער פֿאַראיין די איינציקע יידישע האַנטווערקערישע רעפּרעזענטאַנץ אין ווילנער-וואָיעוואָדשאַפֿט און גרופּירט אַרום זיך 11 יידישע צעכן, ווי אויך די האַנטווערקער, וועלכע זיינען ניט אָנגעשלאָסן אָן די צעכן. דער פֿאַראיין אַלס צענטראַלע האָט זיינע אָפּטיילונגען כמעט אין אַלע ווילנער פּראָווינץ-שטעט און נעמט אַרום עטלעכע טויזנט אָרגאַניזירטע יידישע האַנטווערקער-וואַרשטאַטן.

אַ געוויסע צייט האָט מען אויך געפּרובט דעם פֿאַראיין צוברעכן, דאָס האָט זיך אָבער ניט איינגעגעבן. אויך דער צעכן-געזעץ פֿון 1927 יאָר האָט זיינער צייט געשאַפֿן אין אונדזער פֿאַראיין אַ דעזאָריענטאַציע, אָבער סוף-כל-סוף איז דער ה״פ בייגעקומען אַלע מכשולים און פֿאַרט געבליבן די איינציקע פֿעסטע אָרגאַניזאַציע אויף דער יידישער האַנטווערקערישער גאַס.

דער פֿאַראיין טוט אויך אַן אויפֿקלערערישע דערציאונגס-אַרבעט דורך איינאָרדנען פֿאָרלעזונגען, רעפֿעראַטן, דערגאַנצונגס-קורסן, כּדי צו הייבן דעם פֿאַך-ניוואָ פֿון יידישן האַנטווערקער, דינט דעם האַנטווערקער מיט יורידישע-עצות, מיט אינטערווענצן אין אַלע עפֿנטלעכע-אַמטן אד״גל.

דער פֿאַראיין האָט זיינע פֿאָרשטייער אין שטאָט-ראַט, קהילה, שטייערן-קאָמיסיעס, אָפּרופֿס-קאָמיסיעס (2טע אינסטאַנץ פֿון די שטייערן-אַמטן), האַנטווערקער-קאַמער, אַרבעטס-געריכט. אַ קאָנטיקן אָרט פֿאַרנעמט היינט צו טאָג דער יידישער-האַנטווערקער אין „אָרט״, אין ווילנער יידישן הילפֿס-קאָמיטעט, אין קאָמיטעט פֿאַר יידישער-מלאכה, יידישן-באַנק אד״גל.

אויב היינט צו טאָג האָט שוין דער יידישער באַלמעלאָכע צו פֿאַרצייכענען פּאָזיטיווע דערגרייכונגען, אויב זיין מצב האָט זיך, לכל-הפּחות פּאָזיציאָנעל, געביטן צום בעסערן, איז עס אַלץ אין דער ערשטער ריי צו פֿאַרדאַנקען דער עקסיסטענץ און טעטיקייט פֿון צענטראַלן יידישן האַנטווערקער-פֿאַראיין אין ווילנע.

צלאל סינאזאן

די קולטור-קאמיסיע ביים האנטווערקער-פאראיין

די קולטור-קאמיסיע ביים האנטוווערקער-פאראיין איז געגרינדעט געווארן אין 1919. די ערשטע צייט האט זיך ניט פיל געלאזט אויפטאן. ערשט אין 1920 האט די טעטיקייט פון דער קאמיסיע גענומען שטייגן. מיר האבן שוין דאן פארמאגט א היבשע יידישע ביבליאטעק.

ווען ווילנע איז געווארן פארנומען פון דער פוילישער ארמיי, וועלכע האט געיאגט די באלשעוויקעס, האט זיך די טעטיקייט פון דער קולטור-קאמיסיע ווידער צייטווייליק געהאט איבערגעריסן, מחמת דער לאקאל פון פאראיין איז געווארן א פונקט פון וואנען מען האט באשאסן די אפטרעטנדע באלשעוויקעס. דער לאקאל איז צושעדיקט געווארן. די ביבליאטעק, וואס איז געשאפן געווארן מיט אזוי פיל מי, איז דאן אין גאנצן פארניכטעט געווארן.

אבער די קולטור-קאמיסיע האט באלד זיך גענומען פון דאס ניי ענערגיש אויפשטעלן די ביבליאטעק, איינקויפן נייע ביכער אא״וו. פיל מיטגעהאלפן האט אונדז א אונטערנעמונג אין יידישן טעאטער, וואס האט אונדז אריינגעבראכט א היפשן ריוח, אזוי אז אין יאר 1926 האבן מיר שוין ווידע פארמאגט א ביבליאטעק מיט 1000 ביכער.

די קולטור-קאמיסיע איז געשטאנען אין א קאנטאקט מיט „אזע״ (איצט „טאז״), וואס האט איינגעארדנט אין אונדזער לאקאל פאר אונדזערע מיטגלידער פארשיידענע לעקציעס און רעפעראטן, וועלכע האבן געהאט א גרויסן דערפאלג. די לעקציעס זיינען געווען פון ד״ר גלאבוס: „וועגן ווענערישע און געשלעכטלעכע קראנקייטן״. דאס זיינען געווען די ערשטע לעקציעס, וואס ד״ר גלאבוס האט געהאלטן אויף יידיש (1922). די צווייטע סעריע לעקציעס האט געהאלטן ד״ר שאבאד: „וועגן קאפ-מארך״. א ציקל לעקציעס אויף דער טעמע: „נערוון און דאס געשלעכטלעך לעבן ביי מענטשן און ביי חיות״ האט געהאלטן ד״ר רעגענסבורג; ד״ר סעדליס — „וועגן פרויען-קראנקייטן״; לערער גיליגיטש — „וועגן ביאלאגיע״; י״ר סעגאל — „וועגן אפשוואכונג פון די נירן״; ד״ר קשעמיאנסקי אויף דער טעמע: „פארשטאפונג און די פארהיטונגס מיטלען״; „אנאטאמישע און פיזיאלאגישע באמערקונגען״ — ד״ר שאדאווסקי; א ציקל לעקציעס פון ד״ר בוראק „וועגן הארץ קראנקייט״; פון ד״ר פרידמאן — „צוקער קראנקייט״; ד״ר פאטשטער—„טובערקאלאז״; ד״ר דווארזשעצקי—„וועגן פלעק-טיפוס״ א״אנד. די לעקציעס זיינען געווען באגלייט מיט ליכט-בילדער, טאבעלעס און דיאגראמעס.

וועגן קולטור, שול-פראגן און אויף געזעלשאפטלעכע טעמעס האבן געהאלטן ביי אונדז רעפעראטן: ז. מעלאמעד: „די יידישע שולן״; אדוואקאט טשערניכאוו: „ארץ-ישראל, בירא-בידזשאן און פריילאנד״; ד״ר יאכעלמאן: „קרים און פאלעסטינע״. וועגן „פסיכאטעכניק״ האט געלייענט א רעפעראט מאריא שאפירא. דאס איז בכלל געווען איר ערשטע לעקציע אויף דער יידישער גאס אין די ווענט פון אונדזער פאראיין. אלע לעקציעס זיינען געווען מאסנרייך באזוכט.

די קולטור-קאמיסיע האט זיך תמיד באטייליקט אין די אקציעס לטובת די יידישע שולן; האט איינגעארדנט א שלום-עליכם-אוונט מיט דעם אנטייל פון ארטיסט שריפטזעצער.

א געוויסע צייט האט די קולטור-קאמיסיע אפגעגעבן א צימער פארן ליטעראטן-פאראיין, וועלכער האט דארט געהאט זיין לייען-זאל פון וואס ס׳האבן אויך גענאסן די מיטגלידער פון האנטוווערקער-פאראיין.

די קולטור-קאמיסיע האט אויסגעשריבן פאר אלע פאכן, די פארשיידענע פאך-זשורנאלן, כדי צו באקענען די באלמעלאכעס מיט די נייסטע מאדעלן און דערגרייכונגען פון זייער פאך; האט בשעתו פראטעסטירט קעגן פארניכטן די ראדונער ביבליאטעק. די קולטור-קאמיסיע האט צוזאמענגעשטעלט א פרעסע-בוך, וואו ס׳גייען אריין אלע פרעסע-ארטיקלען אנהייבנדיק פון 1921 יאר, וואס האבן א שייכות צום האנטווערקער-לעבן.

לעצטנס זיינען צוגעקויפט געווארן פיל נייע ביכער. היינט צו טאג פארמאגט שוין אונדזער ביבליאטעק ביי 1800 עקזעמפליארן ביכער פון דער יידישער ליטעראטור.

דאס איז אין קורצן די אויפטועץ פון דער קולטור-קאמיסיע ביים ווילנער האנטוווערקער-פאראיין.

פארוואלטונג פון צענטראלן יידישן האנטווערקער־פאראיין אין ווילנע



ס'זיצן פון רעכטס: ש. יניזערסקי, ש. הורוויטש (געשטארבן), מ. ראכמאן, א. קרוק (פאריז), ש. ליכטמאכער, מ. אמת, ח. בלאנדעס
עס שטייען פון רעכטס: ר. הורוויטש, י. לעווין, י. בארער, מ. לובאשעוויטש, א. קוריאן, ח. סטראזש און א. סילין

די קולטור־קאמיסיע ביים צענטראלן האנטווערקער־פאראיין אין ווילנע



פון רעכטס אויף לינקס: ח. בלאנדעס, פ. בעהאק, מ. לעוואוויטש, ב. סינאזאן (פאריז), א. קאוואלסקי און קרעמערמאן

אינזש. א. קלעבאַנאָוו

פּראָבלעמען פון הילף דורך אַרבעט פאַר שטאָט און פּראָווינץ

אין אַ צייט פון יאוש, עקאָנאָמישער דעגראַדאַציע און פרנסהלאָזיקייט, ווען ס׳הערט זיך אַלץ שטאַרקער דער געשריי וועגן עמיגראַציע, עוואַקואַציע און קאָלאָניזאַציע קומט „הילף דורך אַרבעט" מיט איר זעלבער פּראָגראַם פון אויפלעבונג און אויפבוי, וואָס איז געשטיצט אויף איר 35 יאָריקער דערפאַרונג.

עס איז אַ פאַקט, אַז אַ גאַנצע ריי פאַכן גייט אָוועק פון יידישע הענט. צוליב וויכטיקע סיבות האָט אַ טייל יידישע האַנטווערקער אינגאַנצן ניט קיין מעגלעכקייט צו האַלטן טערמינאַטאָרן; אַ טייל ווידער באַגרענעצט זיך מיט אַ מינימאַלער צאָל וואָס קאָן ליידער ניט אָניאָגן דעם נאַטירלעכן אָנווער פון דער יידישער מלאָכה אין מענטשן־מאַטעריאַל.

ביי אַזעלכע באַדינגונגען איז דאָס לערנען אין די פאַך שולן און אויף פאַך קורסן היינט צו טאָג באַזונדערס וויכטיק און נויטווענדיק. מען מוז אומבאַדינגט פאַרברייטערן די ראַמען פון די פאַך־שולן סיי פאַר יינגלעך, סיי פאַר מיידלעך.

ביים היינטיקן טאָג קומען אין באַטראַכט פאָלגנדיקע פאַכן פאַר דער יוגנט: 1) זעמשעריי, 2) טריקאָטאַזש, 3) מענער שניידעריי, 4) שוסטעריי, 5) שטעפּעריי, 6) דרוקעריי, 7) עלעקטראָמאָנטאַזש און אינסטאַלאַציע, 8) שמידעריי, 9) פּוטערקירזשנעריי, 10) היטלמאַכעריי, 11) איינבינדעריי 12) גאָלד־האַפטעריי.

אייניקע פאַכן האַלטן יידן פאַר ניט קיין „בכבודיקע", למשל, שוסטעריי. זיינען מיר טאַקע עדות, ווי דער דאָזיקער פאַך שטאַרבט ביי אונז אָפּ. אָ די דערשיינונג מוז באַקעמפט ווערן. חוצדעם איז דאָ נאָך אַ דערשיינונג וואָס דאַרף באַזייטיקט ווערן: להיפוך אונדזערע שכנים, לערנען זיך ביי אונז אַ מלאכה אין גרעסטן טייל קינדער פון אומפאַרמעגלעכע עלטערן, וועלכע זיינען ניט בכח אויסצוהאַלטן זייער קינד די גאַנצע דריי יאָר אין שול אָדער ביי אַ פּריוואַטן בעל־מלאכה. זיי פאַרלאָזן אַזוי אַרום די לער פאַר דער צייט, פאַרגרעסערנדיק מיט זיך די צאָל פון דער צו אַ פאַך ניט דערגאַנגענע יוגנט, וועלכע בלייבט שוין פאַכלאָז.

כדי צו באַזייטיקן אָ די דערשיינונג איז נויטיק, אַז די קהילות, די גרעסטע אָרגאַניזאַציעס איצט אין יידישן לעבן, זאָלן קומען צו הילף מיט אַ ספּעציעלער אַקציע, וואָס זאָל דערמעגלעכן פאַר די אומפאַרמעגלעכע שילער, אַז זיי זאָלן זיין ביכולת צו פאַרענדיקן די לער פון פאַך.

פון די פריער דערמאָנטע פאַכן שטעלן מיר זיך אָפּ קודם־כל אויף זעמשעריי. אין פּוילן זיינען בכלל ניטאָ קיין שולן פאַר דער דאָזיקער מלאכה. ווילנע איז די איינציקע שטאָט, וואו אַזאַ שול האָט די פולע עקסיסטענץ באַרעכטיקונג, ווייל ווילנע פּראָדוצירט הענטשקעס אין אַ גרויסן פאַרנעם אויף עקספּאָרט. זעמשעריי האָט דעריבער אַ גרויסע צוקונפט. שוין היינט צו טאָג פילט זיך אַ גרויסער דוחק אין קוואַליפיצירטע פאַכמענער.

דאַן קומט אין באַטראַכט די טריקאָטאַזש־אינדוסטריע, וואָס אַנטוויקלט זיך אין פּוילן אויך מיט אַ שנעלן טעמפּ אין גאָר אַ ברייטן פאַרנעם. שוין ביי היינטיקן טאָג קען מען האָבן פון דער טריקאָטאַזש־אַרבעט פרנסה אַפילו אין דער קלענסטער שטעטל.

די פּראָווינץ, ניט נאָר די ווילנער נאָר אויך פון די ווייטערע געגנטן, ליידט דערהויפּט פון דעם, וואָס זי האָט ניט קיין פאַך שולן. ניטאָ דאָרט אַפילו קיין גוטע פּריוואַטע וואַרשטאַטן, וואו מען זאָל קענען באַקומען די געהעריקע פאַך־קענטעניש. די לאַגע פון דער יידישער יוגנט אין די קליינע שטעטלעך, דער עיקר אין די ווילנער, נאָוואָראָדקער, פּאָלעסיער, ביאַליסטאָקער און וואָלינער וואָיעוואודשאַפטן, איז דעריבער אָן אַן אויסגאַנג. נאָכן ענדיקן אַ פאָלקס־שול ווייסן ניט די דערשלאָגענע עלטערן פּשוט וואָס צו טאָן מיט זייערע קינדער. שיקן די קינדער אין אַ גרעסערער שטאָט, למשל אין ווילנע איז פאַרבונדן מיט אַזעלכע הוצאות (ניט ווייניקער ווי 50 גילדן אַ חודש), וואָס אַ קליינשטעטלדיקער קאָן דאָס ניט תמיד באַהויבן. די פראַגע, ווי העלפט מען אָ דער פאַרוואָרלאָזטער פּראָווינצער יוגנט, איז דעריבער אַ ברענענדיקע.

איך האַלט אָבער, אַז דער איינציקער אויסוועג איז שאַפן אין ווילנע, און בכלל אין די גרעסערע פּראָווינץ שטעט, בורסעס, וואו די פּראָווינצער יוגנטלעכע זאָלן קענען באַקומען אַ ביליקע דירה מיט ביליקע באַשפּייזונג אין געזעלשאַפטלעכע קיכן.

אַזעלכע בורסעס דאַרפן ווערן איינגעאָרדנט אין די קהלשע הייזער. אויך דעם פּאַטראָנאַט איבער די בורסעס דאַרפן איבערנעמען אויף זיך די קהילות,

וועלכע מוזן זארגן, אז די טערמינאטארן ביי פריוואטע האנטווערקער זאלן אומבאדינגט באזוכן די אבליגאטארישע פאך-דערגאנצונגס-שולן (בנוגע ווילנע האבן מיר דא, פארשטייט זיך אין זינען די איינציקע יידישע פאך-דערגאנצונגס-שול ביי „ה. ד. א.״), כדי זיי זאלן קענען נאכדעם באקומען די נויטיקע רעכט, לויט דעם אינדוסטריע געזעץ*

דער פאטראנאט דארף זען ארייניציען א וואס גרעסערע צאל פון דער יוגנט אין קוואליפיצירטער ארבעט.

ביי דעם קריזיס, וועלכן עס מאכט דורך די יידישע מלאכה, איז זייער וויכטיק צו געבן, אפילו דעם גוטן האנטווערקער, די מעגלעכקייט צו ספעציאליזירן זיך אין פאך, ד. ה: געבן אים די נייסטע טעכנישע פארפולקאמונג, כדי ער זאל ביי דער עקסיסטירנדיקער קאנקורענץ און פארגרעסערטע פאדערונגען פון לעבן זיך קענען איינהאלטן אויף דער אויבערפלאך.

דעם יידישן האנטווערקער קומט אויס צו רעוואליזירן מיט דעם ניט יידישן, פאר וועמען אי די מלוכה, אי די זעלבסט-פארוואלטונגען, אי די פארשיידענע געזעלשאפטלעכע ארגאניזאציעס, זארגן סיי פאר דער קינסטלערישער אנטוויקלונג פון זיין פאך, סיי פאר די אים נויטיקע קרעדיטן, דערצו נאך באזארגן זיי אים מיט באשטעלונגען. ביי אונז יידן, דארפן עס טאן די געזעלשאפטלעכע בענק. זיי דארפן ארויסהעלפן דעם ווייניק-פארמעגלעכן האנטווערקער מיט ביליקן קרעדיט, זיי מוזן אין דער ריכטונג פארברייטערן זייער טעטיקייט. פאר באשטעלונגען ווידער דארף זארגן די גאנצע יידישע געזעלשאפט.

וואס שייך דער קינסטלערישער און טעכנישער פארפולקומונג, דארפן געעפנט ווערן פאלגנדיקע האלב-יאריקע, אדער 3 חדשימדיקע פאך-קורסן:

1) פאך-צייכענען און טעארעטישע פאך-ידיעות פאר סטאליארעס.

2) פראקטישע קורסן פון פאלירן לויט די נייסטע מעטאדעס (פאר סטאליארעס).

3) מאדעלירן און שניט פאר שטעפערס.

4) מאדעלירן און נייסטער שניט פאר שניידערס, שניידערינס, וועש-נייטערינס און גארסעטן-מאכערינס.

5) שניט און מאדעלירן פאר פוטער-קירזשנער.

---

* דא קומען אין באטראכט פאלגנדיקע פאכן:
1) גאנצעריי, 2) בעקעריי, 3) קאנדיטעריי, 4) וואורשט-מאכעריי, 5) טאפיצעריי, 6) שירעס-מאכעריי, 7) גלעזעריי 8) לעדער-אייבארבעטונג, 9) בלעכעריי, 10) פריזירעריי א. א.

6) קורסן פון גראפיק, גראווירערס און ליטאגראפן.

7) קורסן פאר שילדן און וואנט-מאלערס.

8) קורסן פאר פאטאגראפן און רעטושארן.

9) קורסן פאר טאפיצערס.

עס איז דא א גאנצע רײ פאכן, וואו יידן זיינען אינגאנצן ניטא, אדער זיינען דארט זייער ווייניק פארטראטן. אמת, עס איז איצט ניט קיין צייט פאר א גרויסער עקספאנסיע פון דער יידישער מלאכה. עס וואלט אבער געווען צוועקמעסיק צו מאכן פרובן ביים צוציען די יידישע דעקלאסירטע דערוואקסענע עלעמענטן און די יוגנט צו נייע פאכן. צו דעם צוועק דארף מען עפענען פאלגענדיקע קורץ-טערמיניקע קורסן:

1) בוי-קורסן פאר טעכניקער-פראקטיקער, 2) קורסן פון גארבעריי און פוטער-פארבעריי, 3) קורסן פאר קאנדיטארן, 4) קורסן פאר מויערער, 5) קורסן פאר רימער, 6) קורסן פון פארשיידענע בעטאן-ארבעט, 7) קורסן פון כעמישער רייניקונג און פארבעריי פון שטאפן.

כדי צו הייבן דעם ניווא פון דער יידישער מלאכה אין אלגעמיין, וואלט זייער צוועקמעסיק געווען:

1) גרינדן טעכנישע ביוראען, פון ספעציאליסטן פאך-מענער, אלס קאנסאלידאציע-פונקטן פאר טעכנישע פראגן אין פארשיידענע פאכן.

2) עפענען אין די גרעסערע שטעט ספעציעלע לייענזאלן און ביבליאטעקן פון האנטווערקער-זשורנאלן און טעכנישע צייטשריפטן פאר פארשיידענע פאכן.

3) ארויסגעבן ספעציעלע חודש-זשורנאלן פאר טעכנישע און אלגעמיינע ידיעות, וועלכע זיינען נייטיק דעם האנטווערקער.

4) ארגאניזירן אין גרעסערע פונקטן פעריאדישע אויסשטעלונגען פון האנטווערקער-עקספאנאטן, ווי דאס פראקטיקירט זיך אין אלע אייראפעאישע שטעט.

5) ארגאניזירן א גאנצן ציקל רעפעראטן דורך ספעציאליסטן וועגן די דערגרייכונגען און נייסן אין פארשיידענע צווייגן פון מלאכה.

6) שאפן אן אינסטיטוט פון הויך-קוואליפיצירטע ספעציאליסטן, וועלכע זאלן האבן די אויפגאבע צו וויזיטירן די יידישע ווארשטאטן און אויפן ארט געבן די נויטיקע אנווייזונגען.

וואס שייך די דעקלאסירטע עלעמענטן, מוזן אין די גרעסערע פראווינץ-שטעט איינגעפירט ווערן פאלגנדע באוועגלעכע, קורץ-טערמיניקע קורסן:

1) קאסמעטיק און פערפומעריע 2) זייף פאבריקאציע 3) טעכנא-כעמישע פראדוקטן:

(דעקסטרין, קאזעאין, לאק, שוכפאסטע, מאסטיקע פאר פאדלאגעס, סידאל, טינט, טריפוואקס, סינקע, קרייד, שמירעכס פאר רעדער). 4) שפייז־פראדוקטן: זשעלען פודינג, פאטאקע, מארמאלאד, קונסט־האניק, כאלוואַ, צוקערקעס, אלקאהאל פרייע געטראנקען)*.

פארשטייט זיך, אז מען מוז אויספארשן אין יעדן פאל מיט וואס יעדע באזונדערע פראווינץ שטאט קען זיך פאראינטערעסירן.

צום שלוס וועגן די פאך־שולן:

די אבסאלווענטן פון די פראפעסיאנעלע שולן טארן בשום אופן ניט זיין קיין אראנזשעריע־געוויקסן, נאר דארפן זיין גוט צוגעגרייט צו די שווערע באדינגונגען פון דעם יידישן ווארשטאט, אין וועלכן ס׳וועט זיי אויסקומען צו ארבעטן אין לעבן.

רעאליזירן דעם גאנצן, גרויסן פארנעם פון די אויבן אנגעצייכנטע פראיעקטן און פראגראמען דארפן אויף זיך נעמען, ווי שוין געזאגט, די יידישע קהילות אין קאנטאקט מיט די אייראפעאישע און אמעריקאנישע וועלט־הילף־ארגאניזאציעס, וועלכע זיינען פאראינטערעסירט צו הויבן די יידישע מלאכה אין פוילן און קומען צו הילף די דעקלאסירטע מאסן פון פוילישן יידנטום.

אין דעם פרט זיינען אונזערע האפענונגען אין דער ערשטער ריי געווענדעט צו דער גרעסטער וועלט־ארגאניזאציע „יקא", א דאנק וועמען עס עקסיסטירן די האנטווערקער־שולן אין פוילן.

וואס שייך „ה. ד. א." שטעלט זי זיך צום דינסט פון דער גרויסער אויפגאבע מיט איר 35־יאריקער דערפארונג.

---

* בנוגע ווילנע עקסיסטירן די אלע אויבנדערמאנטע קורסן ביי „ה. ד. א." מיט דערפאלג שוין 10 יאר.

36 יאר „הילף דורך ארבעט"

אין 1903 יאר איז געגרינדעט געווארן די „געזעלשאפט פאר הילף דורך ארבעט" („טרודאוואיא פאמאשטש"). די געזעלשאפט האט דורכגעמאכט א גאנצע ריי אנטוויקלונגען ביז זי איז דערגאנגען צו איר איצטיקער מדרגה.

פאר דער צייט פון איר עקזיסטענץ האט די געזעלשאפט ארויסגעלאזט ביז 6 טויזנט אבסאלווענטן אויפן געביט פון יידישער מלאכה.

די פאך־שולן האבן פולע רעגירונגס־רעכט און ווערן געפירט לויט די פראגראמען פון די מלוכהשע פאך־שולן, וועלכע זיינען באשטעטיקט דורכן מיניסטעריום. אין זיי לערנען זיך יוגנטלעכע פון ביידע געשלעכטער סטאלעריי, מאלעריי, שניידעריי, וועשנייטעריי, פאראייניקט מיט האפט־ארבעט.

ס׳ווערט אויך געלערנט פויליש, רעכענען, געאמעטריע, געאגראפיע, יידישע־געשיכטע, טעכנאלאגיע, סחורה־וויסנשאפט, פיזיק, קאלקולאציע, טעכנישע און פרייע האנט־צייכענען, שניט און מאדעלאציע, פראיעקטירונג או"וו.

די דאמען־שניידעריי האט דעם ציל צו געבן א מעגלעכקייט יונגע שניידערינס, סיי די, וואס האבן געענדיקט פראפעסיאנעלע שולן, סיי די וואס האבן זיך געלערנט פריוואט, צו פארפולקאמען זיך אין דער ארבעט

די דעקאראציע און וואנט־מאלעריי אפט׳ האט דעם צוועק צו געבן די שילער, וועלכע האבן, מער אדער ווייניקער, נייגונגען צום צייכענען און מאלן, א פאך, וואס זאל אנטשפרעכן זייערע פעאיקייטן און וואס האט א פארווענדונג אין גרויס־שטאטישן לעבן (ביים מאלן צימערן, טעא־ער־דעקאראציעס או"וו).

די שילער און שילערינס נאכן דורכמאכן דעם נייטיקן סטאזש — גיבן אפ עקזאמענס ביי דער רעגירונג־קאמיסיע אויף געזעלן, וואס גיט זיי רעכט צו ארבעטן, עווענטועל צו באקומען דעם טיטל מייסטער.

אויך די ספעציעלע אוונט־קורסן פאר דערוואקסענע גיבן א מעגלעכקייט זיך אויסצולערנען א פאך, די יעניקע, וואס האבן עס ניט געטאן אין די יינגערע יארן.

לערנענדיק אויף די פאך־קורסן קענען קורסאנטינס און קורסאנטן פארדינען בעת דער ארבעט, אננעמענדיק אליין באשטעלונגען.

די טריקאטאזש־קורסן דערפילן איצט דאס צוגרייטן ארבעטער, וועלכע זאלן אנטשפרעכן די פאדערונג אויף דעם מין אויסארבעטונגען.

די טעכנא־כעמישע קורסן גרייטן צו צו דער קליין־אינדוסטרי, וואס גיט א געלעגנהייט מיט גאר קליינע מיטלען אויסצוארבעטן אויף א היימישן אופן פארשיידענע שפייז־ארטיקלען.

די דאמען פריזירעריי־קורסן פארפילן אויך א בלויז אין דעם וויכטיקן פאך, וועלכער באצאלט זיך גוט.

אויסער די אויסגערעכנטע אפטיילונגען — ווערן איינגעאָרדנט קורצטערמיניקע קורסן אויף צושניידעריי, פאַר מענער און דאַמען, קאַמאַשן-שטעפעריי, היטפוצעריי א"אנד.

די איינציקע יידישע צייכן-שול ביי „הד"א" גרייט צו צו פאַרשיידענע גראַפישע פאַכן (פאַטאָגראַפן, ליטאָגראַפן, גראַווירער, רעטושאָרן, שניצער, מאַליאַרעס).

די צייכן-שול גרייט אויך צו מענטשן מיט באַטרעפנדע בילדונג אנצוקומען אין העכערע קינסטלערישע שולן, צווישן אנד' אויף דער אָפּטיילונג פון שיינער קונסט אין ווילנער אוניווערסיטעט. בכלל קענען זיך דאָ אויסבילדן קינסטלעריש האַנטווערקער פון אַלערליי פאַכן און מענטשן, וועלכע ווילן זיך פאַרפאָלקאָמען אין צייכענען, ווי אויך אַנטוויקלען זייערע פעאיקייטן אויף דעם דאָזיקן געביט.

ביי „הד"אַ" איז דאָ אַ פאַך-דערגאַנצונגס-שול פאַר טערמינאַטאָרן (לערן-יוגנט ביי האַנטווערקער). אויך אָ-די שול איז די איינציקע יידישע שול אין פוילן, וואָס גיט רעכט די טערמינאַטאָרן, נאָכן אויסלערנען די נייטיקע טעאָרעטישע א.ז. פאַך-לימודים, אָפּצוגעבן עקזאַמען אין האַנטווערקער-קאַמער אויף דעם באַרוף געזעלן (טשעלאַדניק).

די געזעלשאַפט „הד"אַ" האָט באַקומען אויסצייכענונגען אויף אַלע געווערבע-אויסשטעלונגען און לעצטנס אויך אויף דער אַלפּוילישער אויסשטעלונג דעם "Grand Prix".

דעם גרעסטן אָנטייל אין מאַטעריעלע אונטערשטיצונגען האָט געטראָגן אויף זיך „ייק"א". „הילף דורך אַרבעט" ציילט ביז 300 מיטגלידער, געפינט זיך אין אייגענעם בנין מיט 32 אוידיטאָריעס און וואַרשטאַטן.

דער גאַנצער בנין און דער גרויסער אינווענטאַר אין וועלכן עס גייען אַריין אַ פאַך-ביבליאָטעק מיט 6000 ביכער; 2000 טעכנישע און קינסטלערישע מאָדעלן, וועלכע פאַרפילן די גרויסע צייכנונגס-זאַלן — איז געשאַפן געוואָרן פון אייגענע שטאָטישע מיטלען, אָן הילף פון דרויסן.

דער שכר-לימוד בילדעט גאָר אַ קליינע טייל פון בודזשעט, וועלכער איז ביז איצט געווען געבויט איבערהויפּט אויף סובסידיעס.

ניט קוקנדיק אויף אַלע מניעות און שוועריקייטן, האָט די געזעלשאַפט 36 יאָר אומדערמידלעך פרוכטבאַר געאַרבעט אויפן ברייטן פעלד פון באַוואָפענען מיט קוואַליפיצירטער אַרבעט און קענטעניש טויזנטער אונטערוואַקסנדיקע און דערוואַקסענע.

אין 1938 איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַן איינמאַליקע יובל אויסגאַבע פון דער געזעלשאַפט מיט אַן אויסשעפנדיקן מאַטעריאַל וועגן דעם, וואָס עס דאַרף ווייטער געטאָן ווערן פאַר דער יידישער מלאכה.

בנין פון „הילף-דורך-אַרבעט"

מ. ז.

20 יאָר „ייקאָפּאָ“*

דער געגנט־קאָמיטעט „ייקאָפּאָ“ איז געגרינדעט געוואָרן איז ווילנע 1919 און פייערט היי־יאָר זיין 20־יאָריקן יובל.

די ערשטע קאָנפערענץ פון געגנט־קאָמיטעט „ייקאָפּאָ“ איז פאָרגעקומען דעם 8-10 סעפטעמבער 1919 אין ווילנע ביי דער באַטייליקונג פון 96 דעלעגאַטן, וועלכע האָבן רעפּרעזענטירט 74 שטעט און שטעטלעך פון דעם גאַנצן ווילנער און נאָוואָרעדקער ראַיאָן. די קאָנפערענץ האָט באַשטעטיקט דעם סטאַטוט, האָט אויסגעקליבן די עקזעקוטיווע (פאַרוואַלטונג) און געלייגט דעם יסוד פאַר דער גאַנצער ווייטערדיקער אָרגאַניזאַציע פון „ייקאָפּאָ“ לויט אַ פעסטער, קאָנסטיטוציאָנעל־דעמאָקראַטישער סיסטעם. די קאָנפערענץ האָט אויך פעסטגעשטעלט די פּרינציפּן פון דער אַרבעט און אָנגענומען דעם בודזשעט לויט פאָלגנדיקע באַדערפענישן און פּראָפּאָרציעס: דערנערונג — 30 פּראָצ׳, פּראָדוקטיווע הילף און קאָאָפּעראַציע — 25 פּראָצ׳, קולטורעלע ענינים — 20 פּראָצ׳, מעדיציניש־סאַניטאַרע הילף — 15 פּראָצ׳ און צרכי־צבור — 10 פּראָצ׳.

די צווייטע קאָנפערענץ פון „ייקאָפּאָ“ איז פאָרגעקומען דעם 5—7 דעצעמבער 1921 ביי דער באַטייליקונג פון 95 געוויילטע דעלעגאַטן. זי האָט אָקצעפּטירט די נייע, פאַרצווייגטע טעטיקייטס־פּראָגראַם, דהיינו: א) פאַרשטייערשאַפט (חוץ פּאָליטישע) אַלס יורידישע קאָנסולטאַציע און אינטערווענץ וועגן קהלשע ענינים; ב) אינדיווידועלע יורידישע הילף; ג) קאָאָפּעראַציע; ד) צענטראַלע פּאָלקסבאַנק; ה) צוריק אויפבוי פון די חרוב־געוואָרענע (פון דער מלחמה) ישובים, הייזער און בנינים; ו) פאַך־בילדונג און מלאכה; ז) יתומים־פאַרזאָרגונג; ח) צענטראַלער ביכערלאַגער, שולן און ביבליאָטעקן; ט) היימלאָזע, רעעוואַקואַציע און איינאָרדענונג אויף די ערטער; י) עמיגראַציע; יא) לאַנדווירטשאַפט און מלאכה אין פאַרבינדונג מיט „אָרט“ א. אַ. יב) מעדיצינישע הילף אין פאַרבינדונג מיט „אָזע“.

די ווייטערדיקע קאָנפערענצן פון „ייקאָפּאָ“, וואָס האָבן רעגולירט די ענדערונגען אין דער אַרבעט אין צוזאַמענהאַנג מיט די נייע לעבנסבאַדינגונגען, זיינען פאָרגעקומען: די דריטע דעם 9—10 מערץ 1924; די פערטע — דעם 23 דעצעמבער 1931; די פינפטע דעם — 24 דעצעמבער 1933; די זעקסטע דעם 31 מאַי 1936 און די זיבעטע — דעם 26 יוני 1938.

אין משך פון די לעצטע צען יאָר האָט זיך די אַרבעט פון „ייקאָפּאָ“ קאָנצענטרירט דער עיקר אויף אָט די געביטן: א) קינדערשוץ און יתומים־פאַרזאָרגונג אין צוזאַמענהאַנג מיט פאַך־בילדונג און פאַך־קאָנסולטאַציע, ווי אויך זומער און ווינטער־קאָלאָניעס און קינדער־באַשפּייזונג, ב) גמילות־חסדים־קאַסעס, אָרגאַניזירונג, רעוויזירונג, אינסטרואירונג און פינאַנסירונג פון די אינסטיטוציעס; ג) אויפבוי־ענינים און פּראָדוקטיוויזאַציע; ד) פאַרשיידענע אַנדערע מינים קאָנסטרוקטיווע הילף און דרינגענדיקע אַקציעס.

די טעטיקייט פון „ייקאָפּאָ“ איז פאַרשפּרייט אויף איבער 100 שטעט און שטעטלעך פון ווילנער און נאָוואָרעדקער וואָיעוואָדשאַפטן.

די צאָל גמ״ח־קאַסעס, וואָס זיינען אָנגעשלאָסן אָן „ייקאָפּאָ“ צום 1 יאַנואַר 1939, באַטרעפט 112 (אין 112 שטעט און שטעטלעך) מיט אַ צאָל מיטגלידער פון איבער 17.000 און אַ קאַפּיטאַל פון בערך 800.000 זלאָטעס, פון דעם 60 פּראָצ׳ אייגענע און 40 פּראָצ׳ אָנפּראָצענטיקע לאַנגטערמיניקע קרעדיטן פון „ייקאָפּאָ“ (ד. ד. ק.).

די אַרבעט אויפן געביט פון די גמ״ח־קאַסעס און אויפבוי פירט „ייקאָפּאָ“ אין קאָנטאַקט מיטן „דזשוינט“ און „צעקאַבע“.

אויפן געביט פון קינדערשוץ און יתומים־פאַרזאָרגונג זיינען אָנגעשלאָסן אָן „ייקאָפּאָ“ 20 קאָמיטעטן און אַנשטאַלטן (אין 17 שטעט און שטעטלעך) אונטער דער שטענדיקער אויפזיכט פון וועלכע עס געפינען זיך בערך 1500 קינדער, פון זיי זיינען 273 אין יתומים־הייזער, טאָג־היימען א. אַ. און די איבעריקע אונטער פּריוואַטער אויפזיכט. חוץ דעם ווערן באַזאָרגט דורך „ייקאָפּאָ“ בערך 2000 קינדער יערלעך אויף זומער־ און ווינטער־קאָלאָניעס און 2500 קינדער ווערן באַשפּייזט אין די ווינטער־חדשים. פאַך־בילדונג לערנען אין פּראָפעסיאָנעלע שולן און ביי פּריוואַטע מייסטערס 167 קינדער (ביז איצט זיינען שוין אויסגעבילדעט געוואָרן אין פאַרשיידענע מלאכות און זיינען געוואָרן זעלבסטשטענדיק איבער 1000 קינדער). אין ווילנע ביים געגנט־קאָמיטעט „ייקאָפּאָ“ פונקציאָנירט אַ פאַך־

* געגנט קאָמיטעט „ייקאָפּאָ“ — Krajowy Komitet Żydowski „Ikopo". באַדייט: Izraelicki KOmitet POmocy „Ikopo"

קאנסולטאציע. די אלע קאמיטעטן, אנשטאלטן און ארבעטן ווערן סיסטעמאטיש סובסידירט פון „ייקאפא“*.

די ארבעט פון קינדערשוץ און יתומים-פארזארגונג פירט „ייקאפא“ אין קאנטאקט מיטן פארבאנד „צענטאס“.

די עקזעקוטיווע פון „ייקאפא“ באשטייט פון: ד"ר יעקב וויגאדסקי, מ. שאליט, הרב ר' חיים-עוזר גראדזענסקי, הרב ר' שמואל פריד, י. וואלק, י. מעכאניק, אדוו. א. גומענער, אדוו. ש. ווייס, ש. ח דובין.

אין משך פון לאנגע יארן האבן אויך מיטגעארבעט:

מ. יעווזעראוו, א. לאנגבארט, א. קליאנסקי, אדוו. א. רודניצקי, פ. אנטאוויל, ש לאקערמאן, א. אנד.

צווישן די ערשטע נאענסטע טוער האבן זיך אויך געפונען די פארשטארבענע ש. אנ-סקי, צ. שאבאד, נתן קאווארסקי, קאהאן ב. ווירגילי, א. סטאראבין א"אנד.

גענויע מאטעריאלן וועגן אלע פארצווייגטע ארבעטן פון „ייקאפא“ געפינען זיך אין מאנומענטאלן פנקס פון „ייקאפא“ (ווילנע 1931, 1143 זייטן, רייך אילוסטרירט) אונטער דער רעדאקציע פון משה שאליט, ווי אויך אין ארגאן פון „ייקאפא“ „אונדזער הילף“ און אין א גאנצער ריי אנדערע צענטראלע און רעגיאנאלע אויסגאבעס.

י. וואלק

ווילנער אפטיילונג פון דער יידישער צענטראלער עמיגראציע-געז' „יעאס"

די ווילנער אפטיילונג פון דער יידישער צענטראלער עמיגראציע-געזעלשאפט „יעאס“ איז געגרינדעט געווארן אין 1925. ביז דאן איז די עמיגראציע-ארבעט געפירט געווארן דורך דעם געגנט-קאמיטעט „יעקאפא“.

ווילנער „יעאס“ האט לכתחילה געפירט די ארבעט נאר אין ווילנער געגנט. שפעטער האט זי אויך אריינגענומען אין איר טעטיקייטס-געביט דעם נאוואגרודקער געגנט.

די יידישע עמיגראציע-געזעלשאפט אנטוויקלט א פיל פארצווייגטע ארבעט לטובת דעם יידישן עמיגראנט און א דאנק דעם איז זי זייער פאפולער צווישן די יידישע עמיגראנטן. די עמיגראציע-געזעלשאפט דינט דעם יידישן עמיגראנט מיט אלערליי אנווייזונגען און זוכט צו פארלייכטערן זיין שווערן וואנדער-וועג.

צו דעם צוועק פארנעמט זיך ווילנער „יעאס“ מיט פאלגענדע ענינים:

1) גיט אינפארמאציעס וועגן דער לאגע אין די פארשיידענע לענדער פון דער גארער וועלט, וועגן די דארטיקע איינוואנדערונגס – און איינארדנונגס-מעגליכקייטן פאר פאכלייט, מסחר-מענטשן און אנדערע פראפעסיעס און וועגן די ארויספאר-מעגלעכקייטן פון פוילן און אריינפאר-מעגלעכקייטן אין די לענדער פון דער גאנצער וועלט.

2) דערליידיקט אלע פארמאליטעטן פאר די עמיגראנטן, וואס זיינען זיי נויטיק צום ארויספארן פון פוילן, ארבעט אויס בירגערשאפט, מעטריקעס, אומזיסטע אויסלענדישע פעסער און אלע אנדערע דאקומענטן, וועלכע זיינען פארבונדן מיטן אפפאר פון עמיגראנט, באקומט אלערליי וויזעס פאר עמיגראנטן אין א גאנצע ריי לענדער, ווי אויך פארביליקט די רייזע-הוצאות.

3) גיט יורידישע הילף און פירט דורך פארשיידענע השתדלותן אין די רעגירונגס- און קאנונאלע-אנשטאלטן, ווי אויך אין די קאנסולאטן. שרייבט אלע מינים בקשות פאר די עמיגראנטן, וואו זיי האבן זיך נאר צו ווענדן אין צוזאמענהאנג מיט זייער אפפאר.

4) גיט ארויס הלוואות עמיגראנטן, כדי צו פארגרינגערן זייער אפפאר אין די איינוואנדערונגס-לענדער.

5) פארבינדט די עמיגראנטן מיט די קרובים מעבר-לים א"א, כדי צו דערמעגלעכן דעם עמיגראנט אפצופארן, דורך דעם, וואס דער קרוב ווערט אויפגעפאדערט העלפן דעם עמיגראנט מיט מאטעריעלע מיטלען און ארויספאדערונגען.

דאס איז די הויפט-ארבעט, וועלכע די געזעלשאפט „יעאס“ טוט.

לעצטנס איז די ארבעט אונגעהויער באשווערט.

די פראבלעם פון יידישער עמיגראציע איז נאך קיינמאל ניט געווען אזוי הארב, ווי ביז איצט.

דער קריזיס האט ארומגענומען ברייטע שיכטן פון דער יידישער באפעלקערונג און האט זיי געשטעלט ניטן פנים צו דער עמיגראציע. עס איז ניטא די שטוב, וועלכע גיט ניט ארויס פון זיך קיין עמיגראנט, אדער לכל-הפחות א קאנדידאט אויף צו ווערן אן עמיגראנט. אלע זיינען מיט דער פראקטישער עמיגראציע-פראבלעם פאראינטערעסירט: בעלי-מלאכות און ארבעטער, מסחר-לייט און פאבריקאנטן, כלי-קודש און מענטשן מיט פרייע פראפעסיעס.

ליידער, אבער, זיינען דעם עמיגראנטס וועגן פול מיט שטרויכלונגען. די איינוואנדערונגס-שוועריקייטן זיינען גאר גרויסע. ניט אומעטום, וואוהין דער עמיגראנט וויל פארן, ווערט ער אריינגעלאזט. די פארמאליטעטן אין די לענדער, וואוהין געוויסע קאטעגאריעס קענען יא פארן, זיינען קאמפליצירטע און די אויסארבעטונג פון די פאפירן פאדערט גרויסע זאך-קענטעניש. די ידיעות פון די אימיגראציע-לענדער זיינען זייער אפט איבערטריבענע און רופן ארויס פארשיידענע אילוזיעס.

עס האט אויך ניט צוגעגעבן קיין געזונט דער עמיגראציע דאס רייד ן וועגן עמיגראציע. דער ייד האט שטענדיק עמיגרירט און דוקא אין די גוטע יארן אויך. דאס איז א נאטירלעכער דראנג, וואס פלעגט דורך יידן שטענדיק אונטערגעהאלטן ווערן. איצט איז די עמיגראציע זייער פארשווערט, שוין צוליב דעם אליין, וואס דער צד-שכנגד, דער וועלכער דארף אריינגעמען די עמיגראנטן צו זיך אין לאנד, הערט זיך צו צום עמיגראציע-טומל און מאכט גרויסע שוועריקייטן דער עמיגראציע. דערצו זיינען נאך צוגעקומען די פארשיידענע פארבאטן פון ארויספירן געלט און פארמעגנס, וואס איז אויך א גרויסער שטער פאר דער עמיגראציע.

די איינוואנדערונגס-לענדער זוכן אויס פארשיידענע מחיצות פארן עמיגראנט. ס'זיינען איינגעפירט שטרענג-באגרענעצטע קוואטעס, עס פאדערן זיך ווייזע-געלטער און אריינפאר סומעס, אלערליי ארויספארערונגס פאפירן און דאקומענטן, קרובים באשטעטיקונגען און פארמאליטעטן. קיין פרייע עמיגראציע-לענדער זיינען ביים היינטיגן טאג, אזוי גוט ווי ניטא.

ביי אזא לאגע איז די ארבעט פון דער עמיגראציע-אפטיילונג זייער שווער. מען ווערט דערטרונקען אין א ים פון שרייבעניש, פארמאליטעטן און אינטערווענצן. עס איז איצט לאין-ערך שווערער אפצושיקן איין עמיגראנט, ווי אמאל הונדערט.

און דאך ווערט געטאן אלץ, אז דער עמיגראנט זאל סוף כל-סוף אפפארן. עס קומט אויס אנצווענדן פארשיידענע מיטלען, אינטערווענצן און השתדלותן דא אויפן ארט און אויך מעבר-לים. און אין פיל פאלן גיט זיך איין א סך אויפצוטאן.

די ארבעט פון דער ווילנער אפטיילונג נעמט ארום די עמיגראציע אין דער גאנצער וועלט. אנהויבנדיק מיט דער עמיגראציע קיין ארץ ישראל און ענדיקנדיק מיט דער ווייטסטער מדינה*. עס ווערן אויסגענוצט אלע מעגלעכקייטן און אנגעקניפט אלע פארבינדונגען, כדי דער עמיגראנט זאל קענען דערגרייכן זיין ציל.

פאר די יארן 1925 — 1938 זיינען רעגיסטרירט געווארן דורך דער ווילנער אפטיילונג 29212 פערזאן (ראשי-המשפחה). אפגעפארן זיינען פאר דער צייט 7978 פערזאן. היינט צו טאג, ביי די גרויסע עמיגראציע-שוועריקייטן, ווערט דורך דער ווילנער אפטיילונג אפגעשיקט איבער 500 פערזאן א יאר.

די ווילנער אפטיילונג איז פארבונדן מיט אלע עמיגראציע-געזעלשאפטן אין דער גאנצער וועלט. עס ווערט געפירט א ברייטע קארעספאנדענץ מיט די עמיגראנטן, מיט די קאמיטעטן, קאנסולאטן און אדמיניסטראטיווער מאכט. דעם לעצטן יאר האט די קארעספאנדענץ דערגרייכט א רעקארד-ציפער פון אריינגעקומענע 10546 בריוו און אפגעשיקטע 13o16 בריוו.

די פארוואלטונג פון ווילנער „יעאס" באשטייט פון פאלגענדע מיטגלידער: פארזיצער משה שאליט, וועלכער איז אויך פארזיצער פון אלפוילישן יעאס-ראט און פארשטייער פון פוילישן „יעאס" אין דער הויפט-פארוואלטונג פון דער אלוועלטלעכער עמיגראציע-פאראייניקונג פון „היאס"—„יק"א" („היקעם", פאריז). וויצע-פארזיצערס: הרב ר' שמואל פריד און אדוו' א. רודניצקי, סעקרעטארן: א. קליאנסקי און י. מעכאניק.

פארוואלטער פון ווילנער „יעאס" איז י. וואלק.

---

* פאראייניקטע שטאטן, ארגענטינע, דרום-אפריקע, אויסטראליע. איינצעלנע עמיגראנטן זיינען אריינגעלאזט געווארן נאך אין 16 לענדער פון דער גאנצער וועלט.

חנה בלאַנקשטיין

די צילן פון „פרויען־שוץ" אין ווילנע

די געזעלשאַפט „פרויען־שוץ" איז אַן אינטער־נאַציאָנאַלע. אירע צילן: קאַמף מיט פּראָסטיטוציע און קעגן האַנדל מיט לעבעדיקע סחורה.

פאַראַט דער אידעע האָבן זיך אין אָנהויב פון 20־טן יאָר־הונדערט פאַראייניקט 5 גרויסע אייראָפּעאישע לענדער, צו וועלכע ס'זיינען נאָכער צוגעשטאַנען אַרגענטינע, מעקסיקע, א. א.

ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ צענטראַלע ביוראָ אין לאָנדאָן, אין וועלכער ס'איז אויך אַריין די ייִדישע געזעלשאַפט פון פרויען־שוץ אין לאָנדאָן, בראש מיט קלאָד מאָנטעפיאָרע.

די וועלט־מלחמה האָט געהאַט איבערגעריסן די אַרבעט, וועלכע האָט זיך אָבער אין קורצן ווידער באַנייט. דערביי האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ייִדישע פרויען, בפרט פון מזרח אייראָפּעאישע לענדער, נעמען אַ היבש גרויסן אָנטייל אין פּראָסטיטוציע. דאָס האָט אויך פעסטגעשטעלט די קאָמיסיע, וואָס די אַמע־ריקאַנער היגיענישע געזעלשאַפט האָט אָרגאַניזירט און אויף וועלכער זי האָט אַסיגנירט קאָלאָסאַלע מיטלען, כּדי אין משך פון צוויי יאָר אויסצופאָרשן דעם ענין.

דערביי איז כּדאַי צו דערמאָנען דעם באַקאַנטן סענסאַציאָנעלן פּראָצעס, וועלכער האָט זיך מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אָפּגעשפּילט אין אַ גרויסער דרום־אַמעריקאַ־נער מלוכה, אין אַרגענטינע. אין דעם דאָזיקן פּראָצעס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז גאָר הויכע פּערזענלעכקייטן פון דער אָרטיקער געזעלשאַפט, און גראָד ניט ייִדן, זיינען פאַרמישט געווען אין דעם האַנדל מיט לעבע־דיקע סחורה, ווי שותּפים און געצויגן דערפון אומגעהויערע רווחים.

ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז בעת דער צאַרישער צייט און אויך אין געוויסע לענדער, וואו די פּאָלי־טיק האָט געצילט אַרויסצושטויסן די ייִדן פון מלוכשע און געזעלשאַפטלעכע אַרבעט האָט דאָס געמוזט דערפירן די ברייטע ייִדישע מאַסן צו אַ שווערן עקאָנאָמישן צושטאַנד, פון וועלכן ס'האָט געליטן אין דער ערשטער ריי דער שוואַכערער מין — די ייִדישע פרוי.

אויב דער מאַן האָט נאָך געפונען עפּעס אַן אויסוועג אין קליינהאַנדל און מלאכה, איז די ייִדישע פרויען־יוגנט, אָן אַרבעטסלאָזע, אָן געהעריקע פאַך־אויסבילדונג, געווען אַ צוטריטלעכער עלעמענט פאַר דעם אינטערנאַציאָנאַלן פרויען־האַנדל.

אָבער וואָס ס'זאָלן ניט זיין געווען די סיבות, האָט דאָס פעסטשטעלן פון דעם פּראָצענטועל גרויסן אָנטייל פון אונזער פרויען־יוגנט אין פּראָסטיטוציע דירעקט אָנגערירט דעם כּבוד פון דער ייִדישער פרוי און דאָס האָט געשטויסן דעם גענעראַל סעקרעטאַר פון דער צענטראַל ביוראָ אין לאָנדאָן דעם הער ס. קאָהען, אַ מיטגליד פון פעלקער־בונד, צו באַזוכן אַ ריי לענדער, דערונטער אויך פּוילן, און צו אָרגאַניזירן אין די גרעסערע שטעט אָפּטיילונגען פון דער לאָנדאָנער געזעלשאַפט „פרויען־שוץ". אַזוי זיינען געשאַפן געוואָרן די געזעלשאַפטן פון פרויען־שוץ אין וואַרשע, לאָדז, ווילנע און ביאַליסטאָק.

אין 1927 אין לאָנדאָן ווי אויך אין 1930 אין וואַרשע זיינען פאָרגעקומען אינטערנאַציאָנאַלע קאָנ־גרעסן, אויף וועלכע ס'זיינען באַטראַכט געוואָרן אַלע ענינים און פּראָפילאַקטישע מיטלען אין שוץ פאַר דער פרוי.

אין ביידע קאָנגרעסן האָבן די ייִדישע דעלע־גאַטן און דעלעגאַטינס גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל

אַזוי האָט פאַר דעם צוזאַמענפאָר אין לאָנדאָן די ווילנער דעלעגאַציע באַקומען אַן איינלאַדונג צו האַלטן אויף דער ייִדישער פאָר־קאָנפערענץ אַ רעפעראַט אויף דער טעמע: „די ווירקונג פון די ניי אַנטשטאַ־נענע נאָך מלחמה מלוכות אויפן גורל פון דער פרוי", אגב ביים היינטיקן טאָג אַ פּראָבלעם, וואָס מאַטערט די וועלט ניט נאָר בנוגע דעם גורל פון פרויען אַליין.

II

די אַרבעט — פון „פרויען־שוץ" אין ווילנע איז פאַנאַנדערגעטיילט אין פאָלגענדע צווייגן:

1) אַרבעטס־ביוראָ: עס ווערן רעגיס־טרירט און נאָך מעגלעכקייט באַזאָרגט מיט אַרבעט אַ באַדייטנדיקע צאָל פרויען אין ביוראָען, געשעפטן, פאַבריקן און ביי הויז־ווירטשאַפט.

2) עגונה־ענינים: אַ פאַרצווייגטער קאָנטאַקט מיט פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס איבער גאָר דער וועלט, בפרט מיט דעם „ראַט פון ייִדישע פרויען אין ניו־יאָרק" מיט וועלכער אונדזער קאַנ־צעלאַריע פירט כּמעט אַ טאָג־טעגלעכע קאָרעספּאָנדענץ און מיט דעם „פּליטים־קאָמיטעט" אין ניו־יאָרק, בראש פון וועלכן עס שטייט דער גענעראַל סעקרעטאַר מיסטער טשאַרלס צונזער. דאָס דערמעגלעכט אונדז צו דערלייכטערן דעם גורל פון דער עגונה און אירע פאַרלאָזענע קינדער. אין אַסאַך פאַלן געלינגט עס צו

געפינען דעם מאן און פאטער און אפטמאל אויפבויען אויף דאס ניי דאס צובראכענע פאמיליע־לעבן, אדער צו באפרייען די עגונה און אויסצופועלן מאטעריעלע שטיצע פאר איר און פאר אירע קינדער.

3) אויסגעפינען קרובים: אדאנק די פילזייטיקע פארבינדונגען ווערן אויסגעפונען קרובים, וועלכע האבן זיך צענדליקער יארן ניט אפגערופן, און אזוי ארום באקומען א סך ארעמע משפחות שטיצע פון קרובים פון גאר דער וועלט.

4) א היים פאר איינזאמע פרויען און מיידלעך: אין דעם פרט איז אונדז אנטקעגנ־

ווילנער יידישער פרויען־שוץ

פון רעכטס אויף לינקס זיצן ז. סירקין, ד. גורוויטש (וויצע־פארזיצערין), פרל. מ. סקאלסקא (פארזיצערין), ח. בלאנקשטיין (קוראטאר פון היים), ד״ר א. גאלדמאן, הרבנית פריד, ר. שער, 2־טע שורה שטייען: א. מינקער, א. גאלדמאן, (סעקרעטארין) ב. בראנטוויין, ב. האמבורג, ר. פעסקער, (פארוואלטערין פון היים) ב. וואלק, ש. זיידשנור, ס. גרינהויז און י. קארפעל.

געקומען די ווילנער קהלה־פארוואלטונג, וועלכע האט אונדז געגעבן א לאקאל אין אירע הייזער, וואו ס׳איז אונדז געלונגען צו שאפן די דרינגענד נויטיקע היים פאר ארבעטסלאזע, איינזאמע פרויען און מיידלעך, סיי היגע, סיי פון פראווינץ, וועלכע שטראמען אין ווילנע זוכן ארבעט.

5) קורסן פאר הויז־אנגעשטעלטע: ס׳איז איבעריק אונטערצושטרייכן די נויטיקייט פון נייע פאכן פאר אונדזער פרויען־יוגנט. דער פאר־גרייטונגס־קורס פאר הויז אנגעשטעלטע, ארגאניזירט פון „פרויען־שוץ" אין ווילנע, האט ארויסגערופן א גרויסן אינטערעס און וועט אין קורצן באנייט ווערן מיט א פארגרעסערטער פראגראם.

6) מעדיצינישער פאטראנאט: א באזונ־דערן ארט פארנעמט ביים „פרויען־שוץ" די מעדיצי־נישע הילף. אדאנק דער גרייטוויליקייט פון די יידישע דאקטוירים איז געשאפן געווארן די מעגלעכ־קייט צו העלפן אונדזערע אינטערעסאנטן פון די ארעמסטע שיכטן.

ביים שאפן דעם מעדיצינישן פאטראנאט האט אונדז באזונדערס געהאלפן דער פארשטארבענער ד״ר י. גלאבוס. דער קוראטאר פון היים איז ד״ר א. גאלדמאן, וועלכער האט פריינדלעך גענומען אויף זיך די מעדיצינישע השגחה איבער דער היים.

7) באראטונגס־שטעלע פאר פרויען: קירצלעך ווערט ביים „פרויען־שוץ" באנייט די בעראטונגס־שטעלע פאר פרויען, אונטער דער אנפי־רונג פון ד״ר ת. יאבראוו.

8) יורידישע הילף: דער יוריסט־קאנסולאט ביים „פרויען־שוץ" ערטיילט יורידישע עצות סיי פרויען, סיי מענער. ער טרעט גאנץ אפט ארויס אין גע־ריכט אין אנגעלעגנהייטן פון אלימענטן פאר דער פרו־

און קינדער, ווי אויך אין אנדערע קאמפליצירטע פאמיליען-ענינים.

9) קולטור-קאמיסיע: א וויכטיקן ארט גיט אפ דער „פרויען-שוץ" דער קולטורעלער ארבעט. ס'ווערן איינגעארדנט פאפולערע פארלעזונגען אויף מעדיצינישע און געזעלשאפטלעכע טעמעס.

10) פרויען גלייכבארעכטיקונג: דער „פרויען-שוץ" שטייט אויף דער וואך פון פרויען-רעכט און באשיצט די פרוי אויף אלע געביטן פון איר פראפעסיאנעלער און געזעלשאפטלעכער טעטיקייט.

*

די צייט איז א בייזע. א ביטערע. גאר בייז, גאר ביטער איז זי פאר דער יידישער פרוי, וועלכע נויטיקט זיך אלעמאל אין געזעלשאפטלעכן שוץ, בפרט אין א צייט פון הפקרות און ווילדקייט, אין א צייט, וואס מען ווייס ניט ווי וועט אויסזען דער נאענסטער מארגנדיקער טאג אין דעם וויסטן גראנגל צווישן פאשיזם און דעמאקראטיע, פאר דעם מענטשן בכלל און פאר דער פרוי בפרט. אין דער איצטיקער צייט איז מער ווי ווען ס'איז אמנויטיקסטן די הילף פון „פרויען-שוץ" פאר דער הילפסלאזער יידישער ארבעטסלאזער פרויען-יוגנט.

פאניע צעמעל

דער ווילנער יידישער פרויען-פאראיין

אויב היינט איז פאראן גרויס פארשטענדעניש און דראנג, אפילו ליבע, צו ארבעט און מלאכה, סיי ביי מענער, סיי ביי פרויען — פון דער אזוי גערופענער בעסערער געזעלשאפט איז דאס לגמרי אנדערש געווען מיט 14 יאר צוריק, ווען עס האט זיך געגרינדעט דער יידישער פרויען-פאראיין אין ווילנע. איצט קומט פאר א מאסנווייזע איבערשיכטונג פאר אונדזערע אויגן. מענטשן, וועלכע האבן נאך נעכטן געהערט צו דער אזוי גערופענער „העכערער" געזעלשאפט און שטאלצירט מיט זייער יחוסדיקן פוסט און פאסט ארומגיין — זיינען היינט גליקלעך, ווען עס געלינגט זיי אריינצודרינגען אין די רייען פון דער ארבעטער-משפחה און צו פארנעמען דארט א פאזיציע.

עס האט אויפגעהערט דאס פיבערהאפטע יאגעניש נאך דיפלאמען. מ'האט זיך בולט איבערצייגט, ווי ווייניק שאנסן דער דיפלאמירטער אינטעליגענט האט, זיך איינצוארדנען און צו פארנעמען אן ארט אין לעבן. מ'האט איינגעזען, אז אפילו מיט א דיפלאם אין קעשענע, וועלכן דער יידישער בחור, אדער מיידל האט נאך גרויס מי און מסירת-נפש באקומען — מוז ער ערשט אין פיל פאלן אנהייבן זיך לערנען א פאך, ווייל דער דיפלאם קען בשום אופן אים קיין מאטעריעלע באזע ניט געבן.

די ביטערע פראקטיק אין די קריזיס-יארן האט דערוויזן, ווי ווייניק איינגעפונדעוועט איז אויך דער הענדלער, קרעמער און מעקלער, און אויב עס האט נאך ווער ניט איז עפעס אויסזיכטן אויף איינארדנען זיך — איז דאס דער קוואליפיצירטער ארבעטער, אדער ארבעטערין.

מיט 14 — 15 יאר צוריק אבער, ווען די איניציאטיוו גרופע פון פרויען-פאראיין איז געקומען און ארויסגעזאגט דעם דאזיקן געדאנק האט עס געקלונגען ווי אפיקורסות. ס איז אויסגעקומען צו פירן א פיאנערישן קאמף, ביז עס איז געלונגען דורכצוברעכן די כינעזישע וואנט פון פאראורטיילן, וועלכע האבן געהערשט ביי דער יידישער פרוי בנוגע צו ארבעט און מלאכה. היינט קלאפן שוין מחנות פרויען פון די פארשיידנסטע שיכטן פון דער יידישער באפעלקערונג אין די טירן פון די אנשטאלטן ביים פרויען-פאראיין מיט דער בקשה זיי צו געבן די מעגלעכקייט זיך צו לערנען א פאך.

צום באדויערן איז דער פאראיין ניט מסוגל אויפצונעמען און צו באפרידיקן די אלע, וועלכע שטרעבן צו פאך-בילדונג. מיר זעען אבער איצט, וואס פאר א געזונטן חוש און אינטואיציע די גרופע געזעלשאפטלעכע טוערינס האט פארמאגט, ווען זי האט דאמאלסט פארשטאנען, אז אויף די חורבות פון יידישן לעבן אין די שווערע נאך-מלחמה יארן — מוז מען שאפן נייע פארמען פון הילף — ניט קיין פילאנטראפישע, נאר ממשותדיקע, קאנסטרוקטיווע. דאס איז געווען דער יסוד אויף וועלכן ס'איז אין יאר 1923 געגרינדעט געווארן דער ווילנער פרויען-פאראיין.

מיט דעם לאזונג: „פראדוקטיווע, קאנסטרוקטיווע הילף פאר דער פרוי דורך דער פרוי!", — האט א קליינע איניציאטיוו-גרופע אנגעהויבן צו רעאליזירן די פראגראם פון פאך-אויסבילדונג פאר דער יידישער פרוי. דער באדן פאר אזא ארבעט איז דאמאלסט געווען ניט גינסטיק: דער

געדאַנק פון פאַך־אויסבילדונג פאַר פרויען אין אַ ברייטן פאַרנעם איז געווען שטאַרק ניט פּאָפּולער. די שטאָט איז געווען פאַראָרימט אַרויסציען מיטלען פון דער געזעלשאַפט איז כמעט געווען אוממעגלעך און דאָך האָט דאָס ניט פּאַראַליזירט דעם שטאַרקן ווילן פון די איניציאַטאָרינס.

שטיל, באַשיידן, מיט שטאַרק באַגרענעצטע מיטלען זיינען אין יאָר 1924 געגרינדעט געוואָרן די ערשטע פאַך־קורסן פון שניידעריי, הוט־פוצעריי און וועשנייטעריי.

צייט דאַן זיינען אַריבער 14 יאָר. אַ פאַר־

3) אַ הויז־ווירטשאַפטס־שול פאַר יוגנטלעכע און הויז-ווירטשאַפטס־קורסן פאַר דערוואַקסענע.

בסך הכל לערנען זיך אין אַלע אַנשטאַלטן פון פרויען-פאַראיין ביז 300 תלמידות.

די שולן פאַרמאָגן אַ רייכן אינווענטאַר און מאָדערנע ערשט קלאַסיקע מכשירים צום לערנען. ס'ווערן אָנגעווענדט די נייסטע מעטאָדן פון פאַך־בילדונג, אַזוי־אַרום, אַז די שולן לאָזן אַרויס פאַר־פולקאָמטע, גוט קוואַליפיצירטע אַרבעטערינס, וועלכע באַקומען דעם טיטל „טשעליאַדניצקאָ" און זיינען מסוגל לויט זייער צוגרייטונג צו פאַרנעמען אַן

העלטניסמעסיק קליינער צייט־אָפּשניט, אָבער וויפיל איז אויפגעטאָן געוואָרן! ביי היינטיקן טאָג פאַרמאָגט דער ווילנער פרויען־פאַראיין:

1) צוויי קאָנצעסיאָנירטע פאַך־שולן פאַר שניי־דעריי און וועשנייטעריי פאַר יוגנטלעכע מיט מלוכה־רעכט, וואו עס ווערט חוץ מלאכה אויך געלערנט אַלגעמיינע בילדונג, ווי פּויליש, חשבון, יידישע געשיכטע, געאָמעטריע, פאַך - צייכענען, סחורה־וויסנשאַפט אאַ"וו.

2) אָוונט - קורסן פאַר דערוואַקסענע פון קינדער־קאָנפעקציע, הוט־פוצעריי און קאָרסעטן־אַרבעט.

אָנגעזעענעם אָרט אין די רייען פון די פאַך־לייט. אויך די אָוונט־קורסן שטייען אויף דער געהעריקער הייך און גרייטן זאָרגפעליק צו די תלמידות צו זייער פאַך.

דער פרויען - פאַראיין פאַרלירט ניט דעם קאָנטאַקט מיט זיינע תלמידות אויך נאָך דעם, ווי זיי פאַרלאָזן די ווענט פון שול און קורסן. צו דעם צוועק איז געשאַפן ביי די שולן אַ פאַך באַראַטונגס שטעלע, וואו די אַביטוריענטינס קענען שטענדיק זיך אינפאָרמירן וועגן אַלץ וואָס איז פאַראַן נייס אין זייער פאַך. באַזונדערס אָרעמע תלמידות העלפט

דער פאַראיין ביים איינאָרדנען זייערע וואַרשטאַטן, ווי קויפן מאַשינען אאַז״וו.

פאַר די 14 יאָר וואָס דער פרויען־פאַראיין עקסיסטירט האָבן הונדערטער פרויען געענדיקט זיינע אַנשטאַלטן. כמעט אַלע האָבן זיך איינגעאָרדנט ביי זייער פאַך סיי אין לאַנד, סיי אין אויסלאַנד (אַמעריקע, אַפריקע, ארץ־ישראל אד״גל).

די תלמידות ווערבירן זיך פון די פאַר־שיידנסטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג. דאָס זיינען טעכטער און פרויען פון אַרבעטסלאָזע, געפאַלענע בעלי־בתים, אָנגעשטעלטע, אַרבעטער, סוחרים, קליינהענדלער אאַז״וו.

אַ דאַנק דער קאָנסטרוקטיווער הילף פון ווילנער פרויען־פאַראיין זיינען הונדערטער יידישע משפחות אויפגעריכט געוואָרן. אין פיל פאַלן, איז צוליב דער שטאַרקער אַרבעטסלאָזיקייט, די פאַר־דינסט פון דער מוטער און טאָכטער, וועלכע האָבן באַקומען פאַך-אויסבילדונג אין די אַנשטאַלטן פון פרויען־פאַראיין, דער איינציקער מקור פון חיונה פאַר דער גאַנצער משפחה.

אויך די פראַגע פון קינדער־שוץ פאַרנעמט אין דער פּראָגראַם פון פרויען־פאַראיין זייער אַ בכבודיקן אָרט. די מוטער מוז האָבן פרייע צייט און פרייע הענט, כדי צו קענען פאַרדינען. דאָס קליין קינד איז איר אָפט אַ שטער, אויב זי וויל עס ניט איבערלאָזן זיך וואַלגערן אויף די טראָטואַרן פון די שמוציקע געסלעך, אָדער פאַרשליסן אין דער נאַסער, קאַלטער דירה. כדי צו העלפן די מוטער און קינד — האָט דער פרויען־פאַראיין געעפנט דעם ערשטן טאָג־קינדער־הייב אין ווילנע פאַר דער ווילנער אָרעמקייט. דער טאָג־היים איז אויסגעשטאַט מיט די נויטיקע מעבל, שפּיל און שול־מכשירים. אין אַ זוניקן געמיטלעכן לאָקאַל, אונטער דער השגחה פון געניטע פּרעבעליסטינס פאַרברענגען די קינדער כמעט דעם גאַנצן טאָג און באַקומען אַ ראַציאָנעלע דערציאונג און דערנערונג.

דער פרויען־פאַראיין האָט זיך דערוואָרבן אַ בכבודיקן אָרט צווישן אַלע קולטורעלע געזעל־שאַפטלעכע מוסדות פון ווילנע. ס׳איז ניט פאַראַן קיין איין וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע פראַגע, וועלכע זאָל באַהאַנדלט ווערן אָן דעם אָנטייל פון פרויען־פאַראיין און צו וועלכער דער פאַראיין זאָל ניט אָננעמען אַ געהעריקע שטעלונג. די שנעלע און פילזייטיקע אַנטוויקלונג און פאַנאַנדערוואַקסן זיך פון ווילנער פרויען־פאַראיין — זאָגט עדות, אַז אַלץ וואָס איז לעבנס נויטווענדיק — מוז לעבן און און עקסיסטירן, ניט קוקנדיק אויף אַלע מכשולים. באַזונדערס שטאַרק פילט זיך די נויטווענדיקייט פון אַזאַ אינסטיטוציע, ווי דער פרויען־פאַראיין — אין אונדזער היינטיקער תקופה, אין וועלכער פּראָדוקטיוויזאַציע און פאַך־אויסבילדונג איז דער איינציקער אויסוועג פאַר דער יידישער יוגנט.

פאַרוואַלטונג פון „ווילג"

ס׳זיצן פון רעכטס: א. מענעס, ז. שיק (פאָרזיצער), ד. שומאַנסקאַ, ל. סטאַליצקי
ס׳שטייען: א. גייפון און מ. ליפשיץ

זלמן שיק

די יידישע לאַנדקענטעניש געז׳ [ווי ל ג]

די יידישע לאַנדקענטעניש־באַוועגונג אין פוילן איז געשאַפן געוואָרן אין 1926 אין וואַרשע, אַדאַנק דער איניציאַטיווע פון ה׳ דובראָוויטש, אונטערן אָפיציעלן נאָמען: „יידישע געזעלשאַפט פאַר לאַנד־קענטעניש" (י. ג. פ. ל. — Ż. T. K.).

די געזעלשאַפט פלעגט אַרויסגעבן אַ חודש־שריפט „לאַנד און לעבן". איצט גיט זי אַרויס „לאַנדקענטענישע ידיעות" (אַ צייטשריפט פאַר פראַגן פון לאַנדקענטעניש, טוריסטיק, פאָלקלאָר, עטנאָג־ראַפיע און געשיכטע פון יידישע ישובים).

די הויפט פאַרוואַלטונג האָט אָרגאַניזירט אָפטיילונגען כמעט אין אַלע גרעסערע שטעט פון פוילן און צווישן זיי אויך די ווילנער אָפטיילונג — ווילג (געגרינדעט אין 1930).

ביי ווילג אַרבעטן פאָלגענדע סעקציעס:

פריינד פון ווילנע — האָט דעם ציל צו באַקענען זיך מיט די ווילנער היסטאָרישע אַלטערטימ־לעכקייטן, אינטערעסאַנטע אַרכיטעקטאָנישע אָביעקטן, וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־מוסדות, מו־זייען, ביבליאָטעקן, אַרכיוון און בפרט מיט דעם אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו יידן. די סעקציע אָרגאַניזירט אויף יעדן שבת, זונטאָג און אויך אין די יום־טובים־טעג, לאַנדקענטענישע אויספלוגן און שפּאַצירן אונטער דעם לאָזונג: „באַקענען זיך מיט דיין היימשטאָט".

אַ דאַנק די ווילג־אויספלוגן האָט זיך די גרעסטע טייל פון זייערע אָנטיילנעמער באַקענט צום ערשטן מאָל מיט די אַלטערטימלעכקייטן און מערקווירדיקייטן פון דער שטאָט. די סעקציע האָט איינגעאָרדנט צוויי אינטערעסאַנטע און אינהאַלטס־רייכע אויסשטעלונגען א. נ. „ווילנע אין וואָרט און בילד" (ביי 2000 אָביעקטן), וואָס האָבן אַרויסגערופן גרויס אינטערעס און געפונען אַ וואַרעמען אָפּקלאַנג אין דער געזעלשאַפט. צו אירע אויפטוען דאַרף אויך פאַררעכנט ווערן דאָס אָרגאַניזירן לאַנדקענטעניש־קרייזן ביי ווילנער געזעלשאַפטן און שולן (דהיינו ביי „שול־קולט" און „תושיה").

אין די אויספלוגן פון ווילג שליסן זיך אָפטמאָל אָן גרופּעס פון דרוקער־פאַראיין, בעקער־פאַראיין, טויב־שטומע, „הילף־דורך־אַרבעט", „תושיה", החלוץ, „בעל־מלאכה", קיבוץ „שחריה", „הפועל" א״אַנד.

די סעקציע האָט אויפגעזאַמלט פיל מאַטעריאַל וועגן ווילנע און אָפט איינגעאָרדנט רעפעראַטן מיט ליכטבילדער אד״ט „די אַלט־נייע ווילנע".

די היסטאָריש־עטנאָגראַפישע סעקציע אָרדנט איין פון צייט צו צייט רעפעראַטן איבער געשיכטע, עטנאָגראַפיע און פאָלקלאָר (ס׳האָבן ביז איצט רעפערירט: ד״ר רינגעלבלום, אַדוו. פּ. קאָן, מגר. פלאַקס, ד״ר סטודניצקי, נ. וויינינג א״אַנד), זאַמלט עטנאָגראַפישע און פאָלקלאָריסטישע מאַטעריאַלן, באַנוצט זיך מיט די ווילנער היסטאָרישע און עטנאָ־גראַפישע מוזעען אאַ״וו.

די עספּעראַנטאָ־סעקציע „TERO", איז געשאַפן געוואָרן אין 1931. די אָנפירונג פון ווילג האָט גענומען אין באַטראַכט די באַדייטונג פון עספּעראַנטאָ פאַר דער אַנטוויקלונג פון טוריסטיק און לאַנדקענטעניש (זע אַרטיקל: עספּעראַנטאָ־באַוועגונג אין ווילנע).

די פאָטאָגראַפישע סעקציע—מאַכט אויפנאַמעס פון ווילנער יידישע היסטאָרישע אַלטער־טימלעכקייטן, בעת די אַלגעמיינע אויספלוגן. די סעקציע פלאַנט צו שאַפן אַ פאַראייניקונג פון אַלע ווילנער פאָטאָ־אַמאַטאָרן, איינאָרדענען אַ פאָטאָ־לאַבאָראַטאָריע און אָרגאַניזירן די ערשטע פאָטאָג־ראַפישע אויסשטעלונג פון אַמאַטאָרישע אַרבעטן.

די פּראָפּאַגאַנדע־סעקציע — פאַרעפנט־לעכט אין דער ווילנער טעגלעכער יידישער פּרעסע אַרטיקלען און נאָטיצן וועגן לאַנדקענטעניש, טוריסטיק אאַז״וו, נעמט אויף (באַזאָרגט מיט נאַכטלעגער און אויפהאַלטונג) און פירט אָן מיט די אויספלוגן, וועלכע קומען פון אַנדערע שטעט, דער עיקר—מיט די אויספלוגן פון די אָפּטיילונגען פון דער געזעלשאַפט פאַר לאַנדקענטעניש אין אַנדערע ערטער.

די קאָלאָניע־קאָמיסיע אָרדנט איין אויספלוגן אין די קאָלאָניעס און לאַגערן פון י. ג. פ. ל. ביים ים (קאַרוויע, קוזניצע, אָסטראָווע), אין די בערג (זאַקאָפּאַנע, יאַרעמטשע) און אין קורערטער (קוזמיר, דרוסקעניג, זאַלעשטשיק און טרוסקאַוועץ).

דאָס רוב אָנטיילנעמער אין די קאָלאָניעס האָט אַדאַנק ווילג צום ערשטן מאָל זיך באַקאַנט מיט דער שיינקייט פון דער נאַטור און מיט די לאַנדשאַפטן.

ביי ווילג האָט אַ לענגערע צייט עקסיסטירט אויך אַ זעלבסטשטענדיקער דראַמאַטישער קרייז א. נ „דאַווקע".

די מיטגלידער פון ווילג געניסן פון 33 מיט איין דריטל פּראָצ. אינדיווידועלע־באַן־הנחות; די מיטגלידער פון די נאָרטן־סעקציעס פון י. ג. פ. ל. האָבן 50 פּראָצ.

דער איצטיקער לאָקאַל פון ווילג איז אויף סטעפן־גאַס 32.

ד"ר ד. פיינשטיין

דער יידישער אָנטייל אין דער עספעראַנטאָ־באַוועגונג אין ווילנע

אַ מער ווייניקער אָרגאַניזירטע עספעראַנטיסטישע באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן אין ווילנע ערשט אין יאָר 1909, ווען ס'איז לעגאַליזירט און אָרגאַניזירט געוואָרן די ערשטע ווילנער עספעראַנטיסטן - געזעלשאַפט. די גרינדער און איניציאַטאָרן פון דער געזעלשאַפט זיינען געווען בלויז פּאָליאַקן. דאָך איז דער ערשטער איינגעשריבענער מיטגליד פון דער געז' געווען אַ ייד — דער באַקאַנטער אין ווילנע פּיאָנער פון דער עספעראַנטאָ־באַוועגונג ב. זאַלמאַנסאָן.

פאַר דער מלחמה זיינען יידישע מיטגלידער אין דער עספעראַנטאָ געזעלשאַפט געווען זייער ווייניק. שפּעטער זיינען צוגעקומען מער יידן. פונדעסטוועגן זיינען יידן שוין אין די ערשטע פאַרוואַלטונגען געוויילט געוואָרן שטענדיק אויך יידן.

בעת דער דייטשער אָקופּאַציע איז די באַוועגונג געווען אָפּגעשטעלט. דער פּרוב ווידער אויפצולעבן די געזעלשאַפט בעת דער דייטשער מאַכט האָט זיך ניט איינגעגעבן. די דייטשע מיליטערישע אָקופּאַציע־מאַכט האָט קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו לעגאַליזירן אַן עספעראַנטאָ־געזעלשאַפט אין ווילנע.

ערשט סוף 1920 איז צונויפגערופן געוואָרן דורך די פּוילישע עספעראַנטיסטן אַ געמיינזאַמע קאָנפערענץ פון די פּוילישע און יידישע עספעראַנטיסטן. די פּאָליאַקן האָבן דאַן געפּרובט אָנוואַרפן די יידן אַ פאָרשלאָג צו גרינדן אַ פיליע פון אַן אַנטיסעמיטיש געשטימטער וואַרשעווער עספעראַנטיסטן געזעלשאַפט. די יידן האָבן זיך קעגנגעשטעלט. דאָך האָבן די פּאָליאַקן צוליב דער גרויסער איבערוואָג אין צאָל (19 קעגן 3) דורכגעפירט זייער פאָרשלאָג, וואָס האָט דייטלעך באַדייט באַזייטיקן די יידן פון דער עספּ' באַוועגונג. דאַן איז צום ערשטן מאָל אויפגעקומען דער געדאַנק צו גרינדן אַ באַזונדער יידישע עספעראַנטאָ־געזעלשאַפט. אָבער צוליב דער גלייכגילטיקייט פון דער יידישער געזעלשאַפט האָט געדויערט גאַנצע פיר יאָר ביז ס'איז געלונגען, סוף 1924 צו רעאַליזירן דעם געדאַנק און צו עפענען דעם ערשטן קורס פון דער עספעראַנטאָ־שפּראַך פאַר יידן, געפירט אין יידיש פון ע. גערשאַטער ביי דער דאַן אַקאָרשט ניי־געגרינדעטער ווילנער בילדונגס־געזעלשאַפט (ווילביג).

די דערמאָנטע קורסן האָבן געהאַט דערפאָלג צווישן דער יידישער פאָלקס־אינטעליגענץ און עספעראַנטאָ איז געוואָרן אַן אַקטועלע טעמע. ס'האָט אויך פיל מיטגעווירקט דאַן דער שוין פאַרשטאָרבענער סטודענט און פּעדאַגאָג פּסח קעניגסבערג, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן. ליידער זיינען די קורסן צוליב קעניגסבערגס טויט געוואָרן איבערגעריסן און ערשט סוף 1930 זיינען די עספּ' קורסן אין ווילביג ווידער באַנייט געוואָרן.

„אוניווערסאָ"

אין 1928 האָט אַן איניציאַטיוו־גרופּע פון עלטערע ווילנער יידישע עספעראַנטיסטן באַשלאָסן צו גרינדן אין ווילנע אַ גאַנץ זעלבשטענדיקע יידישע עספעראַנטיסטן געזעלשאַפט א"נ „אוניווערסאָ". Vilna Esperantista Societo „Universo". די גרינדער זיינען געווען: ב. זאַלמאַנסאָן, ד"ר א. גורוויטש, ד"ר ד. פיינשטיין, ד"ר א. גאָלדבורט און ע. גערשאַטער.

„V. E. R. A."

קורץ נאָך דעם איז אַ דאַנק דער מיטווירקונג פון ד"ר ד. פיינשטיין, מאַג' מ. לאַנדאָן און אַנדערע אויך געגרינדעט געוואָרן אַן עספעראַנטיסטן קרייז „V. E. R. A", („Vilna Esperantista Rondo Akademia") ביים ווילנער אוניווערסיטעט. אַלס קוראַטאָר איז באַשטימט געוואָרן פּראָפ' מושינסקי. אין משך פון די עטלעכע יאָר פון זיין עקזיסטענץ האָט דער קרייז דורכגעפירט מערערע קורסן, איינגעאָרדנט אַ לייען־זאַל און אַ היבשע ביבליאָטעק.

עספעראַנטאָ־גרופּע ביי „שול־קולט"

אין 1930 האָט שוין געאַרבעט זייער טיכטיק אַ צאָלרייכע גרופּע פון יוגנטלעכע עספעראַנטיסטן צווישן די שילער פון „שול־קולט". דער גרינדער, לערער און אומדערמידלעכער אָנפירער פון דעם עספעראַנטאָ קרייז ביי „שול־קולט" איז געווען ד"ר א. גורוויטש. די שול ביי „שול־קולט" איז בכלל געווען די ערשטע יידישע שול אין פּוילן, וואו עספעראַנטאָ איז איינגעפירט געוואָרן אַלס לימוד. די אַביטוריענטן האָבן שפּעטער געגרינדעט דעם זייער טיכטיקן קרייז: „Esperantista Grupa ee Šul-Kult", וואָס האָט איינגעאָרדנט פּראָפּאַגאַנדע

אָוונטן, אָרגאַניזירט אַ קלוב און פיל עלעמענטאַרע עספּעראַנטאָ־קורסן. דעם טיכטיקסטן אָנטייל אין דער אַרבעט פון דעם קרייז האָבן גענומען ד״ר א. גורוויטש ל. סובאָטניק און י. שוסטער.

עס איז אויך ווערט צו דערמאָנען, אַז אַ דאַנק דער קאָרעספּאָנדענץ מיט יאַפּאַניע, וואָס דער קרייז האָט געפירט במשך פון 2 יאָר, האָט דער „ייוואָ״ באַקומען אַ זייער אָריגינעלע מתּנה (לכתחילה צוגעשיקט צו דער שלום־עליכם אויסשטעלונג אין ווילנע, וואָס דער „ייוואָ״ האָט בשעתו איינגעאָרדנט) בּ[מ]לעך 2 ווערק: איין יאַפּאַניש - עספּעראַנטיסטשע,

פון סעקרעטאַר פון עספּעראַנטאָ קרייז ל. סובאָטניק איז דאָס ווערק געשאָנקען געוואָרן דעם „ייוואָ״.

דער קרייז האָט עקזיסטירט ביזן יאָר 1934 אָנשליסנדיק זיך שפּעטער צו דעם עספּעראַנטאָ קרייז ביי „ווילג״.

עספּעראַנטאָ אין מנעמאָנישן אינסטיטוט

אין 1930 האָט ד״ר ד. פיינשטיין געעפנט אין זיין מנעמאָנישן אינסטיטוט אין ווילנע (זאַוואַלנע 15) אַן עספּעראַנטישע אָפּטיילונג, און אויך אויס־געאַרבעט אַ ספּעציעלן בריוולעכן אינטערנאַציאָנאַלן

פאַרוואַלטונג פון דער ייד. עספּעראַנטאָ־געזעלשאַפט אין ווילנע

ס׳שטייען פון רעכטס: סובאָטניק, מ. ליוושיץ, מגר׳ ע׳ינדעלמאַן, ז. שיק, ע׳. אראָן, סובאָטניק, לאַפּידאַ, י. שוסטער
ס׳זיצן פון רעכטס: ד. פּערלמאַן, ע. גערשאָטער. זאַלמאַנסאָן, ב. פיינשטיין, ד״ר גאָלדבורט, ד״ר גורוויטש.

וואו עס זיינען אָפּגעדרוקט איבערגעזעצטע נאָוועלן פון די פּאָפּולערסטע יידישע שרייבער אין יאַפּאַניש (בתוכם אויך פון שלום עליכם), ווי אויך אַן אַנטאָלאָגיע אין יאַפּאַניש, וואָס אַנטהאַלט אַ ריי אַרטיקלען וועגן יידישע דיכטער און שרייבער, ווי קאַברין, סעגאַלאָוויטש, שלום־עליכם, שלום אַש א״אַנד. דאָס דאָזיקע ווערק איז אַ יקר־המציאות, וואָס איז געבליבן נאָך דער גרויסער ערדציטערניש אין יאַפּאַניע אין 1929. דאָס ווערק איז אגב צוגעשיקט געוואָרן מיט אַ תּנאי, אַז דאָס זאָל אומגעקערט ווערן צוריק. נאָר אַ דאַנק די באַמיאונגען

קורס פון זכרון־פאַרשטאַרקונג אין דער עספּעראַנטאָ שפּראַך, וועלכער האָט זיך דערוואָרבן אַ גרויסע פּאָפּולאַריטעט צווישן די עספּעראַנטיסטן פון דער גאַנצער וועלט (אויך אין די אָריענטאַלישע און מעבר־לים־לענדער).

„T. E Ro."

אין דעצעמבער 1931 איז לויט דער איניצי־יאַטיווע פון ז. שיק, ביי דער ווילנער אָפּטיילונג פון דער יידישער געזעלשאַפט פאַר לאַנדקענטעניש אין פוילן („ווילג״), געשאַפן געוואָרן אַן עספּעראַנטאָ־

קורס, פון וועלכן עס האט זיך שפעטער דערנאך געבילדעט א זעלבשטענדיקע גרופע.

דער קרייז האט זיך שפעטער אנגערופן: ,,T. E. Ro." (Turista Esperantista Rondo), האט ארגאניזירט קורסן וועלכע האבן ארויסגעלאזן א סך ספעראנטיסטן, איינגעארדנט מערערע פאר־לעזונגען, זאמענהאף־אקאדעמיעס, אויסשטעלונגען און פארשטעלונגען. צוו"אנד איז אויך געשטעלט געווארן אנ—סקיס „דיבוק" אין עספעראנטא. ביי דעם קרייז איז געוועז טעטיק א קלוב און א לייען־זאל.

,,UNIVERSO"

די אלע דערמאנטע עספעראנטא גרופעס האבן זיך שפעטער פאראייניקט אין דער אלגעמיינער יידישער עספעראנטא געזעלשאפט ,,Universo", וועלכע איז איצט כמעט די איינציקע יידישע עספעראנטא געזעלשאפט אין דער וועלט.

אין 1931 האט די געזעלשאפט צו פארצייכענען אלס איר ערשטע און פאקטישע עובדה דאס ארויסגעבן די ערשטע פראפאגאנדע - בראשור וועגן עספעראנטא אין דער יידישער שפראך, פארפאסט פון ד"ר גאלדבורט א"נ „די אינטערנאציאנאלע הילפס־שפראך" (,,La Internacia linqvo").

א שטארקע פראטעסט אקציע האט „אוניווערסא" אנטוויקלט אין 1938, קעגן צענויפרופן דעם דאן באשטימטן XXV אלוועלטלעכן עספ׳ קאנגרעס אין דער דייטשער שטאט קעלן, וואו ס׳האט שוין דאַ־מאלסט געבושעוועט דער נאציזם. „אוניווערסא" האט פארשפרייט א ספעציעלן אויפרוף צו דער אלוועלטלעכער עספעראנטיסטנשאפט (Alvoko al tutmonda Esperantistaro), וואס איז צושיקט געווארן אין דער גאנצער וועלט, וועגן אפרופן דעם קאנגרעס. דער אויפרוף א ז איבערגעדרוקט געווארן אין דער אויסלענדישער פרעסע, ארויסרופנדיק א שטארקן אפקלאנג. אן ענערגישע קאמפאניע וועגן דער זעלבער פראגע האט „אוניווערסא" אויך געפירט אויפן 6טן אלפוילישן עספעראנטא קאנגרעס אין ווארשע, וואו דער ענין האט ארויסגערופן לענגערע און הייסע וויכוחים און א קאמף צווישן די צדדים.

אויסער דער געוויינלעכער, לעבעדיקער טעטיקייט פון דער געז׳ האט „אוניווערסא" אין סוף 1937 אריינגעטראגן א פארמעלן און מאטיווירטן מעמאריאל צום פרעזידענט פון ווילנער שטאט־ראט מיט שריפטלעכע אונטערשטיצונגען פון פראפ׳ יאן מושינסקי און פראפ׳ מיכאל יוזעפאוויטש וועגן אנרופן א גאס אין ווילנע אויפן נאמען פון ד"ר ל. ל. זאמענהאף (לויטן מוסטער פון א סך שטעט אין פוילן און אויסלאנד). צום באדויערן איז דער ענין פארלויפיק געבליבן אן דערפאלג.

אין זעלבן יאר האט „אוניווערסא" זיך באטייליקט מיט א צאלרייכע דעלעגאציע אין דעם 29טן אלוועלטלעכן יובילייִ־קאנגרעס אין ווארשע (לכבוד 50 יאר עספעראנטא). אין דער זעלבער צייט איז אויך לויט דער איניציאטיוו פון „אוניווערסא" צענויפגערופן געווארן צום ערשטן מאל אן אלוועלט־לעכע קאנפערענץ פון יידישע עספעראנטיסטן. אין רעזולטאט פון אט דער 2 טאגיקער קאנפערענץ איז באשלאסן געווארן צו גרינדן אן אלוועלטלעכע ליגע פון יידישע עספעראנטיסן א"נ „J. E. L. T-a" (Juda Esperantista Ligo Tutmonda).

אין 1938 האט „אוניווערסא" פארעפנטלעכט א שארפע פראטעסט־רעזאלוציע קעגן די גרויזאמע פאגראמען אויף יידן אין דייטשלאנד. די פראטעסט רעזאלוציע איז פאנאנדערגעשיקט געווארן צו אלע עספעראנטא צייטונגען און עספ׳ געזעלשאפטן אין דער וועלט, צו א סך אינלענדישע און אויסלענדישע יידישע רעדאקציעס, פוילישע צייטונגען, ווי אויך צו פיל וועלט־בארימטע פערזענלעכקייטן, בתוכם אויך צום פרעזידענט רוזוועלט.

די איצטיקע פארוואלטונג פון „אוניווערסא" באשטייט פון פאלגנדיקע מיטגלידער פון דער געזעלשאפט:

ד"ר ד. פיינשטיין— פארזיצער, ד"ר א. גורוויטש, ד"ר א. גאלדבורט, ב. זאלמאנסאן, מ. פערלמאן, ע. געשאטער, ל. סובאטניק— סעקרעטאר און ז. שיק.

ק. מאשקאווסקי

דער יידישער קריגס־אינוואליד אין ווילנע און זיין פאראיין

די אנטשטייאונג פון „ספאווז“

דער וועלט-קריג האט איבערגעלאזט זיינע שרעקלעכע שפורן: טויזנטער מענטשן זיינען צוריק-געקומען פון די שלאכט-פעלדער אינוואלידן. פריער געוועזענע פראדוקטיווע, נוצלעכע און געזונטע מיטגלידער פון דער געזעלשאפט — און איצט — קאליקעס אן פיס, אן הענט, אן אויגן — און בכלל צעבראכענע קערפערלעך און גייסטיק, פילן זיי זיך ווי ארויסגעווארפן פון זייער פריער נארמאלן עקאנא-מישן קיום. זיי ווילן אבער ניט פאלן צו לאסט אויף דער געזעלשאפט. זיי ווילן אויך ווייטער זיין פראדוקטיוו, אליין פארדינען. זיי פעלט אבער צו דעם די נויטיקע מיטלען.

אמת, די פוילישע מלוכה, אין די ראמען פון איר געזעצגעבונג, שטיצט אין א געוויסער מאס די מילחמה אינוואלידן, פארבליבענע אלמנות, עלטערן און יתומים. אבער צו געניסן פון דער מלוכה שטיצע, ד.ה. צו באקומען אינוואלידן-רעכט דארפן די אינוואלידן, אלמנות און יתומים צושטעלן די נויטיקע מיליטער-דאקומענטן און פוילישע בירגערשאפט.

צוליב געוויסע פארמעלע סיבות איז אין ווילנער געגנט, געווען זייער א קליינע צאל „אנערקענטע“ דורך דער רעגירונג יידישע אינוואלידן, אלמנות און יתומים. די גרעסטע טייל אבער איז געבליבן ניט בארעכטיקט צו דער מלוכה-שטיצע. זיי האט דעריבער געמוזט קומען צו הילף די יידישע געזעלשאפט גופא.

מען מוז מודה זיין, אז די ברייטע יידישע געזעלשאפט האט פארשטאנען איר פליכט צו די יידישע אינוואלידן, אלמנות, און יתומים. ס'האט זיך געשאפן א איניציאטיוו-גרופע, וועלכע האט באשלאסן צו ארגאניזירן א יידישע אינוואלידן-ארגאניזאציע און דורך דער ארגאניזאציע פארבינדן נעענטער דעם מילחמה אינוואליד, אלמנה און יתום מיט דער ברייטער יידישער געזעלשאפט.

די איניציאטיוו-גרופע איז באשטאנען פון ד״ר מיכאל זשיטלאווסקי, זכריה יוטאן, נחום ליפאווסקי, קוסיעל מאשקאווסקי, שאיע קליאטשקא און שלמה שניידער.

נאך פיל בארעטונגען און צוגרייטונגען איז פארגעקומען די ערשטע גרינדונגס-פארזאמלונג שבת, דעם 20טן נאוועמבער 1926 יאר אין לאקאל פון דער קהילה.

צו ערשט איז געגרינדעט געווארן אן ארגא-ניזאציע מיט א ברייטערן געזעלשאפטלעכן פארנעם א. נ. „ספאווז“. די צילן פון דער ניי געשאפענער געזעלשאפט זיינען געווען: ווידער אויפבויען די יידישע מילחמה-אינוואלידן, אלמנות און יתומים, שאפן פון זיי פראדוקטיווע מיטגלידער פאר דער געזעלשאפט.

די אנטוויקלונג פון דער ארגאניזאציע

כדי צו דערגרייכן די אנגעוויזענע צילן האט די אינוואלידן געזעלשאפט „ספאווז“ זיך אנגעצייכנט פאלגנדן פלאן פון איר טעטיקייט: געבן יורידישע הילף — דער הויפט מיטה, לפן דורכפירן די אינוואלידן רעכט; דערצו איז געווען נויטיק ארויס-באקומען פאר די מיטגלידער די געהעריקע דאקומענטן פון פארשיידענע אמטן אין לאנד און אויסלאנד וועגן זייערע אינוואלידן רעכט, בירגערשאפט אאז״וו. אויסארבעטן פאר די מיטגלידער אינוואלידן-רענטעס, באקומען קאנצעסיעס, ארבעט, באן-הנחות, אומזיסטע קוראציע אויפן חשבון פון דער מלוכה, ווי אויך ביליקע מעדיצינישע הילף, אא״וו.

אין 1927 יאר ווערט געשיקט דורך דער צענטראל-פארוואלטונג פון די יידישע אינוואלידן פאראיינען אין פוילן (זיין ארט אין קראקע), א דעלע-גאציע אין אמעריקע. פון ווילנע באטייליקט זיך אלס מיטגליד פון דער דעלעגאציע ז. יוטאן. קיין מאטעריעלן דערפאלג, ליידער, האט די דעלעגאציע ניט דערגרייכט צוליב פיל זייטיקע סבות.

דאך האט זיך איינגעגעבן נעענטער פארבינדן אונדזער ארגאניזאציע מיט די לאנדסלייט אין אמעריקע, און אדאנק דעם איז געלונגען צו גרינדן ביים פאראיין א גמילות-חסד מיט דער מאטעריעלער שטיצע און מיטהילף פון „ווילנער יונייטער ליידיס רעליעף אין ניו-יארק“ מיט פרוי זיידמאן, אלס פרעזידענטין.

אין 1930 יאר איז די אינוואלידן געזעלשאפט „ספאווז“ פארוואנדלט געווארן אין דעם איצט עקסיסטירנדיקן „יידישער אינוואלידן פאראיין פאר דער ווילנער וואיעוואדשאפט“.

די טעטיקייט פון אינוואַלידן פאַראיין

די אַרבעט פון פאַראיין דריקט זיך אויס בזה האופן:

1. עס ווערט געגעבן יורידישע הילף אין אַלע נייטיקע פאַלן; אין באַזונדערע פאַלן באַנוצט זיך דער פאַראיין מיט דער הילף פון אַדוואָקאַטן. אַלס שטענדיקער אַדוואָקאַט ביים פאַראיין, וועלכער ערטיילט אומזיסט די מיטגלידער יורידישע עצות און טרעט אַרויס פאַר זיי אין געריכט איז איינגעלאַדן געוואָרן דער אַדוואָקאַט וואולף קאַפּלאַן.

2. מיט דער דערלויבעניש פון יידישן דאָק-

סעמינאַרן און אַפילו געוויסע פאַקולטעטן אויפן ווילנער אוניווערסיטעט.

4. אויף דעם געביט פון פּראָדוקטיווע הילף איז דער פאַראיין טעטיק אין פאָלגענדע ריכטונגען:

א. עס ווערט אַרויסגעגעבן געלט אונטערשטי-צונגען די נויטבאַדערפטיקטע מיטגלידער, אויף קוראַציע, אויף פסח און אין אַנדערע פאַלן. ווינטער ווערט פאַרטיילט האָלץ א. אַ. וו.

ב. אַ דאַנק דער פאַרמיטלונג פון פאַראיין און אויפן סמך פון אינוואַלידן געזעץ ווערן אַלץ מער מיטגלידער פון אינוואַלידן-פאַראיין באַשעפטיקט

פאַרוואַלטונג פון אינוואַלידן-פאַראיין



ס'זיצן פון רעכטס: י. בערנשטיין, י. מאָשקאָווסקי, ז. יוטאַן פאָרזיצער, חייקין, קליאַטשקאָ
ס'שטייען פון רעכטס; מ. לאָפּידאָ, י. זאַלצבערג, כאַיעט, ר. פּיעניאָנזניק און ש. שניידער

טוירים פאַראיין עקסיסטירט ביים אינוואַלידן פאַראיין אַ קראַנקן קאַסע, וואו די מיטגלידער באַקומען ביי דעם גרעסטן טייל ווילנער יידישע דאָקטוירים מעדיצינישע הילף קעגן די ווייטגייענדסטע הנחות. דאָס זעלבע אויך אין „משמרת-חולים" און אין די יידישע אַפּטייקן.

3. עס ווערן אויסגעאַרבעט די ווייטמעגלעכסטע הנחות פאַר די שול-קינדער פון די מיטגלידער אין פאַרשיידענע שולן, פּראָפעסיאָנעלע שולן, אין ביב-ליאָטעקן אאַז"וו. אַדאַנק דער הילף פון פאַראיין האָבן איינקע פון די קינדער פאַרענדיקט די לערער-

אין די פאַבריקן, געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, אַרבעטס-וואַרשטאַטן. די פּראָבלעם פון אַרבעטסלאָ-זיקייט צווישן די מיטגלידער איז פולשטענדיק געלייזט; דער פאַראיין האָט אויך אָן אויפגאַבע צו אויסבעסערן די אַרבעטס-באַדינגונגען פון זיינע אַרבעטנדיקע מיטגלידער.

ג. דער פאַראיין העלפט די מיטגלידער צו באַקומען קאָנצעסיעס פון שנאַפּס- און טאַבאַק-מאָנאָ-פּאָל-אויסאַרבעטונגען.

ד דער פאַראיין פירט דורך פאַר די

באַרעכטיקטע מיטגלידער די געהעריקע רענטעס פון דער מלוכה=קאַסע.

ה. פון גמילות-חסד ביים פאַראיין באַקומען די מיטגלידער אָנפּראָצענטיקע הלוואות, וואָס ווערן צוריקגעצאָלט אין וועכנטלעכע ראַטעס לויט זייערע מעגלעכקייטן. אַדאַנק די הלוואות האָבן די מיטגלידער די מעגלעכקייט צו האַנדלען אָדער איינהאַלטן זייערע אַרבעטס-וואַרשטאַטן. די גרויס פון דער הלוואה איז פון 50 ביז 100 גולדן.

5. דער פאַראיין פלעגט זיך יערלעך ווענדן צו דער קהילה נאָך אַ סובסידיע און וועגן אַ לאָקאַל אין איינעם פון אירע הייזער. די קהילה האָט צוערשט געהאַט באַשטימט אַ סובסידיע פון 600 גל. יערלעך, שפּעטער — 300 גל., אָבער דאָס געלט איז ניט אויסגעצאָלט געוואָרן. די לעצטע 3 יאָר איז די סובסידיע רעדוצירט געוואָרן ביז 100 גל. יערלעך און ווערט שוין יאָ אויסגעצאָלט. וואָס שייך אַ לאָקאַל פאַרן פאַראיין איז נאָך ביז איצט די פראַגע ניט דערליידיקט, און ס'ווערן נאָך געמאַכט וועגן דעם באַמיאונגען.

ס. עס ווערן דורכגעפירט אינטערווענצן פאַר די מיטגלידער אין אַלע פאַלן און אין אַלע אַמטן צו יעדער צייט.

איצט ציילט דער פאַראיין אין שטאָט ווילנע און אין דער ווילנער וואָיעוואָדשאַפט איבער 250 מיטגלידער.

די איצטיקע פאַרוואַלטונג איז געקליבן געוואָרן דעם 18טן אַפּריל 1938 אויף דער 12טער יערלעכער פאַרזאַמלונג און באַשטייט (לויטן א״ב) פון: בערנשטיין יהושע, יוטאַן זכריהו (פאָרזיצער), כוואָלעס זכריה, כייקין יאָסל (וויצעפּרעזעס), כאַיעט חיים, מאַשקאָווסקי קוסיעל (סעקרעטאַר), פּיניאַנזשעק רפאל, קליאַטשקאָ שאַיע (נאמן) און שניידער שלמה.

דער ווילנער יידישער אינוואַלידן פאַראיין איז אַ באַשטאַנדטייל פון דעם אַלפּוילישן יידישן אינוואַלידן פאַראיין. וואָס האָט זיין צענטראַלן זיץ אָרט אין קראָקע. פאָרזיצער פון צענטראַלע איז יעקב באַכנער.

פאַראַלעל מיט דעם יידישן אינוואַלידן פאַראיין עקסיסטירט נאָך אין ווילנע, זינט 1929, די דעלעגאַטור פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג, וועלכע נעמט אַרום אַלע יידישע אינוואַלידן-פאַראיינען אויפן געביט פון די וואָיעוואָדשאַפטן: ווילנער, ביאַליסטאָקער, נאָוואָגרודקער און פּאָלעסיער.

אינזש. ח. שוסטער

די לאַגע פון יידישן אינזשענער

אין די בעסטע צייטן האָט דער יידישער אינזשענער געפילט, אַז ער איז ניט בלויז אַ אינזשענער, נאָר אויך — און אפשר קודם-כל — אַ ייד. ביים אָרגאַניזירן זיך אין אַ פאַרבאַנד האָט מען דאָס געהאַט אין זינען סיי כלפּי-חוץ און סיי כלפּי-פּנים.

צוליב דעם, וואָס דער צוטריט צו מלוכישע און קאָמונאַלע פּאָסטנס איז כמעט שטענדיק, מיט קליינע אויסנאַמען, געווען פאַר יידן פאַרשלאָסן, פרעגט זיך: ווער זיינען די אינזשענערן אין אַזאַ לחלוטין ניט אינדוסטריעלער שטאָט, ווי ווילנע? עס וועט זיכער ניט זיין איבערטריבן צו זאָגן, אַז צווישן דעם ערשטן צענדליק אינזשענערן אין ווילנע, בעת דער גרינדונג פון פאַרבאַנד, זיינען ניט געווען אפילו קיין צוויי, וועלכע זאָלן האָבן די זעלבע, אָדער ענלעכע אַרבעטס-געביטן און במילא געמיינזאַמע אינטערעסן. וויפיל אינזשענערן — כמעט אַזוי פיל אַרבעטס-געביטן. ס'איז דעריבער געווען די פראַגע: וואָס בינדט אונדז? וואָס קען אונדז פאַראייניקן אין איין פאַרבאַנד?

אָבער מיר זיינען געווען יונגע אינזשענערן, אָקאָרשט פון הויכשול, אָנגעלאָדן מיט וויסן, וואָס מיר האָבן ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט פּראַקטיש אָנצווווענדן. האָט זיך געוואָלט ווייניקסטנס אַביסל אויסלאָדן אין טעכנישע שמועסן, דיסקוסיעס, רעפּעראַטן. אָבער מיט וועמען — אַז מען קען זיך ניט? איז טאַקע פון אָט דער גרופּע „יונגע״ אַרויס די איניציאַטיווע צו שאַפן אַ פאַרבאַנד.

געזאָגט און געטאָן: מיר האָבן זיך געווענדעט צום דירעקטאָר פון יידישן טעכניקום אינזש' שרייבער און נאָך לאַנגע מאַטערניש, ווי ביי יעדער געבורט, איז דער פאַרבאַנד אין יאָר 1932 געגרינדעט געוואָרן. איצט ציילט ער העכער 100 מיטגלידער.

מיטן אַנטשטיין און אַנטוויקלונג פון אַ גרויסער ראַדיאָ-פאַבריק אין ווילנע איז אויך געוואַקסן די היגע גרופּע פון אינזשענערן — עלעקטריקער. ביים פאַרבאַנד האָט זיך געגרינדעט אַ ראַדיאָ-סעקציע, וואָס ציילט שוין ביי אַ 30 מיטגלידער. די סעקציע פירט אַ נאָרמאַלע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט: יעדע וואָך (אין סעזאָן איין מאָל אין צוויי וואָכן) ווערט געלייענט אַ פאַכמענישער רעפעראַט, באַגלייט מיט אַ גרינטלעכער, אַלזייטיקער דיסקוסיע.

א צווייטע פאך-סעקציע בילדן די כעמיקער, וואס ארדנען איין (אמת ניט פעריאדיש) פארשיידענע עקסקורסיעס און רעפעראטן.

אויסער דעם ווערן איינגעארדנט פון צייט צו צייט רעפעראטן אויף אלגעמיין-טעכנישע טעמעס, וואס זיינען צוטריטלעך פאר אלע מיטגלידער, און אונטערשייד פון ספעציאליטעט. דאס זעלבע — אלגעמיינע עקסקורסיעס.

א קליינע ביבליאטעק און א לייען-זאל פון טעכנישע זשורנאלן דערמעגלעכט צו האלטן די מיטגלידער אין קורס פון דעם, וואס קומט פאר אויף דער ברייטער טעכנישער וועלט.

מען איז דאך אבער אויך „יידישע אינזשענערן״, ארויסגעגעבן א געמיינזאמער ארגאן (אמת דערווייל אין פויליש). מען טיילט זיך מיט עצות און איינפאר-מאציעס, מען העלפט זיך קעגנזייטיק אויפן געביט פון ארבעטס-פארמיטלונג. איינע פון אונדזערע וויכטיקסטע און שווערסטע אויפגאבן איז, אין די היינטיקע באדינגונגען, צו געפינען באשעפטיקונג פאר די ארבעטסלאזע אינזשענערן.

אויב אויף דער ניט יידישער גאס פילט זיך א שטארקע נאכפראגע אויף טעכנישע כוחות, זיינען די יידישע אינזשענערן „געבענטש״ מיט דער פלאג פון ארבעטסלאזיקייט. ס׳זיינען דא אינגאנצן ארבעטס-לאזע, אדער אזעלכע, וועלכע ארבעטן, כמעט ניט אויסנוצנדיק זייערע הויכע טעכנישע קוואליפיקאציעס.

פארוואלטונג פון יידישן אינזשינערן-פארבאנד



ס׳זיצן פון רעכטס: אבראמסקי, גארדאן, שרייבער, קלעמבאצקי, ווילענטשיק

ס׳שטייען פון רעכטס: פערישקא, שוסטער און ברוידא.

מוז מען נעמען א געהעריקן אנטייל אין יידיש-געזעלשאפטלעכן לעבן, דארף מען זארגן פאר דער אנטוויקלונג און דערגענצונג פון דער טעכנישער אויסבילדונג ביי יידן, דערנענטערן די איבער 100 מיטגלידער צווישן זיך, ענגער צונויפבינדן די אינזשענערן-משפחה.

צו דעם צוועק ווערן פון צייט צו צייט איינגעארדנט גלעזלעך-טיי און מען גרייט זיך אפילו צו שאפן א קלוב, וואו די מיטגלידער זאלן זיך עטלעכע מאל אין וואך צונויפטרעפן ביי א שאך-ברעט, א ברידזש-טישל אדער א חברישן שמועס

א נאענטער און שטענדיקער קאנטאקט ווערט אויך אנגעהאלטן מיט די יידישע אינזשענערן-פארבאנדן אין די אנדערע שטעט פון פוילן. עס ווערט

ארבעטס-פארמיטלונג איז דעריבער שטענדיק געווען איינער פון די הויפטצילן פון אונדזער פארבאנד. פון צייט צו צייט געלינגט ארייננשטופן עמיצן ערגעץ אויף א טעכנישער פאזיציע, אדער איבערגעבן א טעכנישע האנדלס-פארטרעטונג. מען וואלט געקאנט א סך מער אויפטאן, ווען מען וואלט געפונען כאטש א ביסל פארשטענדעניש פאר דער זאך צווישן די יידישע אינדוסטריעלער. ליידער האנדלען אונדזערע יידישע אינדוסטריעלער קעגן די יידישע אינזשענערן, ווי קעגן די יידישע ארבעטער: זיי מיידן זיי אויס!

דאס איז איינע פון די אנגעווייטיקסטע וואונדן אין לעבן פון יידישן אינזשענער, וואס אפילו דער אינ-זשענערן-פארבאנד קען שוין צו דעם אויך ניט העלפן.

דער העברעאישער שולוועזן אין ווילנע

„גימנסיה עברית תרבות"

אין פוילן, פונקט ווי אין אַנדערע לענדער, געפינט זיך אַ נעץ פון העברעאישע פאָלק- און מיטל-שולן.

מיט אַ פאַרהעלטנישמעסיק קורצער תקופה צוריק בערך, איז דאָס גרינדן אַ העברעאישע שול ביי אונדז געווען פאַרבונדן מיט פיל מניעות, צוליבן אויספעלן פון פּאַסיקע לערער-כּוחות און לערביכער. דער ערשטער, וואָס האָט זיך אַנטשלאָסן צו גרינדן אַ העברעאישע שול איז געווען ד"ר יוסף עפשטיין, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין ווילנע פאַרן אויסברוך פון וועלט-קריג. ער איז בעת דער דייטשער אָקופּאַציע געווען איינער פון די טיכטיקסטע דאָקטוירים און קולטור-טוער אין ווילנע. אין זיין פּריוואַט וואוינונג האָט ד"ר עפשטיין אין יאָר 1916 געשאַפן אַ גרופּע פון בערך 10 קינדער, וועלכע האָבן געלערנט אַלע למודים אין העברעאיש און דאָס איז געווען דער עמבריאָן פון די שפּעטערדיקע העברעאישע גימנאַזיעס אויך פאַר אַנדערע שטעט און לענדער.

אַזוי אַרום האָט די ווילנער „תּרבות-גימנאַזיע" ניט בלויז אַ לאָקאַלע, נאָר אויך אַ ברייטערע באַדייטונג, ווייל זי איז דער פּיאָנער פון העברעאישן שול-וועזן בכלל און האָט אויך גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער שאַפונג פון דער העברעאישער טערמינאָלאָגיע, לערן-ביכער און פּראָגראַמען.

די גימנאַזיע ע"ש האָט אויך אין משך פון יאָרן געדינט אַלס העברעאישער קולטור-צענטער אין ווילנע, און אַרום איר האָט זיך תּמיד קאָנצענטרירט די נאַציאָנאַלע-געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין שטאָט.

נאָכן פריצייטיקן טויט פון ד"ר עפשטיין איז די שול נאָך מער פאַרברייטערט געוואָרן דורכן פאַרשטאָרבענעם ד"ר י. רעגענסבורג.

די גימנאַזיע עברית „תּרבות" גיט אירע תּלמידים אַ מאָדערנע נאַציאָנאַלע העברעאישע דערציאונג. אַחוץ די אַלגעמיינע למודים, וועלכע אַנטשפּרעכן די מלוכה-פּראָגראַם ווערן אויך אין איר אין אַ ברייטער מאָס געלערנט די יודאַאיסטישע למודים, ווי תּנ"ך, אגדה, משנה, תּלמוד, יידישע געשיכטע, העברעאישע אַלטע און נייע ליטעראַטור. די אַביטוריענטן פון גימנאַזיע-„עברית תּרבות" באַקומען מאַטורע-צייגנישן מיט מלוכה-רעכט. צווישן די הונדערטער אַביטוריענטן פון דער שול געפינען זיך שוין באַדייטנדע וויסנשאַפטלער, דיכטער און קינסטלער. די גרעסטע טייל פון זיי זיינען אין ארץ-ישראל, וואו זיי האָבן זיך דאָרטן גאַנץ גוט איינגעאָרדנט.

די לעצטע צייט האָט זיך די גימנאַזיע זייער גוט אַנטוויקלט. זי געפינט זיך אין אַ פּרעכטיקן בנין אויף זאַוואַלנע 4. ביי דער שול זיינען איינגעאָרדנט לאַבאָראַטאָריעס פאַר פיזיק, נאַטורוויסנשאַפט, הומאַניסטיק, פּסיכאָלאָגיע, וואַרשטאַטן פאַר האַנט-אַרבעט, ווי נייען, סטאָלעריי, שלאָסעריי און מעטאַל-אַרבעט. די שול האָט אַ גרויסן גימנאַסטישן זאַל און ספּאָרט-פּלאַץ, אַ רייכע שול-ביבליאָטעק, אַ כאָר און אַ בלאָז-אָרקעסטער.

ביי דער גימנאַזיע עקסיסטירט אַ הומאַניסטישער און נאַטורוויסנשאַפטלעכער ליציי מיט אַלע מאָדערנע איינריכטונגען. בראש פון אַנשטאַלט שטייט ד"ר נ. ליבער. די צאָל תּלמידים דערגרייכט ביז 530.

די יובל-פייערונגען, וועלכע זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן אין 1936סטן יאָר לכּבוד דער 20יאָריקער עקסיסטענץ פון דער גימנאַזיע האָבן באַוויזן, ווי ווייט די שול איז באַליבט און פּאָפּולער ניט נאָר אין ווילנע און אומגעגנט, נאָר אויך אין די ווייטסטע יידישע קיבוצים. דאָס איז געווען צו זען פון די פיל אָנגעקומענע באַגריסונגען און פּרעסע-אַרטיקלען, וואָס זיינען דאָן דערשינען לכּבוד דער שול. אין יובל-בוך, וואָס איז דאַן געוואָרן אַרויסגעגעבן, האָבן זיך באַטייליקט פיל שריפטשטעלער און עסקנים.

ביי דער גימנאַזיע איז דאָ אַ 6 קלאַסיקע פאָלק-שול, וואָס האָט פאָריקן יאָר באַקומען מלוכה-רעכט. צום סוף פון פאָריקן שול-יאָר איז דורך דער פאָלק-שול אויך איינגעאָרדנט געוואָרן אַן אויסשטעלונג, וועלכע איז בכלל געווען די ערשטע אַלגעמיינע העברעאישע שול-אויסשטעלונג אין פוילן. די אויסשטעלונג איז באַזוכט געוואָרן דורך טויזנטער באַזוכער און האָט אַרויסגערופן וואַרעמע אַרטיקלען אין דער יידישער און פוילישער פּרעסע.

די תּלמידים פירן אין שול אַ ברייט-פאַרצווייגטע, געזעלשאַפטלעכע און זעלבסטבילדונגס-טעטיקייט. צווישן דעם עלטערן-קאָמיטעט, מיט זיין איבערגעגעבענעם פאָרזיצער ט. לייבאָוויטש, און דעם פּעדאַגאָגישן-ראַט איז איינגעשטעלט אַ ענגער קאָנטאַקט. אַרום דער שול קאָנצענטרירט זיך אַ ספּעציעלע געזעלשאַפט: „דורשי הגמנסיה העברית" (פריינד פון דער העברייאישער גימנאַזיע), ווי אויך דער „ועד ההנהגה" (אָנפירונגס-קאָמיטעט), וואָס האָט די העכערע אויפזיכט איבערן מוסד.

בית=ספר עממי ע"ש הד"ר אפשטין

אין 1916 האט זיך די שול געגרינדעט דורך דער רבנית אסתר רובינשטיין, מלכה פערלין, בת=שבע עפשטיין א"אנד.

אין אנהייב האט די שול געהאט נאר 1 צוגרייטונגס=קלאס, אבער א דאנק דער מיטהילף פון דער געזעלשאפט „תרבות" און די אויבנדערמאנטע פערזאנען איז די שול אויסגעוואקסן אין א 7 קלאסיקע שול מיט 253 תלמידים—ות. די אלגעמיינע למודים ווערן געלערנט לויט דער מלוכה=פראגראם.

היות די שול שטרעבט צו פארבינדן אונדזער עבר מיטן עתיד ווערט געלערנט אין דער שול אונדזער אלטע (תנ"ך, משנה אא"וו) און נייע ליטעראטור.

דער היי - יאריקער סיום איז געווען א יובל=סיום: דער 15טער ארויסלאז. דער גרעסטער טייל פון אונדזערע אביטוריענטן לערנען פארשיידענע מלאכות און זיינען עולה קיין ארץ-ישראל. אין די ארץ=ישראל קבוצים זיינען דא פיל פון אונדזערע שול=אביטוריענטן.

אין די עלטערע קלאסן פון שול ווערט געלערנט יידיש אלס לימוד.

ביי דער שול זיינען דא ווארשטאטן פאר שניידעריי און סטאלעריי.

ביי דער שול איז אויך דא א גאנץ רייכע ביבליאטעק אויפן נאמען פון דער פארשטארבענער לערערין חוה וואהל. דער מעצענאט פון דער ביבליאטעק איז ד"ר וואהל פון ווארשע, א ברודער פון דער פארשטארבענער לערערין.

קורסים למורים „תרבות"

די אנשטאלטן פאר לערער=אויסבילדונג האבן אין ווילנע א לאנגע טראדיציע.

נאך דער וועלט מלחמה אין יאר 1921 איז אין בנין פון יידישן לערער=אינסטיטוט געגרינדעט געווארן דורכן ועד מרכזי פון דער געזעלשאפט „תרבות", דער 5יאריקער לערער=סעמינאר מיט דער אויפגאבע צוצוגרייטן קוואליפיצירטע לערער פאר דעם שנעל וואקסנדיקן העברעאישן שול-וועזן אין פוילן.

אונטער דער לייטונג פון ד"ר י. גוטמאן און ד"ר טשארנא האט זיך דער סעמינאר שנעל דערהויבן צו דער מדרגה פון א צענטער פון דער העברעאישער קולטור = באוועגונג און האט ארומגענומען הונדערטער יידישע יוגנטלעכע פון די ווייטסטע געגנטן פון פוילן, וועלכע זיינען אנגעקומען אין סעמינאר מיטן פעסטן ווילן אנטייל צו נעמען אין דער ארבעט פון אויפבויען דאס העברעאישע שול=וועזן.

פון יאר 1926 ביז 1931 איז אין דער שפיץ פון לערער=סעמינאר געשטאנען ד"ר ז. שמעטערלינג.

נאך זיין אפפאר קיין ארץ ישראל איז די לייטונג איבערגעגאנגען צו ד"ר ח. צווייגעל, וועלכער האט אנגעפירט מיטן אנשטאלט ביז 1936 יאר.

פון יאר 1925 אן זיינען ביים לערער=סעמינאר פארגעקומען עקזאמענעס פאר א מלוכהשע קאמיסיע, וועלכע האט ערטיילט די אבסאלווענטן פולע קוואליפיקאציעס צו לערנען אין העברעאישע פאלקשולן.

בערך 1000 שילער האבן געקראגן זייער דערציאונג אין לערער=סעמינאר און ביי 500 האבן באקומען מלוכהשע דיפלאמען. די אבסאלווענטן האבן די אידעע פון פולער העברעאישער דערציאונג פאנאנדערגעטראגן אין הונדערטער שולן אין וועלכע זיי האבן מיטגעארבעט סיי אין פוילן און סיי אין אויסלאנד.

אויפן סמך פון געזעץ וועגן דער נייער שול=פארפאסונג איז צוזאמען מיט אלע לערער סעמינארן אין פוילן אויך דער העברעאישער „תרבות" סעמינאר ליקווידירט געווארן אין יאר 1937.

די אנפירנדע אינסטאנצן פון דער העברעאישער באוועגונג אין פוילן האבן נאך לאנגע השתדלותן אין מיניסטעריום באקומען א דערלויבעניש צו עפענען אין ווילנע דעם אין פוילן איינציקן אנשטאלט פאר העברעאישע לערער אויסבילדונג א"נ „העברעאישע לערער קורסן „תרבות". דער נייער אנשטאלט, אונטער דער לייטונג פון ד"ר ש. אמאראנט, בילדעט א המשך פון פאריקן לערער סעמינאר. די אידעאלאגישע ריכטונג און די דערציערישע טענדענצן פון פאריקן לערער=סעמינאר דינען אויך אלס וועגווייזער פאר דעם ניי געגרינדעטן אנשטאלט. די לערער=קורסן, באשטימט פאר אבסאלווענטן פון 8 קלאסיקע גימנאזיעס און ליצייאומס, נעמען ארום די פאסנדסטע און אמבעסטן צום לערער = פאך צוגעגרייטע יידישע יוגנט פון גאנצן לאנד.

היינט צו טאג לערנען זיך אין נייעם אנשטאלט איבער 150 צוהערער. דער אנשטאלט שטרעבט צו שאפן די מעגלעך בעסטע אביעקטיווע באדינגונגען פאר א אנטשפרעכנדער צוגרייטונג פון זיינע שילער

נאך א גרינדלעכן רעמאנט איז פארשענערט געווארן דער לאקאל. ס'זיינען געגרינדעט געווארן נייע לאבאראטאריעס פאר האנט=ארבעט און צייכענען, אויסגעשטאט רייך אין לערן מכשירים. ביים

אנשטאלט געפינט זיך א לאבאראטאריע פאר ביאלאגיע און פיזיק און א גימנאסטישער זאל. דער אנשטאלט באזיצט אויך א ביבליאטעק פון איבער 3000 פאך-ביכער.

די פעדאגאגישע פראקטיק גייען דורך די שילער אין בית ספר עממי ע״ש הד״ר אפשתין „תרבות״ אין ווילנע, אין וועלכן די שילער באזוכן די לעקציעס פון לערער און פירן אליין דורך פראבע-לעקציעס.

די זעלבסטפארוואלטונג פון די שילער איז א וויכטיקער פאקטאר אין אינערלעכן לעבן פון אנשטאלט. די זעלבסטפארוואלטונג פארנעמט זיך מיט קולטורעלער ארבעט, האט וויסנשאפטלעכע קרייזן, א קרייז פאר מאריאנעטן-טעאטער, א דראמאטישן קרייז, פירט אן מיט א לייען-זאל, גיט ארויס א צייטונג, שטרעבט צו פארלייכטערן די שווערע מאטעריעלע לאגע פון גרעסטן טייל פון די צוהערער, האט אן אייגענע קיך פאר די שילער, ערטיילט הלוואות אאז״וו.

פאר די לערער קורסן עפענען זיך פערספעקטיוון פון גוטער אנטוויקלונג אין דער צוקונפט.

העברעאישער פרעבל-סעמינאר „הרבות״

אזשעשקאווע 7

שוין פון לאנג פילט זיך אין פוילן דער מאנגל אין א אנשטאלט פאר צוגרייטונג פון דערציערינס פאר קינדער-גערטנער, וועלכע זיינען אין א באדייטנדער צאל געגרינדעט געווארן אין פוילן. די צענטראלע פון „תרבות״, שטרעבנדיק אין די לעצטע יארן צו פארשפרייטן די אידייע פון דער פולער העברעאישער דערציאונג שוין אין פארשול-עלטער, איז צוגעטראטן צו שאפן אין יאר 1934 א 3 יאריקן אנשטאלט פאר אויסבילדן קוואליפיצירטע דערציערינס. ביז יאר 1936 האט זיך דער אנשטאלט געפירט אונטער דער לייטונג פון ד״ר ח. צוויגעל. נאך זיין אפפאר קיין ארץ-ישראל איז די לייטונג איבערגעגאנגען צו ד״ר ש. אמאראנט.

פאַרוואַלטונג פון העברעאישן לערער-פאראיין



ס׳זיצן פון רעכטס: נ. דעזענט, מ. אליצקי, י. פאמאצניק און ש. צירקינד
ס׳שטייען פון רעכטס: י. טשארנאצקי, ג. בושעל, ד. בראלניצקי און א. געסיק.

פון אנהויב פון זיין קיום געפינט זיך דער אנשטאלט אין בנין פון לערער סעמינאר, באנוצנדיק זיך מיט זיינע לער-מכשירים און איינריכטונגען.

די לעצטע 2 יאר האבן געענדיקט דעם אנשטאלט איבער 40 קוואליפיצירטע דערציערינס פון וועלכע דער גרעסטער טייל ארבייט אין פוילן,

די איבעריקע — אין ארץ־ישראל. שוין די ערשטע 2 ארויסלאזן פון די אבסאלווענטינס האבן א סך צוגעהאלפן דער פארשפרייטונג פון העברעאישן פאר־שולוועזן אין פוילן.

אין דעם יאר ציילט דער סעמינאר 56 שילע־רינס. דער יונגער אנשטאלט, וואס איז דער איינציקער אין פוילן, אנטוויקלט זיך שנעל און בילדעט א וויכטיקן אינסטרומענט פאר דער פאר־שפרייטונג פון העברעאישער דערציאונג אין קינדער־גארטן־עלטער.

גן ילדים לדוגמא „נצנים" ע"י הסמינריון לגננות „תרבות"

זבלנה 30

דער מוסטער, קינדער גארטן „נצנים" איז געגרינדעט געווארן אין יאר 1927 און געפינט זיך אונטער דער לייטונג פון פרוי בלאך־שאפירא.

פון יאר 1935 איז דער גן פארבונדן מיטן פרעבל־סעמינאר און די שילערינס מאכן דארט דורך זייער פעדאגאגישע פראקטיק.

אין די לעצטע יארן האט זיך דער גן שטארק אנטוויקלט. ער איז לויט די נייסטע סיסטעמען פון דערציאונג אין פארשול־עלטער, און גיט די פאסנדסטע צוגרייטונג צו דער העברעאישער פאלק־שול.

גן־ילדים „ילדות"

(קיעווער 2)

דער קינדער־גארטן „ילדות" איז דער ערשטער העברעאישער קינדער־גארטן אין ווילנע. ער עקזיס־טירט שוין 20 יאר.

אין משך פון זיין עקזיסטענץ איז דער קינדער־גארטן „ילדות" געפירט געווארן דורך באוואוסטע פעדאגאגישע פרעבעליסטינס.

די לעצטע 10 יאר פירט אן מיטן אנשטאלט די פעדאגאגין פרוי ג. ביאלאגורסקא.

„ילדות" געפינט זיך אין א גלענצנד צוגע־פאסטן לאקאל, האט גרויסע, באקוועמע, ליכטיקע צימערן, א שלל פון נויטיקע לערן און שפיל מכשירים, לויט די נייסטע פארערונגען פון דער פעדאגאגיק, אויסגעפירט קינסטלעריש.

די מעטאדע פון דערציאונג אין „ילדות" איז: דורך קונסט און ארבעט, וואס ווערט דורכגעפירט מיט דער הילף פון ספעציעלע ווארשטאטן פאר האלץ־ארבעט, טעקסטור, קלעפן פון ליים, פלאסטעלין, צייכענען, מוזיק אא"וו.

אגודת המורים העברים בווילנה

דער העברעאישער לערער פאראיין אין ווילנע איז געגרינדעט געווארן אין יאר 1916, אין דער זעלבער צייט ווען ס'האבן זיך געגרינדעט די העב־רעאישע שולן.

דער איניציאטאר און ערשטער פארזיצער פון העברעאישן לערער־פאראיין איז געווען דער באוואוסטער פעדאגאג און ביבל־פארשער דוד נאטיק.

דער העברעאישער לערער־פאראיין איז א פרא־פעסיאנעלע ארגאניזאציע. אן אים זיינען אנגעשלאסן אלע לערער פון די שולן „תרבות", „מזרחי" און „יבנה".

אויסער פראפעסיאנעלע ארבעט פירט דער פאראיין א פארצווייגטע קולטור־ארבעט צווישן דער לערערשאפט און געזעלשאפט. אין משך פון דער צייט האט דער פאראיין דורכגעפירט 2 מאל קוואלי־פיקאציע־קורסן, אויסגעארבעט א פראגראם פאר די העברעאישע שולן און איינגעארדנט ציקלען פארלע־זונגען אויף פארשיידענע וויסנשאפטס־געביטן.

ביי דעם פאראיין עקסיסטירט א פעדאגאגיש־וויסנשאפטלעכע ביבליאטעק פון העכער 2000 ביכער. דער פאראיין האט אן אייגענע הילפס־ און ליי־קאסע, וועלכע פונקציאנירט שוין העכער 12 יאר. די הילפס־קאסע גיט ארויס, אין א נויט־פאל, אירע מיטגלידער גרעסערע געלט סומעס. די צאל מיט־גלידער פון פאראיין איז 162. ביים פאראיין איז דא א בוררים־געריכט, וועלכער קלייבט פאנאנדער אלע חברים־סיכסוכים.

ד״ר ד. יעדוואבניק

ווילנער „טאַז״

ווילנער „טאַז״ איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1914, אַלס ערשטע אָפּטיילונג פון אַלטוועלטלעכן פאַרבאַנד „אָזע״.

די ווילנער אָפּטיילונג האָט באַלד פון די ערשטע טריט אָנגעהויבן פירן אַ פּראָפּעלאַקטישע אַרבעט צווישן דער היגער אָרימער יידישער באַפעלקערונג.

שווער איז געווען דער אָנהייב, אָבער אַ דאַנק דער ענערגיע פון די ערשטע טוער האָט זיך ווילנער „טאַז״ אַלץ מער און מער איינגעוואָרצלט אין ווילנער יידישן לעבן און דער פאַרנעם פון זיין טעטיקייט האָט זיך פון יאָר צו יאָר פאַרגרעסערט.

היינט צו טאָג האָט די ווילנער אָפּטיילנג פון דער „טאָז״-צענטראַלע מער אַנשטאַלטן, ווי די „טאָז״-אָפּטיילונגען אין אַנדערע גרעסערע שטעט פון פוילן, און זייער אַרבעט איז באַקאַנט אין אַלע קרייזן פון דער היגער יידישער געזעלשאַפט.

אודאי איז דער פּלאַץ פון אונדזער אַרטיקל צו קליין, כּדי אָפּצושטעלן זיך ברייטער אויף דער טעטיקייט פון יעדן „טאָז״-אַנשטאַלט באַזונדער. מיר וועלן דעריבער זיין קורץ:

די אַנשטאַלטן פון „טאָז״ זיינען:

שול-אַמבולאַטאָריע א נ. פון ד״ר א. מאַקאָווער געגרינדעט אין יאָר 1919. אין דער אַמבולאַטאָריע אַרבעטן ספּעציאַליסטן דאָקטוירים אויף אַלע געביטן, וועלכע האָבן שוין פאַר דער צייט אונטערזוכט איבער 50.000 קראַנקע. ביי דער אַמבולאַטאָריע עקסיסטירט אַן אַפּטייק, וואָס האָט אַרויסגעגעבן פאַר דער צייט אַ קאָלאָסאַלע צאָל רפואות פאַר מינימאַלע אָפּצאָלונגען.

רענטגענאָלאָגיש-קאַבינעט און רענטגען-סטאַנציע מיט טיפער טעראַפּיע, וואָס פאַרמאָגט כּמעט דעם בעסטן אַפּאַראַט אין ווילנע. אַ דאַנק דעם רענטגען-קאַבינעט איז אויסגעוואָרצלט געוואָרן די פּלאָג פון דער יידישער אָרימקייט, אויפן שטח פון דער ווילנער וואָיעוואודשאַפט, דער פאַוואוס (פאַרך).

עלעקטראָ-ליכט-היילקאַבינעט (קוואַרץ-לאָמפּן) וואו הונדערטער שול-קינדער ווערן געהיילט דורך עלעקטראָ-ליכט שטראַלן.

לונגען-דיספּאַנסער, וואָס אונטערזוכט און באַהאַנדלט אומזיסט אַלע קראַנקע אויף טובערקולאָז. דער לונגען-דיספּאַנסער איז ענג פאַרבונדן מיט דער סאַנאַטאָריע פאַר לונגען-קראַנקע, וואָס איז די איינציקע פון דער „טאָז״ צענטראַלע אין פוילן און עקסיסטירט שוין 14 יאָר. פאַר דער צייט האָבן זיך אין דעם אַנשטאַלט געהיילט איבער 5000 קראַנקע.

דער ווילנער „טאָז האָט אויך אויסגעבויט אַ גאַנצע ריי אַנשטאַלטן, וואָס זיינען דירעקט פאַראינטערעסירט מיטן געזונט פון יידישן קינד. צו זיי געהערן:

באַראַטונגס-שטעלע פאַר מוטער און קינד, וואָס ערטיילט מעדיצינישע עצות, אָרגאַניזירט שטוב-באַזוכן און גיט אַרויס פּראָדוקטן און דערנערונגס-אַפּאַראַטן.

היים פאַר זויג-קינדער (אוגטערגעוואָרפענע און יתומים). די סטאַטיסטיק האָט באַווין, אַז אַדאַנק די קאָנסולטאַציע פאַר מוטערס און היים פאַר זויג-קינדער, האָט זיך פאַרקלענערט די שטערבלעכקייט פון זויג-קינדער אין ווילנע.

פּסיכאָ-היגיענישע באַראַטונגס-שטעלע פאַר נערוועזע קינדער (אָנפ׳ ד״ר געגנדזל). די שטעלונג איז געגרינדעט געוואָרן אין 1935 און ווערט געפירט לויט אַ פּאַטראָנאַזש-סיסטעם אין שול און היים. די פּאַטראָנאַזש-אַרבעט ווערט אויסגעפירט דורך אַ געניטער סאָציאַל-פּעדאַגאָגין. ס׳ווערן אָרגאַניזירט הויז און שול-באַזוכן און ס׳ווערן געגעבן הונדערטער עצות.

פאַר די לעצטע יאָרן האָט די ווילנער אָפּטיילונג פון „טאָז״ אַ סך אויפגעטאָן אויפן געביט פון היגיענע-פּראָפּאַגאַנדע. עס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן אַ גאַנצע ריי פאַרלעזונגען וועגן קאַמף מיט אַלערליי קראַנקהייטן פאַר 25.000 צוהערער.

זייער אָפט ווערן איינגעאָרדנט ריינקייטס-אַקציעס אין די יידישע שולן, וואָס פאַרענדיקן זיך מיט ספּעציעלע, צו דעם ציל, יום-טובים.

צו די ריינקייטס יום-טובים פלעגט „טאָז״ אַרויסגעבן פלוג-בלעטלעך, אויפרופן צו די עלטערן און אויך פאַרשפּרייטן אַנדערע היגיענע-ליטעראַטור אין צענדליקער טויזנטער עקזעמפּלאַרן.

לעצטנס איז אויך דורכגעפירט געוואָרן אין די יידישע שולן אַן אַנקעטע וועגן די הויז-באַדינגונגען פון די שילער. די אַנקעטע וועט געבן אַ רייכן און באַלערנדיקן מאַטעריאַל וועגן די באַדינגונגען אין וועלכע עס לעבן די ווילנער יידישע שול-קינדער.

אַ באַזונדערס וויכטיקע באַדייטונג פאַר דער היגיענע-פּראָפּאַגאַנדע און פאַרהיטונג פון געזונט פון

דער יידישער באַפעלקערונג האָבן די צוויי פעריאָדישע צייטשריפטן פון „טאָז" „פאָלקס־געזונט" (געגרינדעט דורך ד"ר שאַבאַד) און דער קינדער־זשורנאַל „זיי געזונט". „פאָלקס־געזונט" דערשיינט יעדן חודש און ווערט פאַרשפרייט אין 4000 עקזעמפּליאַרן אין לאַנד און אויסלאַנד. אַ דאַנק דעם „פאָלקס־געזונט" איז געשאַפן געוואָרן אַ יידישע נאָמענקלאַטור אין דער מעדיצינישער וויסנשאַפט.

אויך דער קינדער־זשורנאַל „זיי געזונט" האָט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער היגיענע און פיזישער דערציאונג פון די קינדער און ווערט מיט פרייד

פאַרוואַלטונג פון ,,טאָז''



ס' זיצן פון רעכטס: ד"ר ר. שאַדאָווסקי, ה. מאַק, ד"ר שאַבאַד־גאַוראָנסקאַ, ד"ר ד. יעדוואַבניק, ד"ר פייגענבערג
ס' שטייען פון רעכטס: ה' וואָיציק, ד"ר י. רוטשניק און ד"ר א. גאָלדמאַן.

אויפגעכאַפּט פון די קליינוואַרג, סיי ביי אונדז אין פוילן, סיי אויסלאַנד.

אַ סך אויפמערקזאַמקייט האָט ווילנער „טאָז" געשענקט דאָס אויסבילדן אַ נייעם דור שוועסטער און פלעגערינס, וואָס זאָלן פירן די פּראָפילאַקטיק־אַרבעט אין אונדזער וואָיעוואודשאַפט. צוליב דעם צוועק זיינען געשאַפן געוואָרן: קורסן פאַר קינ־דער־פלעגערינס און סאַניטאַרינס און די איינציקע יידישע געזעל־שאַפטלעכע שוועסטער־שול אין פוילן.

די שוועסטער־שול עקסיסטירט פון יאָר 1932 און האָט ביז איצט אַרויסגעלאָזן איבער 200 שוועסטער.

אין הסכם מיט דעם נייעם שול־געזעץ פאַר אויסבילדונג פון פלעגערינס האָט זיך די „טאָז"־שוועסטער־שול איצט איבעראָרגאַניזירט און איינגע־אָרדנט אַן אינטערנאַט פאַר די שילערינס.

אַ דאַנק דער רעאָרגאַניזאַציע איז די שול איצט גלייכבאַרעכטיקט מיט אַלע אַנדערע שוועסטער־שולן און די אַבסאָלווענטינס באַקומען פון דער שול פולווערטיקע שוועסטער־דיפּלאָמען.

כדי צו באַשיצן דאָס באַדראָטע געזונט פון די קינדער (צוליב הונגער און שלעכטע וואוינונגס־באַדינגונגען) אָרגאַניזירט „טאָז" יעדן זומער קאָלאָניעס, האַלב־קאָלאָניעס, ווינטער קאָלעניעס און ספּעציעל אַ באַשפּייזונגס־אַקציע פאַר די שול־קינדער אין ווילנע און פּראָווינץ.

די זומער־קאָלאָניע א. נ. פון ד"ר צמח שאַבאַד געפינט זיך אין אַן אייגענעם פּרעכטיקן בנין, וואָס נעמט אַרום 250 העקטאַר וואַלד, פאַרזאָרגט מיט שיינע גרויסע זוניקע הייזער, עלעקטרישע באַלייכטונג און עלעקטרישע וואַסער־פּאָמפּעס.

די קאָלאָניעס גייען דורך יעדן יאָר איבער

1000 קינדער, וועלכע פארריכטן זייער שוואכן געזונט-צושטאנד אויף דער פרייער נאטור און אין דער סביבה פון געניטע לערער און דאקטוירים.

מאטעריעל איז ווילנער „טאז“ אפהענגיק פון דער צענטראלע. חוץ דעם ווערן געשאפן געוויסע סומעס געלט פון מיטגליד-אפצאל און באשטייערונגען, ווי אויך פון קליינע סובסידיעס פון דער ווילנער קהילה. די קהילה האט אגב אויך געשאנקען א לאקאל פאר דער אמבולאטאריע און קאנצעלאריע אין קהילה-הויף אזשעשקא 7.

די איצטיקע פארוואלטונג פון „טאז“ באשטייט פון: ד״ר יעדוואבניק (פארזיצער), ד״ר שאבאד-גאווראנסקי), ה. מאץ (סעקרעטאר), ד״ר שאדאווסקי (נאמן), ד״ר רוטשניק, ד״ר גענדזל, ד״ר גאלדמאן, ד״ר פייגנבערג, ד״ר מאקאווער, הירש אבראמאוויטש, ד״ר בראדסקי, א. ברודנא.

דער פאראיין פון יידישע צאן-דאקטוירים אין ווילנע

דער היינטיקער ווילנער יידישער צאן-דאקטוירים-פאראיין איז געגרינדעט געווארן אין יאר 1903 דורך די צאן-דאקטוירים: ג. מ. פאלציק, מיראן כץ, נ. פאכיטאנאוו, יצחק מארגאוויצקי, ז. נעמזער, ז. ליפשיץ, שלאסבערג, ר. מאזעס, א. א. אונטערן נאמען: „ערשטע ווילנער אדאנטאלאגישע געזעלשאפט“.

אין יאר 1926 האט דער פאראיין, לויט דער פאראָרדענונג פון דער מאכט, באקומען א נייעם סטאטוט אונטערן נאמען: „ווילנער יידישע צאן-דאקטוירים-פאראיין אין ווילנע“. דער צוועק פון פאראיין איז א פראפעסיאנעל-וויסנשאפטלעכער.

דער פאראיין האט איינגעארדנט אין „משמרת-חולים“ א צאן-הייל-קאבינעט פאר ארימע קראנקע.

דער פאראיין ציילט ביי היינטיקן טאג אן ערך 50 מיטגלידער, אלע פון ווילנע.

דער פאראיין באזיצט א פאכמעניש-וויסנשאפטלעכע ביבליאטעק.

די איצטיקע פארוואלטונג באשטייט פון פאלגנדע 9 מיטגלידער:

פארזיצער—י. ח. פעלדשטיין, וויצע-פארזיצערס—י. מארגאוויצקי און גערשאווסקי, סעקרעטארן—מ. קאדישעס און ז. נעמזער, פארוואלטונגס מיטגלידער: ל. בלאך, א. בלאך, ב. כץ און בערסטלמאן. דער פארוואלטונג-מיטגליד ה. מארגאוויצקי איז אויך נאמן.

ח. רודאַשעווסקי

דער יידישער צאָן-טעכניקער

צאָן-טעכניקעריי איז אַ פאַך, וועלכער האָט זיך זיינע ספּעציפישע, סיי יוריִדישע, סיי עקאָנאָמישע באַדינגונגען. באַזונדערס ווערן אויסגעטיילט די צאָן-טעכניקער אין געוועזענעם רוסישן געביט, וואו עס איז חל דער געזעץ פון 1927 יאָר, לויט וועלכן די רעכט פון צאָן-טעכניקער זיינען זייער פאַרשמעלערט געוואָרן.

צאָן-טעכניקעריי פאַרמאָגט ניט קיין אַרבעטס-נעמער ווי אויך קיין אַרבעטס געבער. יעדער טעכניקער איז אַ באַלעבאָס פאַר זיך, מחמת ס'זיינען ניטאָ קיין טעכניקער, וועלכע האָבן אַזוי-פיל אַרבעט, אַז זיי זאָלן זיך קענען דערלויבן צו באַשעפטיקן אַן אַרבעטער. אַן אָנפאַנגער וועלכער ענדיקט אַ טערמין, און האָט ניט וועמען אָנצובאָטן זיין אַרבעטס-קראַפט, גייט גלייך זוכן אַרבעט דירעקט ביים צאָן-דאָקטאָר און ווערט שוין אַזוי אַרום אַ באַלעבאָס פאַר זיך. וואַקסן טאַקע צוליב דעם נייע וואַרשטאַטן, ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגן.

אָט די לאַגע האָט אַרויסגערופן די נויטווענדיקייט צו גרינדן אַ פאַראיין, וועלכער זאָל אָרגאַניזירן די צאָן טעכניקער.

די ערשטע פרובן צו אָרגאַניזירן אַזאַ פאַראיין אין 1929-30 האָבן ניט געהאַט קיין דערפאָלג.

אונדזער ניט אָרגאַניזירטקייט האָט אונדז געבראַכט פיל שאָדן, דערהויפּט אין שטייער-פראַגן. ניט איין צאָן-טעכניקער האָט געמוזט צוליבן שטייער-אַמט שליסן זיין וואַרשטאַט, און ניט ביי איינעם האָט מען אַרויסגעפירט די בעבעכעס פאַר ניט קענען באַצאָלן די שטייערן.

אָבער די צייט האָט אויך אונדז צאָן-טעכניקע געצוואונגען סוף-כּל-סוף צו אָרגאַניזירן זיך אין אַ פאַראיין.

אין סעפּטעמבער 1931 האָט די סטאַראָסטווע פאַנאַנדערגעשיקט אַ מעלדונג צו די ווילנער צאָן-טעכניקער—זיי זאָלן אַראָפּנעמען זייערע שילדן, אַניט וועט מען באַשטראָפט ווערן אַדמיניסטראַטיוו מיט 20 גילדן קנס. דאָס האָט צוטומלט דעם גאַנצן פאַך. אָט די גזרה האָט דאַן געצוואונגען די טעכניקער זיך צונויפצוקומען אויף אַ פאַרזאַמלונג. די פאַרזאַמלונג איז געווען זייער אַ שטורמישע און דער אויספיר פון אַלע דיסקוסיעס איז געווען, אַז יעדער באַזונדער וועט פאַר זיך אַליין גאָרנישט אויפטאָן און אַז נאָר מיט געמיינזאַמע כּוחות קען מען זיך העלפן.

אויף די ווייטערדיקע פאַרזאַמלונגען איז נאָך מער קלאָרער געוואָרן די נויטווענדיקייט צו שאַפן אַ פאַראיין צו פאַרטיידיקן אַלע אינטערעסן פון פאַך.

דער פאַראיין האָט זיך צוערשט געגרינדעט אַלס אַ סעקציע ביים יידישן האַנטווערקער פאַראיין אין ווילנע, און ערשט שפּעטער, אין יאָר 1933, האָבן מיר זיך לעגאַליזירט אַלס באַזונדער פאַראיין מיט אַן אייגענעם סטאַטוט. דאָס איז אונדז דאַן ניט אַזוי לייכט אָנגעקומען. די וואָיעוואודסטווע האָט געהאַט קעגן אונדז געוויסע באַוואָרענישן. דאָס האָט געדויערט אַנדערטהאַלבן יאָר. סוף-כּל-סוף האָבן מיר מיט מזל באַקומען די לעגאַליזאַציע, אָבער מיטן באַדינג, אַז דער פאַראיין דאַרף זיך רופן: „Związek zawodowy pracowników zębów sztucznych“ ד. ה. „פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין פון אַרבעטער פון קינסטלעכע ציין“ און ניט ווי עס איז אָנגעגעבן אין סטאַטוט — Związek Zawodowy Tecnników Dentystycznych (פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין פון דענטיסטישע טעכניקער). אַזוי אַרום האָט זיך באַקומען, אַז אַ ריין האַנטווערקערישער פאַראיין פון באַלעבאַטים טעכניקער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּראָפעסיאָנעלן אַרבעטער פאַראיין.

דער גאַנצער פאַראיין איז דאַן באַשטאַנען פון סך-הכּל 15 מיטגלידער.

די ערשטע אַרבעט פון פאַראיין איז, פאַרשטייט זיך, געווען דער ענין שילדן, וואָס איז אַדאַנק דעם פאַראיין דערפירט געוואָרן ביזן העכסטן געריכט און דער אורטייל איז אויסגעפאַלן לטובת די צאָן-טעכניקער.

דאַן האָט דער פאַראיין אויסגעפועלט אין פינאַנץ-קאַמער, אַז מען זאָל צולאָזן פאָרשטייער פון צאָן-טעכניקער צו די שאַצונגס-קאָמיסיעס.

נאָך די דאָזיקע ערשטע פאָר דערפאָלגן האָט גענומען שטייגן דער אינטערעס צום פאַראיין מצד די איבעריקע ווילנער טעכניקער און די צאָל מיטגלידער האָט גענומען וואַקסן. עס האָבן אויך גענומען איינפליסן אין פאַראיין ביטעס פון פּראָווינצער טעכניקער וועגן אָננעמען זיי אין פאַראיין אַלס מיטגלידער. שפּעטער האָבן זיך אויך גענומען ווענדן צו אונדז טעכניקער פון אַנדערע וואָיעוואודסטוועס.

צוליב דעם האָבן מיר זיך געווענדעט צו דער וואָיעוואודסטווע וועגן פאַרברייטערן די טעטיקייט פון אונדזער פאַראיין אויף פאָלגענדע וואָיעוואודסטוועס: ווילנער, ביאַליסטאָקער און נאָוואַרעדקער. אויך אָ די אינטערווענץ האָט די וואָיעוואודסטווע באַפרידיקט. אונדזער מיטגלידערשאַפט האָט אַ דאַנק דעם דערגרייכט ביז 100, וואָס האָט פאַרשטייט זיך פאַר אונדז אַוועקגעשטעלט נאָך ברייטערע אויפגאַבן. מיר האָבן געשאַפן אַ יוריס־קאָנסולט צו געבן יורידישע עצות א. אַ. וו.

לעצטנס האָבן מיר אויך אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ פּעריאָדישע אויסגאַבע א״נ. „דער צאָן־טעכניקער”, כדי צו שאַפן אַ נעענטערע פאַרבינדונג מיט די מיטגלידער פון אויסער ווילנע. זי פאָר נומערן פון זשורנאַל, וועלכע זיינען שוין אַרויס האָבן אונדזערע דערוואַרטונגען ניט אַנטוישט. עס רופן זיך כסדר אָפּ מאַסן צאָן־טעכניקער פון די פאַרוואָרפנסטע ערטער מיט אָנפראַגעס וועגן פאַך ענינים. די מיטגלידערשאַפט האַלט אין איין שטייגן. דאָס אַלץ באַווייזט, אַז דער ווילנער צאָן־טעכניקער־פאַראיין איז טאַקע געווען נויטיק, און איז געשאַפן געוואָרן אין דער ריכטיקער צייט.

א. קאַראַבטשעווסקי

„משמרת־חולים”

„משמרת־חולים” איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1890 אַלס אַן אָפּטיילונג ביי דער ווילנער צדקה גדולה. די געזעלשאַפט איז געגרינדעט געוואָרן דורך דעם דאָן פּאָפּולערן כלל־טוער ר׳ בצלאל אַלטשולער. אין משך פון דער צייט האָט זיך די אַרבעט פון דער לכתחילה קליינער צדקה חברה, וואָס האָט זיך געשטעלט גאַנץ באַשיידענע צילן, אַזוי פאַנאַנדערגעוואַקסן אַז זי איז געוואָרן איינע פון די גרעסטע מעדיצינישע אינסטיטוציעס אין גאַנץ ווילנער קאַנט.

אין יאָר 1906 ווערט ביי מ״ח געגרינדעט די ערשטע אין ווילנע אומזיסטע אַמבולאַטאָריע פאַר אָרימע קראַנקע. אַדאַנק דער גרויסער נדבה פון דער פאַרשטאָרבענער פרוי איטע חנה סקאָמאָראָווסקי, ווערט דורך אַ געהעריקן פאָנד, אויפן נאָמען פון איר פאָטער ר׳ משה ראָזענסאָן, פאַרזיכערט דער בודזשעט פון דער אַמבולאַטאָריע.

אין יאָר 1907 גרינדעט „משמרת־חולים” אַן אייגענע אַפּטייק, וואָס גיט אַרויס ביז 300 רעצעפּטן טעגלעך.

אין יאָר 1910 בויט „משמרת־חולים” אויס אַן אייגענע הויז (אויף קיעווער־גאַס נומ׳ 9) פאַר אירע מעדיצינישע אַנשטאַלטן, וואָס קענען שוין דאַן ניט באַפרידיקן זיך מיט די פריערדיקע אָפּט ניט צוגעפּאַסטע געדונגענע לאָקאַלן.

אין יאָר 1913 ווערט געעפנט אין אייגענעם בנין דער איצט אַזוי פּאָפּולערער משמרת־חולים־שפּיטאָל.

לכתחילה איז אין שפּיטאָל געווען סך הכל 18 בעטן. די נויטיקייט אָבער פון אַזאַ הייל־אַנשטאַלט איז אין שטאָט געווען אַזוי גרויס, אַז דער שפּיטאָל האָט כסדר געמוזט עפענען נייע אָפּטיילונגען און פאַרגרעסערן די צאָל בעטן. ביי היינטיקן טאָג באַזיצט שוין דער שפּיטאָל 102 בעטן פאַר קראַנקע אויף אינערלעכע, כירורגישע און קינדער קראַנקהייטן.

איצט איז שוין דער בנין פון „משמרת־חולים” אויך צו קליין פאַר אַלע מעדיצינישע אַנשטאַלטן און די פאַרוואַלטונג האָט שוין אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פון פאַרגרעסערן דעם בנין דורך אויפבויען נאָך אַ עטאַזש, אָדער איבערבויען איינעם פון דיווירטשאַפטלעכע בנינים און צופּאַסן אים אויף אַ שפּיטאָל־לאָקאַל.

די פאַרוואַלטונג האָפט, אַז איר וועט זיך איינגעבן מיט דער הילף פון די ווילנער יידן, וואָס האָבן אויסגעבויט דעם איצטיקן בנין פון „משמרת־חולים”, ווי אויך מיט דער הילף פון אונדזערע לאַנדסלייט מעבר־לים, דעם דאָזיקן פּראָיעקט צו פאַרווירקלעכן צום 50 יאָריקן יובל פון אַנשטאַלט, וואָס פאַלט אויס אין 1940.

די איצטיקע פאַרוואָלטונג פון „משמרת־חולים” באַשטייט פון פאָלגענדע פּערזאָנען: ש. ברוידאָ (פאָרזיצער), ל. קאַפּלאַן (וויצע־פאָרזיצער), י. סווירקי (סעקרעטאַר), מ. קאַהאַן (נאמן), ד״ר פ. טראָצקי, ד״ר י. יאַבראָוו, ד״ר ה. פייגוס, פרוי ברוידאָ, וו. קרינסקי, אַדוו. אוצעכאָווסקי, משה יאָסעלעוויטש, ה. שקאָלניצקי, פעליקס דעסלער, ד״ר ח. עפּשטיין, א. טונקל, עזריאל שעסקין.

אין רעווידיר־קאָמיסיע גייען אַריין: י. מאַרגאָוויצקי, ח. נעוויאַזסקי, ד. ניטשונסקי, י. סמושקין, י. איידעלזאָן, מ. בערגער און ה. וויינער.

די געזעלשאַפט ציילט 300 מיטגלידער.

ש. שראפאן

די רעליגיעזע ווילנע

מיט אונדזער ארטיקל זיינען מיר אויסן צו דערמאנען די ארטאדאקסישע חברות און מוסדות, וועלכע זיינען אין „ווילנער אלמאנאך" ניט פארטראטן מיט באזונדערע ארטיקלען.

ס'איז אמת, אז ווילנע איז די לעצטע יארן, דער עיקר נאכן וועלט-קריג, שטארק אראפ אין פרומקייט. ניטא איצטער אין די ווילנער קלויזן אזוי פיל פרושים, ווי א מאל פארן קריג. עס קלינגט שוין ניט אין די שולן און בתי מדרשים דער קול-תורה טאג און נאכט. אנדערע קלויזן זיינען א גאנצע וואך געשלאסן, מחמת ס'זיינען ניטא קיין דאווענער. אין איינציקע קריגט מען קוים א מנין אויף שבת. אפענע קראמען אום שבת פארמערן זיך אפילו אויף דייטשער גאס, הארט ביים שול-הויף.

דאס אלץ איז אמת, אבער דאך איז נאך ביי היינטיקן טאג איינגעווארצלט ביי זייער פיל ווילנער יידן דאס רעליגיעזע געפיל און דאס טראדיציאנעלע יידישקייט האט נאך א אחוזה אין ווילנער יידישן לעבן.

מיט דער רעליגיעזער ווילנע קאן מען אמבעסטן זיך באקענען, כאפנדיק א בליק איבער די פארשיידענע ווילנער רעליגיעזע מוסדות, וועלכע טיילן זיך אין דערציערישע (חינוך), פילאנטראפישע און גייסטיקע.

ניט געקוקט אויף דעם, וואס ווילנע פארמאגט מער וועלטלעכע שולן איידער א אנדער שטאט, איז דער רעליגיעזער חינוך אין ווילנע נאך גענוג קענטיק. חוץ די 3 אגודהשע „יבנה"-שולן מיט ייערע 300 תלמידים איז מיט איניקע יאר צוריק אויך געווען 2 מאדערניזירטע חדרים, וועלכע האבן זיך צוליב מאנגל אין מיטלען געשלאסן.

ס'זיינען אויך דא, חוץ דער „תלמוד-תורה" און „בית-יהודה", די געזעלשאפטלעכע שולן „עזרא" און „תורת-אמת" מיט 800 תלמידים, 1 מיידל-שול אויפן נאמען פון הרבנית אסתר רובינשטיין מיט 260 תלמידות און א גן-ילדים מיט 90 קינדער.

אלע דערמאנטע שולן האבן אייגענע בנינים.

דאן די פריוואטע יינגל-שול פון ה' פערלמאן מיט 100 תלמידים, דער קינדער-גארטן ביי מארקס-יתומים-אינטערנאט, די קאעדוקאציע מיטל-שול „תושיה", מיט איר 6 קלאסיקע פאלקס-שול, 2 ליצעאומס, מיט מלאכה-ווארשטאטן. אין די אלע שולן לערנען זיך ביי היינטיקן טאג ביי 2000 קינדער, אין דעם 500 מיידלעך. די געזעלשאפטלעכע פאלק-שולן קריגן קהילה-סובסידיעס, און א טייל אויך א סובווענץ פון מאגיסטראט.

צו די חינוך-מוסדות דארפן אויך צוגערעכנט ווערןביידע ווילנער ישיבות: די בארימטע ראמייליס ישיבה, וועלכע עקזיסטירט שוין 150 יאר און וואו ס'איז געווען ראש הישיבה דער בארימטער גאון ר' ישראל סאלאנטער. זי האלט אויס אירע 120 תלמידים מיט „אשל" (אכילה, שתיה, לינה) אין אייגענעם בנין אויף נאוואגאראד. דאן די צווייטע הסידישע ישיבה „תומכי-תמימים", וואס געפינט זיך אין בנין פון די לובאוויטשער חסידים אין דער אפאטאווס שול אויף ווילנער גאס. אויך דארט ווערן די תלמידים אויסגעהאלטן מיט עסן און שלאפן.

א קאפיטל פאר זיך זיינען די ווילנער קלויזן. איבער הונדערט קלויזן זיינען דא אין ווילנע אויף נעמען פון אלערליי פאכן: „שניידערשע", „שוסטערשע", „קירזנער", „סטאלארסקע", „פעלקרעמער" א"א. ווי אויך אויף נעמען פון פערזענלעכקייטן און אינסטיטוציעס, ווי למשל: „ר' שאולקעס", „ר' זאוולס", „משכרת חולים-קלויז", „הקדש-קלויז", א"א שולן. אויך אויף נעמען פון ווילנער גאסן און פארשטעטלעך, ווי: „בריקער-קלויז", „שניפישקער", „אנטאקאלער" א"א. א היפשע טייל פון זיי, ווי געזאגט, האבן שוואך א מנין, אבער אין פיל פון זיי לערנט מען נאך עד היום שעורים פון גמרא, משניות, קשו"ע, מדרש או"וו. ווי למשל אין זאוולס שול, ר' שאולקעס, חברה-פועלים, עליאשבערגס, מאלארסקע, סטאלארסקע, בענגיס א"א.

דאס רוב קלויזן האבן ספעציעלע רביים און מגידים. אין איניקע קלויזן זיינען די רביים אפילו יונגע לייט, ישיבה-לייט, אדער איידעמס אויף קעסט. דער עיקר קלויזן זיינען קאנצענטרירט אין יידישן פערטל. אויפן שול-הויף אליין זיינען דא 12 קלויזן, די עלטסטע פון זיי איז קלויז „ישן", וועלכע קלייבט זיך איצט פייערן איר 500 יאריקן יובל. די בארימטסטע שולן זיינען די גרויסע שטאט-שול און דעם גאונס-קלויז, וועלכע ווערן אפילו אפט אויך באזוכט פון טוריסטן, יידישע און ניט יידישע.

ועד־הישיבות

אין ווילנע געפינט זיך דער „ועד־הישיבות". דאָס איז די צענטראַלע פון אַלע ליטווישע ישיבות (עקסיסטירט שוין 15 יאָר), וועלכע נעמט אַרום די באַרימטסטע ישיבות פון ראַדון (אויפן נאָמען פון „חפץ־חיים") מיר, קלעצק, נאָוואָרעדקער, באַראַנאָוויטש א"אַ. דאָס אויסוויילן ווילנע פאַר דער צענטראַלע פון אַלע ישיבות איז געווען צוליב דעם, וואָס ווילנע איז דער זיץ־אָרט פון דרב ר' חיים עוזר גראָדזענסקי, וועלכער רעכנט זיך פאַרן גרעסטן תורה־אויטאָריטעט אין דער תלמודישער וועלט און איז דער הויפט־זאָרגער פאַר די ישיבות. אַ דאַנק זיין אויטאָריטעט און השפעה פליסן גרעסערע סומעס פון גאַנצן וועלט־יידנטום פאַר די ישיבות צו דערהאַלטן זייער קיום. דער ועד־הישיבות גיט זיך בלויז אָפּ מיט שאַפן דעם פינאַנסיעלן באַזיס פון די ישיבות. צו דעם צוועק פירט ער אַ פאַרצווייגטע זאַמל־אַקציע אין איבער 500 פוילישע שטעט און שטעטלעך, דער עיקר אין די מזרח־קרעסן.

דער „ועד־הישיבות" פאַרנעמט זיך בלויז מיט שטיצן מאַטעריעל די ישיבות. ער סובסידירט 71 גרעסערע און קלענערע ישיבות אין די מזרח־קרעסן, וואו עס לערנען זיך ביי 6000 יונגעלייט. דער „ועד־הישיבות" גיט ניט די ישיבות די פולע אויסהאַלטונג און יעדע ישיבה מוז נאָך באַזונדער זאָרגן צו שאַפן די מיטלען אויף צו דעקן איר פולן בודזשעט. דער גרויסער לאָקאַל פון „ועד־הישיבות", מיט טעלעפאָן און שרייב־מאַשינקעס, דינט אגב פאַר אַ מין רעליגיעזן „בית־עם". דאָרט קומען פאָר דאָס רוב פאַרזאַמלונגען פון ריין רעליגיעזן כאַראַקטער, ווי פון „שומרי־שבת", וועגן כשרות, מקואות וכדומה. דאָרט איז אויך פאַראַן אַן ארון־קודש מיט אַ ספר־תורה און מען דאַוונט דאָרט שבת און יום-טוב. דאָרט איז דער טרעף-פונקט פון כמעט אַלע פּראָווינצער רבנים און ישיבה־לייט, וועלכע קומען קיין ווילנע. אין זעלבן לאָקאַל געפינט זיך די רעדאַקציע פון אָרטאָדאָקסישן וואָכנבלאַט „דאָס וואָרט", וואָס דערשיינט אין ווילנע שוין אָנדערטהאַלבן צענדליק יאָר. דאָרט איז אויך די צענטראַלע פון דער אָרטאָדאָקסישער שול־אָרגאַניזאַציע „חורב", וועלכע נעמט אַרום 150 אָרטאָדאָקסישע שולן אין די 5 מזרח-וואָיעוואודסטוועס: ווילנער, ביאַליסטאָקער, וואָלינער, נאָוואָגרודקער און פּאָלעסיער. „חורב" באַזאָרגט די שולן מיט לערער, האָט אָבער ניט צו טאָן מיטן מאַטעריעלן קיום פון די שולן.

„תפארת בחורים"

„תפארת־בחורים" איז געגרינדעט געוואָרן אין ווילנע, דורך הרב ר' יחיאל סראָעלאָוו אין יאָר 1902, מיטן ציל קעגנצווווירקן די ראַדיקאַלע אַנטירעליגיעזע שטרעמונגען אויף דער יידישער גאַס, דער עיקר ביי דער יוגנט, דורך לערנען חומש און גמרא אין די אָוונטן, שבת און יום־טוב, ווען דער אַרבעטער איז פריי.

פון אָנהויב איז ת"ב געווען אין דער שניי־דערשער קלויז, אויף יידישע גאַס. שפּעטער איז ת"ב אַריבער אין דבורה־אסתרס קלויז אין ראָמיילעס-הויף, און אין יאָר 1908 קלייבט זיך ת"ב אַריבער אויפן שול־הויף אין דער אַמאָליקער חסידישער (ליובאַוויטשער) שול, וואָס רופט זיך איצט: קלויז פון „תפארת-בחורים".

אין די פאַר מלחמה יאָרן האָט מען אין ת"ב אויך געלערנט העברעאיש און אַפילו חשבון, כדי צו פאַרשפּאָרן די מיטגלידער צו גיין לערנען די לימודים אין אַנדערע אָוונטן־קורסן.

ס'קומען אויך פאָר פאָרטראָגן אויף רעליגיעזע טעמעס, אויך אונטערנעמונגען אין ספּעציעל געדונגענע לאָקאַלן.

ת"ב האָט אַן אייגענעם דראַמאַטישן־קרייזל. די פּיעסן, דאָס רוב אויף ביבלישע טעמעס, ווערן פאַר־פאַסט דורך אייגענע חברים.

ת"ב האָט במשך פון איר קיום מחנך געווען אין רעליגיעזן גייסט, טויזנטער יונגע אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך שפּעטער צעשפּרייט איבער דער וועלט, וואו זיי שאַפן אין זייערע נייע היימען אָפּצווייגן פון ת"ב.

ביי היינטיקן טאָג האָט ת"ב איינִיקע הונדערט חברים. זי האָט אויך אַ גמ"ח און שטיץ־קאַסע פאַר אָרימע חברים, זאָרגט פאַר אירע אַרבעטס־לאָזע א"אַוו.

ת"ב האָט אַ פרעסע־בוך מיט אויסצוגן וועגן דער חברה פאַר העכער 30 יאָר צייט. פאַרן פינאַנ־סיעלן קיום פון ת"ב האָבן זייער פיל געטאָן די ה"ה ר' עזריאל שעסקין (לאַנגיאָריקער פאָרזיצער פון ת"ב), קוזענשטאַל, ברידער איסערלין, נתן באַק, פעלדשער ח. ברוק (געשטאָרבן בעת די נאָוועמבער געשעענישן אין יאָר 1936). ח. זעטל א"אַ.

צווישן די איצטיקע טוער פאַר ת"ב געפינען זיך פיל געוועזענע תלמידים, ווי יצחק בוקשטעלסקי, הערץ לידעס, ח. פייטעלעוויטש פ. אָלשאַן א"אַ.

ביים ת"ב עקסיסטירט אַ סעקציע „תפארת־הנוער" פאַר יוגנט ביז 16 יאָר, וועלכע האָט אַ ביבליאָטעק, פירט אָן מיטן טעגלעכן מנין א"אַוו.

בראש פֿון ת״ב איז, ביז זיין אָפּפֿאָר אין יאָר 1934 קיין ארץ־ישׂראל, געשטאַנען הרב ר׳ יחיאל סראָעלאָוו.

ביי היינטיקן טאָג לערנען אין ווילנער ת״ב הרב ר׳ בצלאל גאָלדבערג, הרב ר׳ משה איטקינד, הרב ר׳ לייב שמידט, חוץ אַ ריי אַנדערע ניט שטענדיקע רביים, וועלכע האַלטן פֿון צייט צו צייט רעליגיעזע פֿאָרטראָגן פֿאַר די חברים.

ת״ב איז לעגאַליזירט געוואָרן אין יאָר 1908 דורך דעם גובערנאַטאָר לובימאָוו, שפּעטער דורך די דייטשן און נאָך דער מלחמה דורך דער פּוילישער מאַכט. בעת די באָלשעוויקעס האָט ת״ב געאַרבעט אומלעגאַל. די דייטשן האָבן ת״ב געהאַלטן פֿאַר אַ שול פֿון „קולטעס באַאַמטע״ און באַפֿרייט די תּלמידים פֿון צוואַנג־אַרבעט.

„חבֿרה פּועלים״

די „חבֿרה פּועלים״ איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר תר״י (1850) דורך הרב ר׳ צבֿי הכּהן מיטן צוועק צו לערנען מיט די פּועלים אין זייער פֿרייער צייט אין קלויז, וואָס געפֿינט זיך אויפֿן שול־הויף און וואָס רופֿט זיך טאַקע אויפֿן זעלבן נאָמען.

די צאַרישע מאַכט (דאָס איז געווען אין דער צייט פֿון אַלעקסאַנדער דעם 2טן) האָט לעגאַליזירט „חבֿרה פּועלים״ אַלס „יידישע האַנטווערקער שול״ („יעווריייסקאָיע רעמעסלענאָיע אוטשילישטשע״) און דעם גרינדער אירן באַשטימט פֿאַר פֿאַרוואַלטער פֿון דער שול און שפּעטער, 35 יאָר נאָך דער גרינדונג פֿון ח״פּ, אים געגעבן דעם טיטול פֿון ערן־בירגער („פּאָטאָמסטווענני פּאָטשאָטני גראַזשדאַנין״).

אין ח״פּ לערנט מען עד היום 3 מאָל אַ טאָג. שבת לערנט מיט די פּועלים הרב ר׳ אלי׳ גרשון האַלפּערין (זון פֿון גרינדער פֿון דער חבֿרה), וועלכער איז געקומען פֿון ליסקעווע, וואו ער איז מיט 45 יאָר צוריק געווען רבֿ.

די גבאים פֿון ח״פּ זיינען: לייב אָפּנבאַך, חנן בערזאַק און לייב רוטנבערג.

„שומרי־שבת״

דער נאָמען אַליין ווייזט שוין וואָס פֿאַר אַ כאַראַקטער די חבֿרה טראָגט. זי האָט אַלס ציל און אויפֿגאַבע צו זאָרגן און אַכטונג צו געבן, אַז די יידישע באַפֿעלקערונג זאָל ריכטיק אָפּהיטן שבת.

די מיטגלידער פֿון דער חבֿרה „שומרי־שבת״, די רבנים און אויך די רעליגיעזע בעלי־בתּים פֿון שטאָט קלייבן זיך צונויף כּמעט אַלע פֿרייטיק פֿאַרנאַכט און לאָזן זיך איבערן יידישן פֿערטל און לייגן פֿאַר די יידן, אַז זיי זאָלן פֿאַרמאַכן באַצייטנס די קראָמען. די דאָזיקע חבֿרה, וועלכע איז לעגאַליזירט, פֿירט אויך אַ פּראָפּאַגאַנדע אין וואָרט און שריפֿט, דורך פֿלוגבלעטלעך און אין דער פּרעסע, מען זאָל היטן שבת. לויט איר איניציאַטיווע האָט זיך געעפֿנט אין ווילנע אַ פֿריזירעריי פֿון „שומרי־שבת״, אויף זאַוואַלנע 38, וואָס איז שבת דעם גאַנצן טאָג געשלאָסן. שערן זיך דאָרטן טאַקע אַלע פֿרומע יידן. ס׳איז די איינציקע שערעריי אין שטאָט, וועלכע איז שבת פֿאַרמאַכט.

„חבֿרה־קדישא״

די „חבֿרה קדישא״ האָט די אויפֿגאַבע אָפּצוהיטן דעם כּבֿוד־המת.

אויב אין די קליינע שטעטלעך דערפֿילט די „חבֿרה־קדישא״ די אויפֿגאַבע פֿון אַ בית־עולם פּערסאָנאַל, איז מטהר און מקבר מתים, האָט די ווילנער „חבֿרה־קדישא״ באַגרענעצטע אויפֿגאַבן: זי היט אָפּ, אַז יידישע מתים זאָלן ניט אַריינפֿאַלן אין פּראָזעקטאָריום. דערוויסט זיך די חבֿרה וועגן אַן עלנטן מת אין אַ שפּיטאָל, וועמעס קערפּער מען וויל צונעמען אויף וויסנשאַפֿטלעכע צוועקן, מיט זיך די ח״ק מיט אַלע קרעפֿטן, ניט צו דערלאָזן צו אַ סעקציע פֿון עלנטן מת. אין ערגסטן פֿאַל ברענגט מע אים שפּעטער צו קבֿר־ישׂראל. אין דאָס רובֿ פֿאַלן געלינגט טאַקע דער חבֿרה די עלנטע מתים אָפּצוראַטעווען פֿון פּראָזעקטאָריום. ביי וויכטיקע פֿאַלן, ווען עס שטאַרבט אַ רעליגיעזער ייד, נעמט די „חבֿרה־קדישא״ איבער אויף זיך די אויפֿגאַבע אים אָפּצוריכטן זיין רעכט, מטהר זיין און ברענגען צו קבֿורה. ווען עס שטאַרבט אַ רבֿ, אַ מגיד, אָדער אַזוי אַ למדן גייען די חבֿרה־קדישאַניקעס פֿריער טבֿילה אײדער זיי רירן זיך צו צום מת.

די „חבֿרה־קדישא״ שטעלט זיך אַגבֿ ניט אָפּ אין אַ נויטפֿאַל אויסצופֿירן אויך אַלע נויטיקע פֿונקציעס פֿון בית־עולם־אַרבעטער. אַזוי למשל, ווען דער בית־עולם פּערסאָנאַל פֿון דער קהילה האָט סוף 1935 און אָנהייב 1936 געשטרייקט, האָט די „חבֿרה־קדישא״ במשך פֿון אַ פּאָר חדשים פֿולשטענדיק פֿאַרביטן דעם בית־עולם־פּערסאָנאַל.

די וועש, וואָס בלייבט אויפֿן פֿעלד פֿון די נפֿטרים ווערט אָפּגעשיקט צו ח״ק, וועלכע באַצאָלט פֿאַרן אויסוואַשן און צעטיילט עס צווישן אָרעמע יידן.

ח״ק געפֿינט זיך אויף סטראַשון גאַס 6.

די גרינדער פֿון דער חבֿרה זיינען: שלום ברוידאָ, קלמן שקאָלניצקי, אבֿרהם רודניק, משה סליוקין, מרדכי יאָסעלעוויטש און אנשל אַראָנאָוויטש.

„ניחום-אבלים"

וועמען די קהילה האט לעצטנס אפגעגעבן א לאקאל אויף שטראשון גאס 6, האט די הויפט־אויפגאבע צו באזוכן יעדן אבל אין די שבעה־טעג, אים טרייסטן און אויסטיילן, אויב דער אבל איז אן ארעמער, א געוויסע שטיצע, דורכצולעבן זיך די וואך. ביי די גבירישע אבלים נעמט מען אבער נדבות, כדי צו דעקן די הוצאות. די חברה לאזט ניט דורך קיין איין שבעהס שטוב אן א ניחום. די מיטגלידער פון „נ"א טיילן זיך איין וועגן און ווער עס זאל די באזוכן דורכפירן. נ"א טיילט אויך אויס די ארעמע אבלים און סתם ארעמע לייט: וועש, שיך און אנדערע בגדים, וואס זיי זאמלען איין ביי די גבירישע אבלים. זיי גיבן אפט אומזיסטע צעטלען אויף א מרחץ, פאר די וועלכע נייטיקן זיך אין דעם. נ"א האט א גרויסן גמ"ח, וועלכער איז באשטימט פאר יתומים און אלמנות. הלוואות גיט מען צרויס אין דער גרויס ביז 100 זל.

די פארוואלטונג און פרעזידיום פון נ"א באשטייט פון: זאלקינד חיים (פארזיצער), יאסעלעוויטש משה (1טער וויצע פארזיצער), דעסלער פעליקס (2טער וויצע פארזיצער), פארנעס לייב (נאמן), שקאלניצקי יוסף (סעקרעטאר), סליווקין משה, סטראשון מיכאל, גורוויטש חיים, גורוויטש מרדכי, סווירסקי יוסף, פעטוכאווסקי יצחק און גערשע־נאוויטש שלמה.

„הכנסת־אורחים"

וועלכע געפינט זיך אויף יאטקעווער 8, אין א געשאנקענעם לאקאל, האט אייגעארדנט א קליינעם, אבער א ריינעם און גוט צוגעפאסן האטעלכל פון עלף צימערן, וואו עס נעכטיקן איבער אומזיסט ארעמע אורחים, דער עיקר בכבודיקערע, וועלכע האבן ניט מיט וואס צו דינגען א נאכטלעגער. לויטן סטאטוט טאר דארט אן אורח ניט נעכטיקן מער ווי 3 נעכט. מען מאכט אבער פאר אנדערע אן אויסנאם און מען פארלענגערט דעם טערמין. דארט געפינט זיך א ספעציעלע קלויז, וואו עס דאווענען יעדן טאג די אורחים און אויך זייטיקע. מען לערנט דארט אייניקע שעורים משניות און גמרא. דער הויפטאנפירער פון דאזיקן מוסד איז ר' שלמה שמערקאוויץ, וועלכער האט די געזעלשאפט געשאפן און פירט איר עד־היום.

דאס הויז פארן ה"א האט בשעתו געשאנקען ר' אפרים לעווין און פרוי.

די פארוואלטונג פון ה"א באשטייט פון הרב ר' שמואל פריד, ר' יעקב באביק, ר' דוד געשאטער, שלמה שמערקאוויטש, אריה לייב צוויק, משה דאווידזאן, בנימין זאסלאנסקי, יעקב ראבינאוויטש, משה קאהאן, משה כוואלעס און חיים גורוויטש.

טליתים פאר ארימע חתנים

געווען אויך אמאל א חברה „הכנסת־כלה" ביי דער קלויז פון ברידער חלם אויף סטראשון גאס 14. איז זי אבער מיט א פאר יאר צוריק געשלאסן געווארן צוליבן טויט פון איר הויפט־סטיפענדאנט חיים חלם, וועלכער פלעגט אויסהאלטן 90 פראצענט פון איר בודזשעט.

אנשטאט דער אפיציעלער געזעלשאפט „הכנסת־כלה", וועלכע פלעגט געבן א סובווענץ אויף איינארדענען א חתונה, זיינען איצט פאראן אייניקע פרויען, וועלכע קענען ביי זיך ניט פועלן אוועקצו־לאזן איינגאנצן די מצוה פון „הכנסת־כלה". בראש פון די פרויען שטייט פרוי מאטלאווסקי, אן אייגנ־טימערין פון א הויז אויף גרויס סטעפן־גאס 14. זי זאמלט אלע ערב יום־כיפור אין שטאט א געוויסע סומע אויף טליתים פאר ארעמע חתנים. אפיציעל פירט זי איר טעטיקייט ביים פרויען ג"ח, איינער פון די גרעסטע גמ"חסדים אין ווילנע, וועלכער מאכט אומזאצן אין די גרויסע טויזנטער. אין סטאטוט פון דאזיקן גמ"ח איז פאראן א פונקט, אז א געוויסן פראצענט פון די הכנסות פון גמ"ח קען פארווענדעט ווערן אויף אנדערע וויכטיקע צוועקן. נוצן עס אויס די דערמאנטע פרויען און פארווענדן א טייל געלט אויף אזא מין „הכנסת-כלה", און פון די געקליבענע געלט קויפן זיי טליתים פאר ארעמע חתנים.

אלע אויסגערעכנטע געזעלשאפטן זיינען לעגאליזירטע, האבן סטאטוטן, פארמאגן אייגענע דירות אאז"וו.

„בית־לחם"

האט די אויפגאבע אויסצוטיילן ברויט ארעמע לייט. זי קלייבט אין שטאט נדבות אין געלט און ברויט און טיילט אויס אירע רעגיסטרירטע ארעמע לייט (אייניקע הונדערט משפחות) איין מאל אין וואך, אדער צוויי מאל, ברויט - פארציעס. פאר א סך פאמיליעס זיינען די דאזיקע ברויט־פארציעס די איינציקע מיטלען צו דערהאלטן זיך ביים לעבן. א באזונדערס ברייטע אקציע פירט „בית-לחם" אויף די יום־טובים, דער עיקר אויף פסח, ווען זי טיילט פאר אן ערך 1500 פערזאן צוקער, שמאלץ, אייער, ליכט, טיי, קארטאפל א"א פראדוקטן. בכבודיקע, געפא־לענע בעלי־בתים שיקט מען די פראדוקטן בסתר אהיים. ביי דאס רוב מקבלים זיינען די „בית־לחם"־פראדוקטן די הויפט - חיונה פון גאנצן פסח. איר

אקציע פירט ב״ל כמעט אינגאנצן אויף אמעריקאנער געלט, וואס זי באקומט אויף יעדן ערב־פסח. א טייל קרובים פון די אמעריקאנער מנדבים טיילט „בית־לחם״ אויך אויס שטיצע במזומן, לויט דער אנווייזונג פון זייערע אמעריקאנער קרובים.

„מענגי שבת״

צו דער זעלבער קאטעגאריע געהערט אויך „מענגי־שבת״, וואס געפינט זיך אין א קהילה־בנין אויף סובאטש 11. מ״ש האט זיך געשטעלט אן אויפגאבע צו באזארגן דעם ארעמען מיט שפייז אויפן שבתדיקן טאג. אויב „בית־לחם״ גיט דעם ארעמאן ברויט און בלויז ברויט אויף די וואכעדיקע טעג, פארמאגט „מענגי־שבת״ אן אייגענע קיך, וואו עס ווערט געקאכט פאר פינף הונדערט רעגיסט־רירטע ארעמע לייט און יורדים, שבתדיקע שפייז. די גרעסטע טייל פון די רעגיסטרירטע, געפאלענע בעלי־בתים, קריגן זייער שפייז אויף א היים 2 מאל: פרייטיק צונאכט און שבת. די עסנס באשטייען פון א פארשפייז, ווי לעבער, קרויט, הערינג א״א פראדוקטן. דאן פלייש, קלאפס, זופ, קאשע און צו א פערטל קילא ברויט אויף א נפש. שבת פרי ווידער א פארשפייז און טשאלנט. א געוויסע צאל מקבלים, דער עיקר איין פערזאניקע, וועלכע האבן ניט קיין פאמיליעס, באקומען אין לאקאל פון „מענגי־שבת״ 3 מאל עסן: פרייטאג צו נאכט, שבת פרי און צו שלוש־סעודות. אין „מענגי שבת״ געפינט זיך אויך אן ארון־קודש, א ספר־תורה מיט אן עמוד, אזוי, אז די עסער כאפן אויך אריין פארן עסן א דאוונען.

די חברה מ״ש עקסיסטירט שוין 40 יאר. ביי דער פוילישער מאכט איז די חברה לעגאליזירט געווארן דעם 23 אויגוסט 1930.

די אנפירער פון אנשטאלט זיינען: ל. גילע־ראוויטש (פארז צער), ח. שאקאבינזאן (סעקרעטאר), און א. פיינשטיין (פארזיצער פון רעוו׳ קאמיסיע).

פון יאר 1938 האט די געז׳ ארויסגעגעבן העכער 46 טויזנט מיטאגן און איבער צען טויזנט קילא ברויט.

„מושב־זקנים״

צו די רעליגיעזע מוסדות דארף מען צורע־כענען אויך דעם פילאנטראפישן אנשטאלט „מושב-זקנים״, מיט זיינע 300 אלטע לייט, וואס ער האלט אויס.

דער „מושב־זקנים״, געפינט זיך אין אן אייגענעם גראנדיעזן בנין אויף פארטאווע און סטיטשנאווע. ער פארמאגט אייניקע אייגענע הויפן, פון וועלכע ער ציט הכנסה. האט פיל צענדליקער צימערן מיט אלע באקוועמלעכקייטן: וואטערס, קאנאליזאציע, א בעקעריי, וואנעס, א וועשעריי, א סאד און א גארטן אויפן הויף. ער איז אויך א ריין רעליגיעזער מוסד. ס׳ווערט אפגעהיט דארט אויפן שטרענגסטן אופן כשרות, אלע טירן זיינען מיט מזוזות. מ״ז האט אן אייגענע קלויז פאר מענער און פרויען, וואו אי מען דאוונט אלע טאג, אי מען לערנט דארט אויך א פרק משניות און א בלאט גמרא. פאר דער מלחמה האט דער מוסד געהייסן „באגעדעלנע״.

אויך „משמרת־חולים״ פירט זיך רעליגיעז, היט כשרות, האט אן אייגענע קלויז, וואו עס דאוונען סיי די קראנקע, סיי זייטיקע מענטשן.

אפילו דער יידישער שפיטאל אויף זאוואלנע און הקדש־גאס, האט א קלויז, וואו מען דאוונט און מען לערנט גאנץ געשמאק. מען פראוועט אפילו סיומים. פסח גיט מען אלע חולאים, אפילו קריסטן, מצה, און מען פראוועט סדרים. די טירן זיינען מיט מזוזות און פלייש קויפט מען כשרע.

צו די ארטאדאקסישע מוסדות דארפן אויך פארעכנט ווערן די איבער 80 גמילות־חסדים, וועלכע געפינען זיך אין די איבער 100 קלויזן אין ווילנע. די דאזיקע גמילות־חסדים מאכן אומזאצן אין הונדערטער טויזנטער גילדנס א יאר, העלפנדיק מיט אנפראצענ־טיקע הלוואות די נויטבאדערפטיקע מתפללים.

„מצה ומתן בסתר־קאמיסיע״

די „מצה־קאמיסיע״ איז ניט קיין קאמיסיע ביי א וועלכן ס׳איז מוסד, נאר איז א מוסד פאר זיך, וואס עקסיסטירט שוין אין ווילנע צענדליקער יארן. א מאל האט דאס געהייסן „מצה און האלץ־קאמיסיע״ צוזאמען. דאס איז א פארבאנד פון א 40—50 רעליגיעזע יידן, וועלכע טוען אויף זייער א סך, דערהויפט פאר מעות חיטין.

די דאזיקע קאמיסיע, בראש פון וועלכע עס שטייט דער געוועזענער קהילה־פרנס ר׳ אליהו גראד־זענסקי, האט אויך געהאט די אויפגאבע אלע ווינטער צו באזארגן ווילנער יידישע ארימעלייט מיט האלץ און ערב פסח מיט מצה. די מיטגלידער פון דער קאמיסיע פלעגן פערזענלעך גיין אין שטאט אויפצוזאמלען געלט אויף האלץ און מצה און דערנאך עס פארטיילן צווישן די ארימעלייט.

זינט עס איז איינגעפירט געווארן דער צוואנג־עטאט פאר דער ווילנער קהילה (1932) האט די דאזיקע קאמיסיע אויפגעהערט צו פירן די האלץ־אקציע, ווייל אלע מנדבים האבן גטענהט, אז די קהילה נעמט עטאט, טא זאל זי געבן האלץ אויך. האט טאקע די קהילה א פאר יאר געגעבן האלץ פון

הרב ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי

סענאַטאָר הרב ר׳ יצחק רובינשטיין



הרב ר׳ שמואל פריד

איר בודזשעט. אָבער שוין עטלעכע יאָר, ווי מען גיט די אָרימעלייט בכלל קיין האָלץ ניט, ניט די קאָמיסיע ניט די קהילה.

די מצה־אַקציע דאַגעגן ווערט נאָך געפירט עד היום. אמת מיט מצה פאַר די אָרימעלייט אויף פסח באַזאָרגט שוין די קהילה, אָבער די מצה־קאָמיסיע, פירט נאָך דורך אַלע ערב פסח איר אייגענע זאַמלונג (אַלס קאָמיטעט ביי דער קהילה) און די געזאַמלטע סומע פון 13 ביז 15 טויזנט גילדן ווערן דורך דער זעלבער קאָמיסיע צוטיילט בתורת מתן־בסתר צווישן פיל נצרכים, געפאַלענע בעלי־בתים און פאַראָרימטע מענטשן.

„יולדות עניות"

צו די רעליגיעזע פילאַנטראָפישע מוסדות פון ווילנע דאַרף אויך פאַררעכנט ווערן די געזעלשאַפט „יולדות עניות", וועלכע עקסיסטירט שוין לאַנגע יאָרן. די געזעלשאַפט האָט פאַרן קריג געהאַט אַ רוסישן סטאַטוט, שפּעטער אַ דייטשן (אָקופּאַציע צייט) און איצט אַ פּוילישן. די דאָזיקע געזעלשאַפט, וועלכע האָט דעם ציל צו שטיצן אָרימע קינפּעטאָרינס האָט אַמאָל געפירט אַ ברייט פאַרצווייגטע טעטיקייט. פלעגט אירע הכנסות שעפּן פון אַ גרויסע צאָל מיטגלידער, וועלכע האָבן געצאָלט אַ שטענדיקן מיטגלידס־אָפּצאָל. פלעגן טאַקע די נתינות פאַר די אָרעמע קינפּעטאָרינס זיין באַדייטנט גרעסער. ביי היינטיקן טאָג איז דער מיטגליד אָפּצאָל אַ מיני־מאַלער. די אויסשליסלעכע הכנסה פון „יולדות עניות" באַשטייט פון די געזאַמלטע געלט דורך די 2 ווילנער הויפּט מוהלים ר׳ אשר ס־אָקאָינע און פעקלער אויף בריתן. די געלט ווערט טאַקע אויך פאַר טיילט לויט דער אָנווייזונג פון די צוויי מוהלים, וועלכע פאָרשן אויס, וועלכע קימפּעטאָרינס נייטיקן זיך אין שטיצע. פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט א׳ז דער געוועזענער פרנס ר׳ אליהו גראָדזענסקי (ברודער פון הרב ר׳ חיים עוזר).

דער ראַבינאַט

מיטן רעליגיעזן לעבן אין ווילנע פירט אָן דער ווילנער ראַבינאַט. בראש פון ווילנער ראַבינאַט שטייען ביי היינטיקן טאָג די רבנים ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי, ר׳ יצחק רובינשטיין (איצטיקער סענאַטאָר), ר׳ הינך אייגעס, ר׳ יעקב קאַהאַן, ר׳ שמעון טאָפּ און ר׳ שמואל פריד.

דער ווילנער ראַבינאַט באַשטייט חוץ פון די 6 עטאַטאָווע רבנים פון נאָך 10 ניט עטאַטאָווע, וועמען די קהילה צאָלט שכירות. די קהילה צאָלט אויך סובווענצן, אָדער עמעריטור 5 מגידים און 5 אַלמנות נאָך רבנים.

צו די כלי־קודש, וועלכע זיינען אָנגעשטעלט ביי דער קהלה דאַרפן אויך פאַררעכנט ווערן די 17 שוחטים, (7 אין דער שטאָטישער בוינע, 4 אין דער צענטראַלער שחיטה־שטיבל אויף שעראָקע 7 און 6 אין די איבעריקע 6 שחיטה־שטיבלעך פון עופות אין די פאַרשיידענע פאָרשטעטלעך, ווי לוקישקעס, שניפּישאָק קליין און גרויס, זאַרעטשע, אַנטאָקאָל און גאָון־גאַס); 3 משגיחים ביי די כשרע פלייש און עופות־יאַטקעס און דער פּערסאָנאַל ביי דער גרויסער (שטאָט) שול.

הרב מ. זאלמאנאוויטש

ווילנער בית־דין

אין די פריערדיקע דורות, ביז דעם לעצטן „רב", ר׳ שמואל דעם אב״ד (אב בית־דין) האחרון, זיינען געווען אין שטאט 12 דיינים, וועלכע זיינען געזעסן צוזאמען ביי איין טיש מיט דעם אויבער־רב (אב״ד) פון שטאט. זיי האבן זיך געפונען אונטער דער אנפירונג פון אב״ד אין אלע רעליגיעזע ענינים.

די 12 דיינים זיינען איינגעטיילט געווען אין 2 כיתות. די עלטערע פון זיי האבן זיך גערופן: „בית־דין של מעלה", און די יינגערע: „בית־דין של מטה".

פאר וואס זיי האבן זיך אזוי גערופן, געפינען מיר אין ערגעץ ניט אויף דעם קיין דערקלערונג, ניט ביי ר׳ שמואל יוסף פין אין זיין ספר „קריה־נאמנה" און ניט ביי ר׳ הילל נח שטיינ־שניידער אין זיין ספר „עיר ווילנא". באוואוסט איז בלויז, אז אין דער צייט ווען עס איז געווען אין ווילנא רב ואב״ד ר׳משה בר׳ לימא, בעל מחבר „חלקת־מחוקק" אויף שו״ע „אבן העזר", זיינען אין זיין „בית־דין געזעסן פאלגענדע יונגע דיינים: הרב החריף מו״ה שמואל קיידאנאווער בעל המחבר „ברכת־הזבח על סדר קדשים" וספר „תפארת שמואל הרא״ש", עטלעכע און צוואנציק יאר אלט; דער באוואוסטער בדורו ר׳ שבתי כהן (הש״ך), אן ערך 25 יאר אלט; הרב מו״ה הילל (בעל בית־הילל אויף יו״ד), אויך בערך 24 יאר אלט; הרב החריף ר׳ אפרים בעל ש״ת שער־אפרים, אלט 20 יאר בערך. זיי זיינען געווען אין בית־דין פון אב״ד ר׳ משה אין די יארן ת״י—תטו און שפעטער אין תל״ט בערך.

אויך אין דער שפעטערדיקער תקופה, בערך הונדערט יאר נאכדעם, איז אויסגעקליבן געווארן פאר א דיין בבית-דינו פון דעם רב ואב״ד ר׳ העשל, דער באוואוסטער מו״ר שמואל אב״ד האחרון דווילנא, ווען ער איז געווען בערך 15 יאר (אין יאר תק״ה), ווי עס איז דערמאנט אין פנקס ישן, וואס עס ברענגט ר״שי פין.

פון די עלטערע דיינים, איז געווען אויסגעקליבן איינער פאר א ראב״ד (ראש בית־דין), א צווייטער פאר א סו״ד (ספרא ודיינא׳, וועלכער פלעגט פאר־שרייבן אלע פסקי־דינים און אלע ענינים, וואס געהערן צו עניני הבית־דין.

לויט דער פארארדענונג פון דעם אויבער-רב (אב״ד) פון שטאט, פלעגן די אלע דיינים מוזן אלע ערב־שבת וערב יו״ט קומען זיצן אין באשטימטע ערטער, וואו די יידן וואוינען, ענטפערן אויף אלע שאלות פון „אסור והיתר", בנוגע טרפות און כשרות אין א שווערע שאלה, וועלכע די דיינים האבן ניט געקענט שטעלן דעם פסק־דין אויף זייער דעה, האבן זיי באדארפט פרעגן ביי דעם אב״ד פון שטאט.

אזא סדר האט זיך געצויגן הונדערטער יארן ביז דעם לעצטן רב ואב״ד ר׳ שמואל.

אבער ווען עס האט אויסגעבראכן די מחלוקת הרב מיט די פרנסי־הקהילה און ס׳איז צוליב דעם אראפ דער כבוד „הרבנים" אין שטאט, איז בטל געווארן דער פריערדיקער סדר פון 12 דיינים. ס׳זיינען פאר־בליבן די „רבנים" מיט דעם נאמען מוצ״ים (מורי־צדק), וועלכע האבן געענטפערט בשאלות „אסור והיתר", און 3 דיינים (ד״ץ — דייני־צדק), האבן געענפערט דיני־ממונות (געלט סכסוכים) און זיי האבן זיך גערופן בית־דין. נאך ר׳ שמואלן, אלזא, איז שוין בטל געווארן דער נאמען רב ואב״ד ביז היינטיקן טאג.

די 3 דיינים זיינען געזעסן אין „קהל-שטיבל" אויפן שול־הויף (וואו איצט איז שטראשונס ביבליאטעק). נאכהער האט זיך דער בית־דין איבערגעקליבן אין „שבעה־קרואים", אונטערן קלויז גח״א (קברנישע־שול).

אין יאר תרע״ט ווען עס איז געגרינדעט געווארן דער ווילנער ועד־הרבנים איז דער בית־דין איבערגעטראגן געווארן אין לאקאל פון ועד־הרבנים (בענעדיקטינער 4) און פון די רבני המ״וצ גופא זיינען באשטעטיקט געווארן אויך דיינים צו ענטפערן בדיני־ממנות (געלט סיכסוכים).

די רבנים פון בית־דין (בד״צ) זיצן אין בית־דין־שטיבל אלע טאג פון 12 ביז 4 בייטאג, אויסער ערב שבת וערב יו״ט.

פאר די רבנים פון בית־דין קומט מען מיט פארשיידענע ענינים, ווי תביעות וסיכסוכים „בין אדם לחברו און „בין איש לאשתו", וואס די רבנים דערליידיקן בדרך השלום. אויסער יידישע סיכסוכים קומען אויך פאר זייער אפט פארן בית־דין סיכסוכים פון ניט יידן (פאליאקן, רוסן, דייטשן,



הרב ר׳ אלי׳ גרשון הלפרין
מו״ץ וד״ץ בווילנא (רוזעלער רב)



הרב ר׳ בנימין־דוב פילאווסקי
מו״ץ וד״ץ בווילנא (קיעווסקער רב)

קאראאימער א״א) מיט יידן. אויך קומען מיליטערלייט (אפיצערן, קאפיטאנען, מאיארן) און אינטעליגענץ (אדוואקאטן, דאקטוירים, אינזשינערן א״א) צום בית־דין פאנאנדערקלייבן זייערע תביעות און סיכסוכים, וואס זיי האבן מיט יידן. דאן קומען פאר די טענות פוןביידע צדדים אין דער פוילישער שפראך, אדער אויף רוסיש, אדער אין דייטש, און זיי פארלאזן זיך אויף דעם פסק־דין, וועלכן די רבנים טראגן ארויס, זיך באציענדיק מיט גרויס רעספעקט צו די החלטות פון די רבנים.

גאנץ אפט שיקט מען צו די רבנים פון בית-דין, פון קרייז־געריכט, אדער פון פרידנס־געריכט, ווי אויך פון „סאנד־פראצי" מען זאל באשווערן די יידישע בעלי־דינים, וועלכע האבן סיכסוכים אין די דערמאנטע געריכטן און קעגן וועלכע די ריכטער האבן געפסקנט, אז דער יידישער בית־דין זאל אפנעמען ביי זיי א שבועה. נאך דער שבועה, וואס ווערט דורכגעפירט אין בית־דין לויט דער יידישער טראדיציע, ווערט גלייך אריינגעשיקט פון די רבנים א מעלדונג אין געריכט, אז די שבועה איז דורכגעפירט געווארן.

אויך פון אנדערע שטאטישע אינסטיטוציעס און פון פארשיידענע פאראיינען, אנשטאלטן און באנק־הייזער, ווענדעט מען זיך זייער אפט צו די רבנים פון בית־דין, וועגן דערליידיקן זייערע סיכסוכים און די לעצטע פארלאזן זיך אויף דעם פסק־דין אדער אויף פשרת־בי״ד.

ס׳קומען אויך פון פיל אנדערע שטעט בעלי־דינים צום ווילנער בית־דין דערליידיקן זייערע סיכסוכים, פערזענלעכע, אדער קהלשע־ענינים, מחלוקת אד״גל ענינים אין די פראווינציעלע שטעטלעך.

די לעצטע יארן זיצן אין בית־דין די פאלגנדע רבני המו״צ: הרב ר׳ מענדל זלמנביץ, הרב ר׳ אליהו גאלפערין, הרב ר׳ בנימין דוב פילאווסקי און הרב ר׳ יוסף ראזאבסקי.

מ. סטניצקי

די ווילנער שטאָטישע תלמוד-תורה

די שטאָטישע תלמוד-תורה איז דער עלטסטער מוסד אין ווילנע. זי עקזיסטירט שוין הונדערטער יאָרן. ביי דובנאָוון אין „פנקס מדינת ליטא" ווערט די שטאָטישע תלמוד-תורה פון ווילנע דערמאָנט שוין בעתן יאָר תנ"א (ד"ה מיט 248 יאָר צוריק).

די ת"ת באַשטייט פון 3 אַנשטאַלטן: 1) אַ פאָלקשול „תלמוד-תורה" פאַר 320 קינדער (140 פענסיאָנערן-יתומים און 180 תלמידים, וועלכע קומען פון שטאָט); 2) אַ אינטערנאַט, אָדער יתומים-הויז, וואו עס באַקומען אויסהאַלטונג (נאַכטלעגער, עסן, הלבשה, מעדיציניש הילף אאַ"וו) 140 יתומים און 3) אַ בורסע פאַר די טערמינאַטאָרן פון תלמוד-תורה, ד"ה, פאַר די אַבסאָלווענטן-פענסיאָנערן פון ת"ת, וואָס ענדיקן די פאָלקשול, און קומען אָן צו בעלי-מלאָכות. אין דער בורסע האַלטן זיך אויף ביי היינטיקן טאָג 32 עלטערע יתומים (פון 14 ביז 18 יאָר), וועלכע באַקומען אויך אַזוי ווי אין ת"ת די פולע אויסהאַלטונג.

די תלמוד-תורה נעמט אַריין, בוכשטעבלעך, אַלע קיילעכדיקע יתומים-יינגלעך פון ווילנע, האַלט זיי ביי זיך פון 6 ביז 18 יאָר און לאָזט זיי אַרויס, ווען זיי קענען שוין פאַרדינען פאַר זיך.

אַ חוץ דעם גיט די תלמוד-תורה אַלע תלמידים, וועלכע קומען פון שטאָט (180 אין צאָל) און וועלכע שטאַמען פון די אָרעמסטע שיכטן, טעגלעכע מיטאָגן, ביכער און אַלע אַנדערע לערן מכשירים — אומזיסט.

מיט הונדערטער יאָרן צוריק האָט די ת"ת געגרינדעט און אויסגעהאַלטן דער גאַנצער אַמאָליקער קהל, און אין צווייטן העלפט פון 19טן י"ה, אין די השכלה-צייטן, האָבן זיך מטפל געווען מיטן אַנשטאַלט סיי די פרומע, סיי די אויפגעקלערטע.

די גבאים פון ת"ת זיינען אַלעמאָל געווען די באַדייטנסטע פערזענלעכקייטן פון ווילנע. גענוג צו דערמאָנען די נעמען פון אַ ר' יעקב באַריט, ר' שמחה קאַצענעלבויגן, יהושע שטיינבערג, י. ל. לעוואַנדע, א. לעוויסאָן, מתתיהו שטראַשון, ש. י. פין, ה. אייזנשטאַט, יונה גערשטיין (דער בויער פון דעם איצטיקן תלמוד-תורה בנין), עזריאל ליפעץ, אַדאָלף גאָרדאָן, איזידאָר שאַבאַד, בנימין עפשטיין, י. ל. גאָלדבערג, הרב ר' מאיר באַסין און להבדיל בין החיים והמתים, הרב ר' חיים עוזר גראָדזענסקי, הרב ר' יצחק רובינשטיין, הרב ר' שמואל פריד און פיל אַנדערע.

די פראָגראַם פון דער שול „תלמוד תורה" איז צוגעפּאַסט צו דער פראָגראַם פון די „יבנה"-שולן פון גאַנץ פוילן, ד"ה פון „מזרחי". די קינדער ווערן אויפגעהאָדעוועט אין רעליגיעז-נאַציאָנאַלן-גייסט. בנוגע די אַלגעמיינע למודים איז די פראָגראַם געגוי 6 קלאַסן פון אַ „פאָווששעכנע" שול. די שול שטייט אונטער דער השגחה פון דער שול-מאַכט, וועלכע וויזיטירט איר יעדן יאָר.

דער אינטערנאַט פון ת"ת איז דער גרעסטער צווישן די יידישע יתומים-אינטערנאַטן אין ווילנע. אַלע יינגלעך, וועלכע האָדעווען זיך אין די יתומים-הייזער: מאַרקס, קאָפּאַניצע 8 און טאָז-יתומים-הויז, ווערן שפּעטער, אין 6—7-יאָריקן עלטער, אַריבערגעשיקט אין דער תלמוד-תורה, וואו זיי הויבן אָן און ענדיקן זייער שול-אויסבילדונג. דער אינטערנאַט פון ת"ת, ווי אויך די בורסע פאַר די טערמינאַטאָרן ווערן אינספּעקטירט דורך דער אָפּטיילונג פון סאָצ' פאַרזאָרגונג פון ווילנער מאַגיסטראַט.

די הוצאה פון ת"ת דערגרייכט ביז 6 אַ האַלב טויזנט גילדן אַ חודש. דעם גרעסטן טייל פון בודזשעט דעקט דער מאַגיסטראַט (אָפּט' פאַר סאָציאַלער פאַרזאָרגונג) — איבער 50 פּראָצ'; אַ באַדייטנדן טייל פון בודזשעט דעקט דאָס דירה-געלט פון די נחלאות, וועלכע זיינען איבערגעלאָזט געוואָרן פאַר דער תלמוד-תורה אויף עולמות. ווייטער גייען: די קהילה, חודשדיקע אָפּצאָלן פון מיטגלידער, איינמאָליקע נדבות אין מזומן און נאַטור, ווי אויך צופעליקע הכנסות.

לעצטנס האָט דער מאַגיסטראַט אויפגעהערט צו שטיצן די שול פון תלמוד-תורה און האָט צוגענומען פון איר די וואַסער, באַהייצונג, באַלייכטונג, דאָס דירה-געלט, דינערשאַפט, רעמאָנט, די מעבל און אויך די באַשפייזונג פאַר די קומענדיקע קינדער. דאָס האָט זיך זייער שווער אָפּגערופן אויפן בודזשעט פון ת"ת און דער אַנשטאַלט לעבט איבער אַ שווערן פינאַנסיעלן קריזיס.

בראש פון תלמוד-תורה שטייט אַ ועד. פאָרזיצער איז סענאַטאָר הרב ר' יצחק רובינשטיין. די איבעריקע גבאים זיינען: טוביה שאַליט — וויצע פאָרזיצער, לייב קאַפּלאַנסקי — נאמן, יוסף סווירסקי — סעקרעטאָר, גרשון רודניצקי, יעקב הירשאָווסקי,

יוסף זאלקינד, דוב בער לייבאָוויטש, עזריאל שעסקין, חיים יעקב לעווין, מרדכי לעווין, יצחק סאַלמאַן.

ביי דער תלמוד-תורה עקזיסטירט אויך אַ דאַמען פּאַטראָנאַט, וועלכער זאָרגט וועגן דער באַשפּייזונג און הלבשה פון די קינדער. פאָרזיצערין פון דאַמען פּאַטראָנאַט איז פרוי ראַשעל קויפמאַנס. וויצע־פאָרזיצערינס: נ. ליבאָ און חנה כץ. מיטגלידערינס: ח. ראַכלין, ח. פעסקער, מ. קינקולקין, ח. פּערע־וואָיקאַ, פ. לעווין, א. גילעלס, א. רודאָמינסקאַ. פ. הירשאָווסקאַ א״אַ.

פאַרוואַלטער פון ה״ת איז (פון 1917 יאָר אָן) משה סעניצקי.

פאָטאָמאָנטאַזש פון דער שטאָטישער תלמוד־תורה

חנה בץ
וו-פארז פון דאמען-פאטראנאט ביי ת"ת

נ. ליבא
וו-פארז. פון דאמען-פאטראנאט ביי ת"ת

ראשעל קויפמאנס
פארזיצ. פון דאמען-פאטראנאט ביי ת"ת

ל. קאפלינסקי
גאמן פון ת"ת

יוסף זאלקינד
לאנגיאריקער גבאי פון ת"ת

דובער לייבאוויטש
גבאי פון ת"ת

גרשון רודניצקי
לאנגיאריקער גבאי פון ת"ת

יעקב הירשאווסקי
פארז פון רעוו קאמ. ביי ת"ת

ח. לעווין
לאנגיאריקער גבאי פון ת"ת

ט. סאליט
וו-פארזיצער פון ת"ת

א. י. לעווין

שניפּישקער תּלמוד־תּורה

(„בּית־יהודה" ע"י המרכּז ועד המאוחד „תּחכּמוני")

דער רעליגיעז נאַציאָנאַלער אַנשטאַלט „בּית־יהודה" ז.יז געגרינדעט געוואָרן אין די פופציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט א. נ. „שניפּישקער תּלמוד תּורה", דורך די מער פאַרמעגלעכע בעלי־בתּים פון שניפּישאָק, פאַר קינדער פון אַרבּייטער און בּעלי־מלאכות, וועלכע פלעגן דאָרט באַקומען אַ רעליגיעזע דערציאונג.

שפּעטער אין יאָר תּרע"ו (1911) פאַראינטערעסירט זיך מיט דער תּלמוד־תּורה דער פאַרשטאָרבּענער נדבן ר' יהודה לייבּ אָלקעניצקי, וועלכער האָט סובּסידירט דעם איבּערבּוי פון בּנין, צופּאַסנדיק אים מער פאַר אַ שול. פון דאַן אָן טראָגט שוין דער אַנשטאַלט דעם נאָמען פון נדבן „בּית־יהודה".

ביז 1916 איז נאָך דער אַנשטאַלט אַ ריין רעליגיעזע שול. פון יאָר 1916 נעמט איבּער די שול די קהילה און מאָדערניזירט איר אונטער דער פאַרוואַלטונג פון ה' נ. גאָלדין, וועלכער פירט אויך איין וועלטלעכע לימודים.

אין 1918 שליסט זיך אָן די שול אָן דער צענטראַלע פון ועד המאוחד—„תּחכּמוני", וואָס בּראש פון אים שטייט הרב ר' יצחק רובּינשטיין.

די שול ווערט אַ רעליגיעז־נאַציאָנאַלע, מיט אַ בּרייטער פּראָגראַם פון אַלגעמיינע לימודים.

ביז יאָר 1934 פירט אָן מיט דעם אַנשטאַלט נ. גאָלדין. נאָך זיין אָפּפאָר קיין ארץ־ישראל נעמט איבּער די פאַרוואַלטונג א. י. לעווין.

ביז יאָר 1934 ווערט די שול סובּסידירט פון מאַגיסטראַט צוגלייך מיט אַלע אַנדערע יידישע שולן. פון 1934, ד. ה. נאָך דער קאָמאַסאַציע שטייט די שול אין סכּנה געשלאָסן צו ווערן. אָבּער אַדאַנק דער אָנשטריינגונג פון פאַרוואַלטער און פון דער טיכטיקער טוערין פאַר דער שול פרוי ר. ל. אַנאָליק, איז געוואָרן רעאָרגאַניזירט דער אויפזיכט־קאָמיטעט, וועלכער זאָרגט פון דאַן אָן פאַר דער שול מיט בּאַהייצונג, בּאַשפּייזונג און טיילווייז אויך מיט בּאַקליידונג פאַר די אָרימע קינדער.

די שול בּאַזוכן קינדער פון טאָג־אַרבּעטער, אַרבּייטסלאָזע, פורמאַנעס און אָרימע האַנטווערקער.

די שול געפינט זיך נאָך היינט אויך אין אַ קריטישער לאַגע, ווייל די גרעסטע טייל קינדער זיינען נאָך היינט בּאַפרייט פון שכר־לימוד, צוליבּ זייער אָרימקייט און די איבּעריקע טראָגן אַריין אַ מינימאַלן שכר־לימוד.

בּית ספר לבנות ע"ש הר' אסתּר רובּינשטיין

די מיידל־שול א"נ פון הרבּנית אסתּר רובּינשטיין איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1919 בּיי דער צענטראַלע פון ועד המאוחד „תּחכּמוני".

די שול האָט קרוב 300 תּלמידות.

אין יאָר 1931 איז געקויפט געוואָרן דורך הרב סענאַטאָר רובּינשטיין אַ הויז, וואָס מען האָט איבּערגעבּויט פאַר דער שול. איצטער געפינט זיך די שול אין איר אייגענעם בּנין, וואָס איז איינער פון די שענסטע שול־בּנינים אין שטאָט. ער פאַרמאָגט גרויסע, ליכטיקע קלאַסן, אַ רעקרעאַציע־זאַל, אַ שיינע, זוניקע טעראַסע און אַ גרויסן שפּיל־פּלאַץ פאַר די קינדער.

די שול איז אַ 7־קלאַסיקע. די פּראָגראַם נעמט אַריין אין אַ גרויסער מאָס אַלע יידיש־רעליגיעז־נאַציאָנאַלע לימודים, ווי: חומש, נביאים, עבּרית, געשיכטע, אגדה, תּפילה אאַ"וו, ווי אויך וועלטלעכע לימודים, לויט דער פּראָגראַם פון די רעגירונג־שולן. נאָכן ענדיקן די שול קומען די תּלמידות אָן אין II קל. גימנאַזיע.

בּיי דער שול עקזיסטירט אַ גן־ילדים פאַר יינגלעך און מיידלעך אין עלטער פון פיר יאָר אָן. דער קינדער־גאָרטן האָט אויך בּאַזונדערע שיינע, זוניקע זאַלן און אויך אַ גרויסע זוניקע טעראַסע.

אַ יאָר אַכט שוין עקזיסטירט בּיי דער שול אַ זומער־קאָלאָניע. דעם לעצטן זומער זיינען דורכגעגאַנגען דער קאָלאָניע מער ווי 300 קיגדער.

דעם לעצטן יאָר איז געגרינדעט געוואָרן אין שול אַן אַרבּעט וואַרשטאַט, ספּעציעל צוגעפּאַסט פאַר מיידלעך.

ש. צירקינד

די חינוך-אנשטאלטן פון „יבנה"

די חינוך-אנשטאלטן פון „יבנה" אין ווילנע זיינען געגרינדעט געווארן אין יאר תר"פ (1920) און זיי געפינען זיך אונטערן פראטעקטאראט פון הרב ר' חיים עוזר גראדזענסקי, וועלכער גיט אוועק פאר די „יבנה"-שולן פיל מי. נאך זיינע לייסטונגען לטובת די ישיבות, פארנעמען ביי אים דאס ערשטע ארט די „יבנה"-שולן. רופט מען זיי טאקע אין שטאט „די תלמוד-תורהס און חדרים פון הרב ר' חיים עוזר".

די יבנה-שולן זיינען פאלקשולן. עס לערנען זיך דארט די קינדער פון ארטאדאקסישע עלטערן. די דערציאונג איז דורכאויס אין גייסט פון דער יידישער אמונה.

די מטרה פון די „יבנה"-שולן (דריי אין צאל) איז — צוגרייטן תלמידים פאר די ישיבות. די תלמידים באקומען א רעליגיעז-נאציאנאלן חינוך. עס ווערט געלערנט די תורה אן פארקירצונגען פון אריגינאל עפ"י המסורה.

די דריי יבנה-שולן זיינען אלע פאר יינגלעך. געווען אויך א שול פאר מיידלעך, וועלכע האט זיך מיט א פאר יאר צוריק געשלאסן. די ערשטע יבנה-שול איז אויף שאפען-גאס. די צווייטע שול איז אויף נאוואגאראד אין אן אייגענעם בנין, וואס איז ניט לאנג געווארן אויפגעבויט.

דער איניציאטאר און גרינדער פון די „יבנה"-שולן איז געווען דער קהילה ראטמאן הרב ר' יוסף שוב (איידעם פון מינסקער רב ר' אליעזר ראבינאוויטש), וועלכע האט זיך אין 1921 באזעצט אין ווילנע, און פארנעמט זיך דא מיט געזעלשאפטלעכע טעטיקייט פון ארטאדאקסישן כאראקטער.

אן עסקן, אן איבערגעגעבענער פאר די „יבנה"-שולן איז אויך דער קהילה-ראטמאן ר' מענדל לעווין.

גרויס פארשטענדעניש פאר די „יבנה"-שולן האט אויך דער קהילה-ראטמאן זאב קרינסקי, וועלכער שטיצט די אינטערעסן פון „יבנה" ביי יעדער געלעגנהייט.

א גרויסן חלק אין דעם בנין פון דער שול „יבנה" אויף נאוואגאראדער גאס האט דער נדבן ר' חיים פסח גורוויטש (סוחר און פאבריקאנט), וועלכער האט אוועקגעגעבן א גרויסן טייל פון זיין פארמעגן צו בויען דעם בנין. דער מוסד איז ביי אים טייער און לויט זיין מעגלעכקייט שטיצט ער אים ביז היינטיקן טאג.

ס'האט אויך פיל מיטגעהאלפן צו דער אנטוויקלונג פון דער נאוואגאראדער תלמוד-תורה פון „יבנה" הרב ר' זאב סעגאל (מו"צ אין נאוואגאראד און ראש-ישיבה אין דער ישיבה ראמיילעס) ער האט פיל מיטגעווירקט אין שנת תרפ"ג (1923), אז מען זאל בויען דעם גרויסן, שיינעם בנין פאר דער ת"ת, וועלכער איז צוגעפאסט פאר א שול לויט אלע פאדערונגען פון דער שול-מאכט.

דער מנהל פון נאוואגאראדער תלמוד-תורה פון „יבנה" און דער מזכיר פון מרכז „יבנה" אין ווילנע איז ש. צירקינד.

די נאוואגאראדער תלמוד תורה האט באוויזן פאר דער צייט צו אנטוויקלען א פרוכטבארדיקע טעטיקייט. ס'האבן געענדיקט די שול פיל הונדערטער תלמידים. פיל פון זיי זיינען נאכדעם אריין אין די ישיבות פון מיר, ראדון, קלעצק און קאמיעניעץ.

א סך תלמידים האבן נאכן ענדיקן די פאלקשול „יבנה" זיך אויסגעלערנט א פאך און זיינען פארבליבן פרומע בעלי-מלאכות.

די לערער פון דער נאוואגאראדער ת"ת זיינען: ר' ישראל לייב לייבאוויטש, ר' יהודא לייב שמידט, ב. שולהייפער, ת. עליאשבערג. א ן ה' שארף.

אין דער יבנה-שול אויף שאפען-גאס 8. איז דער מנהל פון אנשטאלט ר' צבי פינחס טייץ. די לערער: ד. ברולניצקי, ברוך באַרישניק, ר' אברהם מלומדיק, ישראל באסטאקאיוסקי, אהרן טייץ און צפורה בראז.

די דריטע יבנה-שול הייסט „תורה ודת" און געפינט זיך אויף זאוואלנע. איר פארוואלטער איז מאוושאוויטש.

פאַראיין פון האַנדלס־פּאַרטרעטער און קאָמיסאַנטן אין ווילנע

דער פאַראיין פון די האַנדלס־פּאַרטרעטער און קאָמיסאַנטן אין ווילנע איז, ווי אַן אָפּטיילונג פון אַלפּוילישן פאַרבאַנד, געגרינדעט געוואָרן אין 1924 יאָר.

במשך זיין עקסיסטענץ האָט דער פאַראיין באַוויזן זיך זייער שטאַרק צו אַנטוויקלען און נעמט אַרום היינט צו טאָג, כמעט, אַלע פּאַרטרעטער פון די פאַרשיידנסטע בראַנזשעס.

א. באַבעס, פאַרזיצער

דער פאַראיין, האָט אין דער ערשטער ריי די אויפגאַבע צו זאָרגן פאַרן בעסערן קיום פון האַנדלס־פּאַרטרעטער אין צו שיצן זיינע אינטערעסן. גלייכצייטיק אָבער איז ער אויך וויכטיק פון האַנדלס און עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט, מחמת זיין ציל איז אַנטוויקלען אַ זעלבשטענדיקן דערפּאַרענעם און רייפן האַנדלס־קאָמיסאַנט.

דער פאַראיין איז אין אַ גרויסער מאָס באַהילפיק דעם אַלגעמיינעם האַנדלס־לעבן, פאַרמיטלענדיק און פאַרלייכטערנדיק די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן צושטעלער און אָפּנעמער. דורך דער אומדערמידלעכער און אָפּטמאָל אָפּפערווילליקער אַרבעט פון די האַנדלס־פּאַרטרעטער ווערן די פאַרשיידנסטע פאַבריקאַטן פאַרשפּרייט אין אַ מער באַדייטנדיקער מאָס, גרייכנדיק דאָרט, וואו דער פּראָדוצענט אַליין וואָלט בשום אופן ניט צוגעקומען.

ו. רודענסקי
עדן־מיטגליד און וויצע־פאַרז.

די ווילנער אָפּטיילונג פון פאַראיין ציילט היינט צו טאָג ביי 220 מיטגלידער פון אַלע בראַנזשעס. די פאַרוואַלטונג באַשטייט פון 12 מיטגלידער און דריי קאַנדידאַטן, וועלכע ווערן געוויילט יעדן יאָר אויף די אַלגעמיינע באַריכטס־פאַרזאַמלונגען.

צוגלייך מיט דער פאַרוואַלטונג ווערן געוויילט אויך פאָלגנדע קאָמיסיעס:

1) קאָמיסיע פאַר קעגנזייטיקער הילף, וואָס גיט אַרויס אָנפּראָצענטיקע הלוואות די מיטגלידער.

2) קוואַליפיקאַציע־קאָמיסיע, וואָס דעצעדירט וועגן אָננעמען נייע מיטגלידער און עווענטועל אויך וועגן פאַרבלייבן אין פאַראיין פון די פריערדיקע מיטגלידער.

3) קולטורעל־ווירטשאַפטלעכע קאָמיסיע. וואָס דאַרף זאָרגן וועגן דער אַלגעמיינע ווירטשאַפט פון דער אָרגאַניזאַציע און צוגלייך וועגן דערמעגלעכן די מיטגלידער צו פאַרברענגען די פרייע צייט אין אייגענעם לאָקאַל, שאַפנדיק פאַר זיי אַ אַנטשפּרעכנדע גייסטיקע ס ב י ב ה.

